STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03924

MABL

Henryk Sienkiewicz

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

העענריק שענקעוויטש

מ ב ו ל

היסטאָרישער ראָמאַן אין זעקס טיילן

ווארשע, 1926

חילע געצייכנט י. טיקאטשינסקי
געדרוקט ביי שיקאָרא און מילנער, נאוואָליפקי 6.

P O T O P
H. SIENKIEWICZA
Wydawnictwo Ch. Brzoza
Warszawa, Leszno № 27.

Druk. Sikora i Milner, Nowolipki 6.

הענריק שענקעוויטש

מבול

(צווייטער טייל פון דער טרילאגיע)

יידיש: משה בליישטיפס

פארלאג ח. בזשאזא
ווארשע, 1926

ע ר ש ט ע ר ט יי ל

אַרײַנפֿיר

געווען אין זשאַמעט אַ מעכטיקע משפּחה בילעוויטש, וואָס איר
יחוס האָט זיך פֿון מענדאָגן געצויגן, איז געווען שטאַרק פֿאַר-
צווייגט און אין גאַנצן ראָסיענער קאַנט מער פֿון אַלע געווען
געשעצט. צו הויכע אַמטן זענען די בילעוויטשס קיינמאָל נישט
דערגאַנגען, העכסטנס פּראָווינציאַלע אַמטן פֿאַרנומען, אָבער אויפֿן
מלחמה-פֿעלד האָבן זיי דער מדינה אָפּגעגעבן אייביקע פֿאַרדינסטן,
פֿאַר וועלכע זיי זענען אין פֿאַרשידענע צייטן רייך באַלוינט גע-
וואָרן. זייער משפּחה-נעסט, וואָס עקזיסטירט נאָך עד-היום, האָט
אויך געהייסן בילעוויטשע, אָבער אַ חוץ אים האָבן זיי פֿאַרמאָגט
נאָך אַסך אַנדערע גיטער אי אין דער געגנט פֿון ראָסיעני און אי
ווייטער צו קראַקינאָוו-צו, בײַ לאַודאַ, שאַיאַ, ניעוויאַזש — אַזש
הערט נאָך הינטער פּאָניעוויעזש. דערנאָך זענען זיי זיך צעפֿאַלן
אויף אַ פּאָר הײַזער, וואָס זייערע מיטגלידער זענען געווען ווייט
איינער פֿון אַנדערן. זיי זענען זיך צונויפֿגעפֿאָרן אַלע נאָר דאַ-
מאָלס, ווען אין ראָסיעני, אין טאָל, וואָס הייסט סטאַני, איז פֿאָר-
געקומען אַ מוסטערונג פֿון זשאַמעטער לאַנד-שטורעם. צום טייל

האָבן זיי זיך אויך באַגעגנט אין די פּולקן פון ליטווישן חייל און אויף די סיימיקס, און היות זיי זענען געווען פּאַרמעגלעך, איינפלוסרייך, האָבן זיך מיט זיי געמוזט רעכענען אפילו די אַל־מעכטיקסטע ראַדזיווילס אין ליטע און זשאַמעט.

בשעת דער ממשלה פון יאַן קאַזשימיערזש, איז פּאַטריאַרך פון אַלע בילעוויטשס געווען הערקליוש בילעוויטש, פּולקאָווניק פון לייכטן מיליטער, אופּיטער קאַמערהער. ער האָט נישט געוווינט אין משפחה־נעסט, וואָס איז אין יענע צייטן געווען אין פּאַכט באַ טאָמאַשן, דעם ראָסיענער שווערט־טרעגער; צו הערקליושן ווידער האָבן געהערט וואָדאָקטי, לוביטש און מיטרוני, וואָס זענען געלעגן אין דער סביבה פון לאַודאַ, און פון אַלע זייטן ווי מיט אַ ים געווען אַרומגענומען מיט קליינע גוט־באַזיצער.

וואָרים אַ חוץ די בילעוויטשס, זענען נאָר אַ פּאָר גרעסערע הייזער געווען אין דער סביבה, ווי די סאָלאָהובס, מאָנטווילס, שילינגס, קאָריזנס (הגם עס האָבן אויך קלענערע פּריצים מיט אַזעל־כע נעמען נישט געפעלט), ווייטער איז די גאַנצע סביבה פון לאַו־דאַ געווען געדיכט באַזייעט מיט אַזוי גערופענע „געגנטן“, אָדער פּשוט געזעדט: מיט דערפער, וואָס זענען געווען באַוווינט דורך דער אין דער געשיכטע פון זשאַמעט באַרימטער לאַודער שליאַכטע.

אין אַנדערע קאַנטן פון לאַנד האָבן די משפּחות גענומען די נעמען פון די דערפער, אָדער די דערפער פון די משפּחות, ווי עס פלעגט זיין אין פּאָדלעסיע; דאָרט אָבער, אין דער לעבן פון דער לאַודער געגנט, איז געווען אַנדערש. דאָרט האָבן אין מאָרעזי געוווינט די סטאַקיאַנס, וועלכע באַטאָרי האָט אין יענער צייט באַזעצט פאַר די גבורות, וואָס זיי האָבן באַוויזן באַ פּסקאָוו. אין וואָלמאַנטאָוויטשע, אויף אַ קליינעם שטח ערד, האָבן זיך געראָיעט די בוטרימס, די גרעסטע פּויערן פון גאַנץ לאַודאַ, וואָס האָבן זיך קונה־שם געווען מיט זייער ווייניק־רעדן און שווערער האַנט און וועלכע פלעגן אין אַ צייט פון סיימיקס, איבערפאַלן אָדער מלחמות, גיין שטילשווייגנדיק צוזאַמען, פעסט ווי אַ מויער. די ערד אין דראָזשעיקאַני און מאָזגי האָבן באַאַרבעט די צאָליי־

בײ דאָמאַשעװיטשס, באַרימטע יעגער; זײ פֿלעגן דורך דער חיסטעניש זשעלעכקאַ אַזש ביז װילקאָמיערזש די בערן נאָכגײן. די גאַשטאָװטס זענען געזעסן אין פּאַצונעלע; זײערע מײדלעך האָבן געשמט מיט זײער שײנקײט אַזױ, אַז מיט דער צײט האָט מען אַלע שײנע מײדלעך אין דער געגנט פֿון קראַקינאָװ, פּאַניעװיעזש און אופּיטאַ גערופֿן „פּאַצונעלקעס“. די קלײנע סאַלאָהובס האָבן פֿאַרמאָגט אַ שפּע פֿון פֿערד און פֿעטע בהמות, װאָס האָבן זיך געפּיטערט אין די װעלדער; און די גאַשטשעװיטשס אין גאַשטשוני האָבן אין די װעלדער סמאָלע געברענט, צוליב װאָס מ'האָט זײ געגעבן דעם צונאָמען „שװאַרצע“ אָדער „רוי־ביקע“.

געװען נאָך מער דערפֿער, געװען נאָך מער משפּחות. די נעמען פֿון אַ סך פֿון זײ עקזיסטירן נאָך, אָבער צום גרעסטן טײל ליגן שױן נישט די דערפֿער אַזױ, װי זײ זײנען געלעגן, און די מענטשן אין זײ הײסן אױך שױן אַנדערש. עס זענען געקומען מלחמות, אומגליקן, שרפֿות, מ'האָט צוריקגעבױט נישט תּמיד אױף די אַמאָליקע חורבות, הקיצור: אַ סך האָט זיך געביטן. אָבער אין יענער צײט האָט דאָס אַלטע לאַודאַ נאָך שטאַרק געבליט און די שליאַכטע פֿון לאַודאַ האָט גענאָסן פֿון אַ גרױסער באַליבטקײט, װײל ערשט מיט נישט קײן סך יאָרן צוריק האָט זי, קעמפֿנדיק באַ לאָיאָװ אַקעגן די צעבונטעװעטע קאָזאַקן, זיך באַדעקט מיט אַ גרױסן רום אונטער דער פֿירונג פֿון יאַנוש ראַדזיװיל.

געדינט האָט די גאַנצע שליאַכטע פֿון לאַודאַ אין פּולק, פֿון אַלטן הערקליוש בילעװיטש; די רײכערע, אַלס אָפֿיצירן אױף צװײ פֿערד, די אָרימערע אױף אײנעם, די אָרימסטע אַלס רײט־קנעכט. בכלל איז דאָס געװען אַ קריגערישע שליאַכטע און אין ריטערלעכן פֿאַך באַזונדערס אײנגעליבט, דערפֿאַר אָבער אױף פֿראַגן, װאָס זענען געװײנטלעך צװישן די סײמיקס באַהאַנדלט געװאָרן, האָבן זײ זיך װײניקער געקענט. זײ האָבן געװוּסט, אַז דער קעניג איז אין װאַרשע, ראַדזיװיל און הער העלבאָװיטש, דער סטאַראָסטע, אין זשאַמעט, און הער בילעװיטש אין װאָדאָקטי־

אין לאָדאַ. דאָס איז פאַר זיי גענוג געווען און זיי האָבן געשטימט אַזוי, ווי הער בילעוויטש האָט זיי אויסגעלערנט אין דער איבערצייגונג, אַז ער וויל דאָס, וואָס הער הלעבאָוויטש. דער ווידער גייט מיט ראַדזיווילן האַנט באַ האַנט. ראַדזיוויל איז דעם קעניגס רעכטע האַנט אין ליטע און זשאַמויט, און דער קעניג איז דער מאַן פון דער רעפּובליק, דער פאָטער פון דער גאַנצער שליאַכטע.

הער בילעוויטש איז אגב געווען גיכער אַ פריינט, איידער אַ קליענט פון די מעכטיקע מושלים אין בירזשע — און דאָס אַ זייער געשעצטער, ווייל אויף יעדן רוף האָט ער געהאַט טויזנט שטימען און טויזנטער לאָדער שווערטן, און די שווערטן אין די הענט פון די סטאַקיאַנס, בוטרימס, דאָמאַשעוויטשס, אָדער גאַשטאָווטס האָט אין יענער צייט נאָך קיינער אין דער וועלט נישט בטל-געמאַכט, שפּעטער ערשט האָט זיך אַלץ געענדערט, טאַקע דאַמאָלס, ווען הער הערקליוש בילעוויטש איז געשטאָרבן.

אין געשטאָרבן איז דערדאָזיקער פאָטער און בעל-טובה פון דער לאָדער שליאַכטע אין יאָר 1654. עס האָט זיך דאַמאָלס אין דער לענג פון דער גאַנצער מזרח-וואַנט פון דער רעפּובליק צעפלאַקערט אַ שרעקלעכע מלחמה. הער בילעוויטש האָט זיך שוין אין איר נישט באַטייליקט, ווייל עס האָבן אים דאָס נישט דערלויבט זיין עלטער און טויבקייט, אָבער די לאָדער האָבן זיך אין איר באַטייליקט. און אָט, ווען עס איז אָנגעקומען די ידיעה, אַז ראַדזיוויל איז צעקלאַפּט געוואָרן באַ שקלאָוו, און אַז דער לאָדער פולק איז אין דער אַטאַקע אויף די געדונגענע פראַנצויזישע פוסגייער כמעט פאַרטיליקט געוואָרן ביז איינעם, — האָט דער אַלטער פולקאָווניק, געטראָפן פון אַן אַפּאָפּלעקסיע, אויסגעהויכט די נשמה.

די דאָזיקע ידיעה האָט געבראַכט אַ געוויסער הער וואָלאָדיאָווסקי, אַ יונגער, אָבער זייער באַריכטער זעלנער, וועלכער האָט, פאַרבייטנדיק דעם הער הערקליוש, אָנגעפירט מיט דער לאָדער שליאַכטע אויף ראַדזיווילס צד. אירע רעשטלעך זענען אויך אָנגעקומען צו די גרענעצן פון פאָטערלאַנד אויסגעמוטשעטע, ני-

דערגעלאַנגטע, אויסגעהונגערטע, באַקלאָגנדיק זיך, ווי דאָס גאַנצע חייל, אויפֿן גרויס־העטמאַן, אַז האָבנדיק בטחון אין זיין איבהאָניאַרפֿנדיקן נאָמען, אין זיין שם אַלס זיגער, האָט ער מיט קנאַפּע כּוחות זיך געוואָרפֿן אויף אַ צענפֿאַך גרעסערע מאַכט, און דורכדעם באַגראָבן דאָס חייל, דאָס גאַנצע לאַנד.

אָבער אין אַלגעמיינעם כאָר פֿון טענות, האָט קיין איין שטים זיך נישט געהערט אַקעגן דעם יונגן פּאָלקאָווניק הער יעזשי מיכאַל וואָלאָדיאָווסקי. אדרבא, די, וואָס זענען ניצול געוואָרן פֿון פּאָגראָם האָבן אים געלויבט ביזן הימל אַרײַן, דערציילנדיק נסים וועגן זיין מיליטערישער אויסגעפּרוווטקייט און מעשים, און די איינציקע נחמה פֿאַר דער לאַודער יתר־הפּליטה איז געווען צו דערמאָנען וועגן די נצחונות, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאַלטן אונטער הער וואָלאָדיאָווסקיס אָנפֿירונג: ווי אַזוי זיי האָבן זיך אין דער אַטאַקע דורכגעשלאָגן, ווי דורך אַ רויך, דורך די ערשטע קופּעס פֿון די הינטערשטע זעלנער; ווי אַזוי זיי זענען דערנאָך באַפֿאַלן דאָס געדוונגענע פּראַנצויזישע חייל און דעם גאַנצן אויסגעצייכנטן רעגימענט מיט די שווערטן אויף שטויב צעריבן; דערבײַ האָט הער וואָלאָדיאָווסקי מיט דער אייגענער האַנט צעשניטן דעם פֿירער פֿון דאָזיקן רעגימענט; און לסוף, ווי אַזוי זיי האָבן, אַרומגערינגלט און אין פֿיר פֿייערס אַרײַנגענומענע, זיך פֿאַרצווייפֿלט אַרויסגעראַטעוועט פֿון דער מהומה, איבערלאָזנדיק פֿיל קרבנות און ברעכנדיק דעם שונא.

עס האָבן זיך צוגעהערט מיט צער, אָבער אויך מיט גאווה, צו דידאָזיקע דערציילונגען, יענע פֿון די לאַודער בירגער, וועלכע האָבן אין ליטווישן רעגולערן חייל נישט געדינט, און זענען מחויב געווען צו שטעלן זיך נאָר אין לאַנד־שטורעם. אַלע האָבן זיך געריכט, אַז דער לאַנד־שטורעם, די לעצטע רעטונג פֿון לאַנד, וועט בקרוב צונויפֿגערופֿן ווערן. עס איז שוין לכתחילה געווען אָפּגעמאַכט, אַז אין אַזאַ פֿאַל וועט הער וואָלאָדיאָווסקי אויסגעקליבן ווערן פֿאַר לאַודער ריטמייסטער, וואָרים, הגם ער האָט צו די אָרטיקע תושבים נישט געהערט, איז אָבער צווישן די אָרטיקע תושבים קיין גרעסערער העלד פֿון אים נישט געווען. די יתר־

הפּליטה האָט נאָך וועגן אים געזאָגט, אַז ער האָט דעם העטמאַן אַליין פון אונטערגאַנג מציל געווען. גאַנץ לאַודאַ האָט אים דעריבער כּמעט אויף די הענט געטראָגן, און איין געגנט האָט אים אַרויסגעריסן בײַ דער צווייטער. עס האָבן זיך באַזונדערס געאַמפּערט די בוטרימס, דאָמאַשעוויטשס און גאַשטאָווטס איבער דעם, בײַ וועמען פון זיי ער זאָל לענגער בלייבן צו גאַסט. בײַ אים ווידער האָט דידאָזיקע העלדישע שליאַכטע אַזוי נושא-חן געווען, אַז ווען די רעשטלעך פון ראַדזיווילס חיילות האָבן זיך געלאָזט קיין בירזשע, כּדי דאָרט ווי עס איז נאָך דער מפּלה קומען צו זיך — איז ער מיט זיי נישט אַוועק, נאָר פאָרנדיק פון דאָרף צו דאָרף, האָט ער לסוף אין פּאַצונעלע בײַ די גאַשטאָווטס זיין שטענדיקע רעזידענץ פאַרלייגט, בײַם הער פּאַקאָש גאַשטאָווט, וועלכער איז געווען דער מושל-בכּפה אין פּאַצונעלע.

דעם אמת געזאָגט, וואָלט הער וואָלאָדיאָווסקי בשום אופן נישט געקענט פאָרן קיין בירזשע, ווייל ער איז מסוכּנדיק קראַנק געוואָרן, צוערשט איז אים באַפאַלן אַ שטאַרקע היץ, דערנאָך איז אים פון אַ וווּנד, וואָס ער האָט געהאַט באַקומען בײַ ציביכאָוו, די רעכטע האַנט אָפּגענומען געוואָרן. פּאַקאָשס דריי טעכטער, וועלכע האָבן געשמט מיט זייער שיינקייט, האָבן אים גענומען אונטער זייער השגחה און געשוווירן דעם באַרימטן ריטער פולקאָם געזונט צו מאַכן, און די גאַנצע שליאַכטע ווידער האָט זיך פאַרנומען מיט דער קבורה פון איר אַמאָליקן מנהיג, דעם הגר העראַקליוש בילעוויטש.

נאָך דער קבורה האָט מען געעפנט די צוואה פון פאַרשטאָרבענעם, פון וועלכער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער אַלטער פולקאָווניק האָט פאַר דער יורשטע פון גאַנצן פאַרמעגן, אַ חוץ דעם דאָרף לוביטש, געמאַכט דאָס אייניקל זיינס אַלעקסאַנדראַ בילעוויטש, די טאָכטער פון אופּיטער יעגערמייסטער, און די אַפּוטרופּסות איבער איר, ביז זי וועט חתונה האָבן, האָט ער אָנפאַרטרויט דער גאַנצער לאַודער שליאַכטע.

. . . „די, וואָס זענען מיר געטריי געווען (איז אין דער צוואה געזאָגט געוואָרן) און מיט ליבשאַפט פאַר ליבשאַפט געצאָלט, זאָלן

זיי אויך אַזוי פֿאַר דער יתומה זיין, און אין דידאָזיקע צייטן פֿון פֿאַרדאָרבנקייט און רשעות, ווען קיינער איז פֿאַר מענטשלעכער הפקרות נישט באַוואָרנט און קען אויך פֿון מורא נישט פֿריי זיין — זאָלן זיי פֿון מיין אָנדענק־וועגן די יתומה היטן פֿון שלעכטס.

„זיי דאַרפֿן אויך אַכטונג געבן, אַז זי זאָל דאָס פֿאַרמעגן אין זיכערקייט פֿאַרוועגדן, אַ חוץ דעם דאָרף לוביטש, וועלכעס איך גיב, שענק און פֿאַרשרייב דעם הער קמיטשיץ, דעם יונגן כאָראַנזשי פֿון אָרשע, כּדי ער זאָל דערין קיין שום מניעה נישט האָבן. און ווער עס וועט זיך איבער דערדאָזיקער צוגעבייגטקייט מיינער צום וווילגעבוירענעם אַנדזשעי קמיטשיץ חידושן, אָדער איינגעוען אין דעם אַן עוולה פֿאַר מיין לייבלעכן אייניקל אַלעקסאַנדראַ, דאַרף וויסן זיין, אַז יענדזשעי קמיטשיצס לייבלעכער פֿאָטער איז נאָך פֿון די יונגע יאָרן, אַזש ביזן טאָג פֿון טויט, געווען מיר אַ פֿריינט און ווי אַן אייגענער ברודער. כ'האָב מיט אים צוזאַמען מלחמות געהאַלטן און ער האָט מיר אַ סך מאָל דאָס לעבן מציל געווען, און ווען די הערן סיטשינסקי האָבן אין זייער רשעות מיר געוואָלט דאָס פֿאַרמעגן אַרויסרייסן — איז ער מיר אויך דאָ בייגעשטאַנען. דעריבער בין איך, הערקליוש בילעוויטש, אופּיטער קאַמערהער, און צוגלייך אומווירדיקער פּושע, וועלכער שטייט היינט פֿאַר גאָטס שטרענגן משפּט, מיט פֿיר יאָר צוריק (נאָך אַ לעבעדיקער און מיט די פֿיס איבער גאָטס ערד גייענדיק) אַוועק צום הער קמיטשיץ, דעם פֿאָטער פֿון אָרשער שווערט־טרעגער, כּדי אים צוצושווערן דאַנקבאַרקייט און אייביקע פֿריינטשאַפֿט. דאָרט, בײַ אַ הסכּם פֿון ביידע צדדים, האָבן מיר, לויט אַן אַלטן שליאַכעצקע און קריסטלעכן מנהג, באַשטימט, אַז אונדזערע קינדער, דהיינו: זיין זון אַנדזשעי און מיין אייניקל אַלעקסאַנדראַ, די טאָכטער פֿון יעגערמייסטער, זאָלן חתונה האָבן, כּדי ס'זאָל פֿון זיי אַרויסקומען אַ דור צום לויב פֿון גאָט און וווּיל פֿון דער רעפּובליק, וואָס עס איז מיין הייסעסטער באַגער. און אויף מיין אייניקל אַלעקסאַנדראַ לייג איך אַרויף דעם חוב מקיים צו זיין דעם רצון מיינעם, סיידן דער כאָראַנזשי פֿון אָרשע

(פון וואָס גאָט זאָל אָפּהיטן) וועט זיין נאָמען מיט מיאוסע מעשׂים באַפלעקן און פאַר אַ מענטש אָן ערע אויסגערופן ווערן. און אויב ער וועט זיין משפּחה־פאַרמעגן פאַרלירן, וואָס קען אין יענעם אָרט, באַ אָרשע, לייכט טרעפן, זאָל זי דאַמאָלס אים אויך פאַר אַ מאַן נעמען, ווען אפילו ער זאָל לוביטש אָנווערן, זאָל מען אויך דערויף גאָרניט קוקן.

„אויב אָבער גאָט וועט אַ באַזונדערן חסד טון און מיין אייניקל וועט וועלן פאַר זיינעטוועגן איר צניעות פאַר אַ קרבן ברענגען און אַ קלויסטער־קיטל אָנטון, מעג זי דאָס טון, ווייל גאָטס ליבּ מוז קודמער זיין פאַרן מענטשלעכן ליבּ"...

אויף אַזאַ אופן האָט דאָס הער הערצאַקליוש בילעוויטש דיספּאָנירט מיט זיין פאַרמעגן און אייניקל, איבער וואָס קיינער האָט זיך אויך שטאַרק נישט געחידושט. פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט שוין פון לאַנג־אָן געוווּסט, וואָס אויף איר וואַרט, און די שליאַכטע האָט פון לאַנג־אָן וועגן דער פריינטשאַפט צווישן בילעוויטשן און די קמיטשיצס געהערט — איבעריקנס: זענען די מוחות אין דער צייט פון דער מפּלה מיט עפּעס אַנדערש געווען פאַרנומען, אַזוי, אַז איינגיכן האָט מען וועגן דער צוואה אפילו אויפגעהערט צו רעדן.

מ'האָט וועגן די קמיטשיצס אָן אויפהער גערעדט נאָר אין הויף אין וואָדאָקטי, און גיכער וועגן הער אַנדזשעי, ווייל דער אַלטער שווערט־טרעגער האָט שוין אויך נישט געלעבט. דער יינגערער איז באַ שקלאָוו מיט אַן אייגענעם פּולק און אָרשאַנער פּאָוויליקע געשטאָרבן. דער פאָטער איז ער באַלד געוואָרן פון די אויגן, אָבער מ'האָט נישט אָנגענומען, אַז ער זאָל זיין אומגעקומען, ווייל דער טויט פון אַזאַ חשובן ריטער וואָלט זיכער אומבאַמערקט נישט אַריבער. וואָרים די קמיטשיצס אין אָרשער געגנט זענען געווען מיוחסים און באַזיצער פון גרויסע גיטער, אָבער יענע מקומות זענען פון די מלחמה־פלאַמען פאַרצערט געוואָרן. גאַנצע פּאָוויאַטן אין לענדער זענען אין פּוסטע פעלדער פאַרוואַנדלט געוואָרן, די גיטער זענען זיך צעפאַלן, די מענטשן זענען אומגעקומען. נאָכן בייקומען ראַדזיווילן האָט שוין קיינער קיין שטאַרקערן ווידער־

שטאַנד נישט געשטעלט. גאָשיעווסקי, דער חיצע־העטמאַן, האָט קיין כּוחות נישט געהאַט; די קרוין־העטמאַנס האָבן צוזאַמען מיט די חיילות אין אוקראַינע געקעמפּט מיט דער רעשט פון מיליטער און האָבן אים העלפן נישט געקענט. אויך די רעפּובליק איז פון די קאָזאַקישע מלחמות געווען אויסגעמאַטערט. די כוואַליע האָט פאַרפלייצט דאָס לאַנד וואָס אַמאָל ווייטער, אָנשלאָגנדיק זיך נאָר דאָ און דאָרט אָן באַפעסטיקטע מויערן, אָבער אויך די מויערן זענען געפאַלן איינע נאָך דער אַנדערער, ווי סמאָלענסק איז גע־פאַלן. די סמאָלענסקער וואָיעוואָדסטווע, אין וועלכער עס זענען געלעגן די גיטער פון די קמיטשיצס, האָט מען געהאַלטן פאַר פאַרלוירן. אין אַלגעמיינעם צעמישעניש, אין דער אַלגעמיינער בהלה, האָבן די מענטשן זיך צעזייט, ווי בלעטער, פון אַ וויכער געטריבן, און קיינער האָט נישט געוווּסט, וואָס מיטן יונגן כאָראַנ־זשי פון אָרשע האָט זיך פאַרלאָפן.

אָבער אַזוי ווי ביז צו דער זשאַמעטער סטאַראָסטווע איז די מלחמה נאָך נישט דערגאַנגען, איז די לאַודער שליאַכטע נאָך דער שקלאָווער מפּלה איינציקווייז אָפּגעקילט געוואָרן. די „געגנטן" האָבן גענומען זיך צונויפפאָרן און אסיפות אָפּהאַלטן סיי וועגן כּלל־זאַכן און סיי וועגן פּריוואַטע ענינים. די בוטרימס, וואָס זענען מער פון אַלע געווען להוט נאָך שלאַכטן, האָבן שטילערהייט געטענהט, אַז מען וועט דאַרפן אויפן קאָנגרעס וועגן לאַנד־שטורעם קיין ראָ־סיענע פאָרן און דערנאָך צו גאָשיעווסקין, כּדי נקמה צו נעמען פאַר דער פאַרשפּילטער שלאַכט בײַ שקלאָוו; די דאָמאַשעוויטשעס, די יעגער, האָבן געגורטן זיך לאָזן טיף אין די וועלדער, דורך דער רוגאָווער ווילדעניש, אַזש ביז צו די פײַנטלעכע חיילות, און צוריקגעבראַכט ידיעות; די רויכיקע גאָשטשעוויטשעס האָבן פלייש פאַר דער קומענדיקער מלחמה געריכערט. אין פּריוואַטע ענינים איז באַשלאָסן געוואָרן אויסגעפּרוּווטע און געניטע מענטשן צו שיקן זוכן דעם הער אַנדזשעי קמיטשיץ.

בײַ שטאַנען זענען דידאָזיקע אסיפות פון די עלטערע לאַודער שלאַכטשיצעס, אונטער דער אָנפירונג פון פּאַקאָש גאַשטאָווט און קאַסיאַן בוטרים, די צוויי פּאַטריאַרכן פון דער געגנט — די גאַנ־

צע שליאַכטע ווידער, וועלכער עס האָט שטאַרק געשמעקט דער בטחון, וואָס דער פאַרשטאָרבענער הער בילעוויטש האָט אין זיי געהאַט, האָט זיך אַ שבועה-געגעבן מקיים צו זיין די צוואה אין אַלע פּרטים און דאָס פריילין אַלעקסאַנדראַ כמעט מיט אַ פאַטערלעכער השגחה אַרומצורינגלען. דערפאַר אויך, ווען אין מלחמה-צייט זענען אפילו אין ערטער, ווו דער קריג איז נאָך נישט צוגעקומען, אויסגעבראָכן סכסוכים און מהומות, איז אויף די ברעגעס פון לאַודאַ שטיל געווען. קיין שום מחלוקתן זענען נישט אַנטשטאַנען, עס האָט קיינער נישט געפּרווט אַריינאַקערן אין די גרענעצן פון דער יינגער יורשטעס גיטער; מ'האָט די גרעגעץ-בערגלעך נישט איבערגעשאָטן, מען האָט נישט אויסגעהאַקט די געצייכנטע סאָסנעס אויף די עקן פון די וועלדער, מען איז נישט אַריינגעפאָרן אין די פאַשע-ערטער. להיפך גאָר, מען האָט דער רייכער יורשטע געהאָלפן, מיט וואָס יעדע „געגנט" האָט געקענט. אַזוי האָבן די סטאַקיאַנס, וואָס האָבן געוווינט בײַ די ברעגעס פון טייך, צוגעשיקט געזאַלצענע פיש, פון וואַלמאַנטאָוויטשע זענען פון די ברומיקע בוטרימס אָנגעקומען תבואות, פון די גאַשטאָווטס היי, פון די דאָמאַשעוויטשס, די יעגערס, חיות-פלייש, סמאָלע און דזשעגעכץ פון די „רויכיקע" גאָשטשעוויטשס. וועגן פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט אין די שכנותדיקע פלעצער קיינער נישט אַנדערש גערעדט, ווי „אונדזער פריילין", און די שיינע מיידלעך האָבן אויסגעקוקט אויפן הער קמיטשיץ שיער נישט אַזוי אומגעדולדיק, ווי זי.

בינו-לבינו זענען אָנגעקומען ידיעות וועגן צונויפרופן די שליאַכטע — און לאַודאַ האָט זיך גענומען רירן. ווער ס'איז פון אַ יינגל אין אַ מאַן אויסגעוואַקסן, וועמען די עלטער האָט נישט איינגעבויגן, דער האָט זיך אויפן פערד געמוזט זעצן. יאַן קאַזשימיערזש איז אָנגעקומען קיין גראָדנאָ און דאָרט באַשטימט דאָס אָרט פון אַלגעמיינעם זאַמל-פונקט. דאָרט אַהין האָט מען אויך גענומען פאָרן. עס האָבן זיך די ערשטע שטילשווייגנדיק אַרויסגעלאָזט די בוטרימס, נאָך זיי אַנדערע, און די גאַשטאָווטס צום סוף, ווי זיי האָבן שטענדיק געטון, ווייל עס איז זיי אַ שאָד גע-

ווען פון די שיינע מיידלעך אָיועקצופאָרן. די שליאַכטע פון די אַנדערע קאַנטן פון לאַנד האָט זיך געשטעלט נאָר אין אַ קלײנער צאָל, און דאָס לאַנד איז געבליבן אָן פאַרטיידיקונג, אָבער די פּרומע לאודאַ האָט זיך געשטעלט אינגאַנצן.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך נישט געלאָזט אין וועג אַריין, ווייל ער האָט נאָך נישט געקענט מיט דער האַנט רירן, איז ער טאַקע אַלס פאַרטרעטער פון דער געגנט בײַ די שיינע מיידלעך פאַרבליבן. עס זענען פּוסט געוואָרן די „געגנטן". און בלויז זקנים מיט ווייבער פלעגן אין די אָוונטן זיצן בײַ די פייערס. שטיל איז געווען אין פּאַניעוויעזש און אופּיטאָ — מ'האָט אומעטום געוואַרט אויף נייעס.

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט זיך אויך פאַרשלאָסן אין וואָדאַקט, נישט זעענדיק קיינעם אַ חוץ די דינער און אירע לאַדער אַפּוטרופּסים.

קאַפּיטל 1.

ס'איז געקומען דאָס נייע יאָר 1655. דער חודש יאַנואַר איז געווען אַ פראָסטיקער, אָבער אַ טרוקענער; דער שטאַרקער ווינטער האָט צוגעדעקט דאָס הייליקע זשאַמעט מיט אַ ווייסן פעלץ, אויף אַן אייל די דיק; די וועלדער האָבן זיך געבויגן און געבראָכן אונטער די שווערע איין-צאַפּנס, דער שניי האָט געבלענדט אין די אויגן באַטאָג אין דער זון, און אין דער נאַכט בײַ דער לבנה האָבן ווי צאַנקענדיקע פונקען געבלישטשעט איבער דער פון פראָסט פאַרשטאַרטער איבערפלאַך; די חיות האָבן זיך דערנענטערט צו די מענטשלעכע ישובים, און די אומגליקלעכע גרויע פייגל האָבן מיט די שנאָבלס געקלאַפּט אין די שויבן, וואָס זענען געווען באַדעקט מיט רייפן און שניי-בלומען.

אין אַ געוויסן אָוונט איז פריילין אַלעקסאַנדראַ געזעסן אין דער שטוב פון דער דינערשאַפט צוזאַמען מיט די הויפישע מיידלעך. אַ מנהג פון קדמונים-אָן איז עס געווען בײַ די בילעוויטשעס, אַז ווען עס זענען קיין געסט נישט געווען, האָבן זיי די אָוונטן פאַרבראַכט מיט דער דינערשאַפט, געזונגען גאָטספאָרכטיקע לידער

אין אַזוי אַרום מדריך געווען די פּראָסטע מענטשן. אַזוי האָט זיך אויך נוהג געווען פרײַלין אַלעקסאַנדראַ. בפרט, אַז אירע מיידלעך זענען כמעט אַלע געווען טעכטער פון שליאַכטשיצעס, זייער אָרעמע יתומות. דידאָזיקע מיידלעך האָבן יעדע אַרבעט, אַפילו די גרעבסטע, אויסגעפירט און זענען בײַ די האַרינגס דינערינס געווען, דערפאַר אָבער האָבן זיי זיך אויסגעלערנט גוטע מדות און מ׳איז זיך מיט זיי בעסער באַגאַנגען, ווי מיט די פּראָסטע מיידלעך. עס זענען אָבער געווען צווישן זיי אויך פּויערטעס, וואָס האָבן זיך דער עיקר מיט זייער לשון אָפּגעשיידט, ווײַל אַ סך פון זיי האָבן פויליש נישט געקענט.

פרײַלין אַלעקסאַנדראַ איז צוזאַמען מיט איר קרובה פרײַלין קולוויעץ געזעסן אין דער מיט, און די מיידלעך בײַ די זײַטן אויף בענק; אַלע האָבן געשפּונען. אין אַ גרויסן קאַמין, מיט אַן אַראָפּהענגענדיקער רור, האָבן געברענט סאָסנאָווע קלעצער, וועלכע האָבן דאָ זיך געלאָשן און דאָ ווידער אַרויסגעזעצט מיט אַ העלן גרויסן פלאַם אָדער מיט פונקען, געוועבדט דערפון, ווי דאָס ייִנגל, וואָס איז געשטאַנען בײַם קאַמין, האָט צוגעוואָרפן קלענערע העלצלעך און קין-שפּענער. ווען דער פלאַם האָט געזעצט העלער, האָט מען געזען די טונקעלע, הילצערנע ווענט פון דער זייער גרויסער שטוב, מיטן אומגעווייטלעך גירעריקן, מיט בעלקעס דורכגעצויגענעם, סופיט. בײַ די בעלקעס האָבן געהאָנגען אויף נעדעלע פאַרשידנפאַרביקע שטערנדלעך, געמאַכט פון דראָטן, וועלכע האָבן געציטערט אין דער וואַרעם, און פון הינטער די בעלקעס האָבן אַפּערגעקוקט קנוילן פון געקעמטן פלאַקס, וועלכע האָבן אַראָפּגעהאָנגען אויף ביידע זײַטן, ווי טערקישע שלל-פּאָגען. כמעט דער גאַנצער סופיט איז מיט זיי געווען פאַרלייגט. איבער די טונקעלע ווענט האָבן ווי שטערן געפינקלט צינענע כלים, קלענערע און גרעסערע, וועלכע זענען געשטאַנען אויף לאַנגע דעמבענע פּאָליצעס.

טיף, בײַ דער טיר, האָט אַ האָר-געקרײַזלטער זשאַמעטער פּויער שטאַרק געריסט מיט קערבער, ברומענדיק אונטער דען נאָז אַן אייגנטאָניק ליד, פרײַלין אַלעקסאַנדראַ האָט שטילשווייגנ

דיק איבערגערוקט די קרעלן פון רויזן-קראַנץ, די שפּינערינס האָבן געשפּונען, גאָרנישט רעדנדיק צווישן זיך.

די שיין פון פלאַם איז געפאַלן אויף זייערע יונגע, רויטלעכע פּנימער, און אונטערציפּנדיק דעם ווייכן פלאַקס מיט דער לינקער און דרייענדיק די שפּינדלען מיט דער רעכטער האַנט, האָבן זיי, מיט אויפגעהויבענע הענט צו די שפּין-רעדלעך, פלייסיק געשפּונען, ווי זיי וואָלטן אייגע די אַנדערע וועלן אַריבעריאָגן, און דערביי האָבן פריילין קלוויעצס שטרענגע בליקן זיי צוגעגעבן נאָך מער חשק צו דער אַרבעט. אַמאָל פלעגן זיי אויך זיך אָנקוקן מיט די ביסטרע אייגעלעך, און אַמאָל אַ קוק טון אויף פריילין אַלעקסאַנדראַ, ווי זיי וואָלטן בעטן, אַז זי זאָל שוין גיך דעם זשאַמעטער פייער הייסן אָפּשטעלן דאָס מאָלן און דאָס גאָטספאָרכטיקע ליד אָנהייבן; אָבער אַרבעטן האָבן זיי נישט אויפגעהערט און זיי האָבן געשפּונען און געשפּונען; עס האָבן זיך געדרייט די דרימער, עס האָבן געראַשט די שפּינדלען, ס'האָבן געפינקלט די דראָטן אין פריילין קלוויעצס האַנט, און דער האָר-געקרייזלטער זשאַמעטער פייער האָט אין די קערנער געהאַקט.

וויילעבווייז פלעגט ער אָבער איבעררייסן די אַרבעט, אַפּנים, אין די קערנער איז עפּעס קאַליע געוואָרן, ווייל גלייכצייטיק האָט זיך דערהערט זיין צאָרניקע שטים:

— פּאַדלאַס!

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי אויפגעוועקט פון דער שטילקייט, וועלכע איז איינגעטרעטן נאָך די אויסגעשרייען פון זשאַמעטער פייער; דאַמאָלס האָט דער פלאַם באַלויכטן איר פּנים און די ערנסטע בלויע אויגן, וועלכע האָבן געקוקט פון הינטער די שוואַרצע ברעמען.

געווען איז דאָס אַ שיין-געשטאַלטיק פריילין מיט בלאָנדע האָר, ווייסער הויט-קאָליר און דעליקאַטע שטריכן. זי האָט געהאַט די שיינקייט פון אַ ווייסער בלום. דאָס טרויער-קלייד האָט איר צוגעגעבן חשיבות. זיצנדיק פאַרן דאַזיקן קאַמין, איז זי געווען אַזוי פאַרזונקען אין געדאַנקען, ווי אַ אין שלאָף. מסתמא האָט זי

זיך איבער איר מזל פאַרטראַכט, ווייל איר גורל איז געווען אומקלאָר.

די צוואה האָט זי באַשטימט פאַר אַ ווייב פון אַ מענטש, וועלכן זי האָט נישט געזען זייט צען יאָר, און אַזוי ווי זי איז נאָך קיין גאַנצע צוואַנציק יאָר נישט אַלט געווען, איז איר פאַרבליבן נאָר אַן אומקלאָרע קינדערישע דערינערונג פון עפּעס אַ שטיפערישן בחור, וועלכער איז, בשעת זיין אויפהאַלטן זיך מיטן פאָטער אין וואַרשע, מער מיט דער ביקס איבער די זומפּן געפלויגן, ווי אויף איר געקוקט.

— ווו איז ער איצט און ווי זעט ער איצט אויס? — די־דאָזיקע פראַגן זענען געקומען אין קאָפּ אריין דעם ערנסטן פריילין.

זי האָט אים אמת געקענט נאָך פון די דערציילונגען פון פאַרשטאָרבענעם קאַמערהער, וועלכער האָט פיר יאָר פאַרן טויט געהאַט אונטערגענומען אַ ווייטע נסיעה קיין אָדעסע. און אָט, לויט די־דאָזיקע דערציילונגען, האָט דאָס געזאָלט זיין „אַ ריטער מיט אַ גרויסן מוט, הגם אַ שרעקלעכער הינ־קאָפּ". נאָך יענעם אָפּמאַך, וועגן מזווג זיין די קינדער, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן צווישן אַלטן בילעוויטש און קמיטשיץ דעם פאָטער, האָט יענער ריטער געזאָלט באַלד קומען קיין וואַרשע זיך זען מיט דעם פריילין; דערווייל איז אויסגעבראָכן די גרויסע מלחמה און דער ריטער איז, אַנשטאָט צום פריילין, אַוועק אויפן מלחמה־פעלד פון בערעסטעטשקאָ. דאָרט איז ער פאַרוואונדעט געוואָרן און שפּעטער זיך געהיילט אינדערהיים; דערנאָך האָט ער איבערן קראַנקן און קרוב־למיתהדיקן פאָטער השגחה געהאַט; דערנאָך איז ווידער געווען מלחמה — און אַזוי זענען פאַרגאַנגען יענע פיר יאָר. איצט איז צייט דעם טויט פון אַלטן פּאָלקאָווניק שוין אַריבער אַ היפּשע צייט און קמיטשיצן הערט מען נישט און מען זעט נישט

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט בכן געהאַט וועגן וואָס צו קלערן, און אפשר האָט זי געבענקט נאָכן אומבאַקאַנטן. אין איר כשרן האַרץ, וואָס האָט נאָך פון קיין ליבע נישט געוווּסט, האָט זי געטראָגן אַ גרויסע גרייטקייט צו ליבן. אַ פונק איז נאָר נייטיק גע־

ווען, אַז אין דעמדאָזיקן האַרץ זאָל זיך צעפלאַקערן אַ רויִקער, אַ ער העלער און גלייכער פלאַם, וואָס פאַרלעשט זיך קיינמאָל נישט, ווי אַ ליטווישער נר-תמיד.

עס פליגט זי דעריבער אָן אומרויִקייט באַהערשן, אַמאָל אַן אָנגענעמע, אַמאָל אַן אומאָנגענעמע, און איר נשמה פלעגט איר כסדר שטעלן פראַגן, אויף וועלכע עס איז קיין תשובה נישט געווען, ווייל זי האָט ערשט געדאַרפט אָנקומען פון די ווייטע פעלדער. און די ערשטע שאלה איז געווען: צי האָט ער זי מיטן גוטן ווילן פאַר אַ כלה גענומען און צי וועט ער מיט גרייטקייט צו ליבן אויף איר גרייטקייט ענטפערן? אין יענע צייטן זענען פאָטערלעכע אָפמאַכן וועגן מזווג זיין קינדער געווען אַ געוויינטלעכע זאַך, און די קינדער, אפילו נאָכן טויט פון די עלטערן, געבינדן דורך אַ ברכה, האָבן אין דאָס רוב פאַלן מקיים געווען די אָפמאַכן. דאָס פאַרקנסן גופא איז פאַר דעם פריילין דעריבער נישט געווען קיין חידוש, אָבער אַזוי ווי דער גוטער ווילן פאָרט זיך נישט תמיד מיט דער פליכט, האָט דאָס בלאָנדע קעפל פון פריילין אויך געדריקט די דאגה: „צי וועט ער מיך ליב באַקומען?" און ווערנאָך איז שוין אַ מאַסע פון געדאַנקען זי באַפאַלן, ווי עס ווערן באַפאַלן פון אַ סטאַדע פייגל די ביימער, וואָס שטייען איינזאַם אויף רחבותדיקע פעלדער. ווער ביסטו? וואָס פאַר איינער ביסטו? לעבסטו נאָך אויף דער וועלט? אָדער אפשר ביסטו שוין ערגעץ געפאַלן?.. ביסטו ווייט, אָדער נאָענט?... דאָס אָפענע האַרץ פון פריילין, ווי אַ טיר, וואָס איז אָפן מקבל-פנים צו זיין אַ ליבן גאַסט, האָט נישטווילנדיק גערופן צו די ווייטע מקומות, צו די באַשנייעטע וועלדער און פעלדער, וואָס זענען אין פינסטערניש איינגעהילט: „קום, בחור! ווייל עס איז נישטאָ אויף דער וועלט עפעס ערגערס, ווי דאָס אויסקוקן!"

מיטאַמאָל, ווי אַלס תשובה אויפן רוף, האָט פון דרויסן, טאַקע פון יענע באַשנייעטע מרחקים, וואָס זענען אין פינסטערניש איינגעהילט, זיך דערטראָגן די שטים פון אַ גלעקל.

דאָס פריילין האָט אַ ציטער געטאָן, אָבער קומענדיק צו זיך, האָט זי זיך באַלד דערמאָנט, אַז דאָס האָט מען פון פאַצוגעלע

במעט יעדן אָוונט געשיקט אין אַפּטייק נאָך רפואות פאַרן ייִנגן פּולקאָווניק. דעמדאָזיקן געדאַנק האָט באַשטעטיקט פריילין קולוויעץ, זאָגנדיק:

— דאָס איז פון די גאַשטאַווטס נאָך רפואות.

די נישט רעגולערע שטים פון גלעקל, וואָס האָט זיך געטרייסלט באַם דישל, האָט זיך געהערט וואָס אַמאָל דייטלעכער; צום סוף איז זי מיטאַמאָל אַנטשוויגן געוואָרן. משמעות, דער שליטן האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויז.

— גיב אַ קוק, ווער ס'איז געקומען — האָט פריילין קולוויעץ געזאָגט צום זשאַמעטער פויער, וואָס האָט די קערנער געדרייט.

דער זשאַמעטער פויער איז אַרויס פון דער שטוב, אָבער אין אַ קורצע ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען, און נעמענדיק זיך ווידער צום דראַנג פון די קערנער, האָט ער גלייכגילטיק געזאָגט:

— האַר קמיטאַס.

— די הבטחה איז מקוים געוואָרן! — האָט פריילין קולוויעץ אויסגעשריגן.

די שפּינערינס זענען אויפגעשפּרונגען פון די ערטער; די שפּין-רעדלעך און שפּינדלעך זענען אויף דער ערד אַראָפּגעפאַלן.

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט זיך אויך אויפגעשטעלט: איר האַרץ האָט געקלאַפּט, ווי מיט אַ האַמער, אויפן פּנים זענען אַרויסגעטרעטן רויטע פלעקן, און באַלד דערויף איז עס בלאַס געוואָרן; אָבער זי האָט זיך בכיוון אוועקגעדרייט פון קאַמין, כדי נישט צו ווייזן איר אויפרעגונג.

באַלד האָט זיך אין דער טיר באַוויזן עפּעס אַ הויכע פיגור, אין אַ פּעלץ און פוטערנעם היטל אויפן קאָפּ. דער ייִנגער מאַנסביל איז אַריין אינערמיט שטוב און דערקענענדיק, אַז ער געפינט זיך אין שטוב פון דער דינערשאַפט, האָט ער געפרעגט מיט אַ קלינגענדיקער שטים, נישט אַראָפּנעמענדיק דאָס היטל:

— העי! און וווּ איז אייער פריילין?

— כ׳בין דאָ — האָט פרייַלין בילעוויטש געענטפערט מיט אַ געגוג זיכער שטים.

דערהערנדיק דאָס, האָט דער אָנגעקומענער אַראָפּגענומען דאָס היטל, עס געוואָרפן אויף דער ערד און פאַרבייגנדיק זיך געזאָגט:

— איך בין אַנדזשעי קמיטשיץ.

פרייַלין אַלעקסאַנדראַס אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי אַ בליץ אויף קמיטשיצס פּנים, און דערנאָך האָבן זיי זיך ווידער איינגעגראָבן אין דער ערד; צווישן דערדאָזיקער צייַט האָט אָבער דאָס פרייַלין באַוויזן צו דערזען די, ווי קאָרן געלבע, שטאַרק אונטערגעגאָלטע טשופּרינע, די טונקעלע הויט, גרויע אויגן, וואָס האָבן שאַרף פאַר זיך געקוקט, די טונקעלע וואָנסעס און דאָס יונגע, אַדלערישע, פרייַלעכע און העלדישע פּנים.

ער ווידער האָט זיך מיט דער לינקער האַנט באַ דער זייַט אָנגענומען, די רעכטע האָט ער צו דער וואָנסע אויפגעהויבן און אַזוי געזאָגט:

— כ׳בין נאָך אין לובּיטש נישט געווען, נאָר געאייַלט אַהער, ווי אַ פויגל, זיך צו די פיס פון פרייַלין בוקן. גלייַך פון לאַגער האָט מיך דער ווינט אַהערגעבלאָזן, הלוואי צו גליק.

— איר האָט געוווּסט וועגן טויט פון זיידן דעם קאַמערהער? — האָט דאָס פרייַלין געפרעגט.

— כ׳האָב נישט געוווּסט, אָבער כ׳האָב אים מיט ביטערע טרערן באַווייַנט, ווען כ׳האָב וועגן זייַן טויט זיך דערוווּסט פון יענע מענטשן, וועלכע זענען פון דידאָזיקע מקומות צו מיר געקומען. אַ ידיד־נאמן איז דאָס געווען, ש׳ער נישט אַ ברודער פון מייַן פאַרשטאָרבענעם פאָטער. מסתמא ווייסט דאָס גנעדיקע פרייַלין גאַנץ גוט, אַז מיט פיר יאָר צוריק איז ער אַוש קיין אָרשע צו אונדז געקומען. דעמאָלס האָט ער מיר דאָס גנעדיקע פרייַלין צוגעזאָגט און אַ בילד געוויזן, צו וועלכן איך האָב אין די נעכט געבענקט. כ׳וואָלט דאָ פריער געווען אַהערגעקומען, אָבער די מלחמה איז נישט קיין מאַמע: זי איז נאָר מיטן טויט די מענטשן מזווג.

עס האָבן אַ ביסל צעטומלט דאָס פריילין דידאָזיקע דרייס־טע דיבורים, און ווילנדיק דעם שמועס אַ קער־טון אויף עפּעס אַנדערש, האָט זי געזאָגט:

— האָט איר נאָך אייער לוביטש נישט געזען?

— עס וועט זיין צייט דערויף. דאָ געהערט מיין ערשטע דינסט און דאָ געפינט זיך די טייערסטע ירושה, וועלכע כ׳וואָלט קודם־כל וועלן איבערנעמען. נאָר דאָס גנעדיקע פריילין דרייט זיך מיר אַזוי אַוועק פון קאָמין, אַז כ׳האָב ביז איצט איר אין די אויגן נישט געקענט אַ קוק טון. אָט! אַזוי! דרייט זיך אויס, גנעדיקע פריילין, און איך וועל פון קאַמין אַוועקגיין! — אָט — אַזוי!

דאָס זאָגנדיק, האָט דער דרייסטער זעלנער אָנגעכאַפּט דאָס מיידל, וואָס האָט זיך דערויף נישט געריכט, באַ די הענט און צום פייער זי אויסגעדרייט, אַ דריי־טוענדיק מיט איר, ווי מיט אַ טרענדערל.

און זי איז נאָך מער צעטומלט געוואָרן, און באַדעקנדיק די אויגן מיט די לאַנגע ווימפּערן, איז זי געבליבן אַזוי שטיין פאַרשעמט פון ליכט און פון דער אייגענער שיינקייט. קמיטשיץ האָט זי צום סוף אָפּגעלאָזט און זיך אַ קלאַפּ געטון איבער דעם אויבער־ראָק.

— ווי גאָט איז מיר ליב, אַ זעלטנהייט! כ׳וועל געבן אויף הונדערט הזכּרות נאָך מיין בעל־טובה, ווייל ער האָט מיר דיך פאַרשריבן. ווען איז די חתונה?

— נאָך נישט אַזוי גיך, כ׳בין נאָך נישט אייער — האָט אָלענקאַ געענטפערט.

— אָבער דו וועסט עס זיין, ווען אפילו כ׳זאָל דאָסדאָזיקע הויז דאַרפן אונטערצינדן! באַ גאָט! כ׳האָב געמיינט, אַז דאָס בילד נאַרט, אָבער דאָ, זע איך, האָט דער מאָלער זיך הויך פאַרמאָסטן, אָבער נישט געטראָפן. הונדערט שמיץ איז אַזאַ אייגער ווערט, און אויוונס דאַרף ער מאָלן, נישט יענע צאַצקע, מיט וועלכער איך זעטיק מיינע אויגן אָן. ווי גוט איז אַזאַ ירושה צו באַקומען, אַז די קוילן זאָלן מיך טרעפן!

— ריכטיק האָט דער פאַרשטאָרבענער ניידע מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ היץ־קאָפּ.

— אַזעלכע זײַנען בײַ אונדז אַלע אין סמאָלענסקער קאַנט, נישט ווי אײַערע זשאַמעטער. איינס, צוויי! און ס׳מוז זײַן, ווי מיר ווילן, און אַז נישט, איז אַ טויט!

אָלענקאַ האָט אַ שמייכל געטון און געזאָגט שוין מיט אַ זיכערער שטים, אויפהייבנדיק די אויגן אויפן ריטער:

— עי! דאָס ווײַנען מסתמא טאָטערן בײַ אײַך?

— אַלץ איינס! און דאָס גנעדיקע פרײַלין איז מײַן, ווײַל אַזוי איז געווען דער רצון פון די עלטערן און פון מײַן האַרץ.

— צי פון אײַער האַרץ, דאָס ווייס איך נאָך נישט.

— ווען דו זאָלסט נישט מײַן זײַן, וואָלט איך זיך מיט אַ מעסער געשטאָכן!

— לאַכנדיק זאָגט איר דאָס, אָבער מיר זענען דאָך נאָך אין שטוב פון דער דינערשאַפט! איך בעט אין די שטובן. נאָכן לאַנגן וועג וועט מסתמא אַ נאַכט־עסן צונויץ קומען. זײַט אַזוי גוט!

דאָ האָט אָלענקאַ זיך געווענדט צו פרײַלין קולוויעץ:

— די מומע וועט גיין מיט אונדז?

דער יונגער כאָראַנזשי האָט שאַרף אַ קוק געטון:

— מומע? — האָט ער געפרעגט — וואָס פאַר אַ מומע?

— מײַנע, פרײַלין קולוויעץ.

— אויב אַזוי, אויך מײַנע! — האָט ער געענטפערט, געמענדיק זיך צו קושן די הענט. — בײַ גאָט! איך האָב אין פּולק אַ חבר, וואָס הייסט קולוויעץ היפּאָצענטאַורוס. איז עס נישט אַמאָל אַ קרוב?

— דאָס איז פון דיזעלבע! — האָט פאַרבייגנדיק זיך דאָס אַלטע פרײַלין געענטפערט.

— אַ גוטער יונג, אָבער אַ שטיפער, ווי איך! — האָט קמיטשיק צוגעגעבן.

דערווײַל האָט אַ יינגל זיך באַוויזן מיט אַ ליכט, זיי זענען

אַריבער אין פּעדערהויז, ווו הער אַנדזשעי האָט דעם פּעלץ פון זיך אַראָפּגעוואָרפן, און דערנאָך זענען זיי אַריין אין די צווייטע זייט, צו די גאַסט-שטיבן.

באַלד נאָך זייער אַוועקגיין האָבן די שפּינעריִנס זיך צונויפ-געפּרעסט אין אַן ענגע קופּע און אַלע האָבן גענומען רעדן און מאַכן באַמערקונגען. דער שיין-געשטאַלטיקער יונגערמאַן איז זיי זייער געפעלן געוואָרן, זיי האָבן אים דעריבער נישט גע-קאַרגט קיין ווערטער, אַריבערשטייגנדיק איינע די אַנדערע אין לויבן.

— אַ פּלאַם פייער שלאָגט פון אים — האָט איינע גע-זאָגט — ווען ער איז אַריינגעקומען, האָב איך געמיינט, אַ בן-מלך איז עס.

— און אויגן האָט ער ווי אַ לוקס, אַז ער שטעכט אַזש מיט זיי — האָט אַ צווייטע זיך אָנגערופן — אַזאַלכן טאָר מען זיך נישט אַקעגנשטעלן.

— דאָס ערגסטע איז זיך אַקעגנשטעלן! — האָט אַ דריטע געענטפערט.

— מיטן פרייליין האָט ער ווי מיט אַ שפּינדל געדרייט! אָבער דאָס איז שוין קענטיק, אַז זי איז אים שטאַרק געפעלן גע-וואָרן, ווייל ווען וואָלט זי דען נישט געפעלן געוואָרן?

— אָבער ער איז אויך נישט ערגער, האָב קיין מורא נישט! ווען אַזעלכער טרעפט זיך דיר, וואָלסטו אפילו קיין אָרשע געגאַנגען, הגם דאָס זאָל אפנים זיין אין עק וועלט.

— אַ גליקלעך פרייליין!

— די רייכע איז תמיד בעסער אויף דער וועלט, עי, עי! אַ גאָלד איז דאָס, ניט קיין ריטער.

— די מיידלעך האָבן געזאָגט, אַז אויך דער ריטמייסטער, וואָס איז באַם אַלטן פּאַקאָש, איז אַ שיינער בחור.

— איך האָב אים נישט געזען, אָבער ווי קומט ער צום הער קמיטשיץ! נאָך אַזעלכער איז מסתמא אויף דער וועלט נישטאָ!

— פּאַדלאַס! — האָט מיטאַמאָל אויסגעשריגן דער זשאַמע-

טער פויער, וועלכן ס'איז ווידער עפּעס קאַליע געוואָרן אין די קערבער.

— וועסט נישט אויפהערן מיט דיינע איינפאַלן! לאָז שוין אַמאָל צורו, ווייל מ'הערט נישט, וואָס מען רעדט!.. יאָ, יאָ! שווער צו געפינען אויף דער גאַנצער וועלט אַ בעסערן, ווי הער קמיטשיץ! מסתמא איז אַפילו אין קיידאַני נישטאָ אַזעלכער!

— אַזעלכער קומט גאָר צו חלום!

— הלוואי זאָל ער כאָטש צו חלום קומען..

אויף אַזאַ אופן האָבן צווישן זיך גערעדט די שליאַכעצקע מיידלעך אין שטוב פון דער דינערשאַפט. דערווייל האָט מען אין גרעסטן איילעניש געדעקט צום טיש אין עס־שטוב, און אין גאַסט־שטוב האָט פריילין אַלעקסאַנדראַ גערעדט אויג־אויף־אויג מיט קמיטשיצן, ווייל די מומע קולוויעץ איז געגאַנגען צוגרייטן דאָס נאַכט־עסן.

הער אַנדזשעי האָט נישט אַראָפּגענומען דעם בליק פון אַלענקאַן און די אויגן האָבן אים וואָס אַמאָל מער געפינקלט. צום סוף האָט ער געזאָגט:

— פאַרהאַן מענטשן, וואָס עשירות איז בײַ זיי דאָס טייערסטע, אַנדערע ווידער יאָגן זיך אין דער מלחמה נאָך שלל, נאָך אַנדערע ליבן זיך אין פערד, אָבער איך וואָלט דאָס גנעדיקע פריילין פאַר קיין שום אוצרות נישט אָפּגעגעבן! כ'שווער בײַ גאָט, וואָס מער כ'קוק, אַלץ גרעסער איז דער חשק חתונה צו האָבן, ווען אַפילו שוין מאָרגן! נישט אַנדערש, גאָר דידאָזיקע ברעמען מוז דאָס פריילין אוודאי מיט אונטערגעבריענטן קאָרק מאָלן?

— כ'האָב געהערט, אַז די לייכטזיניקע טוען אַזוי, אָבער איך בין נישט אַזעלכע.

— און די אויגן ווי פון הימל! פון גרויס התפעלות פאַלן מיר ווערטער אויס!

— נישט זייער שטאַרק נתפעל זענט איר, אויב איר באַנעמט זיך אַזוי עזותדיק מיט מיר, אַז עס איז מיר אַזש אַ חידוש.

— דאָס איז אויך אונדזער סמאָלענסקער טבע: די מייד־

לעך, ווי אין פייער, דרייסט צו גיין. דו מוזסט, קעניגן, צו דעם זיך צוגעוויינען, ווייל אַזוי וועט תמיד זיין.

— איר מוזט זיך אָפּגעוויינען, ווייל עס קען אַזוי נישט זיין.

— אפשר וועל איך זיך אונטערגעבן, אַז צעהאַקן זאָל מען מיך! צי דו גלייבסט, גנעדיקע פריילין, צי דו גלייבסט נישט, אָבער איך וואָלט פאַר דיר גערן דאָס טעלערל פון הימל אַראָפּגעבראַכט! פאַר דיר, מיין קעניג, בין איך גרייט אויך אַנדערע מדות צו לערנען, ווייל איך ווייס, אַז איך בין אַ פּראָסטער זעלנער און בין אין לאַגער מער געווען, ווי אין הויפישע שטובן.

— ע, דאָס שאַדט גאָרנישט, ווייל אויך מיין זיידע איז געווען אַ זעלנער, אָבער איך דאַנק פאַרן גוטן ווילן! — האָט אָלענקאַ געענטפערט, און אירע אויגן האָבן אַזוי זיס אַ קוק געטון אויפן הער קמיטשיץ, אַז דאָס האַרץ איז אין אים צעגאַנגען ווי וואַקס, און ער האָט אָפּגעענטפערט:

— דאָס גנעדיקע פריילין וועט מיך אויף אַ פאָדעם אַרומפירן!

— אָ, איר זענט גאָרנישט ענלעך אויף די, וואָס לאָזן זיך אויף אַ פאָדעם אַרומפירן! די שווערסטע מערכה איז מיט נישט-געזעצטע מענטשן.

קמיטשיץ האָט אַ שמייכל געטון און דערביי געוויזן זיינע ווייסע, וועלפישע ציין.

— ס'הייסט! — האָט ער געזאָגט — ווייניק האָבן די פאָטערס אין קלויסטער מיך געשמיסן, אַז איך זאָל גיין אין דרך-הישר און זיך אין קאָפּ אַריינגעמען פאַרשידענע שיינע כללים. . .

— אין וועלכן געדענקט איר אַמבעסטן?

— „ווען דו ליבסט, פאַל צו די פיס". אָט אַזוי!

באַ דידאַזיקע ווערטער איז הער קמיטשיץ שוין געווען אויף די קני, און דאָס מיידל האָט גערופן, באַהאַלטנדיק די פיס אונטערן טישל:

— געדענקט אין גאָט! דאָס האָט מען אין קלויסטער נישט

געלערנט! לאָזט צורו, ווייל איך וועל ברוגז ווערן... און די מו־מע וועט באַלד אַרייַנקומען...

ער ווידער האָט, קניִענדיק כסדר, אויפגעהויבן דעם קאָפּ אין דער הייך און אין די אויגן איר געקוקט.

— זאָל אַפילו אַ גאַנצער פּויִלק מומעס אָנקומען, וועל איך אויך דעם יצר־הרע נישט אייַנהאַלטן!

— שטייט־אויף!

— איך שטיי שוין אויף.

— זעצט זיך.

— איך זיץ שוין.

— אַ בוגד זענט איר, אַ יהודה־איש־קריות!

— דאָס איז נישט וואָר, ווייל אַז כ׳קוש, קוש איך אויף אַן אמת!... ווילסט זיך איבערצייגן?

— איר זאָלט זיך נישט דערוועגן!

פרייַלין אַלעקסאַנדראַ האָט פונדעסטוועגן געלאַכט, און פון אים האָט אַזש אַ פייער פון יוגנט און לוסטיק־ייט געשלאָגן. די באַז־לעכער האָבן זיך אים אָנגעבלאָזן, ווי בייַ אַ יונג פערדל פון איידעלן בלוט.

— אַי! אַי! — האָט ער זיך אָנגערופן — וואָסערע אייגע־לעך, וואָס פאַר אַ פנימל! ראַטעוועט מיך אַלע הייליקע, ווייל כ׳וועל נישט אייַנזיצן!

— מ׳דאַרף נישט אַלע הייליקע רופן. איר זענט געזעסן פיר יאָר און דאָ נישט אַרייַנגעשמעקט, טאָ זיצט אויך איצט!

— כ׳האָב נישט געקענט דאָס בילד. כ׳וועל דעמדאָזיקן מאָ־לער הייסן אין סמאָלע און אין פעדערן אַרייַנזעצן און איבערן מאַרק אין אופיטאַ מיט אַ בייטש טרייבן. כ׳וועל שוין אַלץ אָפּן זאָגן: ווילט איר, גנעדיקע פרייַלין, זייט מוחל — אויב נישט, שניידט דעם האַלדז אָפּ! כ׳האָב זיך געטראַכט, קוקנדיק אויף יע־נעם בילד: אַ שיינע שלאַנג, אָבער קאַרג שיינע פאַרהאַן אויף דער וועלט — כ׳האָב צייט! דער פאַרשטאָרבענער פאָטער האָט צוגעזאָגט, כ׳זאָל פאָרן, און איך שטענדיק דאָס אייגענע: כ׳האָב

צייט! די חתונה וועט נישט אָפּקומען! מיידלעך גייען נישט אין דער מלחמה און זיי קומען נישט אום. כ'האָב זיך נישט אַקעגנ-געשטעלט אײַנגאַנצן דעם פאָטערס ווילן, גאָט איז מײַן עדות, אָבער כ'האָב צוערשט געוואָלט אַ מלחמה מיטמאַכן, און כ'האָב זי טאַקע אויף דער אייגענער הויט געשפּירט. איצט ערשט זע איך איין, אַז כ'בין געווען אַ שוטה, ווײַל כ'האָב געקענט אויך אַ באַווײַבטער אין דער מלחמה גיין, און דאָ האָבן אויף מיר מעדנים געוואַרט. געלויבט איז גאָט, וואָס מ'האָט מיך נישט צום טויט צעהאַקט. דערלויבט, גנעדיקע פרײַלין, צו קושן די הענט-לעך.

— כ'וועל בעסער נישט דערלויבן.

— אויב אַזוי וועל איך נישט אָנפרעגן. בײַ אונדז אין אָרשע זאָגט מען: בעט, און אַז מ'גיט נישט, נעם אַליין!

דאָ האָט הער אַנדזשעי זיך צוגעקלעפּט צום פרײַלינס הענטל און גענומען עס קושן, און דאָס פרײַלין האָט זיך נישט שטאַרק אַקעגנגעשטעלט, כּדי נישט אַרויסצווײַזן קיין אומפרײַנט-שאַפט.

דאָ איז אַרײַנגעקומען פרײַלין קולוויעץ און זעענדיק, וואָס עס טוט זיך, האָט זי אויפגעהויבן די אויגן אינדערהייך. עס איז איר נישט געפעלן געוואָרן דידאָזיקע פאַרטרוילעכקייט, אָבער זי האָט זיך נישט דערוועגט מוסר צוזאָגן, דערפאַר אָבער האָט זי פאַרבעטן צום נאַכט-עסן.

זיי זענען ביידע, אָנגענומענדיק זיך בײַ די הענט, ווי היימי-שע געגאַנגען אין עס-שטוב, וווּ ס'איז געשטאַנען אַ געדעקטער טיש, און אויף אים אַ שפע פון כלערליי מאכלים, באַזונדערס פון אויסגעצייכנטע געריכטער פון פליישן און אַ פאַרשימלטע פלאַש ווײַן, וואָס גיט קרעפטן. ווײַל איז געווען די יונגעלײַט, היימ-לעך און פרײַלעך. דאָס פרײַלין איז שוין געווען נאָך נאַכט-עסן, עס האָט זיך דעריבער באַר הער קמיטשיץ געזעצט צום טיש און גענומען עסן מיט דערזעלבער לעבעדיקייט, מיט וועלכער ער האָט פריער גערעדט.

אָלענקאַ האָט געקוקט אויף אים פון אַ זײַט, אַ צופרידענע,

וואָס ער עסט און טרינקט, און דערנאָך, ווען ער האָט שוין געהאַט געשטילט דעם ערשטן הונגער, האָט זי ווידער גענומען אויספרעגן:

— פאָרט איר, הייסט עס, פון אָרשע?

— ווייס איך דען פונוואַנען... היינט בין איך דאָ געוועזן, מאָרגן דאָרט! כ'בין דעם שונא אַזוי אונטערגעקומען, ווי אַ וואָלף קומט אונטער די שעפסן, און וואָס מ'האָט דאָרט געקענט אַרויסרייסן, האָב איך אַרויסגעריסן.

— און איר האָט זיך דערוועגט אַקעגנצושטעלן אַזאַ מאַכט, פאַר וועלכער דער גרויס-הויפּטמאַן אַליין האָט געמוזט אָפּטרעטן?

— כ'האָב זיך דערוועגט? איך בין אויף אַלץ גרייט, אַזאַ טבע האָב איך שוין!

— עס האָט דאָס אויך געזאָגט דער פאַרשטאָרבענער זיידע... אַ גליק, וואָס איר זענט נישט אומגעקומען.

— ע! מ'האָט מיך דאָרט צוגעדעקט מיטן היטל און מיט דער האַנט, ווי אַ פויגל אין דער נעסט, אָבער יעדעס מאָל בין איך אָפּגעשפּרונגען און אַנדערשווו אַ ביס געטון. כ'האָב אַזוי פיל צרות אָנגעטון, אַז ס'איז שוין דאָ אַ פּרייז אויף מיין קאָפּ... אַן אויסגעצייכנטע האַלבע גאַנדז.

— אין נאָמען פון פאָטער און זון! — האָט אָלענקאַ אויסגערופן מיט אַ נישט געמאַכטער שרעק, קוקנדיק גלייכצייטיק מיט יראת-הכבוד אויף דעמדאָזיקן יינגנמאַן, וועלכער האָט אין איין אָטעם גערעדט וועגן פּרייז אויף זיין קאָפּ און וועגן דער האַלבער גאַנדז.

— איר האָט אוודאי געמוזט האָבן אַ גרויסע מאַכט צו דער פאַרטיידיקונג?

— כ'האָב טאַקע געהאַט מיינע דראַגונערלעך, זייער טיכטיקע, אָבער זיי זענען מיר אין אַ חודש צעריבן געוואָרן. דערנאָך בין איך געגאַנגען מיט פרייוויליקע, וועלכע כ'האָב צונויפגעקליבן, ווּ כ'האָב געקענט, נישט איבערקלייבנדיק. גוטע יונגן צום שלאָגן זיך, אָבער גזלנים שבגזלנים! פון די, וואָס זענען נישט געפאַלן,

װעט מען פריִער אָדער שפּעטער מאַכן קרעפּל פֿלייש פאַר די װראָגעס...

באַ דידאָזיקע װערטער האָט הער אַנדזשעי זיך װידער צע־לאַכט, אויסגעטרונקען אַ בעכער װיין און צוגעגעבן:

— אַזעלכע אויסװורפן האָט דאָס גנעדיקע פרײלין נאָך נישט געזען. זאָל זי דער טײװל כאַפּן! די אָפיצירן, אַלע שלאַכטשי־צעס פון אונדזערע מקומות, מיוחסים, בכבודע מענטשן, אָבער כמעט אויף יעדן איז פאַרהאַן אַ פּסק־דין. זיי זיצן איצט אין לו־בּיטש, װייל װאָס דען האָב איך געזאָלט מיט זיי מאַכן?

— זענט איר, הײסט עס, מיטן גאַנצן פּולק צו אונדז גע־קומען?...

— יאָ. דער שונא האָט זיך פאַרמאַכט אין די שטעט, װייל דער װינטער איז אַ מוראדיקער! מײנע מענטשן האָבן זיך אויך אָפּגעריסן, װי די בעזעמס פון כסדרדיקן קערן, דער פירשט װאָ־יעװאָדע האָט מיר דעריבער באַשטימט אַ װינטער־קװאַרטיר אין פּאָגיעװיעזש. בנאמנות, ס׳איז אַ כשר אַ פאַרדינטער אָפּרו!

— עסט, כ׳בעט אײך.

— פאַרן גנעדיקן פרײלין װאָלט איך אַפילו סם געגעסן!... האָב איך הײסט עס, אַ טײל פון מיין לומפּן־געזונט איבערגעלאָזט אין פּאָגיעװיעזש און אַ טײל אין אופּיטאַ, און די בכבודיקערע חברים האָב איך קיין לוביטש צו־גאַסט פאַרבעטן... זיי װעלן זיך קומען בײגן פאַרן גנעדיקן פרײלין.

— און װוּ האָבן אייך די לאַודער מענטשן געפונען?

— זיי האָבן מיך געפונען, װען איך בין שוין סײ־װי־סײ קיין פּאָגיעװיעזש אויף װינטער־קװאַרטיר געגאַנגען. כ׳װאָלט אָן זיי אויך געקומען אַהער.

— טרינקט...

— פאַרן גנעדיקן פרײלין װאָלט איך אַפילו סם גע־טרונקען...

— אָבער װעגן זיידנס טויט און װעגן דער צװאה האָבן אייך ערשט די לאַודער מענטשן דערציילט?

— יאָ, װעגן טויט האָבן זיי מיר דערציילט. גאָט, זאָל מיין

בעל-טובה האָבן אַ ליכטיקן גן-עדן! האָט דאָס גנעדיקע פריילין רויכגעשיקט צו מיר דידאָזיקע מענטשן?

— זאָל אייך דאָס גאָרנישט איינפאַלן. וועגן טרוי-ער האָב איך געטראַכט און וועגן תפלות, ווייטער וועגן גאָרנישט...

— זיי האָבן אויך דאָס אייגענע געזאָגט... האָ! עפּעס אַזעלכע שטאָלצע ברואים!... כ'האָב זיי געוואָלט באַלויבען פאַר דער טרחא, זענען זיי נאָך געוואָרן אין כעס אויף מיר און אָפּגעענטפערט מיט שטעכווערטער, אַז די אָרעמע שליאַכטע נעמט אפשר מתנות, אָבער די לאָודער נישט! מיט זייער מיאוסע שטעכווערטער האָבן זיי מיר געענטפערט! אַז כ'האָב דאָס געהערט, האָב איך זיך געטראַכט אזוי: איר ווילט נישט קיין געלט, וועל איך הייסן געבן צו הונדערט שמיץ.

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט זיך אזש באַם קאָפּ אָנגעכאַפּט.

— יעזוס מאַריאַ! און איר האָט דאָס געטון?

קמיטשיץ האָט אַ קוק געטון אַ פאַרחידושטער.

— שרעקט זיך נישט, גנעדיקע פריילין... כ'האָב עס נישט געטון, הגם עס כאַפּט מיך אַן עקל אַן פאַר אַזעלכע פּריצימלעך, וואָס האַלטן זיך פאַר אונדזערס גלייכן. אָבער כ'האָב זיך געטראַכט: זיי וועלן מיך אין דער געגנט אומשולדיק פאַרשרייען פאַר אַ רשע און נאָך פאַרן גנעדיקן פריילין באַרעדן.

— אַ גרויס גליק איז דאָס! — האָט אָלענקאַ טיף אָפּעטעמענדיק געזאָגט — ווייל אַז נישט וואָלט איך אייך אין די אויגן נישט געקענט אָנזען.

— פאַרוואָס עפּעס?

— אַן אָרימע שליאַכטע איז דאָס, אָבער אַן אַלטפרענקישע און אַ באַרימטע. דער פאַרשטאָרבענער זיידע איז שטענדיק אין איר געזעען פאַרליבט און אין דער מלחמה מיט זיי געגאַנגען. אַ לעבן לאַנג האָבן זיי צוזאַמען געדינט, און אין אַ צייט פון שלום פלעגט ער זיי אין דער היים אויפנעמען. אַלטע ידידים פון אונדזער הויז זענען דאָס און איר מוזט זיי נושא-פנים זיין. איר האָט

דאך אַ האַרץ, און איר וועט נישט צעשטערן דעם הייליקן פרידן, אין וועלכן מיר האָבן ביז איצט געלעבט!

— איך האָב וועגן דעם גאָרנישט געוווסט! זאָל איך אומקומען, אויב כ׳האָב געוווסט! און כ׳מוז מודה זיין, אז איך קען דידאַזיקע באָרוועסע פריצים עפּעס נישט סובל זיין. בא אונדז, אַ פויער איז אַ פויער און די שליאַכטשיצעס זענען אַלע פון פיינעם יחוס און וועלן אין צווייען אויף איין קאַבעלע זיך נישט זעצן... בבאמנות, אַזעלכע דלפנים זענען נישט קיין מחותנים נישט מיט די קמיטשיצעס און נישט מיט די בילעוויטשעס, פונקט ווי אַ הערינג איז נישט קיין מחותן מיט קיין העכט, הגם אי דאָס און אי דאָס איז אַ פיש.

— דער זיידע פלעגט זאָגן, אַז עשירות איז גאָרנישט, דער עיקר איז יחוס און ערלעכקייט, און דאָס זענען ערלעכע מענטשן, אַז נישט וואָלט זיי דער זיידע פאַר קיין אפּוטרופּסים נישט געמאַכט.

אַנדזשעי איז גבהל־ונשתומם געוואָרן און ברייט אויפגעמאַכט די אויגן.

— זיי האָט דער זיידע פאַר אפּוטרופּסים פון גבעדיקן פריילין נישט געמאַכט? די גאַנצע לאַודער שליאַכטע?...

— יאָ, און איר קרימט זיך נישט, ווייל דער ווילן פון פאַרשטאָרבענעם איז הייליק. עס איז מיר נאָר אַ חידוש, וואָס די שליחים האָבן דאָס אייך נישט געזאָגט.

— איך וואָלט זיי... אָבער דאָס קען נישט געמאָלט זיין! דאָ זענען דאָך פאַרהאַן אַ צוואַנציק דערפער... וועלן זיי דאָס אַלע איבער אייך אַ דעה זאָגן? וועלן זיי אפשר איבער מיר אויך אַ דעה זאָגן, צי איך בין זיי געפעלן, אָדער נישט?... ע! טרייבט נישט קיין קאַטאָוועס, גנעדיקע פריילין, ווייל דאָס גאַנצע בלוט קאָכט אין מיר!

— הער אַנדזשעי, איך טרייב נישט קיין קאַטאָוועס... דעם הייליקן און ריינעם אמת זאָג איך, זיי וועלן איבער אייך קיין דעה נישט זאָגן, נאָר אויב איר וועט זיי נישט אָפּשטויסן, קיין גדלות נישט אַרויסווייזן, וועט איר נישט בלויז זייער, נ ר

אויך מיין האַרץ געווינען. כ'וועל צוזאַמען מיט זיי אייך דאַנקען, דאָס גאַנצע לעבן... דאָס גאַנצע לעבן, הער אַנדזשעי...

איר שטים האָט געציטערט, ווי אַ צאַרט געבעט, אָבער ער האָט נישט אויפגעלאָזט די ברעמען און איז געווען אָנגעכמורעט. מיט קיין כעס האָט ער אמת נישט אויסגעבראָכן, הגם ווײַלענווייז זענען אים ווי בליצן דורכגעפלויגן איבערן פנים, אָבער ער האָט אָפגעענטפערט מיט גאווה:

— דערויף האָב איך זיך נישט געריכט! איך שעץ דעם ווילן פון פאַרשטאָרבענעם און טראַכט מיר, אַז דער הער קאַמערהער האָט דאָסדאָזיקע פריצישע קליינוואַרג געקענט מאַכן פאַר אפוטרופסים פון פרײַלין ביז צו דער צייט פון מיין אָנקומען, אָבער קוים האָב איך שוין דאָ אַ פוס אַוועקגעשטעלט, וועט קיינער, אַ חוץ מיר, קיין אפוטרופוס נישט זיין, נישט בלויז יענע דלפנים, נאָר אויך די ראַדזיווילס בכבודם ובעצמם האָבן דאָ גאָרנישט וואָס אַרײַנצורעדן.

פרײַלין אַלעקסאַנדראַ איז געוואָרן ערנסט און האָט נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן געענטפערט:

— שלעכט טוט איר, וואָס איר לאָזט זיך פון גאווה באַהערשן. די תנאים פון פאַרשטאָרבענעם זיידן אָדער מען מוז זיי אַלע אָננעמען, אָדער אַלע אָפוואַרפן — קיין אַנדערע עצה זע איך נישט. די לאַודער שליאַכטע וועט נישט פאַלן צו לאַסט און זיך אויך נישט אָנוואַרפן, ווייל דאָס זענען בכבודיקע און רויִקע מענטשן. זאָל זיך אייך נישט דאַכטן, אַז זיי ווילן אייך זיין צו לאַסט. ווען עס וואָלט דאָ געקומען צו סכסוכים, וואָלטן זיי אפשר אַ וואָרט געזאָגט, אָבער אַזוי מיין איך, אַז אַלץ וועט אַדורך בשלום און רויִק, און דעמאָלס וועט איר דידאָזיקע אפוטרופסות לגמרי נישט פילן, ווי זי וואָלט גאָרנישט געווען...

ער האָט שטילגעשוויגן נאָך אַ ווײַלע, דערנאָך האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געזאָגט:

— דער אמת איז, אַז די חתונה וועט צו אַלץ אַ סוף מאַכן, נישטאָ וועגן וואָס זיך צו קריגן, זאָלן זיי נאָר זיצן רויִק און זיך מיר נישט אַרײַנמישן, ווייל בנאמנות, איך וועל זיך נישט לאָזן

אין דער קאַשע בלאָזן ; איבעריקנס, וואָס גייען זיי מיך אָן ! זייט מסכים, גנעדיקע פרײַלין, אויף אַ גיכע חתונה, דאָס וועט זײַן דאָס בעסטע !

— עס איז איצט נישט די צײַט צו רעדן דערפֿון בשעתן טרויער. . .

— אײַ ! און לאַנג וועל איך מוזן וואַרטן ?

— דער זיידע אַליין האָט געשריבן, אַז נישט לענגער, ווי אַ האַלב יאָר.

— כ'וועל פאַרדאַרט ווערן ביז דאַמאָלס, ווי אַ האָלץ־שפענדל. אָבער לאָמיר שוין נישט בייז זײַן. דאָס גנעדיקע פרײַלין האָט שוין געגומען אויף מיר אַזוי בייז קוקן, ווי אויף אַ זינדיקן, גאָלדענער קעניג מײַנער ! וואָס בין איך שולדיק, אַז איך האָב שוין אַזאַ טבע : אַז עס כאַפּט מיך אָן דער כעס אויף עמעצן, וואָלט איך אים צעריסן, און ווען ער גייט אַריבער, וואָלט איך אים צו־געיפגעבייט !

— אַ מורא מיט אַזאַ איינעם צו לעבן — האָט אָלענקאַ שוין פרײַלעכער זיך אָנגערופן.

— נו ! צום געזונט פון פרײַלין ! אַ גיטער ווײַן איז דאָס, און בײַ מיר זענען אַ שווערט און ווײַן דער עיקר. וואָס פאַר אַ מורא איז מיט מיר צו לעבן ? דאָס גנעדיקע פרײַלין וועט מיך מיט אירע אייגעלעך אין די גענץ פאַרנאַרן און אין אַ שקלאַף פאַר־וואַנדלען, מיך, וואָס איך האָב קיינעמס שליטה איבער זיך נישט געוואָלט אַריבערטראָגן. אָט וואָלט איך אויך איצט בעסער וועלן אויף אייגענער אחריות גיין מיט אַ פּולק, אײדער די הערן העט־מאַנס זיך אונטערוואַרפן. . . גאָלדענער קעניג מײַנער ! אויב עס געפעלט דיר נישט עפעס אין מיר, זיי מיר מוחל, ווײַל איך האָב זיך געלערנט דרך־ארץ בײַ די האַרמאַטן און נישט אין פרויען־שטיבן — אין זעלנערישן טומל און נישט בײַ דער פּלייט. אונדזער געגנט דאָרט איז אַן אומרויִקע, די שווערט פון דער האַנט נישט אַרויסצולאָזן, דערפאַר טאַקע, אַז איינער איז דאָרט אַפילו פאַרמשפט פאַר רציחות, אַז ער ווערט אַפילו געראַטעוועט דורך אַ פּסק־דין — מאַכט דאָס נישט אויס ! די מענטשן שעצן אים, אַבי נאָר ער זאָל האָבן

ריטערלעכן מוט. מיינע חברים, אַ שטייגער, וועלכע וואָלטן אַנ־דערש־ווו שוין לאַנג אין תפיסות געזעסן, זענען פונדעכטוועגן חשובע ריטער. אפילו די ווייבער גייען בײַ אונדז אין עטיוול און טראָגן שווערטן און פירן אָן מיט פּאַרטיעס, ווי עס האָט געטון די האַרין קאָקאָשינסקאַ, די מומע פון מיין פּאַרוטשניק, וועלכע איז איצט געפאַלן מיט אַ ריטערלעכן טויט, און איר ברודערזון האָט אונטער מיין קאָמאַנדע פאַר איר נקמה גענומען, הגם ער האָט זי בײַם לעבן נישט ליב געהאַט. ווו זאָלן דאָרט דעם הויפישן לעבנס־שטייגער לערנען אַפילו די גרעסטע שררות? אָבער דאָס איינע פאַרשטייען מיר: איז אַ מלחמה — דאַרף מען זיך שטעלן, איז אַ סיימיק — דאַרף מען מאַכן קולות, און אַז די צונג פועלט נישט — דאַרף מען זיך נעמען צו דער שווערט! אַזעלכן האָט דער פאַרשטאָרבענער קאָמערהער מיך דערקענט און אַזעלכן האָט ער פאַרן גנעדיקן פריילין אויסגעקליבן!

— איך האָב תמיד גערן געפאָלגט דעם זיידנס רצון — האָט דאָס מיידל געענטפערט, אַראָפּלאָזנדיק די אויגן.

— איב אַזוי, דערלאַנג נאָכאַמאָל די הענטלעך צום קושן, מיין זיס מיידל! כ׳שווער בײַ גאָט, האָסט זיך מיר שטאַרק אין האַרצן איינגעבאַקן! די געפילן האָבן מיך אַזוי באַגוועלטיקט, אַז איך ווייס נישט, ווי אַזוי כ׳וועל טרעפן קיין לוביטש, וועלכע כ׳האָב נאָך נישט געזען.

— כ׳וועל אייך געבן אַ באַגלייטער...

— ניי, כ׳וועל זיך באַגיין אָן אים... כ׳בין שוין געוווינט צו שלעפן זיך אין די נעכט. כ׳האָב אַ יינגל פון פּאָניעוויעזש, וועלכער דאַרף קענען דעם וועג. און דאָרט וואַרט אויף מיר קאָקאָשינסקי מיט די חברים... גרויסע פריצים זענען בײַ אונדז די קאָקאָשינסקיס, וואָס חתמענען זיך פּיפּקאַ... אים האָט מען אומשולדיק פאַר אומווירדיק אויסגערופן דערפאַר, וואָס ער האָט דעם הער אָרפּישעווסקי דאָס הויז פאַרברענט און אַ מיידל פאַרכאַפּט, און די מענטשן אויסגעקוילעט... אַ חשובער אָפיציר!... דערלאַנג־זשע נאָכאַמאָל די הענטלעך. שוין צייט, זע איך, צו פאָרן!

דאָ האָט לאַנגזאַם גענומען שלאָגן האַלבע נאַכט אויפן גרויסן דאַנציגער זייגער, וואָס איז געשטאַנען אין דער עסשטוב.

— באַ גאָט! שוין צייט! צייט! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן — איך וועל דאָ שוין גאָרנישט אויפטון! האָסטו מיך כאָטש אַ ביסעלע ליב?

— אַ צווייט מאָל וועל איך זאָגן. איר וועט דאָך מיך מסתמא באַזוכן?

— יעדן טאָג! סיידן די ערד וועט זיך אונטער מיר שפּאַלטן, אַז צעהאַקן זאָל מען מיך!...

באַ דידאַזיקע ווערטער האָט זיך קמיטשיץ אויפגעשטעלט און זיי זענען ביידע אַרויס אין פּאָדערהויז. דער שליטן האָט שוין געוואַרט פאַרן גאַנעק, ער האָט זיך דעריבער אָנגעטון דעם פּעלץ און גענומען זיך געזעגענען, בעטנדיק, אַז זי זאָל צוריקגיין אין שטוב, ווייל פון גאַנעק בלאָזט אַ קעלט.

— אַ גוטע נאַכט, ליבע קעניגין — האָט ער געזאָגט — שלאָף געשמאַק, ווייל איך וועל אוודאי קיין אויג נישט צוטון, טראַכנדיק וועגן דיין שיינקייט!

— איר זאָלט נאָר נישט עפּעס מיאוסעס דערזען. אָבער בעסער וויל איך אייך געבן אַ מענטש מיט אַ פייער־פאַן, ווייל באַ וואָלמאָנטאָוויטשע פּגלן אויך קיין וועלף נישט.

— און וואָס בין איך עפּעס אַ ציג, אַז איך זאָל פאַר וועלף מורא האָבן? אַ וואָלף איז דעם זעלבער אַ גוטער פרייַנט, ווייל ער באַקומט אָפּט חיוגה פון זיין האַנט. מ׳האָט אויך מיטגענומען אַ ביקסל אין שליטן. אַ גוטע נאַכט, טייערסטע, אַ גוטע נאַכט!

— מיט גאָט!

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט אָלענקאַ זיך צוריקגעצויגן און הער קמיטשיץ איז אַוועק צום גאַנעק. אָבער אויפן וועג, אין דער שפּאַרע פון דער אַ ביסל אויפגעמאַכטער טיר צו דער שטוב פון דער דינערשאַפט, האָט ער דערזען אויגן פון אַ פּאָר מיידלעך, וועלכע האָבן זיך נישט געלייגט שלאָפן, כּדי אויף אים נאָכצומאַכ...

צו כאַפּן אַ קוק. זיי האָט הער אַנדזשעי אויפֿן זעגנערישן שטייגער געשיקט אַ קוש פֿון מויל מיט דער האַנט און איז אַרויסגעגאַנגען. אין אַ ווײַלע אַרום האָט אַ קלינג געטון דאָס גלעקל און עס האָט גענומען מיט אַמאָל קלינגען אויף אַ קול, דערנאָך וואָס אַמאָל שוואַכער און שוואַכער, ביז עס איז אַנטשוויגן געוואָרן.

שטיל איז געוואָרן אין וואַדאַקטי, אַז די דראָזיקע שטילקייט האָט אונדז פֿאַרחידושט דאָס פֿרײַלין אַלעקסאַנדראַ; אין אירע אויערן האָבן נאָך געקלונגען הער אַנדזשעיס ווערטער, זי האָט נאָך געהערט זײַן האַרציק, פֿרײלעך געלעכטער און פֿאַר די אויגן איז נאָך געשטאַנען דאָס שיינע געשטאַלט פֿון יונגנמאַן. און איצט, נאָכן דאָזיקן שטורם פֿון ווערטער, געלעכטער און פֿרײלעכקייט, איז אײַנגעטרעטן עפּעס אַ משונהדיקע שטילקייט. דאָס מיידל האָט אָנגעשטעלט די אויערן, צי זי וועט נישט דערהערן כאָטש דאָס גלעקל פֿון שליטן. אָבער ניין! עס האָט שוין געקלונגען דאָרט ערגעץ אין די וועלדער, בײַ וואָלמאַנטאָוויטשע. אַ שטאַרק בענקעניש האָט דעריבער אָנגעכאַפּט דאָס מיידל — און זי האָט זיך קיינמאָל נישט געפֿילט אַזוי איינזאַם אויף דער וועלט.

נעמענדיק לאַנגזאַם אַ ליכט, איז זי אַריבער אין שלאָפֿשטוב און אַנידערגעקניט צו דער אָוונט־תּפֿילה. זי האָט זי אָנגעהויבן אפֿשר פֿינף מאָל, ביז זי האָט אַלע מיט דער געהעריקער כּוונה אָפּגעזאָגט. אָבער דערנאָך האָבן אירע געדאַנקען, ווי אויף פֿליגל, זיך אַ לאָז געטון צו יענעם שליטן און צו יענער געשטאַלט, וואָס איז אין אים געזעסן... אַ וואַלד פֿון איין זײַט, אַ וואַלד פֿון דער צווייטער זײַט. אינדערמיט אַ ברייטער וועג, און ער פֿאָרט זיך... הער אַנדזשעי! דאָ האָט זיך אַלענקאַ אויסגעדאַכט, אַז זי זעט, ווי אויף דער וואָר, די געלע טשופּרינע. די גרויסע אויגן און דאָס לאַכנדיקע מויל, אין וועלכן עס האָבן געפֿינקלט ווײַסע ציין, ווי בײַ אַ הינטל. דאָס ערנסטע פֿרײַלין וואָלט שוין מער נישט געקענט לייקענען, אַז יענער צעלאָזענער ריטער איז איר שרעקלעך געפֿעלן געוואָרן. ער האָט זי נאָר אַ ביסל באַאומרויִקט, אַ ביסל איבערגעשראָקן, אָבער דערבײַ אויך צוגעצויגן טאַקע

דורך יעגעם מוט, דורך יעגער לוסטיקער פרייקייט און אָפנהאַר־ציקייט. זי האָט זיך אַזש פאַרשעמט, וואָס ער איז איר געפעלן בּצוואָרן אפילו מיט זיין גדלות, ווען ער האָט רעדנדיק וועגן די אפּוטרופּסים אויפגעהויבן דעם קאָפּ, ווי אַ טערקיש פערד און געזאָגט: „אפילו די ראַדזיווילס ככבודם ובעצמם האָבן דאָ גאָרנישט וואָס אַריינצורעדן"... דאָס איז נישט עפּעס אַ ווייבער־באַר, דאָס איז אַן אמתר מאַנסביל! — האָט דאָס פריילין צו זיך געזאָגט. — דאָס איז אַ זעלנער, פון די, וואָס דער זיידע האָט צום מיינסטן ליב געהאַט... און ס'איז טאַקע כּדאַי!

אַזוי האָט דאָס מיידל געטראַכט — און דערביי האָט זי זיך דאָ געפילט אַזוי גליקלעך, און דאָ איז זי געוואָרן אומרויק, עפּעס אַזוי אָנגענעם אומרויק. דערנאָך האָט זי זיך גענומען אויסטון, אָבער דאָ האָט די טיר אַ סקריפּ געטון און עס איז אַריינגעקומען די מומע קולוויעץ מיט אַ ליכט אין דער האַנט.

— שרעקלעך לאַנג זענט איר געזעסן! — האָט זי געזאָגט — כ'האָב אייך נישט געוואָלט שטערן, כּדי איר זאָלט צום ערשטן מאָל אַליין זיך אויסטענהן. ער ווייזט אויס צו זיין אַ העפלעכער ריטער. און ווי געפעלט ער דיר?

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט נישט באַלד אָפּגעענטפערט, זי איז נאָר מיט די שוין באַרוועסע פיסלעך צוגעלאָפן צו דער מומען, איר אַרויפגעוואָרפן די הענט אויפן האַלדז, און אַרויפלייגנדיק איר העלן קאָפּ אויף איר ברוסט, האָט זי געזאָגט מיט אַ צערטלעכער שטים:

— מומעשי, אַי, מומעשי!

— אַהאַ! — האָט דאָס אַלטע פריילין אַ ברום געטון, אויפהייבנדיק די אויגן און דאָס ליכט אינדערהייך.

קאַפּיטל 2.

ווען הער אַנדזשעי איז צוגעפאָרן צום הויף אין לוביטש, האָבן די פענסטער דאָרט געברענט און אַ געפילדער האָט זיך פון זיי דערטראָגן אַזש אין הויף. דערהערנדיק אַ געקלאַנג, איז די דינערשאַפט אַרויסגעלאָפן פאַרן פּאָדערהויז, צו באַגריסן דעם האַר, ווייל זי האָט געוווּסט פון אַנדזשעיס חברים, אַז ער וועט אָנקומען. זי האָט אים באַגריסט הכנעהדיק, קושנדיק אין די הענט און אונטערהייבנדיק באַ די פּיס. דער אַלטער הויף־כאַרוואַל־טער זניקיס איז געשטאַנען אין פּאָדערהויז מיט ברויט און זאַלץ און זיך טיף גענייגט; אַלע האָבן אומרויִק און נייגעריק געקוקט, וואָס פאַר אַ פּנים דער נייער האַר האָט. און ער האָט געוואָרפן אַ בייטל מיט טאַלערס אויף די טאַץ און ווען די חברים זיך געפרעגט, אַ פאַרחידושטער, וואָס קיינער איז נישט אַרויס מקבל־פּנים זיין דעם גנעדיקן האַר.

אָבער זיי האָבן נישט געקענט אַרויסגיין, ווייל שוין דריי שעה זענען זיי געזעסן באַם טיש און געטרונקען און אפשר גאָר נישט דערהערט דאָס קלינגען פון די גלעקלעך הינטערן פענ־

סטער. ווען ער איז אָבער אַריין אין שטוב, האָט זיך פון אַלע-
מענס ברוסטן אַרויסגעריסן אַן אויסגעשריי: „דער יורש! דער
יורש איז געקומען!" ון אַלע חברים זענען אויפגעשפרונגען פון
די ערטער און גענומען צוגיין צו אים מיט די בעכערס. ער ווי-
דער האָט זיך אָנגענומען בא די זייטן און געלאַכט, דערקענענ-
דיק, ווי זיי האָבן זיך שוין אַן עצה געגעבן אין זיין הויז
און באַוויזן זיך אָנצושיכורן נאָך איידער ער איז געקומען. ער
האָט געלאַכט, וואָס אַמאָל שטאַרקער, זעענדיק, אַז זיי קערן אי-
בער די שטולן אויפן וועג, ווי זיי וואַקלען זיך און מאַכן תנועות
פון שכורים. דער ערשטער איז געגאַנגען דער ריזיקער הער יאַ-
ראָמיר קאָקאָשינסקי, וואָס האָט זיך געחתמעט פּיפּקאַ, אַ באַרים-
טער זעלבער און מחלוקת-אָנמאַכער, מיט אַ שרעקלעכן שראַם אי-
בערן שטערן, אויג און באַק, מיט איין וואָנסע אַ קירצערע און
איינע אַ לענגערע, אַ פּאַרוטשניק און פריינט פון הער קמיטשיץ,
„אַ חשובער חבר", וואָס איז פאַרמשפּט געוואָרן צו פאַרלירן די
ערע און דעם קאָפּ אין סמאָלענסק פאַר פאַרכאַפּן אַ מיידל, פאַר
רציחה און אונטערצינדונג. איצט האָט אים באַשיצט די מלחמה
אין די פּראָטעקציע פון הער קמיטשיץ, וועלכער איז מיט אים גע-
ווען אין איין עלטער, און זייערע גיטער אין אָרשער קאַנט, כּל-
זמן הער יאַראָמיר האָט זיי נאָך נישט געהאַט פאַרהוליעט, זענען
געלעגן נאָענט איינע פון די אַנדערע. ער איז איצט געגאַנגען,
האַלטנדיק אין די האַנט אַ גרויסן בעכער. הינטער אים איז גע-
גאַנגען הער ראַניצקי, פון הערב „סוכע קאָמנאַטי". ער האָט גע-
שטאַמט פון דער מסטיסלאַווער וואָיעוואָדסטווע, פון וועלכער ער איז
פאַרטריבן געוואָרן פאַר דערהרגענען צוויי שליאַכטשיצעס. איינעם
האָט ער אין אַ דועל געממיתט, דעם צווייטן אין אַ קאַמף פון אַ
ביקס דערשאָסן. קיין פאַרמעגן האָט ער נישט געהאַט, הגם ער
האָט שטיפמוטערלעכע ערד נאָך די עלטערן געירשנט. די מלחמה
האָט אים אויך געשיצט פאַרן תלין. אַ מחבל איז דאָס געווען אין
האַנט-געפעכט, אַז ער האָט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט. דער
דריטער נאָך דער ריי איז געווען רעקוטש לעליוואַ, וועלכער האָט
אויף זיין געוויסן קיין שפיכת-דמים נישט געהאַט, סיידן פיינטלע-

כע. זיין פאַרמעגן האָט ער דערפאַר פאַרשפּילט אין ווערפל און פאַרשיכורט, און צייט דריי יאָר האָט ער זיך צום הער קמיטשיץ צוגעקלעפּט. מיט אים איז געגאַנגען הער אוהליק, אויך אַ סמאַלעג־סקער, וועלכער איז פאַר צעטרייבן דעם טריבונאַל אויסגערופן גע־וואָרן פאַר אומווירדיק און פאַרמשפּט געוואָרן צום טויט. הער קמיטשיץ האָט אים געשיצט דערפאַר, ווייל ער האָט שיין געשפּילט אויף אַ פייפל. אַ חוץ זיי איז אויך געווען הער קולוויעץ־היפּאָ־צענטאַורוס, פון דעמזעלבן ריזיקן וווקס, וואָס קאַקאָשינסקי, אָבער אין גבורה האָט ער אים נאָך איבערגעשטיגן — און זענד, דער רייטער, וועלכער האָט געקענט נאָכמאַכן חיות און אַלערליי פייגל, אַ מענטש פון אַן אומזיכערער אָפּשטאַמונג, הגם ער האָט זיך פאַר אַ קורלענדישן שליאַכטשיץ אָנגעגעבן; אַליין אָן פאַר־מעגן, האָט ער די פערד בײַ קמיטשיצן דרעסירט און דערפאַר באַקומען שכירות.

זיי אַלע האָבן אַרומגערינגלט דעם לאַכנדיקן הער אַנ־דזשעי; קאַקאָשינסקי האָט אויפגעהויבן דעם בעכער איבערהייך און געזונגען:

> טרינק אויס מיט אונדז, טרינק, ליבער ווירט,
> ליבער ווירט!
> הלוואי דו זאָלסט מיט אונדז אייביק טרינקען,
> אייביק טרינקען!

די איבעריקע האָבן מיטגעזונגען און דערנאָך האָט הער קאַקאָשינסקי דערלאַנגט קמיטשיצן דעם בעכער, און אים אַליין האָט הער זענד באַלד געגעבן אַן אַנדערן בעכער.

קמיטשיץ האָט אויפגעהויבן דעם בעכער און אויסגע־שריגן:

— פאַרן געזונט פון מיין מיידל!

— זאָל לעבן! זאָל לעבן! — האָבן אַלע געשריגן, אַז די שויבן האָבן אַזש גענומען זיך טרייסלען אין די בלייערנע ראַ־מען.

— זאָל לעבן! עס וועט אַריבער דער טרויער, וועט זיין אַ חתונה!

עס האָבן זיך גענומען שיטן שאלות:

— און ווי זעט זי אויס? העי! יעגדרוש! זייער אַ שיינע? איז זי אזאַ, ווי דו האָסט דיר פאָרגעשטעלט? איז פאַרהאַן נאָך אַזאַ איינע אין אַרשע?

— אין אַרשע? — האָט קמיטשיק אויסגערופן — די אַרשער מיידלעך מעגן באַ איר די שיך פוצן!... צו אַלדי רוחות! נישטאָ נאָך אַזאַ איינע אויף דער וועלט!

— דאָס האָבן מיר פאַר דיר געוואָלט! — האָט הער ראַניצקי געענטפערט — נו, און ווען וועט זיין די חתונה?

— אַז דער טרויער וועט זיך ענדיקן.

— וואָס מיר טרויער! קינדער וועלן נישט געבוירן שוואַרצע, נאָר ווייסע!

— אַז עס וועט זיין אַ חתונה, וועט נישט זיין קיין טרויער. אייל דיך, יעגדרוש!

— אייל דיך, יעגדרוש! — האָבן אַלע צוזאַמען גענומען שרייען.

— די אַרשער כאַראַנזשעלעך ציט שוין פון הימל צו דער ערד אַראָפּ! — האָט קאָקאָשינסקי אַ געשריי־געטון.

— לאָז נישט וואַרטן די אומגליקלעכע באַשעפענישן!

— גבעדיקע הערן! — האָט רצקוטש־לעליוואַ געזאָגט מיט אַ דינער שטים — מיר וועלן זיך אָנטרינקען אויף דער חתונה, אַז מיר וועלן טויט־שכור ווערן!

— מיינע טייערע לעמעלעך! — האָט קמיטשיק געענטפערט — לאָזט מיך אָפּ, אָדער בעסער געזאָגט: גייט צו אַלדי רוחות, לאָזט מיך כאַפּן אַ קוק אויף מיין הויז!

— דאָס גייט נישט! האָט אוהליק געענטפערט — מאָרגן וועסטו קוקן, און איצט צוזאַמען מיט אונדז צום טיש: עס שטייען נאָך דאָרט אַ פּאָר פלאַשן מיט פולע בייכער.

— מיר האָבן דאַ שוין פאַר דיר געקוקט. אַ טייערע

פרי איז דאָסדאָזיקע לוביטש! — האָט ראַניצקי זיך אָנגע־רופן.

— אַ גוטע שטאַל! — האָט זענד אויסגערופן — פאַראַן צוויי טאַטערישע פערד, צוויי אויסגעצייכנטע הוזאַרישע פערד, אַ פאָר זשאַמעטער און אַ פאָר קאַלמיקן און פון אַלעם צו אַ פאָר, ווי די אויגן אין קאָפּ. די בהמות וועלן מיר מאָרגן זען.

דאָ האָט זענד אַ הירזשע־געטון, ווי אַ פערד, און אַלע האָבן זיך געחידושט, וואָס ער מאַכט אַזוי גוט נאָך, און גע־לאַכט.

— אַזאַ אָרדנונג איז דאָ? — האָט דער דערפרייטער קמי־טשיץ געפרעגט.

— און דאָס קעלערל איז אויך נישקשה — האָט רעקוטש אַ פישטשע־געטון — פעכיקע קריגן און פאַרשימלטע פלאַשן שטייען אויסגעסדרט ווי זעלנער.

— אַ דאַנק גאָט! לאָמיר זיך זעצן צום טיש!

— צום טיש! צום טיש!

אָבער קוים האָבן זיי זיך געזעצט און אָנגעגאָסן די בעכערס, ווי ראַניצקי האָט זיך ווידער אויפגעשטעלט.

— פאַרן געזונט פון קאָמערהער בילעוויטש!

— שוטה! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן — ס'טייטש? פאַרן געזונט פון אַ בר-מינן טריבקסטו?

— שוטה! — האָבן די איבעריקע איבערגעחזרט — פאַרן געזונט פון באַלעבאָס!

— פאַר אייער געזונט!

— עס זאָל אונדז זיין מיט מזל אין דאָזיקן הויז!

קמיטשיץ האָט אומגערנווילִיק אַ וואָרף געטון אַ בליק אי־בער דער עס־שטוב און דערזען אויף דער פון עלטקייט שוואַרץ־געוואָרענער הילצערנער וואַנט אַ ריי פון שטרענגע אויגן, געווענדט צו אים. דידאָזיקע אויגן האָבן געקוקט פון די אַלטע פאָרטרעטן פון די בילעוויטשס, וואָס זענען געהאָנגען נידעריק, צוויי איילן פון דער ערד, ווייל די וואַנט איז אויך געווען אַ נידעריקע, איבער די

בילדער, אין אַ לאַנגער, גראַדער שורה, זענען געהאָנגען שאַרבנס פון פאַרשידענע חיות, אין קרוינען פון הערנער, מאַנכע פון זיי זענען שוין שוואַרץ געווען, אפנים פון עלטקייט, און מאַנכע האָבן געבלענדט מיט זייער ווייסקייט. אַלע פיר ווענט זענען מיט זיי געווען באַהאָנגען.

— אַ יאַגד מוז דאָ זיין אַן אויסגעצייכנטער, ווייל איך זע אויך חיות אַ סך — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— שוין מאָרגן וועלן מיר פאָרן, אָדער איבערמאָרגן. מ'דאַרף אויך מיט דער געגנט זיך באַקענען, — האָט קאָקאָשינסקי זיך אָנגערופן — ווייל איז דיר, יענדרוש, וואָס דו האָסט ווי דעם קאָפּ אָוועקצולייגן!

— נישט אַזוי ווי מיר! — האָט ראַניצקי אַ קרעכץ געטון.

— לאָמיר אויסטרינקען צום טרייסט! — האָט רעקוטש געזאָגט.

— ניין! נישט צום טרייסט! — האָט קולוויעץ־היפּאָצענטאַרס געענטפערט — נאָר נאָך אַמאָל פאַר יענדרושס געזונט, פאַרן געזונט פון אונדזער געליבטן ריטמייסטער! ער האָט דאָס, מיינע גנעדיקע הערן, געגעבן אונדז אַ מקום־מקלט דאָ אין ליביטש, אונדז אָרימע גלות־אָפיצירן, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ.

— ער איז גערעכט! — האָבן אַ פּאָר שטימען אויסגערופן — קולוויעץ איז גאָרנישט אַזאַ נאַר, ווי מען מיינט.

— ביטער איז אונדזער מזל! — האָט רעקוטש געפּישטשעט — אויף דיר ליגן מיר אַרויף אונדזער האָפנונג, אַז דו וועסט אונדז אָרימע יתומים פאַר דער טיר נישט אַרויסוואַרפן.

— לאָזט צורו! — האָט קמיטשיק געזאָגט — וואָס מיין, איז אויך אייער!

דאָ זענען אַלע אויפגעשטאַנען פון זייערע ערטער און אים גענומען אין די אָרעמס. טרערן פון גערירטקייט זענען גערונען איבער די שטרענגע פּנימער פון די דאָזיקע שיכּורים.

— דו ביסט אונדזער גאַנצע האָפענונג, יענדרוש! — האָט קאַקאָשינסקי געשריגן — לאָז אונדז כאָטש אויף אַרבעס־שטרוי שלאָפן, אַבי נישט פאַרטרייבן!

— לאָזט צורו! — האָט קמיטשיץ איבערגעזחורט.

— פאַרטרייב נישט, מ׳האָט אונדז שוין פאַרטריבן, אונדזערע שליאַכטשיצעס און יחסנים! — האָט אוהליק יאָמערלעך געבעטן.

— צו אַלדי שוואַרצע יאָר! ווער טרייבט אייך? עסט, טרינקט, וואָס, צום טייוול, ווילט איר?

— בייזער דיך נישט, יענדרוש — האָט געזאָגט ראַניצקי און אויף זיין פנים זענען אַרויסגעטרעטן פלעקן, ווי אויף דער הויט פון אַ לוקס — בייזער דיך נישט, יענדרוש, מיר זענען פאַרלוירן אָן תקומה...

דאָ האָט ער איבערגעהאַקט, צוגעלייגט אַ פינגער צום שטערן, גלייך ווי ער וואָלט דעם מוח אָנגעשטרענגט, און מיטאַמאָל האָט ער געזאָגט, אַ קוק טוענדיק מיט קעלבערנע אויגן אויף די בייגעוועזענע:

— סיידן, דאָס מזל וועט זיך ענדערן!

און אַלע האָבן באַלד אַ געשריי געטון אין כאָר:

— פאַרוואָס זאָל עס זיך נישט ענדערן!

— מיר וועלן נאָך פאַר אונדזערע עוולות באַצאָלן!

— און צו פאַרמעגן זיך דערשלאָגן.

— און צו כבוד!

— די אומשולדיקע בענטשט גאָט. די גערעכטיקייט איז אויף אונדזער זייט, גנעדיקע הערן!

— פאַר אייער געזונט! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— הייליק זענען דיינע ווערטער, יענדרוש — האָט קאַקאָשינסקי געענטפערט, אונטערשטעלנדיק אים זיינע דיקע באַקן — הלוואי עס זאָל אונדז מזלדיקער זיין!

מ׳האָט גענומען טרינקען אָן אויפהער, אַז פון די טשופּריגעס האָט געשלאָגן אַ פאַרע. אַלע האָבן זיי געפלוידערט מיטאַמאָל, אין יעדער האָט נאָר זיך אַליין געהערט, אַ חוץ הער רעקוטשן, וועלכער האָט דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף די ברוסט און

געדרעמלט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט קאָקאַשינסקי גענומען זינגען, הער אוהליק האָט אַרויסגענומען פֿון בוזעם אַ פֿײַפֿל און אים גענומען באַגלייטן, און הער ראַניצקי, אַ גרויסער פֿעכט־מײַסטער, האָט מיט דער בלויזער האַנט געפֿעכטעט מיט אַ פֿאַרהוילענעם קעגנער, איבערחזרנדיק אין דער שטיל:

— דו אַזוי, איך אַזוי! דו שנײַדסט, איך דערלאַנג אַ פּאַך! איינס! צוויי! דרײַ! — שאַך!

דער ריזיקער קילוויעץ היפּאָצענטאַורוס האָט אויסגעגלאָצט די אויגן און אַ געוויסע צײַט זיך פֿלײַסיק צוגעקוקט צו ראַניצקין, צום סוף האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

אַ נאַר ביסטו! ווי פֿעכט זאָלסט נישט פֿאָכען, וועסטו קמיטשיצן פֿונדעסטוועגן אויף שוועדן נישט בײַקומען.

— ווײַל אים וועט קיינער נישט בײַקומען, אָבער דו פּרוּוו!

— אויך מיט מיר וועסטו אויף פּיסטאָלעטן נישט געווינען.

— אויף אַ דוקאַט אַ שאָס!

— אויף אַ דוקאַט! און ווו און אין וואָס?

ראַניצקי האָט זיך אַרומגעקוקט, צום סוף האָט ער אויסגעשריגן, אָנטײַטנדיק אויף די שאַרבנס:

— אין די הערנער! אויף אַ דוקאַט!

— אויף וואָס? — האָט קמיטשיץ געפֿרעגט.

— אין די הערנער! אויף צוויי דוקאַטן! אויף דרײַ! דערלאַנגט פּיסטאָלעטן!

— מסכּים! — האָט הער אַנדזשעי אַ געשריי געטאָן — זאָל זײַן אויף דרײַ. זענד! גאָך פּיסטאָלעטן!

אַלע האָבן גענומען וואָס אַמאָל העכער שרייען און דינגען זיך, דערווײַל איז זענד אַרויס אין פֿאָדערהויז און אין אַ קורצער ווײַלע אַרום איז ער צוריקגעקומען מיט פּיסטאָלעטן, אַ זאַק קוילן און אַ האָרן מיט פּולווער.

ראַניצקי האָט געכאַפּט אַ פּיסטאָלעט.

— אַנגעלאָדן? — האָט ער געפרעגט.

— אַנגעלאָדן!

— אויף דריי! פיר! פינף דוקאַטן! — האָט געמאַכט קולות דער בגילופינדיקער קמיטשיץ.

— שטיל! וועסט נישט טרעפן, וועסט נישט טרעפן!

— כ׳וועל טרעפן, קוקט!... אָך! און דער שאַרבן, צווישן די הערנער... איינס, צוויי...

אַלע האָבן געווענדט די אויגן אויפן מעכטיקן שאַרבן, וואָס האָט געהאָנגען קעגנאיבער ראַדזיצקין, און ער האָט אויסגעצויגן די האַנט. דער פיסטאָלעט האָט זיך אים געוואַקלט אין דער האַנט.

— דריי! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן.

אַ שאָס האָט אַ קנאַל-געטון, די שטוב איז פול געוואָרן מיט פולווער-רויך.

— נישט געטראָפן, נישט געטראָפן! אָט, ווו דאָס לאָך איז! — האָט קמיטשיץ געשריגן, און ווייזנדיק מיט דער האַנט אויף די טונקעלע וואַנט, פון וועלכער די קויל האָט אָפגעשפּאָלטן אַ העלערן שפּאָן.

— ביז צוויי מאָל אַ שטיק!

— ניין! לאָז מיך! — האָט קמיטשיץ געשריגן.

אין דער רגע איז אויפן הילך פון שאָס אַריינגעפאַלן די איבערגעשראָקענע דינערשאַפט.

— אַוועק! אַוועק! — האָט קמיטשיץ געשריגן — איינס! צוויי! דריי!...

ווידער האָט אַ קנאַל-געטון אַ שאָס און דאָס מאָל האָבן שפּליטערס זיך אַ שאָט-געטון פון די ביינער.

— גיט אונדז אויך פיסטאָלעטן! — האָבן אַלע אויף אַ מאָל אויסגעשריגן.

און אויפכאַפנדיק זיך פון די ערטער האָבן זיי מיט די פויסטן גענומען האַקן די דינער איבער די קאַרקן, אַז זיי זאָלן זיך צואיילן. ס׳איז נישט אַריבער קיין פערטל שעה, ווי די גאַנ-

צע שטוב האָט געדונערט פון דער שיסערײַ. אַ רויך האָט פאַרשטעלט די שײַן פון די ליכט און די געשטאַלטן פון די שיסער. דעם געקנאַל פון דער שיסערײַ האָט באַגלייט די שטים פון זעגדן, וועלכער האָט געקראַקעט ווי אַ וואָראָנע, געיאָמערט ווי אַ סאָקאָל, געהײַלט ווי אַ וואָלף, געריטשעט ווי אַן אָקס. יעדע ווײַלע האָט אים איבערגעהאַקט אַ געפײַף פון קײַלן; שפּליטער זענען געפלויגן פון די שאַרבנס, שפּענער פון די ווענט און פון די ראַמען פון די פּאָרטרעטן; אין דער מהומה האָט מען דורכגעשאָסן אויך די בילעוויטשעס, און אַרײַנפאַלנדיק אין רציחה האָט ראַניצקי זיי געשניטן מיט דער שווערט.

די פאַרחידושטע און אָנגעשראָקענע דינערשאַפט איז געשטאַנען ווי מטושטש, קוקנדיק מיט אויסגעגלאָצטע אויגן אויף די דאָזיקע פאַרווילונג, וועלכע איז ענלעך געווען אויף אַ טאַטערישן אָנפאַל. די הונט האָבן גענומען הײלן און בילן. דאָס גאַנצע הויז האָט זיך געשטעלט אויף די פיס. אויפן הויף האָבן זיך צונויפגעקליבן קופּקעלעך מענטשן. די הויפישע מיידלעך זענען צוגעלאָפן צו די פענסטער, צוגעלייגט די פּנימער צו די שויבן און צודריקנדיק די נעז, האָבן זיי געקוקט, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק.

עס האָט זיי צום סוף דערזען הער זענד; ער האָט אַזאַ מוראדיקן פײַף געטון, אַז אין אַלעמענס אויערן האָט אַזש אָפּגעהילכט, און דערנאָך האָט ער אויסגעשריגן:

— גנעדיקע הערן! מיידלעך הינטער די פענסטער! מיידלעך!

— מיידלעך! מיידלעך!

— אַהער! לאָמיר טאַנצן! — האָבן ווילדע קולות געשריגן.

דאָס שיכורע געזינדל איז אַ שפּרונג געטון דורכן פאָדערהויז אויפן גאַנעק אַרויס. די פראָסט האָט ניט אויסגעניכטערט די פאַרשאַדעטע מוחות. די מיידלעך זענען, מאַכנדיק קולות ביזן הימל אַרײַן, זיך צעלאָפן איבערן גאַנצן הויף; זיי ווידער האָבן זיי נאָכגעיאָגט און יעדעס געכאַפּטע מיידל אָפּגעפירט אין שטוב,

אין אַ ווילדע אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַ טאַנצן צווישן רויך, שפּליטערס פון ביינער, שפּענער, אַרום טיש, אויף וועלכן דער אויסגעגאָסענער ווײַן האָט געבילדעט אַ גאַנצע אָזיערע.

אַזוי האָט זיך פאַרווײַלט אין לוביטש הער קמיטשיץ און זײַן ווילדע קאַמפּאַניע.

קאַפּיטל 3.

אין משך פון די ווייטערדיקע פאַר טעג איז הער אַנדזשעי יעדן טאָג געווען אין וואָדאָקטי און יעדן טאָג איז ער צוריקגעקומען מער פאַרליבט, און וואָס אַמאָל מער האָט ער באַוווּנדערט זיין אָליונקאַ. פאַר די חברים האָט ער זי אויך געלויבט ביזן הימל אַריין, ביז ער האָט אין אַ געוויסן טאָג צו זיי געזאָגט:

— מיינע ליבע לעמעלעך, איר וועט היינט פאָרן זיך פאַרנייגן, און דערנאָך האָבן מיר אָפּגערעדט מיטן מיידל, אַז מיר וועלן אַלע זיך אַרויסלאָזן קיין מיטרוגי, אין שליטנס זיך דורכפאָרן אין די וועלדער און דאָסדאָזיקע דריטע גיט באַקוקן. זי וועט אונדז דאָרט אויפנעמען זייער פריינטלעך, און איר פירט זיך אויך אָנשטענדיק, ווייל איך וועל אויף קרעפּל־פלייש צעהאַקן דעם, וואָס וועט זי מיט וואָס עס איז פּוגע־בכבוד זיין...

די ריטערס זענען גערן געלאָפן זיך אָנטון, און באַלד האָבן פיר שליטנס געפירט די אויפגערוימטע יונגעלייט קיין וואָדאָקטי. הער קמיטשיץ איז געזעסן אין ערשטן, זייער אויסגעפּוצטן שליטן, וואָס האָט געהאַט דעם אויסזען פון אַ זילבערנעם בער.

עס האָבן אים געשלעפּט דריי קאַלמיקן, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן אַלס שלל, אָנגעטאָן אין פאַרביקן געשפּאַן, אין בענדלעך און פּאַווע-פּעדערן, לויט דער מאָדע אין סמאָלענסק, וועלכע די סמאָלענסקער האָבן פון זייערע שכנים איבערגענומען. עס האָט אָנגעפירט אַ דינער, וואָס איז געזעסן אין האַלדז פון בער. הער אַנדזשעי, אָנגעטאָן אין אַ גרינער סאַמעטענער בעקעשע, וואָס איז געווען פאַרשפּילעט אויף גאָלדענע שלייפלעך און אונטערגענייט מיט סויבל-פוטער, און אין אַ היטל פון סויבל-פעלץ מיט אַ קייער-פּעדער, איז געווען פריילעך, מונטער, און האָט אַזוי געזאָגט צום דערלעבן-זיצגדיקן הער קאַקאָשינסקי.

— הער, קאַקאָשקאָ! מיר האָבן זיך אין די צוויי אָוונטן צופיל געלאָזט וואויל-גיין, און באַזונדערס אין ערשטן אָוונט, ווען מיר האָבן אויסגעלאָזט דעם כעס צו די שאַרבנס און פּאָרטרעטן. אָבער די מיידלעך זענען געווען נאָך ערגער. תמיד רעדט דער שטן צו זענדן, און דערנאָך גייט עס אויס צו וועמען? — צו מיר! כ'האָב מורא, אַז די מענטשן זאָלן נישט באַרעדן, ווייל דאָ שטייט אין קאָן מיין גוטער נאָמען.

— הענג דיך אויף דיין גוטן נאָמען, ווייל צו עפּעס אַנדערש טויג ער נישט, פונקט ווי אונדזערער.

— און ווער איז שולדיק, אויב נישט איר! געדענק, קאָקאָשקאָ, אַז אין אָרשע האָט מען מיך צוליב אייך געהאַלטן פאַר אַ רוח און די ציגנער האָבן זיך אויף מיר געשאַרפט, ווי די מעסערס אויף אַ שלייף-שטיין.

— און ווער האָט דעם הער טומגראַט אויף דער פּראָסט באַ אַ פערד געשלעפּט? ווער האָט צעהאַקט יענעם קרוין-פּאָליאַק, וועלכער האָט זיך געפרעגט, צי אין אָרשע גייט מען שוין אויף צוויי פיס, אָדער נאָך אויף פיר? ווער האָט די הערן ווישינסקי, פאָטער און זון, צעמזיקט? ווער האָט דעם לעצטן סיימיק צעטריבן?

— דעם סיימיק האָב איך צעטריבן אין אָרשע, נישט ערגעץ אַנדערש-וווּ, דאָס איז אַ היימישער ענין. הער טומגראַט האָט מיר מוחל געווען בשעת יציאת-נשמה, און וואָס שייך דעם איבע

ריקן, זאָלסטו מיר נישט קיין תּוכחה זאָגן, ווייל אַ דועל קען זיך דעם אומשולדיקסטן טרעפן.

— איך האָב דאָך דיר נישט אַלץ אויסגערעכנט, איך האָב דיר אויך נישט דערמאָנט וועגן די צוויי מיליטערישע אינקוויזיציעס, וועלכע וואַרטן אויף דיר אין לאַגער.

— נישט אויף מיר, נאָר אויף אייך, ווייל איך בין נאָר אויף אַזויפיל שולדיק, וואָס כ'האָב אייך מתּיר געווען צו באַראַבעווען די בירגער. אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. האַלט ס'פּיסק, קאַקאָשקאַ, און זאָלסט אָלעבקאָן וועגן גאָרנישט דערציילן, נישט וועגן די דועלן, און נישט באַזונדערס וועגן יענער שיסעריי אין די פּאָרטרעטן און וועגן די מיידלעך. אויב ס'וועט אויסקומען, וועל איך אויף אייך די שולד אַרויפוואַרפן. די דינער און די מיידלעך האָב איך שוין אָנגעזאָגט, אַז ווער עס וועט זיך מיט אַ וואָרט אַרויסכאַפּן, וועל איך הייסן פון אים די הויט שינדן.

— אַ פערד ביסטו, יענדרוש, אויב דו האָסט אַזוי מורא פאַר אַ מיידל. אַן אַנדערער ביסטו געווען אין אַרשע. כ'זע שוין, כ'זע שוין, אַז דו וועסט זיך לאָזן פירן בײַ דער נאָז. וועלכער אַלטער פילאָזאָף זאָגט עס: „אויב נישט דו קאַכנעץ, וועט קאַכנע דיך". האָסט זיך שוין געלאָזט אײַנגאַנצן פאַנגען אין די נעץ אַריין.

— ביסט אַ נאַר, קאַקאָשקאַ! און וואָס שייך אָלעבקאָן וועסטו אויך צעטומלט ווערן, אַז דו וועסט זי דערזען, ווייל נאָך אַ מיידל מיט אַזאַ קלוגן קאָפּ וועסטו נישט געפינען. דאָס גוטע לויבט זי באַלד, און דאָס שלעכטע פאַרזוימט זי נישט צו טאַדלען, ווייל זי איז אַ צנועה און וויל, אַז אַלע זאָלן אַזוי זיין. אַזוי האָט זי שוין דער פאַרשטאָרבענער קאַמערהער אויפגעצויגן. וועסט זיך וועלן פאַר איר מיט ריטערלעכן מוט איבערגעמען און זיך רימען, אַז דו האָסט אויפן געזעץ עובר געווען, וועסטו דערנאָך חרטה האָבן: ווייל זי וועט באַלד זאָגן, אַז אַן ערלעכער בירגער דאַרף דאָס נישט טון, ווייל דאָס איז קעגן פאָטערלאַנד... אַזוי וועט זי זאָגן, און דו, ווי מ'וואָלט דיר אין פּיסק דערלאַנגט און ס'איז דיר אַ חידוש, וואָס דו האָסט דאָס פריִער אַליין נישט פאַרשטאַנען... טפו! אַ חרפּה און אַ בושה! מיר האָבן צופיל גע-

הוליעט; און איצט מוזן מיר פאַר אַ כשר און אומשולדיק מיידל די אויגן אַראָפּלאָזן... דאָס ערגסטע זענען געווען די מיידלעך!...

— זיי זענען לגמרי נישט געווען די ערגסטע. כ׳האָב געהערט, אַז די מיידלעך פון דער שכונתדיקער שליאַכטע זענען ווי בלוט און מילך און, ווי מ׳זאָגט, גאָרנישט קיין איינגעשפּאַרטע!

— ווער האָט דיר דאָס געזאָגט? — האָט קמיטשיץ לעבעדיק געפרעגט.

— ווער ס׳האָט געזאָגט? — און ווער, אויב נישט זענד. נעכטן איז ער, אויספרווונדיק אַ טערקיש פערד מיט שטעכעדיקע האָר, געפאָרן קיין וואָלמאַנטאָוויטשע; ער איז נאָר דורכגעפאָרן דעם וועג, אָבער געזען אַ סך מיידלעך, ווייל זיי זענען צוריקגעגאַנגען פון די אָוונט־תפילות. „כ׳האָב געמיינט (דערציילט ער), אַז כ׳וועל פון פערד אַראָפּפליען, אַזוי שיין און באַחנט זענען זיי געווען“. און אויף וועלכער ער האָט נאָר אַ קוק געטון, האָט זי אים באַלד די ציין געוויזן. און ס׳איז קיין וווּנדער נישט! אַלע געזונטע יונגען פון צווישן דער שליאַכטע זענען אַוועק קיין ראָסיעני, און די מיידלעך איז אומהיימלעך אַליין.

קמיטשיץ האָט מיט דער פויסט אַ שטויס געטון דעם חבר:

— מיר וועלן אַרויספאָרן, קאַקאָשקאַ, אַמאָל אין אָוונט, כלומרשט פאַרבלאָנדזשענדיק — וואָס?

— און דיין גוטער נאָמען?

— אַ, צום טייוול! האַלט־זשע ס׳מויל. אויב אַזוי פאָרט אַליין; אָדער בעסער פאָרט איר אויך נישט! ס׳וואָלט נישט אַריבער אָן טומל און מיט דער היגער שליאַכטע וויל איך לעבן בשלום, ווייל דער פאַרשטאָרבענער קאַמערהער האָט זיי געמאַכט פאַר אַלענקאַס אפּוטרופּסים.

— האָסט געזאָגט וועגן דעם, אָבער כ׳האָב נישט געוואָלט גלייבן. פונוואַנען קומט צו אים אַזאַ פאַרטרוילעכקייט מיט דלפנים?

— ווייל ער פלעגט מיט זיי אויף מלחמות גיין און אין אָרשע האָב איך נאָך געהערט, ווי ער פלעגט זאָגן, אַז אין די אָדערן פון דער לאָודער שליאַכטע פליסט איידל בלוט. אָבער דעם אמת געזאָגט, קאַקאַשקאַ, האָט עס מיך אויך געחידושט, ווייל עס זעט דאָך אויס, ווי ער וואָלט זיי פאַר משגיחים איבער מיר געמאַכט.

— מוזט באַ זיי גושא חן זיין און צום שטרוי פון זייערע שטיוול זיך בייגן.

— זיי וועלן דאָס נישט דערלעבן. שווייג. ווייל איך בין אין כעס. זיי וועלן זיך פאַר מיר בייגן און מיר דינען, אַ פולק איז גרייט אויף יעדן רוף.

— עס וועט שוין אַן אַנדערער מיטן דאָזיקן פולק אָנפירן, זענד דערציילט, אַז צווישן זיי איז פאַרהאַן עפּעס אַ פולקאָווניק... כ׳האָב פאַרגעסן דעם נאָמען... וואָלאָדיאָיאָסקי, דאַכט זיך, ער האָט באַ שקלאָוו מיט זיי אָנגעפירט, זיי זאָלן משמעות זיך האָבן גוט געשלאָגן, אָבער מ׳האָט פון זיי דאָרט אַ תל געמאַכט!

— כ׳האָב געהערט וועגן עפּעס אַ וואָלאָדיאָווסקי, אַ באַרימטן זעלנער... אָט זעט מען שוין וואָדאָקטי.

— העי, גוט איז די מענטשן אין דאָזיקן זשאַמעט, ווייל צומעטום הערשט אַן אויסגעצייכנטע אָרדנונג. דער אַלטער האָט געמוזט זיין אַ גוטער ווירט... און דער הויף, זע איך, איז אויך גאָר נישקשה... זיי באַפאַלט דאָ דער שונא זעלטענער, דערפאַר קענען זיי בויען.

— כ׳מיין, אַז וועגן די הפקרדיקע מעשים אין לוביטש קען זי נאָך נישט וויסן — האָט קמיטשיץ ווי צו זיך אַליין געזאָגט.

און דערנאָך האָט ער זיך געווענדעט צום חבר:

— מיין קאַקאַשקאַ, איך לייג דיר אָן, און די חזר דאָס נאָכאַמאָל איבער די איבעריקע, אַז דאָ מוזט איר זיך לייטיש באַנעמען, און אויב עמעצער פון אייך וועט זיך מיט עפּעס פאַרזינדיקן, וועל איך אים צעמאַלן אויף שטויב, ווי גאָט איז מיר ליב.

— נו! מ׳האָט דיך גוט אָנגעזאָגט!

— אָנגעזאָטלט, צי נישט אָנגעזאָטלט — נישט דיין עסק!

— אוודאי איז עס נישט מיין עסק — האָט קאַקאָשינסקי פלעגמאַטיש געזאָגט.

— גיב אַ קנאַל מיט דער בייטש! — האָט קמיטשיץ אַ געשריי געטון אויפן פורמאַן.

דער דינער, וואָס איז געזעסן אין האַלדז פון זילבערגעם בער, האָט אַ דריי געטון מיט דער בייטש און דערלאַנגט אַ הילכיקן קנאַל, די איבעריקע פורמאַנעס האָבן אים נאָכגעטון און זיי זענען אַריינגעפאָרן מיט אַ געקנאַלערײַ, מונטער, פריילעך, ווי אויף אַ שמחה.

זיי זענען צרויס פון די שליטנס און צוערשט אַריין אין פאָדערהויז, גרויס ווי אַ שפייכלער און נישט געווייסט, און פון דאַנען האָט זיי הער קמיטשיץ געפירט אין עס-שטוב, וואָס איז, פונקט ווי אין לוביטש, געווען באַהאָנגען מיט שאַרבנס פון דערהרגעטע חיות. דאָ האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן, קוקנדיק בייגעריק צו דער טיר פון דער שכנותדיקער שטוב, פון וועלכער פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט געזאָלט אַרויסקומען. דערווייל, געדענקענדיק אַפנים גוט הער קמיטשיצס התראה, האָבן זיי געשמועסט צווישן זיך אַזוי שטיל, ווי אין דער קירך.

— דו ביסט אַ יונג מיט לשון — האָט הער אוהליק איינגערוימט קאַקאָשינסקין — דו וועסט זי באַגריסן אין אונדזער אַלעמענס נאָמען.

— אויפן וועג האָב איך צונויפגעשטעלט אַ באַגריסונג — האָט הער קאַקאָשינסקי געענטפערט — אָבער כ׳ווייס נישט, צי ס׳וועט גענוג שיין זיין, ווייל יענדרוש האָט מיר געשטערט.

— אַבי מיט מוט! וואָס עס זאָל זיין! אָט, זי גייט שוין!...

פריילין אַלעקסאַנדראַ איז טאַקע אַריינגעקומען און זיך אָפּגעשטעלט אַ ביסל בײַ דער שוועל, ווי אַ פאַרחידושטע פון אַזאַ גרויסער קאָמפּאַניע, אָבער אויך הער קמיטשיץ איז געשטאַנען אַ ווײַלע ווי אָן איינגעגראָבענער, אַנטציקט פון איר שיינקייט, ווייל ער פלעגט זי ביז איצט זען נאָר אין אָוונט, און בײַטאָג האָט זי

אויסגעזען נאָך שענער. די אויגן אירע האָבן געהאַט די קאָליר פון אַ קאָרן־בלום, די שוואַרצע ברעמען איבער זיי האָבן זיך אָפּגעשלאָגן פון ווייסן שטערן ווי עבן־האָלץ, און די באַנדע האָר האָבן געבלענדט, ווי אַ קרוין אויפן קאָפּ פון אַ מלכּה, און זי האָט געקוקט דרייסט, נישט אַראָפּלאָזנדיק די אויגן, ווי אַ האַרין, וואָס איז מקבל פּנים געסט בײַ זיך אין הויז, מיט אַ קלאָר פּנים, וואָס האָט זיך נאָך העלער אָפּגעשלאָגן צוליבן שוואַרצן, מיט גראַנאַסטאַיען אַרומגעזוימטן קלייד. אַזאַ חשוב און אָנגעזעען מיידל האָבן נאָך נישט געזען די דאָזיקע מלחמה־לײַט, וואָס זענען געוווינט געזען צו מיידלעך פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט. דערפאַר זענען זיי טאַקע געשטאַנען אויסגעשטעלט אין אַ ריי, ווי בשעת אַ מוסטערונג פון פּולק, און רודערנדיק מיט די פּיס, האָבן זיי זיך אויך פאַרנייגט אין אַ ריי. און הער קמיטשיץ איז צוגעלאָפן און קושנדיק אַ מאָל צוואַנציק דעם מיידלס הענט האָט ער געזאָגט.

— אָט האָב איך דיר געבראַנגט, מײַן טײַערע, מײַנע חברים, מיט וועלכע איך האָב די לעצטע מלחמה געפירט.

— דאָס איז פאַר מיר נישט קיין קליינע זכיה — האָט פרײַלין בילעוויטש געענטפערט — אויפצונעמען בײַ זיך אַזעלכע חשובֿע ריטער, וואָס וועגן זייער איידלקייט און גוטע מדות האָב איך שוין פון הער כאָראַנזשי געהערט.

בײַ די אָזיקע ווערטער האָט זי מיט די שפּיצפינגער אָנגעכאַפּט דאָס קלייד און אויפהייבנדיק עס אַ ביסל, האָט זי זיך אַ בייג געטון מיט אַן אומגעווייטלעכער חשיבות, און הער קמיטשיץ האָט זיך אין די ליפּן אַ ביס געטון, אָבער אינאיינעם דערמיט איז ער אַזש רויט געוואָרן פון הנאה, וואָס זײַן מיידל האָט אַזוי דרייסט גערעדט.

די חשובֿע ריטער האָבן, רודערנדיק כּסדר מיט די פּיס, אַ שטויס געטון דעם הער קאָקאָשינסקי.

— היידאַ, אַרויס מיטן לשון!

הער קאָקאָשינסקי האָט געמאַכט אַ שריט פאָרויס, האָט אַ הוסט געטון און אַזוי אָנגעהויבן:

— הויך-וווילגעבוירענע קאַמערהער-טאָכטער...

— יעגערמייסטער-טאָכטער — האָט קמיטשיץ פאַרבעסערט.

— הויך-וווילגעבוירענע יעגערמייסטער-טאָכטער און גנעדיקע וווילטוערין אונדזערע! — האָט איבערגעחזרט דער צעטומלטער העָר יאַראָמיר! — זייט מוחל, גנעדיקע פריילין, וואָס איך האָב אַ טעות געהאַט אין טיטל...

— דאָס איז אַן אומשולדיקע טעות — האָט פריילין אַלעקסאַנדראַ געזאָגט — און ער וועט אַזאַ בעל-לשון, ווי איר, פאַר קיין חסרון ניש פאַררעכנט ווערן...

— הויך-וווילגעבוירענע יעגערמייסטער-טאָכטער און וווילטוערין, און פאַר אונדז זייער גנעדיקע האַרין... כ׳ווייס נישט, וואָס איך זאָל אין נאָמען פון גאַנצן אָרשער קאַנט מער לויבן, צי די אומגעוויינטלעכע שיינקייט און איידלקייט פון דער גנעדיקער פריילין און וווילטוערין, אָדער דאָס אומבאַשרייַבלעכע גליק פון אונדזער ריטמייסטער און חבר, דעם העָר קמיטשיץ, ווייל ווען אפילו איך וואָלט זיך צו די וואָלקנס אויפגעהויבן, ווען אפילו כ׳וואָלט ביז צו די וואָלקנס דערגרייכט... ביז צו די וואָלקנס, זאָג איך...

— קריך שוין אַמאָל אַראָפּ פון דידאָזיקע וואָלקנס! — האָט קמיטשיץ אַ געשריי געטון.

דאָ האָבן די ריטערס אויסגעפּלאַצט מיט אַ גרויס געלעכטער, אָבער מיטאַמאָל, דערמאַנענדיק זיך קמיטשיצס התראה, האָבן זיי זיך מיט די הענט אָנגעכאַפּט פאַר די וואָנסעס.

הער קאָקאָשינסקי איז מבולבל געוואָרן ביז גאָר, האָט זיך פאַרוויטלט און געזאָגט:

— באַגריסט אַליין, געצנדינער, אויב איר צעטומלט מיך!

דאָ האָט פריילין אַלעקסאַנדראַ ווידער זיך אָנגענומען מיט די שפּיץ-פינגער פאַרן קלייד.

— איך וואָלט אין שיין-רעדן זיך נישט געקענט פאַרגלייכן מיט אייך — האָט זי געזאָגט — אָבער דאָס ווייס איך, אַז כ׳בין

ניִשט ווערט די לויבן, וואָס איר גיט מיר אָפּ אין נאָמען פֿון גאַנצן ירשער קאַנט.

און ווידער האָט זי זיך אַ פֿאַרבייג געטון מיט אַן אומגעווייַנטלעכער חשיבות און די אָרשער רוצחים האָבן זיך עפּעס אומהיימלעך געשפּירט פֿאַרן דאָזיקן הייף-פֿרייַלין. זיי האָבן זיך באַמיט צו באַנעמען זיך ווי גוט-דערצויגענע מענטשן, אָבער ס'האָט זיך עפּעס ניִשט איינגעגעבן. זיי האָבן דעריבער זיך גענומען ציפּן די וואָנסעס, ברומען, לייגן די הענט אויף די שווערטן, ביז קמיטשיק האָט זיך אָנגערופֿן:

— מיר זענען געקומען אַהער, ווי אויף אַ שמחה, מיט דער דעה מיטצונעמען דאָס גנעדיקע פֿרייַלין און קיין מיטרוני דורך די וועלדער דורכפֿירן, ווי ס'איז נעכטן אָפּגערעדט געוואָרן. דער שליט-וועג איז אַן אויסגעצייכנטער און אויך דאָס וועטער איז פּ־אַסטיק.

— איך האָב שוין די מומע קאָלוויעץ קיין מיטרוני אַרויסגעשיקט, אַז זי זאָל דאָרט עסן צוגרייטן. און איצט וועט איר אַ ביסעלע צוואַרטן, ביז איך וועל זיך גאָר וואַרעמער אָנטון.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט זי זיך אויסגעדרייט און איז אַ־ויסגעגאַנגען, און הער קמיטשיץ איז צוגעשפּרונגען צו די חברים.

— און וואָס, ליבע לעמעלעך, זעט זי ניִשט אויס ווי אַ פּירשטין?... און וואָס קאָק שקאָ? מיך, האָסטו געזאָגט, האָט זי צ־ִבגעזאָטלט, און פֿאַרוואָס ביִסטו ווי אַ שול-ייִנגל פֿאַר איר געשטאַנען?... ווו האָסטו אַזאַ אייגע געזען?

— מ'האָט מיר ניִשט גערדאַרפֿט לאַכן אין פּנים אַרייַן, הגם איך לייקן ניִשט, אַז איך האָב זיך ניִשט גערעכט צו רעדן פֿאַר אַזאַ פּערזאָן.

— דער פֿאַרשטאָרבענער קאַ־עדהער — האָט קמיטשיק געזאָגט — האָט מער מיט איר אין קיידאַני, אין הויף פֿון פּירשט וואַיעוואָדע, אָדער באַ דער הערשאַפֿט הלעבאָוויטש פֿאַרבראַכט און דאָרט האָט זי זיך דאָס אויסגעלע־נט די הויכע מאַניערן. און

שיין אגן זיך? וואס איר קענט נאך די פארע פון מויל נישט ארויסלאזן!

— מיר האבן געהאט א פגים פון טפשים! — האט ראגיצקי געזאגט מיט כעס — אבער דער גרעסטער טפש איז קאקאשינסקי!

א בוגד! דו האסט דאס מיך מיטן עלנבויגן געשטויסן, האסט געדארפט אליין מיט דיין באפעלקטן מויל ארויסטרעטן!

— שלום, לעמעלעך, שלום! — האט קמיטשיץ זיך אנגערופן — וווּנדערן זיך מעגט איר, אבער נישט קריגן זיך.

— איך וואלט פאר איר אין פייער געשפרונגען! — האט העקוטש ארויסגערופן — צעשצייט מיך יענדרוש, אבער פארלייקענען דאס וועל איך נישט.

קמיטשיץ האט אבער נישט בדעה געהאט צו שניידן, אדרבא, ער איז געווען צופרידן, האט די וואנסעס געדרייט און בצחונדיק געקוקט אויף די חברים. דערווייל איז אריינגעקומען פריילין אלעקסאנדרא, שוין אנגעטון אין א מארדער-היטל, אונטער וועלכן איר קלאר געזיכט האט אויסגעזען צו זיין נאך קלארער. זיי זענען ארויס אויפן גאנעק.

— מיט דעמדאזיקן שליטן וועלן מיר פארן? — האט דאס מיידל געפרעגט, אנווייזנדיק אויפן זילבערנעם בער — כ'האב נאך קיין בעסערן שליטן אין מיין לעב נישט געזען.

— כ'ווייס נישט, ווער ס'איז מיט אים פריער געפארן, ווייל ער איז פון שלל. איצט וועלן מיר אין צווייען מיט אים פארן און ער וועט זייער זיין צוגעפאסט, ווייל איך בא מיר אין הערב פרעזענטירט זיך א מיידל אויף א בער. פארהאן אנדערע קמיטשיצעס, וועלכע חתמענען זיך מיט פאנען, אבער יענע שטאמען פון פילא קמיטא טשארנאבילסקי, און דער איז נישט געווען פון דעם הויז, פון וועלכן די גרויסע קמיטצאס קומען ארויס.

— און ווען האט איר יענעם בער פארכאפט?

— איצט, שוין אין דער מלחמה. מיר ארימע בעלי-תכליתניקעס, וואס האבן אונדזער פארמעגן פארלוירן, פארמאגן נאר דאס, וואס

עס לאָזט זיך אויף דער מלחמה פאַרכאַפּן, און אַזוי ווי כ'האָב דער האַרין מלחמה געטריי געדינט, האָט זי אויך באַלויגט.

— זאָל אייך גאָט געבן אַ גליקלעכערע האַרין, ווייל די מלחמה באַלוינט אייגעם, אָבער דעם גאַנצן ליבן פּאָטערלאַנד פאַרשאַפט זי צער און יסורים.

— גאָט וועט אַרויסהעלפן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער דאָס פריילין איינגעהילט מיט אַ שיינער דעק פון שליטן, פון ווייסן טוך און מיט ווייסע פּיקסן אונטערגענייט; דערנאָך האָט ער זיך אַליין אַריינגעזעצט, האָט אַ געשריי געטון אויפן פורמאַן: „פאָרן!" און די פערד האָבן אַ ריס געטון פון אָרט און גענומען לויפן.

די קאַלטע לופט האָט אין אימפּעט זיי אַ שלאָג געטון אין די פּנימער אַריין, זיי האָבן דעריבער שטילגעשוויגן. עס האָט זיך נאָר געהערט דאָס סקריפּען פון פאַרפרוירענעם שניי אונטערן שליטן, דאָס שנאָרכן פון די פערד און די אויסגעשרייען פון פורמאַן.

צום סוף האָט הער אַנדזשעי זיך אַראָפּגעבויגן צו אַלענקאַן:

— ס'איז אייך גוט, גנעדיקע פריילין?

— גוט — האָט זי געענטפערט, אויפהייבנדיק דעם אַרבל און צולייגנדיק אים צום מויל, כדי דעם אימפּעט פון דער לופט איינצוהאַלטן.

דער שליטן איז געפלויגן ווי אַ ווינטער. דער טאָג איז געווען אַ לויטערער, אַ פראָסטיקער. דער שניי האָט געפינקלט, גלייך ווי עמעצער וואָלט אויף אים פונקען געשאָטן; פון די ווייסע דעכער פון די כאַטעס, וועלכע האָבן אויסגעזען ווי שניי־קופּעס, האָבן געזעצט הויכע סלופּעס פון רויטלעכן רויך. סטאַדעס פון וואָראָנעס זענען מיט אַ הילכיקן קראַקען געפלויגן פאַר די שליטנס צווישן די ביישט באַבלעטערטע ביימער באַ די זייטן פון וועג. ניט ווייט הינטער וואָדאָקטי זענען זיי אַריינגעפאַלן אין אַ ברייטן וועג, אין אַ פינסטערן וואַלד, וועלכער איז געשטאַנען אַ גרויער, אַ שטילשווייגנדיקער, ווי ער וואָלט געשלאָפן אונטער

דער געדיכטער אייז-דעק. בלענדנדיק אין די אויגן, האָבן די ביי־מער ווי אויסגעוויזן צו אַנטלויפן ערגעץ הינטער די שליטנס, און זיי זענען געפלויגן וואָס אַמאָל גיכער און גיכער, גלייך ווי די פערד וואָלטן פליגל געהאַט. פון דערדאָזיקער נסיעה האָט פריי־לין אַלעקסאַנדראַן געשווינדלט אין קאָפּ און זי איז ווי פאַר־שיכורט געוואָרן. אויסבייגנדיק זיך אויף הינטן, האָט זי פאַר־מאַכט די אויגן, זיך אײַנגאַנצן אָפּגעבנדיק דעם אימפּעט פון דער נסיעה. זי האָט דערשפּירט אַ זיסע מאַכטלאָזיקייט און עס האָט זיך איר געדאַכט, אַז דערדאָזיקער אָרשער העלד האָט זי פאַר־כאַפּט און יאָגט ווי אַ ווינטער, און זי, אַ פאַרחלשטע, האָט נישט קיין כוח זיך אַקעגנצושטעלן און צו שרייען... און זיי פליִען, פליִען, וואָס אַמאָל גיכער... אַלענקאַ שפּירט, אַז עפּעס הענגט בע־מען זי אַרום... זי שפּירט צום סוף, ווי אַ גליִענדיקע און ברע־נענדיקע חתימה אויף די ליפּן... די אויגן ווילן זיך איר נישט אויפמאַכן, ווי אין אַ חלום. און זיי פליִען — פליִען! דאָס פאַר־שלאָפענע מיידל האָט ערשט אויפגעוועקט אַ פרעגנדיקע שטים:

— ליבסט מיך?

זי האָט אויפגעמאַכט די אויגן:

— ווי די אייגענע נשמה!

— און איך אויף טויט און לעבן!

און ווידער האָט קמיטשיצס סויבל-היטל זיך אַראָפּגעבויגן איבער אַלענקאַס מאַרדער-היטל. זי האָט אַליין איצט נישט גע־וווּסט, וואָס עס פאַרשיכורט זי מער, די קושן אָדער דידאָזיקע פאַרכּישופטע נסיעה?

און זיי זענען געפלויגן ווייטער, און אַלץ דורך וואַלד, דורך וואַלד! די ביימער זענען אַנטלאָפן צוריק אין גאַנצע מחנות. דער שניי האָט געסקריפּעט, די פערד האָבן געשנאָרכט, און זיי זענען געווען גליקלעך.

— כ'וואָלט וועלן ביזן עק וועלט אַזוי פאָרן! — האָט קמיטשיץ אויסגערופן.

— וואָס טוען מיר? דאָס איז אַ זינד! — האָט אַלענקאַ אַ שעפּטשע-געטאָן.

— וואָס פאַר אַ זינד! לאָמיר נאָך זינדיקן.

— מ׳טאָר נישט, מיטרוני איז שוין נישט ווייט.

— ווייט, צי נאָנט, אַלץ איינס!

און קמיטשיץ האָט זיך אויפגעהויבן אין שליטן, האָט די הענט אין דער הייך אויסגעשטרעקט און גענומען שרייען, גלייך ווי זיין ברוסט וואָלט די גאַנצע שמחה נישט געקענט אַרייננעמען:

— העי — האַ! העי — האַ!

— העי! אַ האָפ! האָאָפ! האַ! — האָבן זיך אָנגערופן די אָפיצירן פון די הינטערשטע שליטנס.

— וואָס שרייט איר אַזוי? — האָט דאָס פריילין געפרעגט.

— אָט, גלאַט אַזוי! פון שמחה! און גיט נאָר, גנעדיקע פריילין, אויך אַ געשריי!

— העי — האַ! — האָט זיך דערהערט אַ קלינגנדיק, דינעטשקע קולכל.

— קעניגין מיינע! צו די פיס וועל איך דיר פאַלן!

— די חברים וועלן לאַכן!

נאָך דער פאַרשכורטקייט האָט זיי אַרומגענומען אַ פריילעכקייט, אַ רוישיקע, אַ משוגע-ווילדע, ווי משוגע-ווילד די נסיעה איז געווען, קמיטשיץ האָט גענומען זינגען:

„ס׳קוקט דאָס מיידל, קוקט פון הויף
אויף די גרינע פעלדער!
מאַמע! ס׳קומען ריטער אָן פון וואַלד,
אוי און וויי איז מיר!
טעכטערל קוק נישט, מיט די הענטלעך, מיט די ווייסע,
דיינע אויגן דיר פאַרשטעל,
ווייל דאָס הערצל אין דיין ברוסט
מעט נישט קענען זיי בייקומען“.

— ווער האָט אייך אויסגעלערנט אַזעלכע שיינע לידלעך ? — האָט פריילין אַלעקסאַנדראַ געפרעגט.
— די מלחמה, אַלענקאַ. אין לאַגער פלעגן מיר דאָס פון בענקעניש זינגען.
דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעריסן אַ שטאַרקער רוף פון די הינטערשטע שליטנס: „שטיי! שטיי! העי, שטיי"
דער אַנדזשעי האָט זיך אומגעדרייט אַ בייזער און אַ פאַר־הידושטער, נישט וויסנדיק פאַר וואָס עס איז איינגעפאַלן די חברים זיי צו רופן און איינצוהאַלטן, דאָ אָבער האָט ער אויף אַ פּאָר צענדליק שריט הינטער די שליטנס דערזען אַ רייטער, וואָס איז אָנגעפלויגן אין גרעסטן אייַלעניש.
— באַ גאָט! דאָס איז מיין וואַכמייסטער סאַראָקאַ: עפּעס האָט דאָרט געמוזט געשען! — האָט דער אַנדזשעי געזאָגט.
דערוויילע האָט דער וואַכמייסטער זיך דערנענטערט צו זיי, פאַרהאַלטן דאָס פערד אַזוי האַסטיק, אַז עס האָט זיך אַזש צוגעזעצט אויפן הינטן, און גענומען רעדן מיט אַ פאַרשטיקטער שטימע:
— הער ריטמייסטער!...
— וואָס איז, סאַראָקאַ?
— אופּיטאַ ברענט, מען שלאָגט זיך!
— יעזוס מאַריאַ! — האָט אַלענקאַ אַ געשריי געטון.
— האָב נישט מורא, גנעדיקע פריילין... ווער שלאָגט זיך?
— די זעלנער מיט די שטאָט־לייט. דער מאַרק ברענט? די שטאָט־לייט זענען אויפגעבראַכט געוואָרן און באַך הילף קיין פּאָניעוויעזש געשיקט, און איך בין געלאָפן אַהער צום גנעדיקן האַר. איך קען קוים דעם אָטעם כאַפּן...
בינו־לבינו זענען די הינטערשטע שליטנס אָנגעפאָרן; קאָקאָשינסקי, ראַניצקי, קולוויעץ היפּאָצענטאַורוס, אוהליק, רעקויטש און זענד זענען אַרויסגעשפּרונגען אויפן שניי און אַרומגערינגלט די שמועסנדיקע.

— ווי אַזוי איז עס געקומען דערצו? — האָט קמיטשיק געפרעגט.

— די שטאָט-לייט האָבן נישט געוואָלט געבן קיין פּאַשעס, נישט פאַר די פערד און נישט פאַר די מענטשן, ווייל עס איז קיין אַסיגנאַציע נישט געווען; די זעלנער האָבן דעריבער גענו־מען מיט כּוח. מיר האָבן באַלאַגערט דעם בירגערמייסטער און די, וואָס האָבן זיך אויפן מאַרק פאַרזאַמלט. מיר האָבן גענומען שיסן און אָנגעצונדן צוויי הייזער; איצט איז אַ מוראדיקער געוואַלט און די גלעקער קלינגען...

אין קמיטשיצס אויגן האָט אַ כּעס זיך אָנגעצונדן.

— דאַרפן מיר אויך גיין צו הילף! — האָט קאַקאָשינ־סקי אַ געשריי-געטון.

— די פויערן מאַטערן דאָס חייל! — האָט ראַניצקי אויס־גערופן און זיין פּנים איז באַלד באַדעקט געוואָרן פון רויטע, ווייסע און טונקעלע פלעקן — שאַך! שאַך! גנעדיקע הערן!

זענד האָט זיך צעלאַכט אַקוראַט אַזוי, ווי עס לאַכט אַ באַכט-ראָב, אַז די פערד האָבן זיך אַזש דער שראָקן, און רעקוטש האָט אויפגעהויבן די אויגן אינדערהייך און געפּישטשעט:

— שלאָג! ווער אין גאָט גלייבט! פאַרברענען די פוי־ערן!

— שווייגט! — האָט קמיטשיק אַ דונער-געטון, אַז אין וואַלד האָט אַזש אָפּגעהילכט, און זענד, וועלכער איז געשטאַנען לעבן אים, האָט זיך אַ וואַקל-געטון ווי אַ שכּור — מ'דאַרף אייך דאָרט נישט האָבן! מ'דאַרף דאָרט נישט קיין שטותים!... זעצט זיך אַלע אין צוויי שליטנס, מיר איינעם איבערלאָזן און פאָרן קיין לוביטש. דאָרט וואַרטן, ביז איך וועל שיקן נאָך הילף

— ס'טייטש? — האָט ראַניצקי נישט פאַרשטאַנען.

אָבער הער אַנדזשעי האָט אים אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן האַלדז און די אויגן האָבן בײַ אים נאָך מוראדיקער געברענט.

— די פּאַרע פון מויל נישט אַרויסלאָזן! — האָט ער געזאָגט מיט אַן אימהדיקער שטים.

זיי זענען אַנטשוויגן געוואָרן, ווייזט אויס, זיי האָבן פאַר

אים מורא געהאַט, הגם זיי זענען געוויינטלעך געווען מיט אים אַזוי פּאַרטרויליך.

— קער־צוריק, אַלענקאַ, קיין וואָדאָקטי — האָט קמיטשיץ געזאָגט — אָדער פאַר באַך די מומע קאָלוויעץ קיין מיטרוני. ס'האָט זיך נישט איינגעגעבן די שמחה. כ'האָב געוווּסט, אַז זיי וועלן דאָרט רויִק נישט איינזיצן... אָבער ס'וועט דאָרט באַלד זיין רויִק, ס'וועלן נאָר אַ פּאָר קעפּ אַראָפּפליִען. זיי געזונט, גנעדיקע פריילין, און רויִק, איך וועל מיך איילן צוריק צו דיר.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער איר געקושט די הענט און זיי איינגעהילט אין אַ וועלפישע פעל; דערנאָך האָט ער זיך אַריינגעזעצט אין אַן אַנדערן שליטן און אַ געשריי געטון אויפן פורמאַן:

— קיין אופּיטאַ!

קאַפּיטל 4.

עס זענען פאַרפלאָסן אַ פּאָר טעג און קמיטשיץ איז נישט צוריקגעקומען, דערפאַר אָבער זענען קיין וואַדאָקטי אָנגעקומען דריי לאָודער שליאַכטשיצעס אויף אַ חקירה־ודרישה צום פריילין. געקומען זענען פאַקאָש גאַשטאָווט פון פאַצונעלע, דער, וואָס האָט באַ זיך מכניס־אורח געווען דעם הער וואָלאָדיאָווסקי, דער פאַט־ריאַרך פון שכנותדיקן דאָרף, וואָס האָט געשמט מיט זיין עשירות און זעקס טעכטער, וואָס דריי פון זיי האָבן חתונה געהאַט מיט דריי בוטרימס און באַקומען האָט יעדע צו הונדערט געקלאַפּטע טאָלערס נדן, אַ חוץ אויסשטייער און איגוועגטאַר. דער צווייטער איז געקומען קאַסיאַן בוטרים, דער עלטסטער מענטש אין לאָודאַ, וועלכער האָט גוט געדענקט באַטאָרין, און מיט אים פּאַקאָשס איידעם, יוזוואַ בוטרים, דער, הגם ער איז נאָך גענוג קרעפטיק געווען, ווייל ער איז נישט געווען עלטער פון פופציק יאָר, איז צו דער מוסטערונג פון די חיילות קיין ראָסיעני נישט געגאַנגען, ווייל אין די קאָזאַקישע מלחמות האָט אים אַ האַרמאַטן־קויל די פוס־זויל אָפּגעריסן. מ׳האָט אים אויך מהאי טעמא גערופן קרומ־

פּיסיקער, אָדער יוזוואַ אָן־פּוס. געווען איז דאָס אַ מוראדיקער שליאַכטשיץ, געזונט ווי אַ בער און אַ גרויסער חכם, אָבער אַ קפּדן, אַ פאַרביסענער, און האָט שאַרף געאורטיילט וועגן מענטשן. צוליב דעם האָט מען פאַר אים אַ ביסל מורא געהאַט אין די רעזידענצן, ווייל מוחל זיין האָט ער נישט געקענט נישט זיך און נישט אַנדערע. ער פלעגט אויך זיין געפערלעך, ווען ער האָט זיך אָנגעטרונקען, אָבער דאָס האָט מיט אים זעלטן גע־טראָפן.

זיי זענען בכן געקומען צום פריילין, וואָס האָט זיי זייער פריינטלעך אויפגענומען, הגם זי האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, אַז זיי קומען אויף אַ חקירה־ודרישה און ווילן פון איר עפּעס הערן וועגן הער קמיטשיץ.

— מחמת מיר ווילן פאָרן צו אים זיך פאַרנייגן, אָבער ער איז, ווי מיר הערן, נאָך נישט צוריקגעקומען פון אופּיטאַ — האָט פּאַקאָש געזאָגט — זענען מיר דעריבער געקומען צו דיר פרעגן, טייערינקע, ווען מען קען דאָס טון?

— איך מיין, אַז ער איז נאָך נישטאָ — האָט דאָס פריי־לין געענטפערט — ער וועט זיך פרייען מיט אייך, אפּוטרופּסים, פון גאַנצן האַרץ, ווייל ער האָט אַ סך גוטס געהערט וועגן אייך, אי אַמאָל פון זיידן און אי איצט פון מיר.

— אַבי ער זאָל אונדז נאָר נישט אַזוי מקבל פּנים זיין, ווי ער האָט מקבל פּנים געווען די דאָמאַשעוויטשעס, ווען זיי זענען גע־קומען צו אים מיט דער ידיעה וועגן פּולקאָוניקס טויט! — האָט יוזוואַ טריב אַ ברום געטון.

דאָס פריילין האָט דאָס דערהערט און באַלד לעבעדיק אָפּ־געענטפערט:

— איר נעמט אים דאָס נישט פאַר אומגוט. אפשר האָט ער טאַקע זיי נישט געהעריג פיין אויפגענומען, אָבער ער האָט שוין דאָ זיך אין זיין פעלער מודה געווען. מ׳דאַרף אויך געדענקען, אַז ער איז געגאַנגען פון דער מלחמה, אויף וועלכער ער האָט אַזוי פיל צרות און ליידן מיטגעמאַכט! אויף אַ זעלנער איז קיין חידוש

נישט אפילו, ווען ער איז אַן אייגענעם פוגע בכבוד, ווייל די צינגער זענען דאָך בײַ זיי, ווי די שווערטן שאַרף.

פּאַקאַש גאַשטאָווט, וועלכער האָט מיט דער גאַנצער וועלט שטענדיק געוואָלט לעבן בשלום, האָט אַ מאַך געטון מיט דער האַנט און געזאָגט:

— מיר האָבן זיך טאַקע אויך נישט געחידושט! איין ווילד חזיר וואַרפט זיך אויפן צווייטן, אַז עס דערזעט אים פּלוצלינג. פאַרוואָס זאָל איין מענטש אויפן אַנדערן זיך נישט וואַרפן! מיר וועלן פאָרן קיין אַלט-לוביטש זיך פאַרנייגן פאַרן הער קמיטשיץ, אַז ער זאָל מיט אונדז לעבן, אין דער מלחמה און אין דער וויסטעניש גיין, ווי דער פאַרשטאָרבענער הער קאָ..ערהער.

— און זאָג אונדז, טייערינקע צי איז ער דיר געפעלן געוואָרן, אָדער נישט געפעלן געוואָרן? — האָט קאַסיאַן בוטרים געפרעגט — עס איז דאָך עפּעס אונדזער חוב צו פרעגן?

— זאָל אייך גאָט באַלוינען פאַר אייער גוט האַרץ. אַן אַנשטענדיקער ריטער איז הער קמיטשיץ, און ווען אפילו כ'וואָלט אין אים געזען עפּעס אַ חסרון, וואָלט מען אויך נישט געדאַרפט וועגן דעם רעדן.

— אָבער דו האָסט גאָרנישט געזען, טייערע נשמה אונדזערע?

— גאָרנישט! איבעריקנס, האָט דאָ קיינער קיין רעכט נישט אים צו משפּטן, אָדער חלילה אומצוטרוי אַרויסצווייזן. לאָמיר בעסער גאָט דאַנקען!

— צוואָס פאַר דער צייט דאַנקען! אַז עס וועט זיין פאַרוואָס, וועט מען דאַנקען, און אויב נישט, וועט מען נישט דאַנקען, — האָט געענטפערט דער טריבער יוזווע, וועלכער איז אַלס אמתער זשאַמעטער געווען זייער צוריקגעהאַלטן און פאַרזיכטיק.

— און מכוח אַ חתונה האָט איר גערעדט? — האָט קאַסיאַן ווידער גע..רעגט.

אָלענקאַ האָט די אויגן אַראָפּגעלאָזט:

— הער קמיטשיץ וויל וואָס גיכער...

— אוודאי! ער זאָל גאָך נישט וועלן! — האָט יוזוואַ אַ ברום געטון — אַ שוטה וואָלט ער דאָך ג׳מוזט זיין! און וועלכער בער וויל דאָס נישט קיין האָניק פון בינענשטאָק? אָבער צוואָס זיך איילן, איז דען נישט בעסער צו זען, וואָס פאַר אַ מענטש דאָס איז? פּאַטער קאַסיאַן, זאָגט שוין, וואָס איר האָט אויף דער צונג, דרעמלט נישט, ווי מיטאָג־צייט אַ האָז אויפן פעלד!

— איך דרעמל נישט, איך בין זיך נאָר מיישב, וואָס איך זאָל זאָגן — האָט דער אַלטיטשקער געענטפערט — הער יעזוס האָט געזאָגט אַזוי: ווי קובאַ איז צו גאָט, אַזוי איז גאָט צו קובאַן! מיר ווינטשן אויך הער קמיטשיצן קיין שלעכטס נישט, הלוואי ער זאָל אונדז אויך קיין שלעכטס נישט ווינטשן, זאָל גאָט זאָל געבן, אמן!

— אַבי מיר זאָלן פון אים קיין צער נישט האָבן! — האָט יוזוואַ צוגעגעבן.

פרייליין בילעוויטש האָט געקנייטשט אירע פעדער־שוואַרצע ברעמען און געזאָגט מיט אַ געוויסער גאווה:

— געדענקט, מיינע הערן, אַז נישט אַ דינער דאַרפן מיר אויפנעמען. ער וועט דאָ זיין באַלעבאָס און ס׳וועט זיין אַזוי, ווי ער וויל, נישט ווי איר. ער מוז אייך אויך אין אפּוטרופּסות פאַר־בייטן,

— הייסט דאָס, אַז מיר זאָלן זיך שוין מער נישט אַריינ־מישן? — האָט יוזוואַ געפרעגט.

— דאָס הייסט, אַז איר זאָלט אים זיין אַ פריינט, ווי ער וויל אייך זיין אַ פריינט. ער וועט דאָך דאָ זיין אַ שומר איבער זיין אייגן פאַרמעגן, מיט וועלכן יעדער באַלעבאָטעוועט, ווי אים געפעלט. נישט אמת, פּאַטער פּאַקאָש?

— הייליקער אמת! — האָט דער פּאַצונעלער זקן געענט־פערט.

און יוזוואַ האָט זיך ווידער געווענדט צום אַלטן בוט־רים:

— דרעמלט נישט, פּאַטער קאַסיאַן!

— איך דרעמל דאָך נישט, איך בין זיך נאָר מיישב.

— טאָ דערציילט, וואָס איר זעט.

— וואָס איך זע? אַט וואָס איך זע... אַ חשובער שררה איז הער קמיטשיק, פון גרויסן יחוס, און מיר זענען דלפנים! דערצו נאָך איז ער אַ באַרימטער זעלנער; אייגער אַליין האָט ער זיך אַקעגנגעשטעלט דעם שונא, ווען אַלע זענען אַפּהענטיק געוואָרן. זאָל גאָט געבן אַזעלכע וואָס מער! אָבער אַ חברותא האָט ער נישט קיין לייטישע!... הער שכן פּאַקאָש, וואָס האָט איר דאָס פון די דאָמאַשעוויטשס געהערט? אַז דאָס אַלץ זענען מענטשן נידעריקע, וואָס זענען אויסגערופן געוואָרן פאַר אומווירדיקע אין עס זענען קעגן זיי פאַרהאַן אורטיילן און פּראָטעסטן אין אינקוויזיציעס! תּליִנים-זין זענען דאָס! אַן אימה האָבן זיי אָנגעוואָרפן אויפן שונא, אָבער אויך אויף די בירגער. זיי האָבן געברענט, געגזלט, געוואַלטאַטן אויסגעפירט! אָט וואָס! ווען זיי וואָלטן דאָרט עמעצן צעשניטן אָדער מקיים-פּסק געווען, איז גאָרנישט, ווייל דאָס קען אויך אַן אָנשטענדיקן טרעפן. אָבער זיי האָבן דאָך משמעות גאָר אויפן טאָטערישן שטייגער געלעבט און זיי וואָלטן שוין לאַנג אין די תּפיסות געזעסן, ווען נישט די פּראָטעקציע פון הער קמיטשיק, וועלכער איז אַ גרויסער תּקיף! ער האָט זיי ליב און באַשיצט זיי און זיי האַלטן זיך אָן אים פעסט אָן און לאָזן אים נישט אָפּ. און איצט זענען זיי געקומען אַהער און אַלע ווייסן שוין, וואָס זיי זענען. דעם ערשטן טאָג האָבן זיי אין לוביטש פון פּיסטאָלעטן געשאָסן — און אין וועמען? — אין די בילדער פון די פאַרשטאָרבענע בילעוויטשס, וואָס הער קמיטשיק האָט נישט געדאַרפט דערלאָזן, ווייל דאָס זענען דאָך זיינע בעלי-טובה.

אָלענקאַ האָט די אויגן מיט די הענט פאַרשטעלט.

— ס'קען נישט זיין! ס'קען נישט זיין!

— עס קען זיין, ווייל ס'איז געווען! ער האָט געלאָזט דורכשיסן די בעלי-טובה, מיט וועלכע ער האָט געוואָלט זיך מתחתן זיין! און דערנאָך האָט מען די הויפישע מיידלעך אין שטוב אַריין געשלעפּט צו אויסגעלאַסענע מעשים!... טפו! אַ

בושה פאַר גאָט! אַזוינס איז נאָך בײַ אונדז נישט געהערט און נישט געזען געוואָרן!... דעם ערשטן טאָג האָבן זיי אָנגעהויבן מיט שיסערייען און מעשים תעתועים! דעם ערשטן טאָג!

דאָ איז דער אַלטער קאַסיאַן געוואָרן אין כעס און גענומען קלאַפּן מיטן שטעקן אין דער פּאָדלאָגע; אויף אָלענקאַס פּנים האָבן זיך באַוויזן רויטע פלעקן, און יוזוואַ האָט זיך אָנגערופן:

— און הער קמיטשיצס חייל, וואָס איז אין אופּיטאַ פאַרבליבן, איז דען בעסער? ווי די אָפיצירן, אַזוי איז דאָס חייל! בײַם הער סאָלאָהוב זענען די בהמות צוגעראַבעוועט געוואָרן דורך עפּעס מענטשן, מ׳זאָגט, אַז דעם הער קמיטשיצס; די מייזאַגאָליער פּויערן, וואָס האָבן סמאָלע געפירט, האָט מען אויפן טראַקט געקוילעט. ווער? אויך זיי. הער סאָלאָהוב איז געפאָרן צום הער הלעבאָוויטש נאָך גערעכטיקייט, און איצט טוען זיך אין אופּיטאַ ווידער אָפּ שרעקלעכע זאַכן! דאָס אַלץ איז קעגן גאָט! רויִק איז דאָ געווען, ווי אין ערגעץ נישט, און איצט לאָדן כאָטש די ביקס אָן יעדע נאַכט און היט, און פאַרוואָס, ווײַל הער קמיטשיץ מיט דער קאָמפּאַניע איז אָנגעקומען.

— פּאָטער יוזוואַ! רעדט נישט אַזוי! רעדט נישט! — האָט אָלענקאַ אויסגערופן.

— און ווי אַזוי זאָל איך רעדן? אויב הער קמיטשיץ איז נישט שולדיק, טאָ צוואָס האַלט ער אַזעלכע מענטשן, צוואָס לאָזט ער זיך אַריין אין חברותא מיט זיי? זאָל דאָס וויל־געבוירענע פרײַלין אים זאָגן, אַז ער זאָל זיי פאַרטרײַבן, אָדער דעם תלין איבערגעבן, ווײַל אַנדערש וועט קיין מנוחה נישט זײַן. און איז דאָס געהערט געוואָרן, אַז מ׳זאָל שיסן אין בילדער און אָפּגעבן זיך מיט זנות? די גאַנצע געגנט האַלט דאָך וועגן דעם אין איין רעדן!

— וואָס זאָל איך טון? — האָט אָלענקאַ געפרעגט — אפשר זענען דאָס טאַקע שלעכטע מענטשן, אָבער ער האָט צוזאַמען מיט זיי מלחמה געהאַלטן. וועט ער זיי מיר צוליב פאַרטרײַבן?

— אויב ער וועט זיי נישט פאַרטרײַבן — האָט יוזוואַ אין דער שטיל אַ ברום געטון — איז ער אַליין נישט בעסער!

דאָ האָט אין פרײלין געגומען קאָכן דאָס בלוט קעגן דידאָזיקע אַפּיצירן, רוצחים און ווערפל-שפּילער.

— איבעריקנס זאָל זיין אַזוי! ער מוז זיי פאַרטרייבן! זאָל ער אויסקלויבן מיך אָדער זיי! אויב עס איז אמת, וואָס איר זאָגט, און נאָך היינט וועל איך וויסן, צי ס'איז אמת, וועל איך זיי דאָס נישט שענקען, נישט די שיסעריי און נישט די אויסגעלאַסענע מעשים. איך בין איינע אַליין און אַ שוואַכע יתומה, און זיי זענען אַ באַוואָפנטע מחנה, אָבער איך וועל מיך נישט שרעקן...

— מיר וועלן דיר העלפן! — האָט יוזווא געזאָגט.

— בא גאָט! — האָט אַלענקא געזאָגט, ווערנדיק וואָס אַמאָל מער אויפגעבראַכט — זאָלן זיי טון, וואָס זיי ווילן, אָבער נישט דאָ אין לוביטש... זאָלן זיי זיין, וואָס זיי ווילן, דאָס איז זייער זאַך, זיי וועלן אַליין דערפאַר ערב זיין, אָבער זאָלן זיי דעם הער קמיטשיץ נישט אָנרעדן... צו אויסגעלאַסענע מעשים... אַ חרפה און אַ שאַנד!... כ'האָב געמיינט, אַז דאָס זענען אומגעשיקטע זעלנער, און איצט זע איך גאָר, אַז דאָס זענען אומווירדיקע בוגדים, וועלכע באַפלעקן זיך און אים. יאָ! די רשעות האָט זיי פון די אויגן אַרויסגעקוקט, און איך, נאַריש מיידל, האָב זיך דערויף נישט געקענט. גוט! כ'דאַנק אייך, פאָטערס, וואָס איר האָט מיר די אויגן געעפנט אויף דידאָזיקע בוגדים... כ'ווייס, וואָס איך האָב צו טון...

— אָט אַזוי! אָט אַזוי! — האָט דער אַלטער קאַסיאַן געזאָגט — די איידלקייט רעדט פון דיר אַרויס, און מיר וועלן דיר העלפן.

— איר זאָלט דעם הער קמיטשיץ נישט באַשולדיקן, ווייל אויב אפילו ער האָט זיך נישט לייטיש אויפגעפירט, איז ער יונג, און זיי רעדן אים אָן, ברענגען אים צו נסיונות, זענען אים מעורר צו אויסגעלאַזענע מעשים און באַשמוצן זיין נאָמען! יאָ! כל-זמן איך לעב, וועט דאָס לאַנג נישט אָנהאַלטן!

דער כעס האָט אַלענקאַן וואָס אַמאָל מער באַגוועלטיקט און איר פאַרביסנקייט קעגן הער קמיטשיצס חברים איז געוואַקסן, ווי

עס וואַקסט דער ווייטיק אין אַ פריש־געמאַכטער ווונד. און מ׳האָט דאָך טאַקע פאַרווונדעט אומדערבאַרעמדיק אי איר אייגענע פרוי־ען־ליבע און אי דעם גלויבן, מיט וועלכן זי האָט איר כּשר האַרץ דעם הער אַנדזשעי אָפּגעגעבן. זי האָט זיך געשעמט פאַר אים און פאַר זיך, און דערדאָזיקער גרימצאָרן און די איבערלעבונגען האָבן קודם־כּל געזוכט שולדיקע.

די שליאַכטע ווידער איז געוועזן צופרידן, זעענדיק די טאָכטער פון זייער פאָלקאָווניק אַזאַ אויפגעבראַכטע און גרייטע צו פירן אַן אַנטשלאָסענע מלחמה מיט די אָרשער רשעים.

און זי האָט ווייטער געזאָגט און פון אירע אויגן האָבן בשעת־מעשה פונקען געשפּריצט:

— יאָ! זיי זענען שולדיק און מוזן זיך אָפּטראָגן נישט בלויז פון לוביטש, נאָר פון דער גאַנצער געגנט.

— מיר באַשולדיקן אויך נישט דעם הער קמיטשיץ, טייערע נשמה אונדזערע — האָט דער אַלטער קאַסיאַן געזאָגט — מיר ווייסן, אַז דאָס רעדן זיי אים אָן דערצו. נישט מיט כּעס און שנאה צו אים זענען מיר געקומען אַהער, נאָר מיט אַ טענה, וואָס ער האַלט בײַ זיך הולטאַיעס. מען ווייסט דאָך, אַז ער איז יונג, נאַריש. אויך דער הער סטאַראָסטע הלעבאָוויטש איז אין די יונגע יאָרן געווען נאַריש, און איצט געוועלטיקט ער איבער אונדז אַלע.

— און אַ הינט? — האָט מיט אַ גערירטער שטים געזאָגט דער פּאַצונעלער גוטמוטיקער זקן — דו גייסט מיט אַ יונגן הונט אין פעלד, און ער, דער נאַר, אָנשטאָט דער חיה נאָכצוגיין, פּלאָנטערט ער זיך דיר צווישן די פיס און שלעפּט דיך פאַר די פּאָלעס.

אָלענקאַ האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער מיטאַמאָל האָט זי זיך באַגאָסן מיט טרערן.

— וויין נישט! — האָט יוזוואַ בוטרים געזאָגט.

— וויין נישט, וויין נישט!... — האָבן די צוויי זקנים איבערגעחזרט.

און אַזוי האָבן זיי זי געטרייסט, אָבער נישט געקענט באַרויקן. נאָך זייער אָפּפאָרן איז פאַרבליבן אַ דאגה, אַן אומרויקייט

און עפּעס ווי אַ פּאַרדרוס אויף זיי און אויפן הער קמיטשיק. דעם שטאָלצן פרײַלין האָט וואָס אַמאָל טיפער ווי געטון דאָס, וואָס מ'האָט אים געדאַרפט פּאַרטיידיקן, רעכטפערטיקן און פּאַרענטפערן. און די קאָמפּאַניע! דעם פרײַלינס קליינע הענטעלעך האָבן זיך צונויפגעבײַלט אויפן גערדאַק וועגן זיי. פּאַר אירע אויגן זענען ווי לעבעדיקע געשטאַנען די פּנימער פון הער קאָקאָשינסקין, אוהליקן, זענדן, קולוויעץ-היפּאָצענטאַוון און אַנדערע, און זי האָט איצט דערזען אין זיי דאָס, וואָס זי האָט פריִער נישט באַמערקט: אַז דאָס זענען געווען עזותדיקע פּנימער, אויף וועלכע די אומפּאַר־שעמטקייט, אויסגעלאַסנקייט און רציחות האָבן אַרויסגעלייגט זייערע התימות דאָס געפיל פון שנאה, פון וועלכן אַלעקאַ האָט קיינמאָל נישט געוווּסט, האָט גענומען זי באַהערשן, ווי אַ בריִענדיק פײַ־ער.

אינעינעם דערמיט איז אָבער אויך מיט יעדער ווײַלע גע־וואַקסן דער פּאַרדרוס אויפן הער קמיטשיק.

— אַ חוצפּה און אַ שאַנד! — האָט דאָס מיידל געשעפּטשעט צו זיך אַליין מיט בלייכע ליפּן — יעדן אָוונט איז ער פון מיר צוריקגעגאַנגען צו די דינערינס!...

און זי האָט זיך אַליין דערשפּירט דערנידעריקט. אַן אומ־דערטרעגלעכע משא האָט אײַנגעהאַלטן דעם אָטעם אין איר ברוסט.

ס'איז טונקל געוואָרן אויפן הויף. פרײַלין אַלעקסאַנדראַ האָט געשפּאַנט איבער דער שטוב מיט אײַליקע טריט און אין איר נשמה האָט כסדר געקאָכט. זי איז בטבע נישט געווען מסוגל איבערצוטראָגן קלעפּ פון גורל און זיך זיי נישט אַקעגנצושטעלן, ריטערלעך בלוט האָט געפלאָסן אין די אָדערן פון דאָזיקן מיידל. זי וואָלט וועלן תיכּף אָנהייבן דעם קאַמף מיט דערדאָזיקער מחנה בייזע רוחות — תיכּף ומיד! אָבער וואָס בלייבט איר צו טון? — גאָרנישט! נאָר צו קלאָגן און צו בעטן, אַז הער אַנדזשעי זאָל פּאַרטרייבן אין אַלע פיר עקן דידאָזיקע שענדלעכע חברים. און אַז ער וועט דאָס נישט וועלן טון?...

— אַז ער וועט נישט וועלן...

און זי האָט זיך נישט דערוועגט צו טראַכטן וועגן דעם.

אירע געדאַנקען האָט איבערגעריסן דאָס ייִנגל, וואָס האָט געטראָגן אַן אָרעם האָלץ צום קאַמין, און אַרןפוואַרפנדיק עס אויף דער ערד האָט ער גענומען אַפּערשאַרן די קוילן פון אונטערן אַלטן אַש. מיטאַמאָל איז אַלענקאַן עפּעס אַ געדאַנק געקומען אין קאָפּ אַריין.

— קאַסטעק! — האָט זי געזאָגט — דו וועסט זיך באַלד אויפזעצן אויף אַ פערד און פאָרן קיין לוביטש. אויב דער האַר איז שוין צוריקגעקומען, בעט, אַז ער זאָל קומען אַהער, און אויב ער איז נאָך נישטאָ, זאָל דער הויפּט-פאַרוואַלטער, דער אַלטער זניקיס, זיך זעצן מיט דיר אויפן פערד און תיכּף צו מיר אַהער-קומען, אָבער גיך!

דאָס ייִנגל האָט געוואָרפן אַ שייט קין-האָלץ אויף די קוילן, האָט זיי צוגעשאָטן מיט טרוקענע העלצלעך און אַ שפּרונג-געטון צו דער טיר.

העלע פלאַמען האָבן גענומען קנאַקן און זעצן אין קאַמין. אַלענקאַן איז באַלד געוואָרן אַ ביסל גרינגער אויף דער נשמה.

— און אפשר וועט דאָס זיך אַרויסווייזן פאַר אַ ליגן! — האָט דאָס פרײַלין זיך געטראַכט — און אפשר איז גאָרנישט אַזוי שלעכט געווען, ווי די אַפּוטרופּסים האָבן געזאָגט...

און אין אַ ווײַלע אַרום איז זי אַוועק אין שטוב פון דער דינערשאַפט צו זיצן, לויטן אַלטן מנהג פון די בילעוויטשעס, מיט דער דינערשאַפט, אַכטונג געבן אויף די שפּינערינס און גאַטס-פּאַרכטיקע לידער זינגען.

מיט צוויי שעה שפּעטער איז דער פאַרפרוירענער קאַסטעק אַרײַנגעקומען.

— זניקיס איז אין פּאָדע-הויז! — האָט ער געזאָגט — דער האַר איז נאָך נישטאָ אין לוביטש.

דאָס מיידל האָט זיך האַסטיק אויפגעכאַפּט פון אָרט. דער הויף-פאַרוואַלטער האָט אין פּאַדערהויז זיך גענייגט צו אירע פיס.

— און וואָס מאַכסטו, ליכטיקע פּריצה?.. זאָל גאָט געבן דאָס בעסטע!

זיי זענען אַריבער אין עס שטוב; זניקיס איז געבליבן שטיין בײַ דער טיר.

— וואָס הערט זיך בײַ אײַך? — האָט דאָס פרײַלין גע־פרעגט.

דער פויער האָט אַ מאַך־געטון מיט דער האַנט.

— אַזוי! דער האַר איז נישטאָ...

— איך ווייס, אַז ער איז אין אופיטאַ, אָבער אין דער היים וואָס הערט זיך?

— אַזוי!...

— הער, זניקיס, זאָג דרייסט, קיין האָר פון קאָפּ וועט דיר נישט געריהרט ווערן. מ׳זאָגט, אַז דער האַר איז אַ גוטער, נאָר די חברים זענען הפקר־מענטשן?

— שייך צו זאָגן, ליכטיק פרײַלין, הפקר־מענטשן!

— רעד אָפן.

— אַז איך טאָר אָבער נישט, פרײַלין... כ׳האָב מורא... מ׳האָט מיר געאַסרט.

— ווער האָט געאַסרט?

— דער האַר...

— אַזוי? — האָט דאָס פרײַלין געזאָגט.

אַ ווײַלע האָבן זיי שטילגעשוויגן. זי האָט אײַליק געשפּרייזט איבער דער שטוב מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן און געקנייטשטע ברעמען, ער האָט איר כסדר נאָכגעקוקט.

מיטאַמאָל האָט זי זיך אָפּגעשטעלט פאַר אים.

— וועמען געהערסטו?

— צו די בילעוויטשס. איך בין דאָך פון וואָדאָקטי, נישט פון לוביטש.

— דו וועסט מער נישט צוריקקערן קיין לוביטש... דאָ וועסטו בלײַבן. איצט בין איך אויף דיר גוטר צו זאָגן אַלץ, וואָס דו ווייסט!

דער פויער האָט זיך געוואָרפן אויף די קני.

— ליכטיקע פרײַלין, איך וויל דאָרט אַהין נישט צוריק־קערן, דאָרט איז גאַנץ משפט!... דאָס זענען, פרײַלין, רוצחים

און גזלנים, דאָרט איז דער מענטש קיין איין רגע מיטן לעבן נישט זיכער.

פריילין בילעוויטש האָט זיך אַ דריי געטון אויפן אָרט, ווי פון אַ פייל געטראָפן. זי איז זייער בלאַס געוואָרן, אָבער רויק געפרעגט:

— איז עס אמת, אַז זיי האָבן אין שטוב געשאָסן צו די בילדער?

— אוודאי האָבן זיי געשאָסן! און די מיידלעך איבער די שטובן געשלעפט און יעדן טאָג די זעלבע מעשים-תעתועים. אין דאָרף איז אַ יללה, אין הויף — סדום ועמורה! אָקסן גייען אויפן טיש, שעפסן גייען אויפן טיש!... די מענטשן ווערן געפייניקט... דעם שטאַל-קנעכט האָבן זיי נעכטן אומשולדיק אומגעבראַכט.

— אויך דעם שטאַל-קנעכט האָבן זיי אומגעבראַכט?...

— אוודאי! און מער פון אַלע ליידן די מיידלעך. זיי האָבן שוין ווייניק די הויפישע, האָבן זיי זיך געלאָזט איבערן דאָרף כאַפּן...

ווידער האָבן זיי אַ ווײַלע שטילגעשוויגן. אַ הייסע רויטקייט האָט באַדעקט דאָס פּנים פון דעם פריילין און זי איז שוין מער נישט פאַרשוווּנדן.

— ווען ריכט מען זיך דאָרט אויפן האַרס צוריקקער?...

— זיי, פריילין, ווייסן נישט, נאָר כ'האָב געהערט, ווי זיי האָבן געזאָגט צווישן זיך, אַז די גאַנצע קאָמפּאַניע דאַרף זיך מאָרגן לאָזן קיין אופּיטאַ. זיי האָבן באַפוילן, אַז די פערד זאָלן גרייט זיין. זיי זאָלן דאָ אָפּטרעטן און בעטן באַם פריילין דיבער און פולווער, וואָס קענען דאָרט נייטיק זיין.

— זיי זאָלן דאָ אָפּטרעטן?... דאָס איז גוט. גיי איצט, זביקיס, אין די קיך. דו וועסט שוין קיין לוביטש נישט צוריקקערן.

— אַז גאָט זאָל דיר געבן געזונט און הצלחה!...

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט געוווּסט, וואָס זי האָט געוואָלט, זי האָט אָבער אויך געוווּסט, ווי זי דאַרף זיך נוהג-זיין.

צומאָרגנס איז געווען זונטיק. באַגינען, נאָך איידער די ווײַבער פֿון וואָדאָקטי זענען אַרויסגעפֿאָרן אין די קירך, זענען אָנגעקומען די הערן קאַקאָשינסקי, אוהליק, קולוויעץ-היפּאָצענטאַורוס, ראַניצקי, רעקוטש און זענד, און נאָך זיי די לוביטשער דינערשאַפֿט, באַוואָפֿנט און רײַטנדיק, ווײַל די ריטער האָבן באַשלאָסן צו גיין קיין אופּיטאַ צום הער קמיטשיץ צו הילף.

דאָס מיידל איז אַרויס צו זיי אַ רויִקע און אַ שטאָלצע, אַ גאַנץ אַנדערע, ווי די, וואָס האָט זיי צום ערשטן מאָל באַגריסט מיט אַ פּאָר טעג צוריק; זי האָט קוים מיטן קאָפּ אַ שאָקל געטון. אָפּענטפֿערנדיק אויף זייערע נידעריקע פֿאַרבייגונגען; אָבער זיי האָבן געמיינט, דאָס צוליב דער אָפּוועזנהייט פֿון הער קמיטשיץ איז זי אַזוי צוריקגעהאַלטן און דעריבער גאָרנישט חושד געווען.

באַלד איז אַרויסגעטרעטן הער יאַראָש קאַקאָשינסקי, שוין אַ דרייסטערער ווי צום ערשטן מאָל און געזאָגט:

— הויך-וווילגעבוירענע פֿרײַלין, יעגער-מייסטער-טאָכטער! מיר טרעטן דאָ אָפּ אויפֿן וועג קיין יופּיטאַ, כּדי דעם וויל-געבוירענעם פֿרײַלין צו די פֿיס צו פֿאַלן און צו בעטן הילף אין פּולווער, ביקסן, און אַז דאָס גנעדיקע פֿרײַלין זאָל הייסן איר דינערשאַפֿט זיך זעצן אויף די פֿערד און פֿאָרן מיט אונדז. מיר וועלן אופּיטאַ נעמען מיט שטורעם און די פּויערן אַ ביסל בלוט אָפּצאַפּן.

— עס חידושט מיך — האָט פֿרײַלין בילעוויטש געענטפֿערט — וואָס איר פֿאָרט קיין אופּיטאַ, ווײַל איך האָב אַליין געהערט, ווי הער קמיטשיץ האָט אײַך באַפֿוילן רויִק צו זיצן אין לוביטש, און איך מיין, אַז ער דאַרף באַפֿעלן און איר, אַלס אונטערגעוואָרפֿענע, דאַרפֿט געהאָרכן.

דערהערנדיק דידאָזיקע ווערטער האָבן די ריטער זיך אָנגעקוקט מיט פֿאַרוווּנדערונג. זענד האָט אַרויסגעשטעקט די ליפּן, גלײַך ווי ער וואָלט וועלן ווי אַ פֿויגל פּייפֿן. קאַקאָשינסקי האָט מיט דער ברייטער האַנט זיך גענומען גלעטן איבערן קאָפּ.

— מ'וואָלט דאָ געקענט מיינען — האָט ער געזאָגט — אַז איר רעדט צו הער קמיטשיצס קנעכט. אמת טאַקע, אַז מיר האָבן געוואָלט זיצן אינדערהיים, אָבער אַזוי ווי ס'איז שוין אַריבער דער פירטער טאָג און יענדרוש איז נישטאָ, זענען מיר זיך משער, אַז עס האָט דאָרט געמוזט אויסברעכן אַ גרויסע מהומה, אין וועלכער אויך אונדזערע שווערטן קענען צונוץ קומען.

— הער קמיטשיץ איז נישט געפאָרן אויף אַ שלאַכט, נאָר די זעלנער פאַר זייערע הפקרדיקע מעשים באַשטראָפן, וואָס עס קען אייך אויך טרעפן, אויב איר וועט אויפן באַפעל עובר זיין. איבעריקנס, קען מיט אייך דאָרט גיכער קומען צו אַ מהומה און אַ שחיטה.

— שווער איז מיט אייך זיך אויסצוטענהן. מיר בעטן נאָר וועגן מענטשן און פולווער.

— מענטשן און פולווער וועל איך נישט געבן, איר הערט!

— צי הער איך גוט? — האָט קאָקאָשינסקי געזאָגט — וואָס הייסט, דאָס גנעדיקע פריילין וועט נישט געבן? דאָס גנעדיקע פריילין וועט נישט געבן? דאָס גנעדיקע פריילין וועט קמיטשיצן, יענדרושן הילף קאַרגן? ווילט איר, אַז עס זאָל מיט אים אַן אומגליק טרעפן?

— דאָס ערגסטע, וואָס קען אים טרעפן, איז אייער חברותא!

דאָ האָבן דעם מיידלס אויגן גענומען וואַרפן בליצן און אויפהייבנדיק דעם קאָפּ, האָט זי זיך אויף אַ פּאָר טריט דערנענטערט צו די רוצחים און זיי האָבן זיך פאַרהידושטע פאַר איר צוריקגעצויגן.

— בוגדים! — האָט זי געזאָגט — איר רעדט אים דאָס אָן, ווי דער יצר-הרע, צו זינד, איר פאַרדאַרבט אים! אָבער איך קען שוין אייך, אייער אויסגעלאַסנקייט, אייערע שמוציקע מעשים. דאָס גאַנצע פאַרפאָלגט אייך, מענטשן קערן זיך אָפּ פון אייך, און די שאַנד פאַלט אויף וועמען? — אויף אים — צוליב אייך פאַרטריבענע און פון ערע באַרויבטע!

— העי, חברים! איר הערט? — האָט סאַקאָשינסקי אויסגעשריגן — העי? וואָס איז דאָס? צי שלאָפן מיר נישט, חברים?

פריילין בילעוויטש האָט געמאַכט נאָך אַ שפּרייז, און אָנטייטנדיק מיט די הענט אויף דער טיר האָט זי אויסגערופן:

— אַרויס פון דאַנען!

די רשעים זענען בלאַס געוואָרן ווי די מתים און קיינער פון זיי האָט זיך נישט דערוועגט אַ וואָרט צו ענטפערן. נאָר די ציין זייערע האָבן גענומען קריצן, די הענט האָבן זיך צוגעריכט צו די שווערטן און די אויגן האָבן געשפריצט מיט בייזע פייערלעך. אָבער אין אַ ווײַלע אַרום זענען זיי פון שרעק אָפּגעקילט געוואָרן. דאָסדאָזיקע הויז איז דאָך געווען אונטערן שוץ פון מעכטיקן קמיטשיץ, דאָסדאָזיקע חוצפּהדיקע פריילין איז דאָך געווען זיין כלה. זיי האָבן דעריבער שטילשווייגנדיק דערשטיקט דעם כעס, און זי איז כסדר געשטאַנען מיט פינקלדיקע אויגן, אָנטייטנדיק מיטן פינגער אויף דער טיר.

צום סוף האָט הער קאַקאָשינסקי זיך אָנגערופן מיט אַ פון רציחה איבערגעהאַקטער שטים:

— אויב מ'האָט אונדז דאָ אַזוי פיין אויפגענומען... טאָ בלייבט אונדז נישט עפּעס אַנדערש איבער... ווי זיך צו פאַרנייגן... פאַר דער פיינער ווירטין און צו גיין... דאַנקענדיק פאַר דער גאַסט-פריינטשאַפט...

באַ די דאָזיקע ווערטער האָט ער זיך מיטן היטל פאַרנייגט, מיט אַן אָנגעשטעלטער אונטערטעניקייט, אַזש ביז צו דער ערד, און נאָך אים האָבן זיך גענייגט אויך די איבעריקע און זענען איינער נאָכן אַנדערן אַרויסגעגאַנגען. ווען די טיר האָט זיך הינטערן לעצטן פאַרמאַכט, האָט אָלענקאַ אַ פאַרמאַטערטע זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן שטול, כאַפּנדיק שווער דעם אָטעם, ווייל זי האָט נישט געהאַט אַזוי פיל כוחות, וויפיל מוט.

זיי ווידער האָבן זיך פאַרן גאַנעק, אַרום די פערד, פאַר-

זאַמלט אויף אַ באַראַטונג, אָבער קיינער פֿון זיי האָט נישט גע־וואָלט דער ערשטער אָנהייבן רעדן.

צום סוף האָט קאָקאָשינסקי געזאָגט:

— וואָס, ליבע לעמעלעך?

— נו, וואָס?

— ס'איז אייך גוט?

— און דיר איז גוט?

— עי, ווען נישט קמיטשיץ! עי, ווען נישט קמיטשיץ! — האָט ראַניצקי געזאָגט, רייבנדיק קאָנוווּלסיוו די הענט — מיר וואָלטן אַ הוליע געטון מיטן מיידל אויף אונדזער שטייגער!...

— גיי הייב־אָן מיט קמיטשיצן! — האָט רעקוטש אַ פּיש־טשע געטון — שטעל זיך אים אַקעגן!

ראַניצקיס פּנים, ווי די פעל פון אַ טיגער, איז שוין איינ־גאַנצן געווען באַדעקט מיט פלעקן.

— איך וועל זיך אי אים אַקעגנשטעלן און אי דיר, רשע, ווי דו ווילסט נאָר!

— אויב אַזוי איז גוט! — האָט רעקוטש געענטפערט.

ביידע האָבן זיך געכאַפּט צו די שווערטן, אָבער דער ריי־זיקער קולוויעץ היפּאָצענטאַורוס האָט זיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיי.

— איך שווער באַ דערדאָזיקער פּויסט! — האָט ער גע־זאָגט — באַ דערדאָזיקער פּויסט — האָט ער איבערגעחזרט — דעם ערשטן, וואָס וועט די שווערט אַרויסציִען, וועל איך דעם מוח צעשפּאַלטן!

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער אַ קוק געטון דאָ אויף איי־נעם, דאָ אויפן אַנדערן, ווי ער וואָלט שטום געפרעגט, ווער עס וויל דער ערשטער פּרוּוון; אָבער זיי האָבן נאָך דערדאָזיקער התראה זיך באַלד באַרויִקט.

— קולוויעץ איז גערעכט! — האָט קאָקאָשינסקי געזאָגט — מיינע ליבע לעמעלעך, מיר דאַרפן איצט האָבן שלום מער, ווי ווען עס איז... מיין עצה איז, וואָס גיכער צו פאָרן צו קמיטשיצן, כדי זי זאָל אים פריִער נישט זען, ווארום זי וואָלט אונדז אָפּ־געמשלט ווי שדים. גוט, וואָס קיינער האָט זיך דאָרט מיט אַ

זידל-וואָרט נישט אַרויסגעכאַפּט, הגם מיר אַליין האָבן די הענט און די צונג געסוועגדזשעט... לאָמיר פאָרן צו קמיטשיצן, איידער זי זאָל אים אויף אונדז אונטערהעצן, וועלן מיר בעסער אים אונטערהעצן... ווי וועט זיין צו אונדז, אַז ער וועט אונדז פאַרלאָזן. ס'וואָלט זיך דאָ באַלד אָנגעהויבן אַ געיעג אויף אונדז, ווי אויף וועלף.

— גאַרישקייטן! — האָט ראַניצקי זיך אָנגערופן — מ'וועט אונדז גאָרנישט טון. איצט איז מלחמה; קאַרג מענטשן שלעפּן זיך אַרום איבער דער וועלט אָן אַ דאַך און אָן ברויט? מיר וועלן זיך צונויפקלויבן אַ פּאַרטיע, ליבע חברים, און זאָלן אונדז אַלע טריבונאַלן פאַרפאָלגן. דערלאַנג די האַנט, רעקוטש, איך בין דיר מוחל!

— כ'וואָלט דיר געוועזן די אויערן אָפּגעשניטן — האָט רעקוטש אַ פּישטשע-געטון — אָבער לאָמיר שוין שלום-מאַכן! עס האָט אונדז אַלעמען אַ בזיון געטראָפן.

— הייסן אַרויסגיין אַזעלכע ריטער, ווי מיר! — האָט קאָקאָשינסקי געזאָגט.

— און מיר, אין וועלכן עס פליסט סענאַטאָריש בלוט! — האָט ראַניצקי צוגעגעבן.

— בכבודע מענטשן! גרויסע שררות!

— פאַרדינסטפולע זעלנער!

— און פאַרשטויסענע!

— אומשולדיקע יתומים!

— כ'האָב שטיוול מיט פילץ אונטערגענייט, אָבער די פיס פרירן מיר שוין — האָט קולוויעץ געזאָגט — וואָס וועלן מיר, ווי בעטלערס באָם דאָזיקן הויז שטיין; מ'וועט אונדז דאָ קיין געוואַרעמט ביר נישט אַרויסטראָגן. מ'דאַרף אונדז דאָ נישט האָבן! לאָמיר זיך זעצן אויף די פערד און פאָרן. די דינגערשאַפט לאָמיר בעסער אַהיימשיקן, ווייל צוואָס טויגן זיי אונדז אָן ביקסן און פולווער, און לאָמיר פאָרן אַליין.

— קיין אופּיטאַ!

— צו יעגדרושן, צום חשובן פריינט! מיר וועלן זיך פּאַר אים באַקלאָגן.

— מיר זאָלן אים נאָר נישט מיירן.

— אויף די פערד, חברים! אויף די פערד!

זיי האָבן זיך געזעצט אויף די פערד און געפאָרן מיט קליינע טריט, איבערקייענדיק דעם בזיון און כעס. הינטערן טויער האָט ראַניצקי, וועלכן די רציחה האָט נאָך ווי אַנגעגאָסן באַם גאָרגל, זיך אומגעדרייט און געדראָט מיט דער פויסט צום הויף:

— עי, בלוט וויל איך! עי, בלוט!

— זאָלן זיי זיך נאָר מיט קמיטשיצן צעקריגן — האָט קאַקאָשינסקי געזאָגט — מיר וואָלטן דאַן נאָך געקומען אַהער מיט אַ פייער-שוואָם.

— דאָס קען נאָך זיין.

— גאָט זאָל אונדז העלפן! — האָט אָוהליק צוגעגעבן.

— געצגדינערישע טאָכטער, פאַרביסענע מויד!...

אַזוי זידלענדיק און ביזערנדיק זיך אויפן פּריילין, און צייטנווייז אויך אויף זיך אַליין וואָרטשענדיק, זענען זיי צוגעפאָרן צום וואַלד. זיי האָבן קוים געמיטן די ערשטע ביימער, ווי אַ געוואַלטיקע סטאַדע וראָנעס האָט זיך האַסטיק אַ לאָז געטון איבער זייערע קעפּ, זענד האָט באַלד געגומען אימהדיק קראַקען; טויזנטער שטימען האָבן אים אָפּגעענטפערט פונדערהייך. די סטאַדע האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אַזוי נידעריק, אַז די פערד האָבן אַזש גענומען זיך שרעקן פאַרן גערויש פון די פליגל.

— פאַרמאַך דאָס מויל! — האָט ראַניצקי אַ געשריי געטון אויף זענדן — דו וועסט נאָך אַן אומגליק אויסקראַקען! עס קראַקען איבער אונדז דידאָזיקע וורעָנעס, ווי איבער נבלות...

אָבער די איבעריקע האָבן געלאַכט און זענד האָט דעריבער נישט אויפגעהערט צו קראַקען. די וראָנעס האָבן וואָס אַמאָל מער אַראָפּגענידערט, און זיי זענען אַזוי געפאָרן, ווי אינמיטן אַ שטו

רעם. שוטים! זיי האָבן זיך נישט אָנגעשטויסן, אַז עס איז אַ שלעכטער סימן.

הינטערן וואַלד האָט זיך שוין באַוויזן וואָמאָנטאָוויטשע, צו וועלכן די ריטער זענען געפאָרן גאַלאָפּ, ווייל די פראָסט איז געווען אַ שאַרפע און זיי זענען זייער געפרוירן געוואָרן, און ביז אופּיטאַ איז נאָך געווען גענוג ווייט. אָבער אין דאָרף גופא האָבן זיי געמוזט לאַנגזאַמער פאָרן, דער ברייטער וועג פון דאָרף איז געווען פול מיט מענטשן, ווי תמיד אום זונטיק. די עלטערע און יינגערע בוטרימס האָבן זיך אומגעקערט צו-פוס און מיט שליטנס פון מיטרוני, פון די תפילות. די שליאַכטע האָט געקוקט אויף די אומבאַקאַנטע רייטער, האַלב זיך אָנשטויסנדיק, ווער דאָס איז. די יינגע מיידלעך האָבן שוין געהערט וועגן די מעשים-תעתועים אין לובטש און וועגן די באַרימטע אומפאַרשעמטע בעל-עבירהניקעס, וואָס הער קמיטשיץ האָט אַראָפּגעבראַכט. זיי האָבן זיך דעריבער צו זיי צוגעקוקט מיט נאָך אַ גרעסערער נייגעריקייט. זיי ווידער זענען געפאָרן שטאָלץ, אין אַ שיינער זעלבערישער האַלטונג, אין פאַרכאַפּטע כאַמעטענע אַרבעטער-רעק, אין פוטערנע היטלעך און אויף טיכטיקע פערד, ס'איז קענטיק געווען, אַז דאָס זענען רומפולע זעלנער: גדלותדיקע תנועות, די רעכטע האַנט אָנגעשפּאַרט אויף די זייטן און די קעפּ פאַריסן, זיי האָבן אויך פאַר קיינעם נישט אָפּגעטרעטן, פאָרנדיק אין אַ ריי און שרייענדיק פון צייט-צו-צייט: „פון וועג"! עס פלעגט זיך טרעפן אַ בוטרים, וואָס האָט אַ קוק געטון פון אונטן אַרויף, אָבער ער האָט אָפּגעטרעטן; און זיי האָבן געשמועסט צווישן זיך וועגן דאָרף.

— באַטראַכט נאָר, גנעדיקע הערן — האָט קאָקאָשינסקי געזאָגט — וואָסערע געוואַקסיקע יונגען דאָ זענען פאַראַן: אַלע זענען זיי געזונט, ווי די ווילדע אָקסן און יעדער זעט אויס ווי אַ וואָלף.

— ווען נישט דערדאָזיקער וווּקס און ווען נישט די שווערטן, וואָלט מען זיי געקענט פאַר כאַמעס אָננעמען — האָט אוהליק געזאָגט.

— קוקט נאָר אָן דידאָזיקע שווערטן! — האָט ראַניצקי

באַמערקט — כ'וואָלט זיך וועלן מיט עמעצן פון זיי פאַר־מעסטן!

דאָ האָט הער ראַניצקי גענומען מיט דער הוילער האַנט פּעכטן.

— ער וואָלט אַזוי, און איך אַזוי! ער אַזוי, און איך אַזוי! — און שאַך!

— דו קענסט דיר לייכט דאַסדאָזיקע פאַרגעניגן מאַכן — האָט רעקוטש באַמערקט — זיי דאַרף מען לאַנג נישט בעטן.

— איך וואָלט בעסער וועלן מיט דידאָזיקע מיידלעך זיך פאַרמעסטן! — האָט זענד מיטאַמאָל זיך אָנגערופן.

— ליכט, נישט מיידלעך! — האָט רעקוטש מיט התפעלות אויסגעשריגן.

— וואָס זאָגט איר: ליכט? — סאָסנעס! און די פּיסקעס באַ יעדער, ווי מיט ווילדן זאַפראַן געמאָלט.

— ס'איז שווער אַפילו אויפן פערד איינצווזיצן קוקנדיק אויף זיי!

אַזוי שמועסנדיק זענען זיי אַרויסגעפאָרן פון דאָרף און ווידער זיך געלאָזט פאָרן גאַלאָפּ. אין אַ האַלבע שעה אַרום זענען זיי אָנגעקומען אין די קרעטשמע „דאַלי“, וואָס איז געלעגן אויפן האַלבן וועג צווישן וואָלמאָנטאָוויטשע און מיטרוני. די בוטרימס, די מאַנסבילן און ווייבער, פלעגן זיך געוויינטלעך דאָרט אָפּשטעלן, גייענדיק און צוריקקערנדיק פון דער קירך, כדי דאָרט אָפּצורוען און זיך אָנצוואַרעמען אין די פרעסט. די ריטער האָבן טאַקע באַמערקט פאַרן אַריינפאָר־הויז בערך צוואַנציק שליטנס, וואָס זענען געווען אויסגעבעט מיט אַרבעס־שטרוי, און אַזוי פיל אָנגעזאָטלטע פערד.

— לאָמיר זיך אָנטרינקען מיט בראַנפן, ווייל ס'איז קאַלט! — האָט קאָקאָשינסקי געזאָגט.

— ס'וועט נישט שאַטן! — האָט אַן איינשטימיקער כאָר אָפּגעענטפערט.

זיי זענען אַראָפּ פון די פערד, זיי איבערגעלאָזט באַ די סלופּעס, און אַליין זענען זיי אַריין אין די גרויסע און טונקעלע

שענק-שטוב. זיי האָבן דאָ געטראָפן אַ סך מענטשן. זיצנדיק אויף די בענק אָדער שטייענדיק גרופּעסווייז פאַרן שענק-פאַס, האָט די שליאַכטע געטרונקען געוואַרעמט ביר, און מאַנכע אַ זופּ, געקאָכט פון פּוטער, האָניק, בראָנפן און געווירצן. בלויז בוטרימס זענען דאָ געווען, גרויסע פּאַרשוינען, טריבע און שטילשווייגנדיקע, אַז אין שטוב האָט מען כמעט קיין גערודער נישט געהערט. אַלע זענען געווען אָנגעטאָן אין גרויע קאַפּאָטעס, פון אַליין אויסגעאַרבעטן טוך אָדער פון ראָסענער פּאַק-טוך, אונטערגעבייט מיט שעפּסן-פעל, אין לעדערנע גאַרטלען, און געטראָגן שווערטן אין שוואַרצע אייזערנע שיידן; דורך דער דאָזיקער איינהייטלעכקייט פון דער הלבשה האָבן זיי אויסגעזען ווי זעלנער. אָבער געווען זענען דאָס טיילווייז עלטערע מענטשן פון זעכציק יאָר אָן, אָדער בחורים ביז צוואַנציק יאָר. זיי זענען געבליבן אינדערהיים צוליב די ווינטערדיקע דרעש-אַרבעטן; די איבעריקע מאַנסלייט זענען אַוועק קיין ראָסיע.

דערזעענדיק די אָרשער ריטער, האָבן זיי זיך אָפּגערוקט פון דעם שענק-פאַס און גענומען זיך זיי באַטראַכטן. דער שיינער זעלנערישער הילוך איז געפעלן געוואָרן דער דאָזיקער העלדישער שליאַכטע; פון צייט-צו-צייט האָט איינער פון זיי אויך געפרעגט: „דאָס איז פון לוביטש?" — „יאָ, הער קמיטשיצס קאָמפּאַניע!" — „דאָס זענען זיי?" — „אוודאי!"

די ריטערס האָבן געטרונקען בראָנפן, אָבער די זופּ האָט צופיל געשמעקט. דער ערשטער האָט קאָקאָשינסקי זי דערשנאָפּט און זיך געהייסן דערלאַנגען. זיי האָבן זיך געזעצט אַרום אַ טיש, און ווען מ'האָט געבראַכט דעם רויכערנדיקן קעסל, האָבן זיי גענומען טרינקען, קוקנדיק אויף דער שטוב, אויף דער שליאַכטע און האַלב-פאַרמאַכנדיק די אויגן, ווייל אין שטוב איז געווען טונקל. די פענסטער זענען געווען פאַרשאָטן מיט שניי, און דער לאַנגער, נידעריקער אויוון, אין וועלכן ס'האָט געברענט אַ פייער, האָט אינגאַנצן פאַרשטעלט עפּעס פיגורן, וואָס זענען געזעסן מיט די פּלייצעס צו דער שטוב אומגעדרייט.

ווען די זופּ האָט שוין גענומען זיך דרייען אין די אָדערן

פון די ריטערס, פונאַנדערטראָגנדיק איבער זייערע קערפּערס אַן אָנגענעמע וואַרעמקייט, זענען זיי באַלד געוואָרן אויפגערוימט, און זענד האָט מיטאַמאָל געגומען קראַקען ווי אַ וואָרנע אַזוי גוט, אַז אַלעמענס פּנימער האָבן זיך אַ קער געטאָן צו אים.

די ריטערס האָבן געלאַכט, די שליאַכטע האָט גענומען צו-גיין צו זיי אַ פּריילעכע, בפרט די יונגע, געזונטע בחורים מיט די ברייטע פּלייצעס און פולע באַקן. די געשטאַלטן, וואָס זענען געזעסן פאַרן פייער באַם אויוון-לאָך, האָבן זיך אויסגעדרייט צו דער שטוב און רעקוטש האָט דער ערשטער באַמערקט, אַז דאָס זענען געווען פרויען.

און זענד האָט פאַרמאַכט די אויגן און געקראַקעט, גע-קראַקעט — מיטאַמאָל האָט ער אויפגעהערט און איין אַ ווײַלע אַרום האָבן די בייגעוועזענע דערהערט די שטים פון אַ האָן, וואָס ווערט געשטיקט דורך הינט; דער האָן האָט גציאַמערט אין דער לעצטער גסיסה, וואָס אַמאָל שוואַכער און שטילער, דערנאָך האָט ער פאַרצווייפלט אַ קוויטש געטון און אַנטשוויגן געוואָרן אויף אייביק — און אויף זיין אָרט האָט זיך אַ הירש אָנגערופן אַזוי מעכטיק, ווי דאַמאָלס, בשעת די תאווה כאַפּט אים אָן.

די בוטרימס זענען געשטאַנען פאַרחידושטע, הגם זענד האָט שוין געהאַט אויפגעהערט. זיי האָבן זיך געריכט נאָך עפּעס צו הערן, אָבער דערווייל האָבן זיי נאָר דערהערט רעקוטשס קוויטשענדיקע שטים:

— מיידלעך זיצן באַם אויוון!

— אמת! — האָט קאָקאָשינסקי געזאָגט, פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט דער האַנט.

— טאַקע! — האָט אוהליק זיך אויך אָנגערופן — נאָר אין שטוב איז אַזוי פינסטער, אַז איך האָב נישט דערקענט.

— כ'בין אַ בעלן צו וויסן, וואָס זיי טוען דאָרט?

— אפשר קומען זיי אַהער אויף טענץ.

— וואַרט, איך וועל אַ פרעג געטון! — האָט קאָקאָשינסקי געזאָגט.

און אויפהייבנדיק די שטים, האָט ער געפרעגט:

— ליבע ווייבער, וואָס טוט איר דאָרט באַם אויוון?

— מיר וואַרעמען די פּיס! — האָבן זיך דינע שטימען אָנגערופן.

די ריטערס האָבן זיך אויפגעשטעלט און צוגעגאַנגען צום פייער. עס זענען אויף אַ לאַנגער באַנק לעבן אים געזעסן אַ צען ווייבער, עלטערע און יינגערע, האַלטנדיק די באָרוועסע פּיס אויף אַ קלאָץ, וואָס איז געלעגן לעבן אויוון. פון דער צווייטער זייט קלאָץ האָבן זיך געטרוקנט פון שניי דורכגענעצטע שיך.

— דאָס וואַרעמט איר די פּיס, גנעדיקע פרייליַנס? — האָט קאָקאָשינסקי געפרעגט.

— יאָ, ווייל זיי זענען געפרוירן געוואָרן.

— זייער שיינע פיסעלעך! — האָט רעקוטש אַ פּישטשע געטון, אַראָפּבייגנדיק זיך צום קלאָץ.

— ע! טשעפּעט זיך אָפּ, גנעדיקער הער! — האָט איינע פון די שליאַכטשאַנקעס זיך אָנגערופן.

— איך וואָלט בעסער זיך וועלן צוטשעפּען, גישט אָפּטשעפּען, בפרט, אַז איך האָב אַ סגולה, אַ בעסערע, ווי פייער, אויף געפרוירענע פיסלעך. די סגולה מיינע איז די: נאָר זיך לאָזן טאַנצן מיט ברען, און די קעלט וועט אָפּלאָזן!

— אַז טאַנצן, זאָל זיין געטאַנצט! — האָט הער אוהליק געזאָגט — עס איז נישט נייטיק נישט קיין פידל, נישט קיין באַס, ווייל איך וועל אייך שפּילן אויף מיין פייפל.

און אַרויסנעמענדיק פון אַ לעדערנעם שייטל, וואָס האָט געהאָנגען באַ דער שווערט, דעם אינסטרומענט, מיט וועלכן ער האָט זיך קיינמאָל נישט געשיידט, האָט ער גענומען שפּילן, און די ריטערס האָבן אונטערהיפּנדיק זיך צוגעשאַרט צו די מיידלעך און גענומען זיי אַראָפּשלעפּן פון דער באַנק. זיי האָבן כלומרשט זיך געוועהרט, אָבער מער מיט קולות, ווי מיט די הענט, ווייל אין דער אמתן האָט זיך זיי געגלוסט צו טאַנצן. אפשר וואָלט אויך די שליאַכטע באַקומען חשק, ווייל קעגן טאַנצן אום זונטיק נאָך

די תפילות וואָלט קיינער שטאַרק נישט פּראָטעסטירט, אָבער די „קאָמפּאַניע" האָט זיך שוין געהאַט צופּיל קונה-שם געווען אין וואָלמאָנטאָוויטשע, דערפאַר איז יוזווא בוטרים, דער, וואָס האָט קיין פוס-זויל נישט געהאַט, דער ערשטער אויפגעשטאַנען פון דער באַנק און צוגייענדיק צו קולוויעץ-היפּאָצענטאַורן, האָט ער אים אָנגעכאַפּט פאַר דער ברוסט, פאַרהאַלטן און בייז געזאָגט:

— אויב עס האָט זיך אייך, גנבדיקער הער, פאַרגלוסט צו טאַנצן, איז אפשר מיט מיר?...

קולוויעץ-היפּאָצענטאַורוס האָט די אויגן האַלב-צוגעמאַכט און גענומען בערווען מיט די וואָנסעס באַוועגן.

— כ'וויל בעסער מיט אַ מיידל — האָט ער אָפּגעענטפערט — און מיט אייך, גנבדיקער הער, אפשר שפּעטער...

דאָ איז אָנגעלאָפן ראַניצקי מיט אַ פּנים שוין פול מיט פלעקן, ווייל ער האָט שוין דערשפּירט אַ מחלוקה.

— ווער ביסטו דאָס אַזוינס, אבן-נגף? — האָט ער געפרעגט, כאַפּנדיק זיך צו דער שווערט.

אוהליק האָט אויפגעהערט צו שפּילן, און קאָקאָשינסקי האָט אויסגעשריגן:

— העי, חברים! אַהער דאָ אַלע! אַהער דאָ אַלע אויף איין אָרט!

אָבער צו יוזוואַן האָבן זיך שוין אַ שאָט געטון די בוטרימס, די מעכטיקע זקנים און געזונטע בחורים; זיי האָבן זיך אויך גענומען צונויפקלייבן אויף איין אָרט, אונטערברומענדיק, ווי די בערן.

— וואָס ווילט איר, קלעפּ זוכט איר? — האָט קאָקאָשינסקי געפרעגט.

— עט! צו וואָס די טענות! טראָגט זיך אָפּ! — האָט יוזווא קאַלטבלוטיק געזאָגט.

ראַניצקי, וועלכן ס'איז געגאַנגען דעריין, אַז עס זאָל חלילה זיך נישט אויסלאָזן אָן אַ געשלעג, האָט דערויף אַ זעץ געטון מיטן הענטל פון דער שווערט יוזוואַן אין דער ברוסט אַריין, אַז

עס האָט אַזש אין דער גאַנצער שטוב אַ הילך געטון, און אויס־געשריגן:

— שלאָג!

עס האָבן אַ בליץ געטון שווערטן, עס האָבן זיך דערהערט קולות פון ווייבער, אַ געקלאַנג פון כלי־זיין, ס'איז געוואָרן אַ גערודער און אַ צעמישעניש. מיטאַמאָל האָט דער ריזיקער יוז־וואַ זיך צוריק געצויגן פון געשלעג, האָט אַ כאַפּ געטון די גראָב־געהייבלעוועטע באַנק און אויפהייבנדיק זי, ווי אַ לייכט ברעטל, האָט ער אַ געשריי געטון:

— רום! רום!

אַ שטויב איז אויפגעגאַנגען פון דער פּאָדלאָגע און פאַר־שטעלט די קעמפנדיקע, נאָר אין כאַאָס האָבן זיך געטומען קרעכצן צ'פרופן...

5. קאַפּיטל.

דעם זעלבן טאָג אין אָוונט איז הער קמיטשיץ אָנגעקומען קיין וואַדאָקטי בראָש פון אַ הונדערט צוואַנציק מענטשן, וועלכע ער האָט מיט זיך פון אופּיטאַ אַראָפּגעבּרענגט, כּדי זיי קיין קיידאַני צום גרויס-העטמאַן אָפּצושיקן. ער האָט אַליין איינגעזען, אַז אין אַזאַ קליין שטעטל איז נישט פאַרהאַן פאַר אַ גרעסערער צאָל מענטשן קיין דירות און אַז נאָכן אויסהונגערן די איינוווינער, מוז דער זעלבער זיך נעמען צו געוואַלט-מאַטן, בּפרט אַזאַ זעלבער, וואָס קען נאָר דורך דער מורא פאַרן קאָמענדאַנט איינהאַלטן די דיסציפּלין. ס'איז געבּוג געווען אַ קוק צו טון אויף הער קמיטשיצס פּריוויליקע, אַז מ'זאָל קומען צו דער מסקנא, אַז אַן ערגערן סאָרט מענטשן איז שווער געווען צו געפינען אין דער גאַנצער רעפּובּליק. און קמיטשיץ האָט נישט געקענט האָבּן קיין אַנדערע. נאָכן צעקלאַפּן דעם גרויס-העטמאַן, האָט דער שונא פאַרפלייצט דאָס גאַנצע לאַנד. די רעשטלעך פון רעגולערן חייל פון דער ליטווישער אַרמיי האָבּן זיך אויף אַ געוויסע צייט צוריקגעצויגן קיין בּירזשע און קיידאַני, כּדי דאָרט צו קומען צו זיך. די סמאָ-

לענסקער, וויטעבסקער, פּאָלאָצקער, מסטיסלאַווער און מינסקער שליאַכטע איז אָדער נאָכגעגאַנגען דעם חייל, אָדער זיך באַהאַלטן אין די נאָך נישט פאַרנומענע וואָיעוודסטוועס. די דרייסטערע צווישן דער שליאַכטע זענען זיך צונויפגעקומען קיין גראָדנאָ, צום הער שאַצמייסטער גאָשיעווסקי, ווייל דאָרט האָבן די קעניגלעכע בריוו, וואָס האָבן צונויפגערופן דעם לאַנד-שטורם, באַשטימט דעם זאַמל-פּונקט. ליידער! ווייניק זענען געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאָרכט די קעניגלעכע בריוו, און די, וואָס האָבן אפילו געפאָלגט די שטים פון דער פליכט, זענען זיך אַזוי פויל צונויפגעקומען, אַז דערווייל האָט באמת קיינער קיין ווידערשטאַנד נישט געשטעלט, אַחוץ דער הער קמיטשיץ, וועלכער האָט דאָס געטון אויף אייגענער אחריות, געטריבן דערצו מער דורך ריטערלעכן מוט, איידער דורך פּאַטריאָטיזם. ס'איז דעריבער לייכט צו פאַרשטיין, אַז צוליבן פעלן פון רעגולערע חיילות און שליאַכטע, האָט ער גענומען אַזעלכע מענטשן, וואָס ער האָט געקענט געפינען — אַלזאָ אַזעלכע, וואָס זייער פליכט האָט זיי נישט געצווינגען צו די העטמאַנעס און וואָס האָבן נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן. עס האָבן זיך דעריבער צונויפגעקליבן אַרום אים שלעפּערס אָן אַ דאַך און אָן אַ היים, מענטשן פון נידעריקן שטאַנד, דיגער, וואָס זענען אַנטלאָפן פון מיליטער, פאַרווילדעוועטע וואַלד-רייטער, שטאָטישע יינגלעך אָדער שווינדלער, וואָס זענען דורכן געזעץ גערודפט געוואָרן. זיי אַלע האָבן אונטער דער פאָן זיך געריכט צו געפינען שוץ, און דערביי זיך צו באַרייכערן דורך גזלות. אין קמיטשיצס אייזערנע הענט זענען זיי פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מוטיקע זעלנער, מוטיק ביז צום משוגעת, און ווען הער קמיטשיץ גופא וואָלט געווען אַ געזעצטער מענטש, וואָלטן זיי פאַר דער רעפּובליק געקענט האָבן גרויסע פאַרדינסטן. אָבער קמיטשיץ אַליין איז געווען אַ הפקר-מענטש, און וועלכן די נשמה האָט שטענדיק געברויזט; איבעריקנס, האָט ער נישט געהאַט ווו צו בעמען פּראָוויאַנט און כלי-זיין און פערד, ווייל אַלס פּרייוויליקער, וואָס האָט אפילו קיין בריוו מיט אַ כוח-הרשאה נישט געהאַט, האָט ער נישט געקענט דערוואַרטן קיין שום הילף פון דער קאַס

פון דער רעפובליק. ער האָט דעריבער גענומען מיט כּוח, אָפּט באַם שונא, אָפּט אויך בײַ די אייגענע. קיין ווידערשטאַנד האָט ער נישט סיבל געווען און פאַרן מינדעסטן אָקעגנשטעלן זיך האָט ער האַרב באַשטראָפט.

אין די כּסדרדיקע קאַמפּן און איבערפאַלן איז ער פאַרווילדעוועט געוואָרן, ער האָט זיך צוגעוווינט צו שפּיכת־דמים, און, אַז נישט אַבי וואָס האָט געקענט רירן זײַן בטבעדיק גוט האַרץ. ער האָט זיך פאַרליבט אין מענטשן, וואָס זענען גרייט געווען אויף אַלץ און האָבן זיך פאַר קיין שום זאַך נישט צוריקגעצויגן. ער איז אינגיכן געוואָרן אַ שם־דבר, וואָס האָט אויף אַלעמען אָן אימה אָנגעוואָרפן. קלענערע פײַנטלעכע מחנות האָבן זיך נישט דערוועגט אַרויסצושמעקן פון די שטעט און לאַגערס אין יענע מקומות, וווּ דער שרעקלעכער פאַרטיזאַנט האָט געבושעוועט. אָבער אויך די אָרטיקע תּושבים, וואָס זענען רויִנירט געווען דורך דער מלחמה האָבן פאַר זײַנע מענטשן מורא געהאַט שיִער נישט אַזוי, ווי די שונאים, בפרט דאָרט, וווּ קמיטשיץ האָט אַליין נישט געהאַט קיין השגחה איבער זיי, וווּ די קאָמאַנדע האָבן געהאַט זײַנע אָפיצירן: קאָקאָשינסקי, אוהליק, קולוויעץ, זענד, און באַזונדערס ראַניצקי, דער גרעסטער פּרא־אדם און אכזר, ווײַל ער איז אויך געווען דער גרעסטער מיוחס — דאָרט האָט מען שטענדיק געקענט פרעגן: זענען דאָס באַשיצער, אָדער שונאים? קמיטשיץ פלעגט אַמאָל אויך זײַנע מענטשן אומברחמנותדיק באַשטראָפן, ווען עס איז אים אַמאָל עפּעס נישט געפעלן געוואָרן; אָבער זייער אָפּט האָט ער זיך געשטעלט אויף זייער זייט, נישט רעכענענדיק זיך נישט מיט קיין געזעצן, נישט מיט קיין טרערן און מענטשלעכן לעבן.

די חברים, אַ חוץ רעקוטשן, וואָס האָט אויף זײַן געוויסן קיין אומשולדיק בלוט נישט געהאַט, האָבן נאָך אָנגערעדט דעם יונגן מנהיג, אַז ער זאָל נאָך מער אָפּלאָזן די לײַצעס פון זײַן שטורמישער נאַטור.

אַזאַ איז געווען קמיטשיצס חייל.

איצט גראָד האָט ער מיטגענומען זײַן געזינדל פון אופּיטאַ,

כּדי עס אָפּצופּושיקן קיין קיידאַני, און ווען זיי האָבּן זיך אָפּגעשטעלט פאַרן הויף אין וואָדאָקטי, האָט דאָס פריילין אַלעקסאַנדראַ זיך אַזש דערשראָקן, דערזעענדיק זיי דורכן פענסטער: אַזוי ענלעך אויף היידאַמאַקעס זענען זיי געווען. יעדער איז געווען אַנדערש אָנגעטון, אַ טייל אין העלמס, וואָס זענען פאַרכאַפּט געוואָרן בּאַם שונא. אַנדערע אין קאָזאַקישע היטלעך, אין קאַפּוזעס, אין קאַפּעלעך, מאַנכע אין אָפּגעשאָסענע איבּער-רעק, נאָך אַנדערע אין מעלצן, מיט בּיקסן, שפּיזן, בּויגנס, רייט-בּייטשן, אויף מאָגערע צעווילדעוועטע פערד, אָנגעטון אין פּוילישע, מאָסקווער, טערקישע רייט-צייגן. אָלענקאַ האָט זיך בּאַרויִקט ערשט דעמאָלס, ווען הער אַנדזשעי, אַ מונטערער און פריילעכער ווי תּמיד, איז אַריין אין שטוב און האַסטיק צוגעפאַלן צו אירע הענט.

און זי, הגם זי האָט פריִער געהאַט בּאַשלאָסן אים אויפצונעמען עפּעס קאַלט, האָט פונדעסטוועגן נישט געקענט בּאַהערשן די שׂמחה, וואָס עס האָט איר פאַרשאַפט זיין אָנקומען. דערבּיי האָט אפשר אויך די ווייבּערישע כיטרעקייט געשפּילט אין דעם אַ געוויסע ראָלע, ווייל מען האָט געדאַרפט זאָגן דעם הער אַנדזשעי, אַז זי האָט אַרויסגעטריבּן די קאָמפּאַניע, האָט דאָס דורכגעטריבּענע מיידל אים דעריבּער פריִער געוואָלט אייננעמען. און איבּעריקנס, האָט ער זי אַזוי האַרציק בּאַגריסט, מיט אַזאַ ליבּע, אַז די רעשטלעך פון פאַרדרוס זענען צעגאַנגען, ווי שניי אַקעגן פייער.

— ער האָט מיך ליבּ! ס׳איז נישט קיין ספק! — האָט זי געטראַכט.

און ער האָט געזאָגט:

— איך האָבּ זיך שוין אַזוי פאַרבּענקט, אַז כ׳האָבּ גאַנץ זופּיטאַ געוואָלט פאַרבּרענגען, אַבּי וואָס גיכער צו דיר פליִען. זאָל שוין קומען אַ מגפה אויף יענע פּויערן.

— איך בּין אויך געווען אומרויִק, אַז עס זאָל דאָרט צו קיין שלאַכט נישט קומען. געלויבּט איז גאָט, וואָס איר זענט געקומען.

— ע! וואָס פאַר אַ שלאַכט! די זעלנער האָבן גענומען אַ ביסל די פויערן מקיים-פסק-זיין...

— אָבער איר האָט זיי באַרויקט?

— כ'וועל דיר באַלד אַלץ זאָגן, ווי ס'איז געווען, מיין טייערע נשמה, כ'וועל זיך נאָר אַ ביסל צוזעצן, ווייל כ'בין פאַרמאַטערט. עי! ווי וואַרעם דאָ איז, עי! גוט איז אין דאָזיקן וואַדזאַקטי, ממש ווי אין גן-עדן. אַ מענטש וואָלט דאָ גערן זיין גאַנץ לעבן געזעסן און אין דידאָזיקע שיינע אויגן געקוקט און קיינמאָל נישט אַרויסגעפאָרן... אָבער אַ וואַרעמער טרינק וואָלט אויך נישט געשאַדט, ווייל אין דרויסן איז אַ מוראדיקע פראָסט.

— כ'וועל באַלד הייסן פאַר אייך ווייַן מיט אייער אָנקאָכן און עס אַליין ברענגען.

— גיב זשע אויך מיינע גזלנים אַ פעסעלע בראָנפן און הייס זיי אין שטאַל אַריינלאָזן, כדי זיי זאָלן זיך כאָטש פון דער פאַרע פון די בהמות אַ ביסל דערוואַרעמען. די פעלצן זייערע זענען דורכגעפרוירן פון ווינט און זיי זענען אַזש שטייף פון קעלט.

— כ'וועל זיי גאָרנישט קאַרגן, ווייל דאָס זענען דאָך אייערע זעלנער.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט זי אַ שמייכל געטון אַזוי, אַז קמיטשיצן איז אין די אויגן ליכטיק געוואָרן, און זי האָט זיך ווי אַ קעצל שטיל אַרויסגערוקט, כדי דער דינערשאַפט הייסן אַלץ אויספירן.

קמיטשיץ האָט געשפרייזט איבער דער שטוב און די טשופרינע זיך געגלעט, דאַן האָט ער די שיטערע וואָנסעס געדרייט, איבערלייגנדיק זיך בשעת-מעשה, ווי אַזוי ער זאָל איר דערציילן, וואָס אין אופיטאַ האָט זיך פאַרלאָפן.

— מ'דאַרף זאָגן דעם גאַנצן אמת — האָט ער געברומט אונטער דער נאָז — נישטאָ קיין עצה, ווען אפילו די קאָמפאַניע זאָל לאַכן, אַז מען פירט מיך דאָ שוין פאַר דער נאָז...

און ווידער האָט ער געשפּרייזט און ווידער די טשופּײנע אויפן שטערן אַראָפּגעצויגן, צום סוף איז ער געוואָרן אַ מגעוול־דיק, וואָס דאָס מיידל זוימט זיך אַזוי לאַנג.

דערווייל האָט אַ ייִנגל אַריינגעטראָגן ליכט, זיך פאַרנייגט ביז צו דער גאַרטל און אַרויסגעגאַנגען, און דערנאָך איז באַלד אַרײַנגעקומען די באַחנטע באַלעבאָסטע, טראָגנדיק אַליין אין בײדע הענט אַ פינקלדיקע צינענע טאַץ, אויף דער טאַץ איז געשטאַנען אַ טעפּל, פון וועלכן ס'איז אויפגעגאַנגען אַ שמעקעדיקע פּאַרע פון אָנגעוואַרעמטן אונגאַר־ווײַן, און אַ געשניצטער בעכער פון גלאָז מיטן הערב פון די קמיטשיצס. דער אַלטער בילעוויטש האָט אים אין זיין צייט באַקומען פון הער אַנדזשעיס פאָטער, ווען ער איז בײַ אים געווען צו גאַסט.

דערזעענדיק די באַלעבאָסטע איז אַנדזשעי צוגעשפּרונגען צו איר.

— העי ! — האָט ער אויסגערופן — בײדע הענטלעך זע־נען פאַרגומען, וועסט זיך מיר נישט אַרויסדרייען !

און ער האָט זיך אַריבערגעבויגן דורך דער טאַץ, און זי האָט צוריקגעצויגן איר העל קעפּל, וואָס איז געשיצט געוואָרן נאָר דורך דער פּאַרע, וואָס איז אויפגעגאַנגען פון טעפּל.

— בוגד ! לאָז אָפּ, ווייל כ'וועל דעם ווײַן צעגיסן . . .

אָבער ער איז דערפון נישט נתפּעל געוואָרן און אויסגעשריגן :

— ווי אַ גאָט איז אין הימל, פון אַזעלכע תענוגים קען מען פון זינען אַראָפּ !

— איר זענט שוין לאַנג פון זינען אַראָפּ . . . זעצט זיך, זעצט זיך.

ער האָט זיך געהאָרכזאַם אַוועקגעזעצט ; און זי האָט אים ווײַן אין בעכער אָנגעגאָסן.

— זאָגט־זשע איצט, ווי אַזוי האָט איר אין אופּיטאַ די שולדיקע געמשפּט ?

— אין אופּיטאַ ? ווי שלמה !

— געלויבט איז גאָט ! . . . ס'איז מיין הייסער באַגער, אַז

אַלע אין דער געגנט זאָלן אייך האַלטן פאַר אַ געזעצטן און יושר-דיקן מענטש. ווי אַזוי איז עס דאָרט צוגעגאַנגען?

קמיטשיץ האָט אַ זיפּ געטון דעם ווייַן, האָט אָפּגעעסן און געזאָגט:

— כ׳מוז דערציילן פון אָנהויב. ס׳איז געווען אַזוי: די פּויערן מיטן בירגערמייסטער האָבן געמאָנט פאַרן פּראָוויאַנט אַסיגנאַציעס פון גרויס-העטמאַן, אָדער פון הער שאַצמייסטער. „איר, גנעדיקע הערן (האָבן זיי געזאָגט צו די זעלנער) זענט פרייוויליקע און קענט מיט צוואַנג נישט איינמאָנען. דירות גיבן מיר פון גוטן ווילן, און פּראָוויאַנטן וועלן מיר געבן דאַמאָלט׳ ווען עס וועט זיך אַרויסשטעלן, אַז מ׳וועט אונדז באַצאָלן".

— זענען זיי גערעכט געווען, אָדער נישט?

— על-פּי-דין זענען זיי גערעכט געווען, אָבער די זעלנער האָבן געהאַט שווערדן, און לויט אַן אַלטן כּלל איז שטענדיק גערעכט דער, וואָס האָט אַ שווערד. זיי האָבן דעריבער געזאָגט צו די פּויערן: „מיר וועלן דאָ באַלד אויף אייער הויט די אַסיגנאַציעס אויסשרייבן!" און ס׳איז באַלד געוואָרן אַ מהומה. דער בירגערמייסטער מיט די פּויערן האָבן זיך אויף דער גאַס באַ-פעסטיקט און מייַנע מענטשן האָבן זיי באַלאַגערט; ס׳איז נישט אַריבער אָן שיסערייַ. כּדי זיי אָנצושרעקן, האָבן די אָרימע זעל-נער אַ פּאָר שייערס פאַרבּרענט, און אַ פּאָר פּויערן אויך באַ-רויִקט...

— וואָס הייסט, באַרויִקט?

— ווער עס באַקומט מיט אַ שווערט איבערן מוח, ווערט שטיל, ווי אַ טייַבעלע...

— גאָט מייַנער! אָבער דאָס איז דאָך רציחה!

— דערפאַר טאַקע בין איך געפאָרן אַהין. די זעלנער זע-נען באַלד געקומען צו מיר זיך קלאָגן, אַז זיי שטייען אויס עינויים, אַז מען רודפט זיי אומשולדיק. „בייכער האָבן מיר פּוס-טע — האָבן זיי געזאָגט — וואָס זאָלן מיר טון?" כ׳האָב גע-הייסן דעם בירגערמייסטער, אַז ער זאָל זיך שטעלן. ער האָט זיך לאַנג געקווענקלט, אָבער צום סוף איז ער געקומען מיט נאָך

דריי אַנדערע. און זיי האָבן דאָס גענומען ווייגיצן: „זאָלן זיי שוין קיין אסיגנאַציעס אויך נישט געבן — האָבן זיי געטענהט — אָבער פאַרוואָס שלאָגן זיי, פאַרוואָס ברענגען זיי די שטאָט? צו עסן און טרינקען וואָלטן מיר זיי געגעבן פאַר אַ גוט וואָרט, אָבער זיי האָבן געוואָלט שמאַלץ, מעד, מעדנים, און מיר זענען אַליין אָרימע מענטשן, מיר האָבן אַליין נישט. מיר וועלן באַם געזעץ זוכן שוץ, און דער גבֿעדיקער הער וועט פאַרן געריכט פאַר אייערע זעלנער ערבֿ זיין.״

— גאָט וועט אייך בענטשן — האָט אַלענקאַ אויסגערופן — אויב איר זענט זיך באַגאַנגען יושרדיק, ווי עס געהער צו זיין!

— יושרדיק?...

דאָ האָט הער אַנדזשעי זיך פאַרקרומט ווי אַ תּלמיד, וואָס דאַרף זיך אין אַן עבֿרה מודה זיין, און גענומען די טשופּרינע אויפן שטערן ציען.

— קעניג מיינער! — האָט ער צום סוף אויסגערופן מיט אַ יאָמערלעכער שטים — נשמה מיינע!... זיי נישט בייז אויף מיר...

— וואָס האָט איר שוין ווידער געטון? — האָט אַלענקאַ אומרויִק געפרעגט.

— כ׳האָב געהייסן געבן צו הונדערט שמיץ דעם בירגער־מייסטער און די ראַטמענער! — האָט הער אַנדזשעי אין איין אָטעם אַרויסגעפּלאַצט.

אַלענקאַ האָט גאַרנישט געענטפערט, זי האָט נאָר די הענט אויף די קני אַנגעשפּאַרט, דעם קאָפּ אַראָפּגעלאָזט אויף די ברוסט און שטילגעשוויגן.

— שנייד מיר דעם האַלדז אָפּ! — האָט קמיטשיץ געשריגן — אָבער זיי נישט בייז!... איך האָב נאָך אַלץ נישט אויסגעזאָגט...

— נאָך? — האָט דאָס פרייליין אַ קרעכץ געטון.

— ווייל זיי האָבן דערנאָך געשיקט קיין פּאָניעוויעזש נאָך הילף. עס זענען געקומען הונדערט נאַרישע יינגלעך מיט אָפיצירן. פון זיי האָב איך אַ תּל געמאַכט, און די אָפיצירן... באַ גאָט, זיי נישט בייז!... כ׳האָב זיי געהייסן נאַקעטע מיט בייטשן אי־

בערן שניי טרייבן, אַזוי, ווי כ׳האָב אַמאָל געטון מיטן הער טום־גראַט אין אַרשע...

פֿריילין בילעוויטש האָט דעם קאָפּ אויפגעהויבן; און אירע שטרענגע אויגן האָט געברענט אַ כּעס, און אַ רויטקייט האָט באַדעקט אירע באַקן.

— איר האָט נישט קיין בושה און קיין געוויסן! — האָט די געזאָגט.

קמיטשיץ האָט אַ קוק געטון אַ פֿאַרחידושטער, האָט אַ ווײַלע געשוויגן און דערנאָך האָט ער געפֿרעגט מיט אַ פֿאַרענדער־טער שטים:

— דו מיינסט אויף אַן אמת, אָדער דו מאַכסט אַן אָנ־שטעל?

— כ׳מיין אויף אַן אמת, אַז דידאָזיקע מעשים פּאַסן פֿאַר אַ היידאַמאַק, נישט פֿאַר אַ ריטער!... כ׳מיין אויף אַן אמת, ווײַל אייער נאָמען גייט מיך שטאַרק אָן, ווײַל ס׳איז מיר אַ חרפּה, וואָס קוים זענט איר אָנגעקומען, האַלטן אײַך שוין אַלע בירגער פֿאַר אַ גזלן און טייטלען אויף אײַך מיט די פֿינגער!...

— וואָס גייען מיך דאָרט אָן אײַערע בירגער? איין הונט היט צען כאַטעס און האָט נאָך דערבײַ קיין סך אַרבעט נישט.

— אָבער דידאָזיקע אָרימע פּויערן האָבן נישט קיין חרם אויף זיך, האָבן נישט קיין שאַנד אויף זייערע נעמען. קיינעם וועלן דאָ די געריכטן נישט רודפֿן, אַ חוץ אײַך!

— עי, זאָל דיר דער קאָפּ וועגן דעם נישט ווײ טון. יעדער איז זיך האַר אין אונדזער רעפּובליק, יעדער, וואָס האָט נאָר אַ שווערט אין דער האַנט און קען אַבי עפּעס אַ מחנה צו־נויפֿשטעלן. וואָס וועט מען מיר טון, פֿאַר וועמען האָב איך דאָ מורא?

— אויב איר האָט פֿאַר קיינעם קיין מורא נישט, טאָ זײַט וויסן, אַז איך האָב מורא פֿאַר גאָטס גרימצאָרן... און פֿאַר מענטשלעכע טרערן האָב איך מורא און פֿאַר עוולות!... און מיט בזיונות זיך טיילן מיט עמעצן וויל איך נישט; אַ שוואַך מיידל

ווי איך בין, איז מיר דער נאָמען טייערער, ווי נישט אייגעם, וואָס האַלט זיך פאַר א ריטער...

— באַ גאָט! שרעק מיך נישט מיט אָפּשטויסן, ווייל דו קענסט מיך נאָך נישט...

— אָ, כ׳גלייב, אַז אויך מיין זיידע האָט אייך נישט געקענט!

קמיטשיצס אויגן האָבן געגומען מיט פונקען שפּריצן, אָבער אויך אין איר האָט זיך צעקאָכט דאָס בלוט פון די בילעוויטשס.

— וואַרפט זיך, קריצט מיט די ציין! — האָט זי ווייטער דרייסט געזאָגט — איך וועל זיך נישט דערשרעקן, הים איך בין אליינע אַליין און איר האָט אַ גאַנצן פולק רוצחים מיט זיך; מיין אומשולדיקייט באַשיצט מיך! איר מיינט, כ׳ווייס נישט, אַז איר האָט אין לובּיטש די בילדער דערשאָסן און אַז איר שלעפּט מיידלעך צו שאַנד-טאַטן?... איר קענט מיך נאָך נישט, אויב איר מיינט, אַז כ׳וועל עס הכנעהדיק פאַרשווייגן. איך וויל, אַז איר זאָלט אָנשטענדיק זיין און דאָס צו פאַרלאַנגען וועט מיר קיין שום צוואה נישט אסרן... אדרבא, מיין זיידנס רצון איז, אַז איך זאָל זיין דאָס ווייב נאָר פון אַן אָנשטענדיקן מענטש...

קמיטשיץ האָט זיך אָפּגים געשעמט פאַר דער לובּיטשער אויפפירונג, ווייל אַראָפּלאָזנדיק דעם קאָפּ האָט ער שוין גערעגט געלאַסענער:

— ווער האָט דיר געזאָגט וועגן יענער שיסעריי?

— די גאַנצע שליאַכטע פון דער געגנט רעדט וועגן דעם.

— כ׳וועל זיי באַצאָלן דידאָזיקע דלפנים, בוגדים, פאַר דער טובה! — האָט קמיטשיץ בייז געענטפערט — אָבער דאָס האָט די קאָמפּאַניע געטון שכורערהייט, ווייל זעלנער זעבען נישט בכוח זיך איינצוהאַלטן. און וואָס שייך די מיידלעך, האָב איך זיי נישט געשלעפּט.

— כ׳ווייס, אַז יענע חצופים, יענע רוצחים רעדן אייך צו צו אַלעם...

— דאָס זענען נישט קיין רוצחים, דאָס זענען מיינע אַפּיצירן...

— איך האָב דידאַזיקע אָפיצירן אייערע געהייסן זיך אָפּ־טראָגן פון מיין הויז!

אַלענקאַ האָט זיך גערעכט אויף אַן אויסברוך פון רציחה, דערווייל אָבער האָט זי צו איר גרעסטער פאַרווונדערונג באַמערקט, אַז די ידיעה וועגן דער פאַרטרייבונג פון די חברים האָט אויף קמיטשיצן קיין שום רושם נישט געמאַכט, פאַרקערט גאָר, זי האָט אפילו אים נאָך אויפגעהייטערט.

— האָסטו זיי געהייסן זיך אָפּטראָגן? — האָט ער גע־פרעגט.

— יאָ.

— און זיי האָבן זיך אָפּגעטראָגן?

— יאָ.

— בנאמנות, דו האָסט אין זיך אַ ריטערלעכן מוט! עס גע־פעלט מיר שטאַרק, ווייל ס'איז אַ סכנה מיט אַזעלכע מענטשן אָנ־צוהייבן. נישט אײנער האָט שוין דערופאַר טייער באַצאָלט. אָבער אויך זיי ווייסן, ווי זיך צו פאַרהאַלטן לגבי קמיטשיצן!... זעסט! זיי האָבן זיך הכנעהדיק אָפּגעטראָגן ווי די לעמעלעך — זעסט, און פאַרוואָס? ווייל זיי האָבן פאַר מיר מורא!

דאָ האָט הנר אַנדזשעי מיט גדלות אַ קוק געטון אויף אַלענקאַן און גענומען דרייען די וואָנסעס; זי ווידער האָט דידאַזיקע פאַרענדערונג פון טאָן און דידאַזיקע גדלות אויפגע־בראַכט ביז גאָר, זי האָט דעריבער זיך אָנגערופן מיט אַ פעסטער און דייטלעכער שטים:

— איר מוזט אויסקלויבן צווישן מיר און זיי, אַנדערש קען נישט זיין!

קמיטשיץ האָט אַפּנים נישט באַמערקט די אַנטשלאָסנקייט, מיט וועלכער אַלענקאַ האָט גערעדט און ער האָט געענטפערט מיט ביטול, כמעט פריילעך:

— אָבער צוואָס זאָל איך אויסקלויבן, אַז איך האָב אי דיך און אי זיי! דאָס גנעדיקע פריילין קען זיך אין וואַדאַקטי טון, וואָס

איר גלוסט ; אָבער אַז מײַנע חברים זענען דאָ קײן שום עוולות, קײן שום רשעות נישט באַגאַנגען, פאַרוואָס זאָל איך זײ פאַרטרײַבן ? דאָס גנעדיקע פרײַלין פאַרשטײט נישט, וואָס עס הײסט דינען אונטער אײן פּאָן און צוזאַמען מלחמות פירן . . . קײן שום קרובהשאַפט פאַרבינדט נישט אַזוי, ווי אַ בשותּפותדיקע דינסט. זײ ווײסן, אַז זײ האָבן אפשר טויזנט מאָל מיר דאָס לעבן מציל געווען ; אויב זײ פאַרפאָלגט דאָס געזעץ, בין איך ערשט רעכט מחויב זײ צו געבן אַ מקום מקלט. כמעט אַלע זענען זײ שלאַכטשיצעס און מיוחסים, אַ חוץ זענדן, וואָס זײַן אָפּשטאַמונג איז אומזיכער, אָבער אַזאַ רײַטער איז נישטאָ אין דער גאַנצער רעפּובליק. אַ חוץ דעם, ווען דאָס גנעדיקע פרײַלין וואָלט געהערט, ווי ער מאַכט נאָך אַלערלײ חיות און עופות, וואָלט זי אים אַלײן אויך ליב באַקומען.

דאָ האָט הער אַנדזשעי זיך צעלאַכט, גלײַך ווי קײן שום ברוגז, קײן שום סכסוך וואָלט קײנמאָל צווישן זײ נישט פאָרגעקומען, און זי האָט אַזש די הענט פאַרבראָכן, זעענדיק, ווי עס שאַרט זיך אַרויס פון אירע הענט דידאָזיקע שטורמישע נאַטור. דאָס אַלץ, וואָס זי האָט אים געזאָגט וועגן מענטשלעכע השגות, וועגן דער נויטיקײט פון געזעצקײט, וועגן בושה, האָט זיך אַראָפּגעגליטשט איבער אים, ווי אַ פײַל איבער אַ פּאַנצער. דאָס נישט אויפגעוועקטע געוויסן פון דאָזיקן זעלנער האָט נישט געקענט תּופס זײַן איר אויפגעבראַכטקײט איבער יעדער אומגערעכטיקײט, איבער יעדער אומווירדיקער הפקרות. ווי אַזוי זאָל זי טרעפן צו זײַן האַרץ, ווי אַזוי זאָל זי צו אים רעדן ?

— זאָל געשען גאָטס רצון ! — האָט זי צום סוף געזאָגט — אויב איר זאָגט זיך אָפּ פון מיר, גײט זיך אײַער וועג. גאָט וועט באַשיצן אַ יתומה !

— איך זאָג זיך אָפּ פון דיר ? — האָט קמיטשיץ געפרעגט מיט דער גרעסטער פאַרוווּנדערונג.

— יאָ ! אויב נישט מיט ווערטער, איז מיט מעשים ; אויב נישט דו פון מיר, איז איך פון דיר. . . ווײַל איך וועל נישט חתונה האָבן מיט אַ מענטש, וואָס האָט אויף זײַן געוויסן מענטש-

לעכע טרערן און מענטשלעך בלוט, אויף וועלכן מען טייט מיט די פינגער, מען רופט אים פאַרטריבענער, רוצח און מען האַלט אים פאַר אַ בוגד!

— וואָס פאַר אַ בוגד?... ברענג מיך נישט אַרויס פון די כלים, כדי כ'זאָל נישט אָפּטון עפּעס אַזוינס, אויף וואָס כ'וואָלט שפּעטער חרטה געהאַט. זאָל מיך דאָ אויפן אָרט אַ דונער טרעפן, זאָלן פון מיר די שדים היינט די הויט אַראָפּשינדן, אויב איך בין אַ בוגד, איך, וואָס כ'האָב מיך פאַרן פאָטערלאַנד געשלאָגן דאָמאָלס, ווען אַלע האָבן די הענט אַראָפּגעלאָזט!

— איר שלאָגט זיך פאַרן פאָטערלאַנד, טוט אָבער דאָס אייגענע, וואָס דער שונא, ווייל איר טרעט עס מיט די פיס, ווייל איר גאַטערט זיינע מענטשן, ווייל איר זענט עובר אויף אַלע געטלעכע און מענטשלעכע געזעצן. ניין! ווען אפילו דאָס האַרץ זאָל מיר צעריסן ווערן, וויל איך נישט האָבן אַזעלכן, איך וויל נישט!...

— רעד מיט מיר נישט וועגן פאַרשטויסן מיך, ווייל כ'וועל אין רציחה צעריינפאַלן! שטייט־מיר־ביי, מלאכים! וועסט מיך נישט וועלן מיטן גוטן, וועל איך דיך אַזוי אויך נעמען, ווען אפילו דאָס גאַנצע געזינדל פון די שכנותדיקע דערפער, ווען אפילו די ראַדזיווילס אַליין, אפילו דער קעניג בכבודו ובעצמו און אַלע טייוולאָנים מיט הערנבער וועלן שיצן דעם צוטריט, און ווען אפילו כ'זאָל דאַרפן די נשמה דעם טייוול פאַרקויפן...

— רופט נישט די בייזע רוחות, ווייל זיי וועלן אייך גאָר דערהערן! — האָט אַלענקאַ אויסגעשריגן, אויסשטרעקנדיק די הענט.

— וואָס ווילסטו פון מיר?

— זיי ערלעך!...

זיי זענען ביידע אַנטשוויגן געוואָרן. עס האָט זיך גאָר געהערט הער אַנדזשעיס סאָפּען. אַלענקאַס לעצטע ווערטער האָבן פונדעסטוועגן דורכגעריסן דעם פאַנצער, וואָס באַדעקט זיין געוויסן. ער האָט זיך געשפּירט דערנידעריקט. ער האָט נישט געווּסט, וואָס איר צו ענטפערן, ווי אַזוי זיך צו שיצן. דערנאָך

האָט ער געגומען שפּרייזן מיט גיכע טריט איבער דער שטוב; זי איז געזעסן אומבאַוועגלעך. עס האָט איבער זיי געהאָנגען אַ צעריייצטקייט, אַ פאַרביטערונג און אַ פאַרדרוס. ס'איז זיי זום־היימלעך געווען און דאָס לאַנגע שטילשווייגן איז פאַר זיי באַלד געוואָרן נישט צום אַריבערטראָגן.

— זיי געזונט! — האָט קמיטשיק מיטאַמאָל געזאָגט.

— פאָרט און זאָל אין אייך גאָט אַריינהויכן אַן אַנדערן גייסט! — האָט אַלעגקאַ געענטפערט.

— כ'וועל פאָרן! ביטער איז מיר געווען דיין געטראַנק, ביטער דיין ברויט! גאָל און עסיג האָט מען מיר דאָ צו טרינקען געגעבן!

— און איר מיינט, אַז איר האָט מיר האָניק צו טרינקען געגעבן! — האָט זי געענטפערט מיט אַ שטים, אין וועלכער עס האָבן טרערן געציטערט.

— זיי געזונט!

— זיי געזונט...

קמיטשיק איז געגאַנגען צו דער טיר, מיטאַמאָל האָט ער זיך אומגעדרייט און צושפּרינגענדיק צו איר, האָט ער זי אָנגעכאַפּט פאַר ביידע הענט און געזאָגט:

— באַ קריסטוסן און זיינע יסורים! ווילסטו, אַז כ'זאָל אַ טויטער אויפן וועג פון פערד אַראָפּפאַלן!

דאַמאָלס האָט אַלעגקאַ אויסגעבראָכן מיט אַ געוויין; ער האָט זי, אַ צאַפּלדיקע אינגאַנצן, אַרומגענומען און געהאַלטן אין די אָרעמס, איבערחזרנדיק דורך די צונויפגעפּרעסטע ציין:

— שלאָגט־זשע מיך, ווער אין גאָט גלייבט! שלאָג, האָב נישט קיין רחמנות!

צום סוף האָט ער אויסגעשאָסן:

— וויין נישט, אַלעגקאַ! באַ גאָט, וויין נישט! וואָס בין איך דיר שולדיק! כ'וועל אַלץ טון, וואָס דו ווילסט. יענע וועל איך משלח זיין... אין אופּיטאַ וועל איך פאַרבעסערן... כ'וועל לעבן אַנדערש... ווייל כ'האָב דיך ליב... באַ גאָט! דאָס האַרץ

וועט מיר פלאַצן... כ'וועל אַלץ טון... נאָר ווײַן נישט... און האָב מיך נאָך ליב...

אַזוי האָט ער זי באַרויִקט און געצערטלט... און זי, נאָכ־דעם ווי זי האָט זיך אויסגעוויינט, האָט געזאָגט:

— פאַרט שוין. גאָט וועט שלום מאַכן צווישן אונדז. איך האָב נישט קיין פאַרדרוס, נאָר אַ ווייטיק אין האַרץ...

די לבנה האָט זיך שוין געהאַט אַרויפגערוקט הויך איבער די ווייסע פעלדער, ווען הערשקע אַנדזשעי איז צוריקגעפאָרן קיין לוביטש, און הינטער אים האָבן זיך נאָכגעשלעפּט די זעלנער, אויסציִענדיק זיך ווי אַ שלאַנג איבערן ברייטן שליאַך. זיי זענען געפאָרן דורך וואָלמאַנטאָוויטשע, אָבער מיט אַ קירצערן וועג, ווייל די פראָסט האָט אויסגעטרוקנט די זומפּן און מ'האָט איבער זיי געקענט זיכער פאָרן.

דער וואַכמייסטער סאָראָקאַ איז צוגעקומען צום הערר אַנ־דזשעי.

— הער ריטמייסטער — האָט ער געפרעגט — ווו זאָלן מיר זיך אָפּשטעלן אין לוביטש?

— אַוועק פון מיר! — האָט קמיטשיץ געענטפערט.

און ער איז געפאָרן פאָרויס, גאָרנישט רעדנדיק צו קיינעם. אין האַרצן האָט אים געגאָגט אַ קלעמעניש, ווײַלעכווײַז אַ כעס, אָבער קודם־כל אַ פאַרדרוס אויף זיך אַליין. דאָס איז געווען די ערשטע נאַכט אין זיין לעבן, וואָס ער האָט געמאַכט אַ חשבון־הנפש און דער דאָזיקער חשבון־הנפש האָט אים געדריקט מער, ווי דער שווערסטער פּאַנצער. אַט איז ער אַהערגעקומען אין די דאָזי־קע מקומות מיט אַ באַפלעקטן נאָמען, און וואָס האָט ער געטון, כדי זיינע פעלערן צו פאַריכטן? דעם ערשטן טאָג האָט ער צו־געלאָזט צו דער שיסערײַ און אויסגעלאַסענע מעשים אין לוביטש און געלייקנט, אַז ער האָט אין דעם קיין חלק נישט געהאַט, הגם ער האָט יאָ געהאַט דערגאָך האָט ער עס שוין יעדן טאָג דער־לויבט. ווייטער: די זעלנער האָבן באַוואָלט די שטאָט־לייט, און ער האָט נאָך דידאָזיקע עוולות פאַרמערט. נאָך ערגער! ער האָט זיך געוואָרפן אויף די פאָניעוויעזשער מענטשן, זיי צעקלאַפּט,

געלאָזט נאַקעטע אָפיצירן איבערן שניי שלעפן. . . אַז מ׳וועט אים מאַכן אַ פּראָצעס — וועט ער פאַרשפּילן. מ׳וועט אים פאַרמשפּטן צו פאַרלירן דאָס פאַרמעגן, די ערד, אפשר אויך דעם קאָפּ. און ער וועט דאָך נישט קענען, ווי אַנומלט, צונויפקלויבן אַ באַיאָפּנטע מחנה און חוזק־מאַכן פון די געזעצן, ווייל ער האָט בדעה חתונה צו האָבן, צו באַזעצן זיך אין וואָדאָקטי, צו דינען נישט אויף אייגענער אחריות, נאָר אין רעגולערן חייל; דאָרט וועט אים דאָס געזעץ פאַרפאָלגן און טרעפן. אַחוץ דעם, ווען ער וואָלט אפילו די שטראָף אויסגעמיטן, איז פאַראַן עפּעס מיאוסעס אין דערדאָזיקער אויפפירונג, עפּעס אַזוינס, וואָס איז אַ פּתיחת־הכבוד פאַר אַ ריטער. אפשר וועלן די הפקרדיקע מעשים זיך לאָזן פאַרגלעטן, אָבער דער אָנדענק וועגן זיי וועט בלייבן אי אין די מוטערלעכע הערצער, אי אין זיין אייגענעם געוויסן און אי אין אַלעגקאָס האַרץ. . .

דאָ, ווען ער האָט זיך דערמאָנט, אַז זי האָט אים פונדעסטוועגן נאָך נישט אָפּגעשטויסן, אַז אַרויספאָרנדיק האָט ער אין אירע אויגן געלעזן פאַרגעבונג, איז זי אין זיינע אויגן געווען אַזוי גוט, ווי אַ הימלישער מלאך. און אָט האָט אים אָנגעכאַפּט אַ חשק צוריקצוקערן נישט מאָרגן, נאָר באַלד, אין גרעסטן איילעניש, און פאַלן איר צו די פיס און בעטן זי צו פאַרגעסן, און קושן די זיסע אויגן, וואָס האָבן מיט טרערן באַפייכט היינט זיין פּנים.

ס׳האָט זיך אים אַליין פאַרוואָלט אויסצוברעכן מיט אַ געוויין און ער האָט געשפּירט, אַז ער האָט אַזוי ליב דאָס דאָזיקע מיידל, ווי ער האָט נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן קיינעם נישט ליב געהאַט. „כ׳שווער באַם הייליקסטן פריילין! — האָט ער באַ זיך געטראַכט — כ׳וועל טאָן, וואָס זי וועט וועלן; כ׳וועל די חברים פאַרוואָרגן ביט כּל טוב און זיי אין עק וועלט משלח זיין, ווייל ס׳איז טאַקע אמת, אַז זיי רעדן מיך אָן צו שלעכטס.

דאָ האָט ער זיך געטראַכט, אַז קומענדיק קיין לוביטש וועט ער זיי מכתמא טרעפן שיכּור, אָדער מיט מיידלעך, און ס׳האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ רציחה, אַז עס האָט זיך אים געוואָלט מיט

דער שווערט עמעצן דערלאנגען, כאָטש דידאָזיקע זעלנער, וועלכע ער האָט געפירט, און זיי האַקן אָן רחמנות.

— כ׳וועל זיי געבן! — האָט ער געברומט, ציפּנדיק די וואָנסעס — זיי האָבן מיך נאָך נישט געזען אַזעלכן, ווי זיי וועלן מיך זען...

דאָ האָט ער פון ווילדער רציחה גענומען דאָס פערד מיט די שפּאָרנס שטויסן און ציִען און רייסן פאַר דער צוים, אַז דאָס פערד האָט זיך אַזש צעבריקעוועט, און סאָראָקאַ האָט, זעענדיק דאָס, געברומט צו די זעלנער:

— דער ריטמייסטער איז בייז ווי אַ טייוול. ס׳איז אַ סכנה אים צו קומען איצט אונטער דער האַנט...

הער אַנדזשעי איז באמת געווען בייז ווי אַ טייוול. אַרום און אַרום האָט געהערשט אַ גרויסע רויִקייט, די לבנה האָט געשיינט לויטער, דער הימל האָט געפינקלט מיט טויזנטער שטערנס, דאָס מינדסטע ווינטל האָט נישט באַוויגן די צווייגן אויף די ביימער — נאָר אין האַרץ פון ריטער האָט געבריזט אַ שטורם. דער וועג קיין לוביטש איז אים אויסגעקומען אַזוי לאַנג. ווי נאָך קיינמאָל נישט. עפּעס אַ ביז איצט אומבאַקאַנטער פּחד, וואָס האָט זיך אַרויס־געשלייכט פון דער פינסטערניש, פון די וואלד־טיפענישן און פון די פעלדער, וואָס זענען געווען באַגאָסן מיט דער גרינלעכער שיין פון דער לבנה, האָט גענומען שוועבן איבער אים. צום סוף האָט אַ מידעקייט באַוועלטיקט דעם הער אַנדזשעי, ווייל דעם אמת געזאָגט האָט ער די גאַנצע פאַרגאַנגענע נאַכט פאַרברענגט אין אופּיטאַ מיט שכורן און הוליען. אָבער ער האָט געוואָלט די פאַר־מאַטערטקייט דורך מאַטערניש פאַרטרייבן, צעטרייסלען זיך פון דער אומרויִקייט דורך אַ שנעלן רייטן, ער האָט זיך דעריבער געווענדט צו די זעלנער און אַ קאָמאַנדע געגעבן:

— גאַלאָפּ!..

ער איז געפלויגן ווי אַ פייל און הינטער אים די גאַנצע מחנה. און אין דידאָזיקע וועלדער און אויף די פּוסטע פעלדער זענען זיי געפלויגן ווי יענע טייוולאָנישע מחנה פון קרייץ־ריטער, וועגן וועלכע עס דערציילט דער המון אין זשאַמעט, אַז צייטנווייז,

אין העלע לבנה־נעכט, באַווייזן זיי זיך און פֿליִען אין דער לופֿט, אָנזאָגנדיק אַ מלחמה און אומגעוויינטלעכע צרות. דער אָפּהילך פֿון זייערע טריט איז געפֿלויגן פֿאַר זיי און נאָך זיי; פֿון די פֿערד האָט גענומען אַ פּאַרע זעצן און ערשט דאַמאָלס, ווען אויפֿן שיידוועג האָבן זיך באַוויזן די מיט שניי באַדעקטע לוביטשער דעכער, האָבן זיי איינגעהאַלטן דאָס געלויף.

דאָס טויער האָבן זיי געטראָפֿן ברייט אויפֿגעמאַכט. קמיטשיצן האָט פֿאַרחידושט, וואָס ווען דער הויף איז פֿול געוואָרן מיט מענטשן און פֿערד, איז קיינער נישט אַרויס אַ קוק־טון אָדער פֿרעגן, ווער ס'איז אָנגעקומען. ער האָט זיך גערעכט צו טרעפֿן העל באַלויכטענע פֿענסטער, צו דערהערן די שטים פֿון אוהליקס פֿייפֿל, פֿון אַ פֿידל, אָדער פֿריילעכע אויסגעשרייען און שמועסן; דערווייל האָט נאָר אין צוויי פֿענסטער פֿון דער עס־שטוב געבליצט אַ שוואַך ליכט, און אין אַלע איבעריקע שטובן איז געווען פֿינסטער, שטיל, רויִק. דער וואַכמייסטער סאָראָקאַ איז דער ערשטער פֿון פֿערד אַראָפּגעשפּרונגען, כּדי צו העלפֿן דעם ריטמייסטער פֿון פֿערד זיך אַראָפּזעצן.

— שלאָפֿן גיין! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — ווער עס וועט געפֿינען פּלאַץ אין שטוב פֿון דער דינערשאַפֿט, זאָל דאָרט שלאָפֿן, און די איבעריקע אין די שטאַלן. די פֿערד אַריינשטעלן אין די שייערס און שפּייכלערס און צוטראָגן זיי היי פֿון די שאָפּעס.

— ס'וועט געשען! — האָט דער וואַכמייסטער געענטפֿערט.

קמיטשיץ איז פֿון פֿערד אַראָפּגעקראָכן. די טיר פֿון פֿאָדערהויז איז געווען אויפֿגעפּראַלט, און דאָס פֿאָדערהויז אויסגעקילט.

— העי! איז דאָרט ווער פֿאַראַן? — האָט קמיטשיץ גערופֿן.

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופֿן.

— העי! — האָט ער העכער איבערגעחזרט.

אַ שטילשווייגן.

— אָנגעשכורט זיך! — האָט הער אַנדזשעי אַ ברום געטון.

און עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַווילדע רציחה, אַז ער האָט גענומען מיט די ציין קריצן. פאָרגדיק האָט ער געטרייסלט פון כעס אויפן געדאַנק, אַז ער וועט זיי טרעפן שכורדיק און הוליענדיק מיט מיידלעך, און איצט האָט אים די דאָזיקע שטילקייט נאָך מער גערייצט.

ער איז אַריין אין עס-צימער. אויפן גרויסן טיש האָט אַן אייל-לעמפל געברענט מיט אַ רויטן, רויכערדיקן פלאַם. פון דעם אימפּעט פון דער לופט, וואָס האָט אַריינגעשטראָמט פון פאָדערהויז, האָט דער פלאַם געפלאַטערט, אַזוי, אַז אַ ווײַלע האָט הער אַנדזשעי גאָרנישט געקענט זען. ערשט ווען דאָס פלאַטערן האָט אויפגעהערט, האָט ער דערזען אַ שורה געשטאַלטן, וואָס זענען געלעגן גלייך באַ דער וואַנט.

— זיי זענען טויט-שכור, צי וואָס? — האָט ער אומרויק אַ ברום געטון.

דערנאָך איז ער אומגעדולדיק צוגעגאַנגען צו דער ערשטער געשטאַלט פון עק. אין פנים האָט ער נישט געקענט זען, ווייל זי איז געווען פאַרזונקען אין שאָטן, אָבער לויטן ווייסן לעדערנעם גאַרטל און לויט דער ווייסער שייד פון פייפל האָט ער דערקענט דעם הער אוהליק און גענומען אים אָן צערעמאָניעס שטויסן מיטן פוס.

— שטיי אויף! שטיי אויף!...

אָבער הער אוהליק איז געלעגן אומבאַוועגלעך, מיט מאַכטלאָז אַראָפּגעלאָזטע הענט באַ די זייטן פון קערפּער און נאָך אים זענען געלעגן די איבעריקע; קיינער פון זיי האָט נישט געטון קיין געוועין, קיין ציטער, האָט זיך נישט אויפגעוועקט, האָט נישט קיין ברום געטון. אין דער זעלבער רגע האָט הער קמיטשיץ באַמערקט, אַז אַלע ליגן מיט די פּנימער צַרויף, אין אַ גלייכער פּאָזיציע, און עפּעס אַ שרעקלעך פאָרגעפיל האָט אים פאַרקלעמט דאָס האַרץ.

ער איז צוגעשפּרונגען צום טיש, האָט מיט אַ ציטערדיקער

האָט אַ כאַפּ געטון דאָס לעמפּל און עס צוגערוקט צו די פּנימער פון די ליגנדיקע געשטאַלטן.

די האָר האָבן זיך אים קאַפּויר געשטעלט, אַזוי אימהדיק איז געווען דאָס בילד, וואָס האָט איבעראַשט זײַנע אויגן. . . אומ־ליקן האָט ער געקענט דערקענען בלויז לויט דער ווײַסער גאַרטל, ווײַל דאָס פּנים און דער קאָפּ האָבן מיט זיך פאָרגעשטעלט איין פאַרקריפּלטע מאַסע, אַ פאַרבלוטיקטע, אָן עקלדיקע, אָן אויגן, נאָז און מויל — נאָר די גרויסע וואָנסעס האָבן אַרויסגעשטאַרט פון דער מוראדיקער קאַלוזשע. הער קמיטשיק האָט ווײַטער גע־לויכטן. . . דער צווייטער נאָך דער רײ איז געלעגן זענבד, מיט אויסגעשטשירעטע צײַן און פון די לעכער אַרויסגעקראָכענע אויגן, אין וועלכע ס'איז פאַרגלייזט געוואָרן די יציאת־נשמהדיקע שרעק. דער דריטער נאָך דער רײ, ראַביצקי, האָט געהאַט פאַרמאַכטע אויגן און איבערן גאַנצן פּנים ווײַסע, בלוטיקע און טונקעלע פלעקן. הער קמיטשיק האָט ווײַטער געלויכטן. . . דער פערטער איז געלעגן הער קאָקאָשינסקי, וועלכן קמיטשיק האָט געהאַלטן פאַרן ליבסטן פון אַלע חברים, ווײַל ער איז געווען זײַן אַלטער נאָענטער שכן. ער האָט ווי רויק געשלאָפן, נאָר פון דער זײַט, אין האַלדז, האָט מען בײַ אים געזען אַ גרויסע ווונד, וואָס איז מסתמא דורך אַ שטאָך געמאַכט געוואָרן. דער פינפטער נאָך דער רײ איז געלעגן דער רײַזיקער דער קולויעץ היפּאָצענטאַורוס מיט אַ צעריסענעם ראָק אויף דער ברוסט און אַ פּנים, צעהאַקט פון גע־דיכטע ווונדן. הער קמיטשיק האָט דאָס לעמפּל צוגערוקט נענטער צו יעדן פּנים, און ווען ער האָט צום סוף דעם זעקסטן, רעקוטשן, אין די אויגן אַ לייכט געטון, האָט זיך אים געדוכטן, אַז די אויגן־לידערס פון אומגליקלעכן האָבן אַ ציטער געטון פון דער שײַן.

ער האָט דעריבער אַוועקגעשטעלט דאָס לעמפּל אויף דער ערד און גענומען דעם פאַרוווּנדעטן לײַכט טרייסלען.

— רעקוטש, רעקוטש! — האָט ער געשריען — דאָס בין איך, קמיטשיק!...

נאָך די אויגן־לידערס האָט גענומען אויפציטערן אויך דאָס

פנים, די אויגן און דאָס מויל האָבן זיך אויפגעמאַכט און באַלד צוגעמאַכט.

— דאָס בין איך ! — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

רעקוטשס אויגן האָבן זיך אויף אַ ווײַלע אינגאַנצן אויפ־געמאַכט — ער האָט דערקענט דאָס פנים פון פרײַנט און שטיל געקרעכצט :

— יענדרוש ! . . . דעם קניאַנדז ! . . .

— ווער האָט איך געהרגעט ? ! — האָט קמיטשיץ גע־שריגן, אָנכאַפּנדיק זיך פאַר די האָר.

— די בו—טרימס. . . האָט זיך אָנגערופן אַזאַ שטילע שטים, אַז מ'האָט זי קוים דערהערט.

באַלד דערויף האָט זיך רעקוטש אויסגעגלײַכט, ער איז גע־וואָרן שטײַף, די אָפענע אויגן פאַרשטאַרט — און ער איז אָפּ־געשטאָרבן.

קמיטשיץ איז שטילשווײַגנדיק צוגעגאַנגען צום טיש און האָט אויף אים אָוועקגעשטעלט דאָס לעמפּל — אַליין האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ שטול און גענומען מיט די הענט פירן איבערן פנים, ווי אַ מענטש, וואָס אויפכאַפּנדיק זיך פון שלאָף, ווייסט ער אַליין נישט, צי ער איז שוין אויף, אָדער ער זעט נאָך די בילדער פון שלאָף פאַר די אויגן.

דערנאָך האָט ער ווידער אַ קוק געטון אויף די קערפּערס, וואָס ליגן אין דער פינסטערניש. אַ קאַלטער שווייס האָט אים אַרויסגעשלאָגן אויפן שטערן, די האָר האָבן זיך אים אויפן קאָפּ געשטעלט קאַפּויר און מיטאַמאָל האָט ער אַזאַ מוראדיקן גע־שריי געגעבן, אַז די שויבן האָבן אַזש אין די פענסטער געצי־טערט :

— אַהער דאָ אַלע ! אַהער ! . . .

די זעלבער, וועלכע האָבן זיך געהאַט אויסגעלייגט אין שטוב פון דער דינערשאַפט, האָבן דערהערט דאָסדאָזיקע געשריי און זײַנען אימפּעט אַרײַנגעפאַלן אין שטוב. קמיטשיץ האָט זיי מיט דער האַנט אָנגעוויזן אויף די הרוגים, וואָס ליגן בײַ דער וואַנט.

— דערהרגעט! דערהרגעט! — האָט ער איבערגעחזרט מיט אַ הייזעריקער שטים.

זיי האָבן זיך געוואָרפֿן קוקן; אייניקע זענען אָנגעלאָפֿן מיט קין און גענומען לייכטן אין די אויגן פֿון די בני־מיננס. נאָך דער ערשטער פֿאַרוווּנדערונג איז געוואָרן אַ גערודער און אַ מהומה. עס זענען געקומען אָנצולויפֿן אויך די, וואָס האָבן זיך שוין געהאַט צעלייגט אין די שטאַלן און שייערס. אין גאַנצן הויז איז געוואָרן ליכטיק, ס׳איז פֿול געוואָרן מיט מענטשן און אין דאָזיקן כאַאָס, אין דאָזיקן געמיש פֿון קולות און פֿראַגן, זענען נאָר בלויז די הרוגים געלעגן בײַ דער וואַנט גלײַך און שטיל, גלייכגילטיק אויף אַלץ און — גאָרנישט לויט זייער טבע נאָך — רויִק. די נשמות זענען פֿון זיי אַרויס, און די קערפּערס האָבן נישט געקענט אויפֿוועקן נישט די רופֿן צו דער שלאַכט און נישט אַ געקלאַנג פֿון בעכערס צו אַ סעודה.

בינו־לבינו האָבן אין זעלנערישן געטומל וואָס אַמאָל דייטלעכער זיך געלאָזט הערן אויסגעשרייען פֿון דראָונג און רציחה קמיטשיק, וועלכער איז ביז איצט ווי געווען אין עולם־התועה, האָט מיטאַמאָל זיך אויפֿגעכאַפּט אין אַ געשריי געצוין:

— אויף די פֿערד!...

אַלע האָבן זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר. ס׳איז נישט אַריבער קיין האַלבע שעה און העכער הונדערט רייטער זענען שוין קאַרק־ברעכעריש געפֿלויגן איבער דעם ברייטן שנייִקן וועג און בראש פֿון זיי איז הער אַנדזשעי, ווי אַ רוח, געפֿלויגן אָן היטל, מיט דער הוילער שווערט אין דער האַנט. אין דער נאַכטשטילקייט האָבן זיך געהערט ווילדע אויסגעשרייען:

— שלאָג! הרגע!...

די לבנה האָט גראָד דערגרייכט די העכסטע הייך אויף איר הימלישן וועג, ווען איר שיין האָט מיטאַמאָל זיך גענומען מישן און צונויפֿגיין מיט אַ רויטלעכן ליכט, וואָס איז אויפֿגעגאַנגען ווי פֿון אונטער דער ערד; ביסלעכווייז איז דער הימל וואָס אַמאָל רויטער געוואָרן, ווי פֿון אויפֿגייענדיקן מאָרגנשטערן, ביז אַ בלוטיקער, רויטער פֿלאַם האָט צום סוף באַוויזן די גאַנצע געגנט.

אין פייער־כוואַליע האָט געבושעוועט איבערן געוואַלטיקן דאַך פון די בוטרימס, און קמיטשיצס ווילדע זעלנער האָבן אינמיטן רויך, פייער־פלאַמען און פונקען, וואָס האָבן סלופּעסווייז געזעצט אינדערהייך, אויסגעזקוילעט די איבערגעשראָקענע און פון פּחד בלינד־געוואָרענע באַפעלקערונג...

עס האָבן זיך פון שלאָף אויפגעכאַפּט די איינוואוינער פון די שכנותדיקע דערפער. גרעסערע און קלענערע כּנופיות פון די גאָשטשעוויטשס, סטאַקיאַנס, גאַשטאָווטס און דאָמאַשעוויטשס האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף די וועגן, פאַר די הייזער און קוקנדיק אין דער זייט פון דער שׂרפה, האָבן זיי זיך פון מויל צו מויל איבערגעגעבן די מוראדיקע בשׂורה: „דער שונא האָט זיך געמוזט אַרייַנרייסן און ברענט איצט די בוטרימס... דאָס איז אַן אומגעווייַנטלעכע שׂרפה!“

אַ געקנאַל פון ביקסן, וואָס האָט זיך פון צייט־צו־צייט דערטראָגן פונדערווייטנס, האָט באַשטעטיקט דידאָזיקע השערות.

— לאָמיר גיין צו הילף! — האָבן די דרייסטערע געגרופן — לאָמיר נישט לאָזן די ברידער אומקומען...

און ווען ס'האָבן אַזוי געזאָגט די עלטערע, האָבן די ייִנגערע, וואָס זענען צוליב די ווינטער־אַרבעטן נישט אַוועק קיין ראַסיעני, זיך שוין געזעצט אויף די פערד. אין קראַקינאָוו און אין אופּיטאַ האָבן די גלאָקן געבומען קלינגען איבער די קירכעס.

אין וואָדאָקטי האָט אַ שטיל קלאַפּן אין דער טיר אויפגעוועקט דאָס פרייַלין אַלעקסאַנדראַ.

— אָלענקאַ! שטיי־אויף! — האָט פרייַלין פראַנצישקאַ קילוויעץ גערופן.

— זאָל די מומע אַרייַנגיין. וואָס איז דאָרט געשען?

— וואָלמאָנטאָוויטשע ברענט!

— אין נאָמען פון גאָט און זון און הייליקן גייסט!

— אַ שיסערייַ הערט מען אַזש דאָ, דאָרט קומט פאָר אַ שלאַכט! גאָט, דערבאַרעם זיך איבער אונדז!

אַלעגקאַ האָט מוראדיק אַ געשריי געטון, דערנאָך איז זי אַרויסגעשפּרונגען פון בעט און גענומען זיך אייליק אָנטון. איר קערפּער האָט זיך געוואָרפן, ווי אין קדחת. זי אייגע האָט זיך באַלד אָנגעשטויסן, וואָס פאַר אַ שונא ס'איז באַפאַלן די אומגליקלעכע בוטרימס.

אין אַ ווײַלע אַרום זענען די אויפגעוועקטע פרויען פון גאַנצן הויז אַרײַנגעפאַלן מיט אַ געוויין און כליפּעריי. אַלעגקאַ האָט זיך געוואָרפן אויף די קני פאַרן בילד, די איבעריקע האָבן איר נאָכגעטון און אַלע האָבן גענומען הויך זאָגן תפילות פאַר די נשמות פון די שטאַרבנדיקע.

זיי האָבן קוים אַ העלפט אָפּגעזאָגט, ווי אַ געוואַלטיק קלאַפּן האָט אויפגעטרייסלט די טיר פון פאָדערהויז. די פרויען האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער, אַן אויסגעשריי פון שרעק האָט זיך אַרויסגעריסן פון זייערע ברוסטן.

— נישט עפענען! נישט עפענען!

דאָס קלאַפּן האָט זיך דערהערט מיט אַ טאָפּלטער קראַפט, אַז די טיר איז שיער נישט פון די זאַװיעסעס אַרויסגעשפּרונגען. דערווײַל איז צווישן די פאַרזאַמלטע פרויען אַרײַנגעפאַלן דאָס יינגל קאַסטעק.

— פרייליין! — האָט ער אויסגערופן — עפּעס אַ מענטש קלאַפּט. עפענען, אָדער נישט!

— איז ער אַליין?

— אַליין.

— גיי, עפן!

דאָס יינגל איז אַרויסגעלאָפן און זי האָט געכאַפּט אַ ליכט און איז אַרײַנגעגאַנגען אין דער עס־שטוב, נאָך איר זענען אַרײַן פראַנציסקאַ און אַלע שפּינערינס.

זי האָט קוים באַוויזן אַװעקצושטעלן דאָס ליכט אויפן טיש, ווי אין פאָדערהויז האָט זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון דעם איי־זערנעם ריגל, אַ סקריפּען פון דער אויפגעמאַכטער טיר און פאַר די אויגן פון די פרויען האָט זיך באַוויזן הער קמיטשיץ, אַ שרעק־

ליכער, אַ שוואַרצער פון רויך, אַ פאַרבלוטיקטער, אַ פאַרסאַפּעטער און מיט אַ פייערל פון משוגעת אין די אויגן.

— דאָס פערד איז מיר באַם וואַלד געפאַלן! — האָט ער אַ געשריי געטון — מען יאָגט מיך!...

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט אויף אים אָנגעשטעלט די אויגן:

— איר האָט פאַרברענט וואָלמאָנטאָוויטשע?

— איך!... איך!...

ער האָט געוואָלט עפּעס ווייטער זאָגן, אָבער דאָ האָט פון דער זייט פון וועג און וואַלד זיך דערטראָגן אַווידערקול פון אויסגעשרייען און פערדישע טריט, וועלכע האָבן זיך דערנענטערט מיט אַן אומגעווייניטלעכער גיכקייט.

— די שדים קומען נאָך מיין נשמה!... גוט! — האָט קמיטשיץ ווי אין היץ אויסגעשריגן.

פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט אין די אותו-הרגע זיך געווענדט צו די שפּינערינס:

— אויב מ'וועט פרעגן, זאָלט איר זאָגן, אַז דאָ איז קיינער נישטאָ, און איצט אין שטוב פון דער דינערשאַפט און אַהערקומען דאָ מיט ליכט!

און דערנאָך צו קמיטשיצן;

— איר גייט אַהין! — האָט זי געזאָגט, אָנווייזנדיק אויף די שכנותדיקע שטוב.

און כמעט מיט כוח האָט זי אים אַריינגעשטופּט דורך דער אָפענער טיר און זי תיכף פאַרמאַכט.

בינו-לבינו האָבן באַוואָפנטע מענטשן פול געמאַכט דעם הויף און כהרף עין זענען בוטרימס, גאָשטשעוויטשעס, דאָמאַשעוויטשעס און אַנדערע אַריינגעפאַלן אין הויז. דערזעענדיק דאָס מיידל, האָבן זיי זיך פאַרהאַלטן אין עס-שטוב — און זי, שטייענדיק מיט אַ ליכט אין דער האַנט, האָט מיט זיך פאַרשטעלט דעם וועג צו דער וייטערדיקער טיר.

— מענטשן! וואָס טוט זיך? וואָס ווילט איר דאָ? — האָט זי געפרעגט, נישט טוענדיק קיין פינטל מיטן אויג

פֿאַר די דראָענדיקע בליקן און אימהדיקן גלאַנץ פֿון די הוילע שווערטן.

— קמיטשיץ האָט וואָלמאָנטאָוויטשעס פֿאַרבערענט! — האָט די שליאַכטע אין כאָר געשריגן — ער האָט אויסגעקוילעט די מאַנסבילן, ווייבער און קינדער! קמיטשיץ האָט דאָס געטון!...

— מיר האָבן זייערע מענטשן אויסגעהרגעט! — האָט זיך דערהערט די שטים פֿון יוזוואַ בוטרים — און איצט ווילן מיר זיין קאָפּ!..

— זיין קאָפּ! בלוט! צעהאַקן דעם רוצח.

— יאָגט אים נאָך! — האָט דאָס פֿריילין אויסגערופֿן — וואָס־זשע שטייט איר דאָ? יאָגט אים נאָך!

— האָט ער זיך נישט דאָ באַהאַלטן? מיר האָבן אַ פֿערד באַם וואַלד געפֿונען...

— נישט דאָ! דאָס הויז איז געווען פֿאַרמאַכט! זוכט אין די שטאַלן און שייערס.

— ער איז אין וואַלד אַנטקומען! — האָט עפּעס אַ שליאַכטשיץ אויסגערופֿן — העי, ברידער!

— שווייגט! — האָט יוזוואַ בוטרים אַ דונער געטון מיט זיין מעכטיקער שטים — פֿריילין! — האָט ער געזאָגט — באַהאַלט אים נישט!... דאָס איז אַ פֿאַרשאָלטענער מענטש!

אָלענקאַ האָט ביידע הענט אויפֿגעהויבן איבער קאָפּ:

— איך פֿאַרשעלט אים צוזאַמען מיט אייך!...

— אָמן! — האָט די שליאַכטע אויסגעשריגן — אין די שייערס און אין וואַלד! מיר וועלן אים געפֿינען! העי... לאָמיר יאָגן דעם רוצח!

— העי! העי!

אַ געקלאַנג פֿון שווערטן און אַ הילך פֿון טריט האָט זיך אויפֿסניי דערהערט. די שליאַכטע איז אַרויס פֿאַרן גאַנעק און זיך וואָס גיכער געזעצט אויף די פֿערד. אַ טייל האָט געזוכט נאָך אַ געוויסע צייט אין די בנינים, אין די שטאַלן, שייערס, אין דער שאָפּע — דערנאָך האָבן די שטימען זיך גענומען דערווייטערן אין דער זייט פֿון וואַלד.

פֿריילין אַלעקסאַנדראַ האָט זיך איינגעהערט, ביז זיי זענען

אינגאַנצן פאַרשווונדן, דערנאָך האָט זי פיבערהאַפט אַ קלאַפּ געטון אין דער טיר פון חדר, אין וועלכן זי האָט באַהאַלטן דעם הער אַנדזשעי.

— עס איז שוין קיינער נישטאָ! גייט אַרויס!

הער קמיטשיץ האָט זיך אַרויסגעקאַטשעט פון דער שטוב, ווי אַ שיכּור.

— אָלענקאַ! — האָט ער אָנגעהויבן.

זי האָט אַ טרייסל געטון די צעלאָזטע האָר, וואָס האָבן ווי מיט אַ מאַנטל באַדעקט אירע פּלייצעס.

— כ'וויל אייך נישט זען, נישט קענען! נעמט אַ פערד און טראָגט זיך אָפּ פונדאַנען!

אָלענקאַ! — האָט קמיטשיץ אַ קרעכץ געטון, אויסשטרעקנדיק די הענט.

— בלוט איז אויף אייער האַנט, ווי אויף קינס הענט! — האָט זי אויסגעשריגן, אָפּשפּרינגענדיק ווי אויפן אָנבליק פון אַ שלאַנג. — אַוועק, אויף אייביק!...

6. קאַפּיטל.

אַ בלייכער טאָג איז אויפגעשטאַנען אין באַלויכטן די חורבות
אין וואָלמאַנטאָוויטשע, די הויפנס אַש פון הייזער, דאָרפישע
בנינים, פאַרברענטע אָדער מיט שווערטן צעשניטענע מענטשלעכע
און פערדישע פגרים. אין אַש, צווישן די טליענדיקע קוילן, האָבן
קופּקעלעך אויסגעבלייכטע מענטשן געזוכט קערפּערס פון בר-
מינגס אָדער רעשטלעך פון פאַרמעגן. ס'איז געווען אַ טאָג פון
טרויער און ױמגליק פאַר גאַנץ לאַודאַ. די ווימלדיקע שליאַכטע
האָט אמת אָפּגעהאַלטן אַ נצחון איבער קמיטשיצס אָפּטיילונג, אָבער
אַ שווערן און אַ בלוטיקן. אַ חוץ די בוטרימס, פון וועלכע ס'איז
געפאַלן אַממייסטן, איז נישט געווען קיין דאָרף, ווו אלמנות זאָלן
נישט באַוויינען זייערע מענער, עלטערן זייערע זין, אָדער קינדער
זייערע טאַטעס. דער לאַודער שליאַכטע איז באַזונדערס שווער גע-
ווען בייצוקומען די אָנפאַלער, ווייל די געזונטסטע מענער זענען
נישט געווען אין דערהיים, נאָר די זקנים אָדער דאָס יינגוואַרג
אין פריער יוגנט האָבן זיך באַטייליקט אין קאַמף. פונדעסטוועגן
איז פון קמיטשיצס מענטשן קיין שריד־ופליט נישט געבליבן. אַ טייל

זענען אומגעקומען אין וואָלמאָנטאָוויטשע, פאַרטיידיקנדיק זיך מיט אַזאַ מסירת־נפש, אַז פאַרוו ונדערטערהייט האָבן זיי נאָך געקעמפט, די איבעריקע האָט מען צומאָרגנס אויפגעכאַפּט איבער די וועל־דער און אויסגעקוילעט אָן רחמנות. קמיטשיק אַליין איז ווי אין וואַסער אַריינגעפאַלן. עס זענען אַרויסגעזאָגט געוואָרן השערות אויף השערות, ווו ער איז אַהינגעקומען. אַ טייל האָבן געזאָגט, אַז ער האָט זיך אַריינגעקריגן אין די וויסטעניש פון זשעלאַנקאַ און פון דאָרט קיין ראַגאָווסקאַ, ווו נאָר די דאָמאַשעוויטשס אַליין האָבן אים געקענט דערווישן. אַ סך האָבן אויך געזאָגט, אַז ער וועט אַנטלויפן צו כאָוואַנסקין און די שונאים אַראָפּברענגען, אָבער דאָס איז געווען אַ פריצייטיקע מורא.

דערווייל איז די יתר־הפליטה פון די בוטרימס אַוועק קיין וואָדאָקטי און זיך דאָרט אָפּגעשטעלט ווי אין אַ לאַגער. דאָס הויז איז פול געווען מיט ווייבער און קינדער. די, וואָס האָבן קיין פלאַץ נישט געפונען, זענען אַוועק קיין מיטרוני, וועלכע פריילין אַלעקסאַנדראַ האָט אינגאַנצן די נשרפים אָפּגעגעבן. אַ חוץ דעם האָבן בערך הונדערט באַוואָפנטע מענטשן, וועלכע האָבן זיך נאָך דער ריי געביטן, געשטעלט אין וואָדאָקטי צו פאַרטיידיקן דאָס דאָרף; וואָרים מ׳האָט זיך גערעכנט, אַז הער קמיטשיק וועט נאָך נישט אויפגעבן זיין זאַך און אַ ליאַדע טאָג פרווון פאַרכאַפּן דאָס מיידל מיט באַוואָפנטע כוחות. אויך די גרעסערע הייזער אין דער סביבה, ווי די שעלינגס, סאָלאָהובס און אַנדערע האָבן צוגעשיקט הויף־קאָזאַקן און היידוקן. וואָדאָקטי האָט אויסגעזען, ווי אַ שטאָט, וואָס ריכט זיך אויף אַ באַלאַגערונג. און צווישן די באַוואָפנטע מענטשן, צווישן דער שליאַכטע, צווישן די גרופּעס ווייבער, איז אַרומגעגאַנגען די פריילין אַלעקסאַנדראַ אַ פאַראיבלטע, אַ בליי־כע, אַ פאַרווייטיקטע, צוהערנדיק זיך צום מענטשלעכן געוויין און מענטשלעכע קללות אויפן הער קמיטשיק, וועלכע האָבן ווי מיט שווערטן דורכגעשטאָכן איר האַרץ, ווייל זי איז דאָך געווען די אומדירעקטע חייבטע אין אַלע אומגליקן. צוליב איר איז דאָך אין דידאָזיקע געגנטן אַהערגעקומען יענער ווילדער מאַן, וועלכער האָט פאַרשטערט די רו און אַ בלוטיקן אָנדענק נאָך זיך איבערגעלאָזט,

די געזעצן געטרעטן מיט די פיס, מענטשן געקוילעט, די דערנער ווי אַ מאַכמעדאַנער מיט פייער און שווערט פאַרלענדט. ס'איז אַזש געווען אַ פלא, ווי אַזוי איין מענטש האָט געקענט אַזוי פיל שלעכטס אין משך פון אַזאַ קורצער צייט אָפּטון און דערצו נאָך אַ מענטש, וואָס איז נישט אינגאַנצן געווען שלעכט און נישט אינגאַנצן פאַרדאָרבן. ווער נאָך, ווי פריילין אַלעקסאַנדראַ, וועלכע האָט אים מער פון אַלע געקענט, האָט דאָס אַזוי גוט געוווסט. אַ גאַנצער תהום איז געלעגן צווישן דעם הער קמיטשיץ גופא און זיינע מעשים. אָבער דווקא דערפאַר האָט דעם פריילין אַלעקסאַנדראַ זיי געטון דער געדאַנק, אַז דערדאָזיקער מענטש, וועלכן זי האָט ליב באַקומען מיטן גאַנצן ערשטן ברען פון איר יונגן האַרץ, האָט דאָך געקענט זיין אַן אַנדערער; אַז ער האָט אין זיך געהאַט אַזעלכע אייגנשאַפטן, וועלכע האָבן אים געקענט מאַכן פאַר אַ מוסטער פון אַ ריטער, פון אַ שכן; אַז אַנשטאָט פאַראַכטונג האָט ער געקענט געווינען פאַרוווּנדערונג און מענטשלעכע ליבע, אַנשטאָט קללות — ברכות.

ווילעבווייז האָט זיך דעריבער דעם פריילין אויסגעדוכטן, אַז עפּעס אַן אומגליק, עפּעס אַ גרויסע און אומריינע קראַפט האָט אים אַ שטויס געטון צו דידאָזיקע אַלע געוואַלטאַטן, וועלכע ער איז באַגאַנגען, און דאַמאָלס האָט אַ טיף רחמנות זי אָנגענומען אויף דעמדאָזיקן אומגליקלעכן מענטש און די נישט פאַרלאָשענע ליבע האָט אויפסניי ז ויפגעוואַקסט אין איר האַרץ, אויפגעמונטערט דורך דעם פרישן דערמאָנען זיך אין זיין ריטערלעכער פיגור, אין זיינע ווערטער, שבועות, ליבע-דערקלערונגען.

בינו-לבינו זענען קעגן אים הונדערט פּראָטעסטן אין געריכט דערלאַנגט געוואָרן, הונדערט פּראָצעסן האָבן אים געדראָט, און דער הער סטאַראָסטע העבאָוויטש האָט אַרויסגעשיקט מענטשן צו כאַפּן דעם פאַרברעכער.

דאָס געזעץ האָט אים געמוזט פאַראורטיילן.

אָבער פון די אורטיילן ביז צו זייער אויספירונג איז נאָך ווייט געווען, ווייל דער תוהו-ובוהו איז אין דער רעפּובליק וואָס

אַמאָל גרעסער געוואָרן. אַ שרעקלעכע מלחמה האָט געהאַנגען אי-
בערן לאַנד און זיך מיט בלוטיקע שריט דערנענטערט צו זשאַ-
מעט. דער מעכטיקער ראַדזיוויל פון בירזשע, וועלכער האָט אײ-
נער אַליין מיט באַוואָפנטער קראַפט געקענט אונטערשטיצן דאָס
געזעץ, איז צופיל געווען פאַרנומען מיט עפנטלעכע ענינים, און
נאָכמער פאַרטיפט אין גרויסע פלענער בנוגע זיין אייגענעם הויז,
וועלכעס ער האָט געוואָלט שטעלן העכער איבער אַלע אַנדערע
אין לאַנד, ווען אפילו אויפן חשבון פון עפנטלעכן וויל. די אַנ-
דערע מאַגנאַטן האָבן אויך געטראַכט מער וועגן זיך, ווי וועגן
דער רעפובליק. וואָרום זייט דער קאָזאַקישער מלחמה האָבן גע-
פלאַצט אַלע געלענקען אין מעכטיקן בנין פון דער רעפּו-
בליק.

דאָס לאַנד, וואָס איז געווען געדיכט באַפעלקערט, רייך און
פול מיט טיכטיקע ריטער, איז געוואָרן איבערגעענטפערט בײַ
פרעמדע אויף רויב, דערפאַר האָבן די הפקר-מענטשן און רשעים
אויפגעהויבן וואָס אַמאָל מער די קעפ און געקענט חוזק מאַכן
פון געזעץ. אַזוי שטאַרק האָבן זיי זיך געשפּירט.

די אונטערדריקטע האָבן די בעסטע און כמעט איינציקע
שוץ קעגן די אונטערדריקער געקענט געפינען אין די אייגענע
שווערטן; דערפאַר טאַקע איז אויך גאַנץ לאַוריאַ, פּראָטעסטירנדיק
קעגן קמיטשיצן אין די געריכטן, נאָך לאַנג נישט אַראָפּ פון די
פערד, גרייט אָפּצושטויסן די געוואַלט דורך געוואַלט.

אָבער ס'איז אַריבער אַ חודש, און וועגן קמיטשיצן איז
נישט געווען קיין שום ידיעה. די מענטשן האָבן גענומען לייכטער
אָפּעטעמען. די מעכטיקערע שלאַכטע האָט אָפּגערופן די באַוואָפנ-
טע דינער, וועלכע זי האָט געהאַט אַרויסגעשיקט קיין וואָדאָקט-
אויף שמירה. די קלענערע פּריצים האָט זיך פאַרבענקט צו די
אַרבעטן און באַקוועמלעכקייטן איבער די דערפער, זיי האָבן זיך
דעריבער אויך גענומען פונאַנדערפאָרן. און אויב די קריגערישע
געמיטער האָבן זיך מיט דער צייט באַרויקט, האָט זיך אָבער בײַ
דערדאָזיקער אָרימער שלאַכטע צוגלייך פאַרשטאַרקט דער חשק
צו רודפן דעם אַנטלאָפענעם דורכן געזעץ און צו מאָנען אין די גע-

ליבטן די גערעכטיקייט פאַר זייערע עוולות. וואָרים הגם די אורטיילן האָבן קמיטשיצן גופא נישט געקענט דערגרייכן, איז דאָך אָבער געבליבן לוביטש, דאָס גרויסע און שיינע דאָרף, אַ גרייטע באַלוינונג און פאַרגעלטונג פאַר די געליטענע היזקות. דעם חשק צו די פּראָצעסן בײַ דער לאַודער שליאַכטע האָט דערבײַ פרײַלין אַלעקסאַנדראַ אַליין ענערגיש אונטערגעהאַלטן. צוויי מאָל זענען זיך צו איר די עלטערע לאַודער שליאַכטיצעס צונויפגעפאָרן אויף באַראַטונגען, און זי האָט אין דיזאָזיקע באַראַטונגען נישט בלויז זיך באַטייליקט, נאָר מיט זיי אָנגעפירט, פאַרוווּנדערנדיק אַלע מיט איר לגמרי נישט ווײַבערישן שכל און טרעפלעכן אורטייל אַזוי, אַז נישט איין אַדוואָקאַט וואָלט זי געקענט מקנא־זײַן. די לאַודער שליאַכטע האָט בכן געוואָלט מיט באַוואָפנטע כוחות לוביטש פאַרנעמען און עס די בוטרימס אָפּגעבן, אָבער דאָס פרײַלין האָט זיי דערפון שטאַרק אָפּגערעדט.

— באַצאָלט נישט מיט געוואַלט פאַר געוואַלט — האָט זי געזאָגט — ווײַל אויך אײַער זאַך וועט דערפון לײַדן; זאָל די גאַנצע אומשולדיקייט זײַן אויף אײַער זײַט. ער, אַ מענטש אַ תקיף און דערצו נאָך מיט פאַרבינדונגען, וועט אויך אין די טריבונאַלן געפינען אַ צד, און אויב איר וועט דעם פּתחון־פּה געבן, קענט איר אַ נײַע עוולה לײַדן. זאָל דערײַבער אײַער גערעכטיקייט זײַן אַזוי קלאָר, אַז יעדעס געריכט, אַפילו פון זײַנע אייגענע ברידער צונויפגעשטעלט, זאָל נישט קענען אַנדערש, ווי לטובת אײַך פּסקענען. זאָגט די בוטרימס, אַז זיי זאָלן נישט קיין כלים און נישט קיין בהמות נעמען און לוביטש אינגאַנצן לאָזן צורו. וואָס זיי דאַרפן, וועל איך זיי געבן פון מיטרוני, וווּ ס'איז פאַרהאַן מער פון כל־טוב, ווי ס'איז ווען עס איז אין וואָלמאָנטאָוויטשע געווען. און אויב דער הער קמיטשיץ וואָלט זיך ווידער באַווײַזן אַהער, זאָלן זיי אויך אים לאָזן צורו, כל־זמן עס וועט קיין פּסק־דין נישט זײַן. זאָלן זיי אויף זײַן לעבן זיך נישט אָנזעצן. געדענקט, אַז נאָר אַזוי לאַנג, ווי ער לעבט, האָט איר פון וועמען אײַערע עוולות צו מאָנען.

אַזוי האָט געזאָגט דאָס קלוגע מיידל מיט ישוב־הדעת, און

זיי האָבן גערימט איר חכמה, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס פון דער פאַרשלעפונג קען אַרויסקומען אַ טובה אויך פאַרן הער אַנדזשעי שוין דערפאַר, וואָס זי באַוואָרענט אים דאָס לעבן. און אפשר האָט טאַקע אַלענקאַ געוואָלט דאָסדאָזיקע אומגליקלעכע לעבן באַוואָרענען פאַר אַן אומגעריכטער סיבה? אָבער די שליאַכטע האָט זי געפאָלגט, ווייל זי איז געווינט געווען פון די אַלטע, גאָר אַלטע צייטן צו האַלטן פאַר קודש־קדשים אַלץ, וואָס גייט אַרויס פון אַ מויל פון די בילעוויטשס — און לוביטש איז געבליבן אומבאַרירט, און הער אַנדזשעי, ווען ער וואָלט זיך געווען באַוויזן, וואָלט ער ביז אַ צייט געקענט רויק אין לוביטש זיצן.

אָבער ער האָט זיך נישט באַוויזן. דערפאַר איז מיט אַנדערטהאַלבן חדשים שפּעטער געקומען צום פריילין אַ שליח מיט אַ בריוו, עפּעס אַ פרעמדער מענטש, וואָס קיינער האָט אים נישט געקענט. דער בריוו איז געווען פון קמיטשיצן, און עס זענען אין אים געווען געשריבן די ווייטערדיקע ווערטער:

„געליבטע, טייערסטע, אומפאַרגעסלעכע אַלענקאַ! יעדעס באַשעפעניש, און באַזונדערס אַ מענטש, אַפילו דער בידעריקסטער, האָט די טבע, אַז פאַר זיינע עוולות מוז ער נקמה נעמען און אַז ווען עס טוט אים עמעצער שלעכטס מוז ער אים מיט דעם זעלבן אָפּצאָלן. און אַז איך האָב אויסגעקוילעט דידאָזיקע חוצפהדיקע שליאַכטע, זעט גאָר, אַז דאָס איז נישט געשען סתם צוליב אכזריות, נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבן די חברים מיינע — אַקעגן די געטלעכע און מענטשלעכע געזעצן — נישט רעכענענדיק זיך מיט זייערע יינגע יאָרן און הויכן יחוס, אומגעבראַכט מיט אַזאַ אומברחמנותדיקן טויט, וואָס וואָלט זיי אין ערגעץ, אַפילו באַ די קאָזאַקן אָדער טאָטערס, נישט געטראָפן. איך וועל נישט לייקענען, אַז אויך מיך האָט כמעט אַן איבערמענטשלעכער כעס באַוועלטיקט, אָבער ווער וועט זיך חידושן אויף אַ כעס, וואָס זיין מקור ליגט אין פאַרגאָסענעם בלוט פון פריינט? דאָס האָבן די נשמות פון קאַקאָשינסקין, ראַניצקין, אוהליקן, רעקוטשן, קאָלוויעצן און זענדן, וואָס זענען אין בליענדן און רומפולן עלטער אומשולדיק געקוילעט געוואָרן, באַוואָפנט מיין האַנט גראָד דאַמאָלס,

ווען איך האָב — גאָט איז מיין עדות ! — געטראַכט צו לעבן אין שלום און אין פריינטשאַפט מיט דער גאַנצער לאָודער שליאַכטע, ווילנדיק דאָס גאַנצע לעבן מיינס משנה זיין, לויט דיינע זיסע עצות. אויסהערנדיק די טענות קעגן מיר, פאַרנעם איך מיין פאַרענטפערונג און טראָג אַרויס דיין גערעכטן פסק-דין. ס'איז מיר איצט אַ רחמנות אויף דידאָזיקע מענטשן אין דאָרף, ווייל אפשר האָבן איך אומשולדיקע געליטן, אָבער דער זעלבער, ווען ער נעמט נקמה פאַר ברידערלעך בלוט, קען נישט מאַכן קיין חילוק צווישן אומשולדיקע און איז קיינעם נישט נושא-פנים. הלוואי וואָלט נישט געשען דאָס, וואָס האָט מיך געקענט פאַרמיאוסן אין דיינע אויגן. פאַר די פרעמדע זינד און שולד, פאַרן גערעכטן צאָרן, איז אויף מיר אויסגעפאַלן דאָס שווערסטע אָפּקומעניש, ווייל נאָכדעם ווי איך האָב דיך אָנגעווווירן, שלאָף איך אין יאוש און שטיי אויף אין יאוש, נישט קענענדיק נישט דיך און נישט די ליבשאַפט פאַרגעסן. זאָלן-זשע די טריבונאַלן מיך, דעם אומגליקלעכן, משפטן, זאָלן די סיימען די אורטיילן באַשטעטיקן, זאָלן זיי מיך אין חרם אַרייַנלייגן, זאָל זיך די ערד שפּאַלטן אונטער מיינע פיס, איך וועל אַלץ אַריבערטראָגן, אַלץ איבערליידן, נאָר דו, כ'באַשווער דיך בײַ גאָט, וואַרף מיך נישט אַרויס פון האַרץ. כ'וועל טון אַלץ, וואָס זיי ווילן, כ'וועל אָפּגעבן לובּיטש, כ'וועל נאָך דער פיינטלעכער עוואַקואַציע אויך די אַרשער גיטער אָפּגעבן; כ'האָב אין די וועלדער פאַרגראָבן רובּלס, וואָס כ'האָב פאַרכאַפּט בײַם שונא, זאָלן זיי אויך דאָס נעמען, אַבי דו זאָלסט מיר זאָגן, אַז דו וועסט מיר געטריי בלייבן, ווי דיין פאַרשטאָרבענער זיידע האָט דיר פון יענער וועלט געבאָטן. די האָסט מיר דאָס לעבן מציל געווען, זיי-זשע אויך מציל מיין נשמה, לאָז די עוולות פאַרגעלטן, דערלויב דאָס לעבן משנה צו זיין צום גוטן, ווייל איך זע, אַז אויב דו וועסט מיך פאַרלאָזן, וועט מיך אויך גאָט פאַרלאָזן און דער יאוש וועט מיך שטויסן צו נאָך ערגערע מעשים. . ."

ווייל דערבאַרעמדיקע שטימען האָבן זיך אָפּגערופן אין אַלענקאָס נשמה צו פאַרטיידיקן דעם הער אַנדזשעי — ווער קען

דאָס טרעפֿן, ווער קען דאָס באַשרײַבן! די ליבשאַפֿט לויפֿט שנעל, ווי אַ וואַלד-זאָמען-קערנדל געטראָגן פֿון ווינט, אָבער ווען זי וואַקסט אויס ווי אַ בוים אין האַרצן, קען מען זי נאָר צוזאַמען מיטן האַרץ אַרויסרײַסן. פֿרײַלין בילעוויטש איז געווען פֿון די, וואָס ליבן שטאַרק מיט זייער כּשר האַרץ, זי האָט דעריבער מיט טרערן באַגאָסן קמיטשיצס דאָזיקן בריוו. אָבער זי האָט דאָך נישט געקענט נאָכן ערשטן וואָרט אַלץ פֿאַרגעסן, אַלץ פֿאַרגעבן. קמיטשיצס תּשובֿה-טון איז מסתּמא געווען אמתדיק, אָבער די נשמה איז געבליבן ווילד און די אומגעצוימטע נאַטור האָט זיך מסתּמא דורך יענע פֿאַרלויפֿעניש נישט געביטן אויף אַזוי פֿיל, אַז מ'זאָל וועגן דער צוקונפֿט קענען טראַכטן אָן פּחד! נישט ווערטער, נאָר מעשׂים מצד דעם הער אַנדזשעי זענען נייטיק געווען פֿאַר דער צוקונפֿט. און אַ חוץ דעם אַלעם, ווי אַזוי האָט זי צו אַ מענטשן, וועלכער האָט באַדעקט מיט בלוט די גאַנצע געגנט, וואָס זײַן נאָמען האָט קיינער אויף ביידע עקן לאַודאַ נישט געקענט אַרויסרעדן אָן אַ קללה, געקענט זאָגן: „קום, פֿאַר די הרוגים, שׂריפֿות, מענטשלעכן בלוט און טרערן, וויל איך דיר אָפּגעבן מײַן ליבשאַפֿט און מײַן האַנט".

זי האָט אים דעריבער אַן אַנדערע תּשובֿה געגעבן:

„איך האָב אײַך געזאָגט, אַז איך וויל אײַך נישט קענען און זען, און וועל מײַנע ווערטער נישט צוריקציִען, ווען אַפֿילו דאָס האַרץ זאָל מיר צערײַסן ווערן. פֿאַר אַזעלכע עוולות, ווי איר האָט דאָ די מענטשן געטאָן, באַצאָלט מען נישט מיט גיטער און נישט מיט געלט, ווײַל די טויטע קען מען נישט מחיה-מתים זײַן. און איר האָט אויך נישט קיין גיטער פֿאַרלוירן, נאָר רום. זאָל-זשע דיר די שליאַכטע, וועלכע דו האָסט געברענט און געקוילעט, פֿאַרגעבן, וועל איך דיר אויך פֿאַרגעבן; זאָל זי דיך אויפֿנעמען, וועל איך אויך דיך אויפֿנעמען; זאָל זי די ערשטע זײַן דײַן מליץ-יושר, וועל איך דאַמאָלס זי פֿאָלגן. אָבער אַזוי ווי דאָס וועט קיינמאָל נישט זײַן, מוזט איר אַנדערשוווּ זוכן גליק, און קודם-כּל בעטן פֿאַרגעבונג בײַ גאָט, און נישט בײַ לײַטן, ווײַל די געטלעכע פֿאַרגעבונג איז דיר מער נייטיק..."

פריילין בילצעוויטש האָט באַגאָסן מיט טרערן יעדעס וואָרט פון בריוו, דערנאָך האָט זי אים פאַרזיגלט מיטן סיג־נעט פון די בעלעוויטשעס און אים אַליין אַרויסגעטראָגן צום שליח.

— פון וואַנען ביסטו? — האָט זי געפרעגט, באַקוקנדיק דידאָזיקע משונהדיקע געשטאַלט פון האַלב־פויער, האַלב־דינער.

— פון וואַלד, האַריגטע.

— און וווּ איז דיין האַר?

— דאָס טאָר איך נישט זאָגן... אָבער ער איז ווייט פון דאַנען; איך בין פינף טעג געפאָרן און דאָס פערד פאַרמאַ־טערט.

— גאָדיר אַ טאָלער! — האָט אָלענקאַ געזאָגט — און דיין האַר איז נישט קראַנק?

— ער איז געזונט ווי אַן אָקס.

— איז ער נישט הונגעריק, נישט אָרים?

— ער איז אַ רייכער האַר.

— גיי מיט גאָט.

— איך פאַרבייג זיך צו די פיס.

— זאָג דעם האַר... וואָרט... זאָג דעם האַר... זאָל גאָט זיין אין זיין הילף...

דער פויער איז אַוועקגעגאַנגען — און ווידער האָבן גענו־מען פאַרגיין טעג, וואָכן און יעצט וועגן קמטשיצן; דערפאַר זענען אָנגעקומען עפנטלעכע ידיעות, איינע שרעקלעכער פון דער אַנדערע. כאָוואַנסקיס מאָסקווער חיילות האָבן וואָס אַמאָל ברייטער פאַרפלייצט די רעפּובליק. נישט רעכענענדיק די אוקראַי־נישע געביטן, זענען בלויז אין גרויס־פירשטנטום געווען פאַרנו־מען די פּאָלאָצקער, סמאָלענסקער, וויטעבסקער, מסטיסלאַווער, מינסקער און נאָוואָגרודסקער וואָיעוואָדסטוועס; בלויז אַ טייל פון ווילנער קאַנט, די ברעסט־ליטאָווסקער, טראָקער און די זשאַמעטער סטאַראָסטווע האָבן נאָך געאָטעמט מיט אַ פרייער ברוסט, אָבער

אויך דאָרט האָט מען זיך פון טאָג אויף טאָג געריכט אויף געסט.

די לעצטע מדרגה פון שוואַכקייט האָט אַפּנים די רעפּובליק געמוזט האָבן דערגרייכט, אויב זי האָט נישט געקענט געבן קיין ווידערשטאַנד גראָד יענע כוחות, צו וועלכע מ'האָט ביז איצט זיך באַצויגן מיט ביטול און איבער וועלכע מ'האָט שטענדיק נצחונות אָפּגעהאַלטן. אמת, אַז דידאָזיקע כוחות האָט געשטיצט כמעלניצ-קיס נישט דערשטיקטע און זיך כסדר באַנייענדיקע מרידה, אַן אמתע הונדערט-קעפּיקע הידרע; אָבער נישט קוקנדיק אויף די מרידה, נישט קוקנדיק אויף די אויסגעשעפּטקייט פון די כוחות אין די פריערדיקע מלחמות, האָבן סיי די מלוכה-מענער און סיי די מלחמה-פירער גוט געזאָגט, אַז דאָס גרויס-פירשטנטום אַליין האָט געקענט און איז בכוח געווען נישט בלויז דעם איבערפאַל אָפּצושטויסן, נאָר נאָך זיינע פולקן מחוץ פון די אייגענע גרענעצן נצחונדיק אַריבערצוטראָגן. צום אומגליק, האָבן די אינעווייניקסטע ככפובים דאָס געשטערט, פּאַראַליזירנדיק אַפילו די אָנשטרענגונ-גען פון יענע בירגער, וועלכע זענען גרייט געווען מקריב צו זיין זייער לעבן און פאַרמעגן.

דערווייל האָבן זיך אין די נאָך נישט פאַרנומענע געביטן באַהאַלטן טויזנטער אַנטלאָפענע, סיי פון דער שליאַכטע און סיי פון פּראָסטן המון. די שטעט, שטעטלעך און דערפער אין זשאַמעט זענען פיל געווען מיט מענטשן, וואָס די אַנשיקענישן פון דער מלחמה האָבן זיי דערפירט צו נויט און פאַרצווייפלונג. די אָרטי-קע באַפעלקערונג האָט נישט געקענט זיי אַלע געבן נישט קיין דירות און נישט קיין חיונה — עס זענען דעריבער נישט איינ-מאָל אויסגעגאַנגען פון הונגער די מענטשן פון נידעריקן שטאַנד; נישט איינמאָל האָבן זיי מיט געוואַלט גענומען דאָס, וואָס מ'האָט זיי אָפּגעזאָגט, און דערפון זענען וואָס אַמאָל אָפטער בולד-געוואָרן מהומות, שלאַכטן, גזלות.

דער ווינטער איז געווען אַן אומגעוויינטלעך האַרטער. ס'איז שוין צום סוף אָנגעקומען אַפּריל, אָבער די שנייען זענען געלעגן אין דיקע שיכטן נישט בלויז אין די וועלדער, נאָר אויך אויף

די פעלדער. ווען די פּאַראַיאַריקע זאַפּאַסן האָבן זיך שוין געהאַט אויסגעלאָזט, און קיין נייע זענען נאָך נישט געווען, האָט גענומען בושעווען דער הונגער, דער ברודער פון דער מלחמה, און ער האָט אויסגעשפּרייט זיין ממשלה וואָס אַמאָל ברייטער. אַז מ'איז אַרויסגעפאָרן פונדערהיים איז נישט שווער געווען צו טרעפן מענטשלעכע טויטע קערפּערס, וואָס זענען געלעגן איבער די פעלדער, בײַ די וועגן, פאַרשטאַרטע, אַרומגעריזשעטע דורך וועלף, וועלכע האָבן זיך אומגעווייבטלעך געמערט און אין גאַנצע סטאַדעס צוגעקומען צו די דערפער. זייער געהייל האָט זיך אויסגעמישט מיט די מענטשלעכע געבעטן וועגן רחמנות; וואָרים איבער די וועלדער און פעלדער און האַרט בײַ די גרעסערע דערפער האָבן אין די נעכט געבלישטשעט פייער־הויפנס, בײַ וועלכע די אומגליקלעכע האָבן אָנגעוואַרעמט זייערע געפרוירענע אברים, און ווען עמעצער איז דורכגעפאָרן, זענען זיי אים נאָכגעלאָפן, בעטנדיק נדבות, ברויט, רחמנות, יאָמערנדיק, שעלטנדיק און דראָענדיק אינאיינעם. אַ פּאַניקישער פּחד האָט אַרומגעכאַפּט די מענטשן. אַ סך האָבן געזאָגט, אַז די דאָזיקע אומגליקלעכע מלחמות און די דאָזיקע אומערהערטע צרות זענען פאַרבונדן מיטן קעניגלעכן נאָמען. מ'האָט אויסגעטייטשט, אַז די אותיות: J. C. R., וואָס זענען אויסגעקלאַפּט אויפן געלט, באַדייטן נישט בלויז, Joannes Casimirus Rex*), נאָר אויך Initium Calamitatis Requi**). און אויב אין די פּראָווינצן, וואָס זענען נאָך פון דער מלחמה נישט געווען אַרומגענומען, איז אַנטשטאַנען אַזאַ בהלה און מהומה, איז זיך שוין לייכט אָנצושטויסן, וואָס עס האָט זיך געטאָן דאָרט, ווו די מלחמה האָט שוין געטרעטן מיט אירע פייערדיקע פיס. די גאַנצע רעפּובליק איז געווען צעשראָקן, צעריסן דורך פּאַרטייען, קראַנק און פיבערדיק, ווי אַ מענטש פאַרן טויט. מ'האָט אויך נביאות געזאָגט וועגן נייע אויסערלעכע און היימישע מלחמות. און קיין

*) דער קעניג יאַן קאַזשימיעזש.

**) עס רוקט אָן אַ צייט פון מפּלות.

סיבות האָבן נישט געפעלט. פאַרשידענע מעכטיקע הייזער אין דער רעפּובליק, וואָס זענען געווען אַרומגענומען דורכן פייער פון מחלוקת, האָבן זיך באַצויגן איינס צום אַנדערן ווי פיינטלעכע מלוכות, און הינטער זיי האָבן גאַנצע קאַנטן אין פּאָזיאַטן געביל־דעט קעגנערישע לאַגערס. אַזוי איז טאַקע געווען אין ליטע, ווו אַ שאַרפער סכסוך צווישן יאַנוש ראַדזיווילן, דעם גרויס־העט־מאַן, און גאָשיעווסקין, דעם וויצע־העטמאַן און צוגלייך שאַצ־מייסטער פון ליטווישן גרויס־פירשטנטום, איז שיער נישט אין אַן אָפענער מלחמה פאַרוואַנדלט געוואָרן. אויפן צד פון שאַצמייסטער האָבן זיך געשטעלט די מעכטיקע סאַפּיעהאַס, פאַר וועלכע די מאַכט פון ראַדזיווילס הויז איז שוין לאַנג געווען ווי אַ דאָרן אין די אויגן. זייערע אָנהענגער האָבן דעם גרויס־העטמאַן פאָרגע־וואָרפן שווערע חטאים: אַז זוכנדיק נאָר רום פאַר זיך, האָט ער דאָס חייל באַ שקלאָוו געלאָזט אומקומען און דאָס לאַנד אויף רויב איבערגעגעבן; אַז ער איז נישט אַזוי איצט געווען דאָס גליק פון דער רעפּובליק, ווי צו דערגרייכן דאָס רעכט פאַר זיין הויז צו זיצן אין די סיימען פון דייטשישן קייזערטום; אַז ער האָט אפילו וועגן אַן אומאָפּהענגיקער קרוין געטראַכט, אַז ער האָט די קאַטאָ־ליקן גערודפט. . .

און נישט איינמאָל איז שוין געקומען צו שלאַכטן צווישן ביידע צדדים, כלומרשט אָן וויסן פון די פּאַטראָנען, און די פּאַ־טראָנען גופא האָבן געשיקט אָנקלאַגעס איינער אויפן אַנדערן קיין וואַרשע, זייער סכסוך האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אויך אין די סיימען — און אויף די ערטער האָט ער אויפגעבונדן די הפקרות און פאַרזיכערט אומבאַשטראָפטקייט, ווייל אַזאַ קמיטשיץ האָט גע־קענט זיכער זיין אין שוץ פון איינעם פון דיזאַזיקע מושלים, ווען ער וואָלט זיך געשטעלט אויף זיין זייט אַקעגן דעם צווייטן.

און דערווייל איז דער שונא געגאַנגען ווייטער, אָנשטויסנ־דיק זיך נאָר דאָ און דאָרט אויף שלעסער, וואָס זענען, איבע־ריקנס, געווען פרייע און נישט געשטעלט קיין ווידערשטאַנד.

באַ אַזעלכע אומשטענדן האָבן אַלע אין לאַנד קאַנט גע־מוזט שטענדיק זיין וואַך און באַוואָפנט, בפרט, אַז די העטמאַנס

זײַנען נישט געװען אין דער נאָענט, װײַל בײדע האָבן זיך צוזאַמענגעשטויסן מיט די פּײַנלעכע חיילות. נישט קענענדיק אמת קײן סך אויפֿטאָן, האָבן זײ על־פּי פּנים דורך פּאַרטיזאַנקעס אים צו רו נישט געלאָזט און פֿאַרשטעלט דעם צוטריט צו די נאָך פֿרײַע װאָיעװאָדסטװעס. אַ באַזונדערן װידערשטאַנד האָט אויך פּאַװעל סאַפּיעהאַ געשטעלט און רום זיך פֿאַרשאַפֿט. יאַנוש ראַדזיװיל, אַ רומפֿולער העלד, װאָס זײַן נאָמען אַלײן האָט אַזש ביז צו דער שקלאָװער מפּלה אַן אימה אָנגעװאָרפֿן אויפֿן שונא, האָט אַפֿילו אָפּגעהאַלטן אַ פּאָר װיכטיקע נצחונות. גאָשיעװסקי האָט דאָ זיך געשלאָגן און דאָ דורך אונטערהאַנדלונגען געשטערט דעם אָנגריף צוריקגעהאַלטן; בײדע פֿירער האָבן אַרױסגעבראַכט חיילות פֿון די װינטער־לאַגערס און פֿונװאַנען זײ האָבן נאָר געקענט. װיסנדיק אַז מיטן אָנקומען פֿון פֿרילינג װעט די מלחמה זיך אויפֿסנײַ צעפֿלאַקערן, אָבער חיילות איז געװען קנאַפּ די קאַסע פּוסט, און דאָס פֿאָלק פֿון די שוין פֿאַרנומענע װאָיעװאָדסטװעס האָט נישט געקענט אַרױפֿקומען, װײַל דער שונא האָט עס אײַנגעהאַלטן. „מ׳האָט װעגן דעם נאָך פֿאַר דעם שקלאָװער אומגליק געדאַרפֿט אַ טראַכט טון — האָבן גאָשיעװסקיס מענטשן געזאָגט — איצט איז צו שפּעט". און ס׳איז באמת געװען צו שפּעט. די קרוין־חיילות האָבן מיט הילף נישט געקענט קומען, װײַל זײ זענען אַלע געװען אויף אוקראַינע און שװער געקעמפֿט קעגן כמעלניצקין, שערעמעטן און בוטורלינען.

נאָך די ידיעות װעגן די העלדישע קאַמפֿן, װאָס זענען אָנגעקומען פֿון אוקראַינע, װעגן די פֿאַרנומענע שטעט, װעגן די אומגעװײנטלעכע מאַרשן, האָבן אַ ביסל געשטאַרקט די געפֿאַלענע הערצער און געװעקט דעם חשק צו פֿאַרטײדיקן זיך. עס האָבן זיך אויך אַ גרױסן רום פֿאַרשאַפֿט די נעמען פֿון די קרוין־העטמאַנס און צוזאַמען מיט זײ איז דער נאָמען פֿון סטעפֿאַן טשאַרניעצקין װאָס אַמאָל אָפֿטער דערמאָנט געװאָרן, אָבער דער רום האָט נישט געקענט פֿאַרבײַטן קײן חילות און אויך נישט קײן הילף. די ליטװישע העטמאַנס זענען דעריבער ביסלעכװײַז אָפּגעטרעטן, נישט אויפֿהערנדיק זיך צו קריגן צװישן זיך אויפֿן װעג.

צום סוף האָט ראַדזיוויל זיך אָפּגעשטעלט אין זשאַמעט. צוזאַמען מיט אים האָט אויך צוריקגעקערט אַ צייטווייליקע רו אין לאַנדער קאַנט. בלויז די קאַלווינער, וואָס די נאָענטקייט פון זייער מנהיג האָט זיי צוגעגעבן מוט, האָבן אויפגעהויבן די קעפּ איבער די שטעט, באַגייענדיק עוולות און אָנפאַלנדיק אויף די קירכעס. דערפאַר אָבער האָבן די אָנפירער פון די פאַרשידענע פּריוויליקע באַנדעס און פּאַרטיעס, וואָס מ'האָט נישט געוווּסט וועמענס זיי זענען און וועלכע האָבן אונטער ראַדזיווילס, גאָשיעווסקיס אָדער סאַפּיעהאַס קאָלירן דאָס לאַנד חרוב געמאַכט, זיך באַהאַלטן אין די וועלדער, צעטריבן זייערע גזלנים — און די רויִקע מענטשן האָבן לייכטער אָפּגעעטעמט.

און אַזוי ווי דאָס איבערגיין פון יאוש צו האָפענונג קומט אָן לייכט, האָט מיטאַמאָל אַ בעסערע שטימונג באַהערשט גאַנץ לאַודאַ. פריילין אַלעקסאַנדראַ איז רויק געזעסן אין וואָדאָקטי. הער וואָלאָדיאָווסקי, וועלכער האָט נאָך אַלץ געוווינט אין פּאַצונעלע און האָט איצט גראָד גענומען פולקאָם געזונט ווערן, האָט פונאַנדערגעלאָזט ידיעות, אַז דער קעניג וועט אויף פרילינג אָנקומען מיט נייע פולקן און די מלחמה וועט באַלד דערויף אָננעמען אַן אַנדערע ווענדונג. די אויפגעמונטערטע שלאַכטע האָט גענומען אַרויסגיין מיט די אַקעראײַזנס אין פעלד. די שנייען זענען אויך צעגאַנגען און אויף די ביימער האָבן זיך באַוויזן די ערשטע שפּראָצונגען. לאַודאַ האָט זיך ברייט פונאַנדערגעגאָסן. אַ לויטערער הימל האָט געשײַנט איבער דער געגנט. די מענטשלעכע געמיטער זענען אויפגעהייטערט געוואָרן.

דאָ האָט אָבער געטראָפן אַ פאַל, וואָס האָט ווידער פאַרשטערט די לאַודער שטילקייט, אַוועקגעריסן די הענט פון די אַקעראײַזנס און נישט געלאָזט די שווערטן זיך באַדעקן מיט רויטן זשאַווער.

ז. קאַפּיטל.

הער וואָלאַדיאָווסקי, דער באַריהמטער און אַלטער זעלנער, הגם נאָך אַ יינגער מענטש, איז ווי געזאָגט, געזעסן אין פּאַצי־נעלע בײַ פּאַקאָש גאַשטאָווטן, דעם פּאַצונעלער פּאַטריאַרך, וועלכער האָט געהאַט אַ שם פון רייכסטן פּריץ צווישן דער גאַנצער קליי־נער לאַודער שליאַכטע! די דריי טעכטער, וואָס האָבן חתונה געהאַט מיט בוטרימס, האָט ער ריין באַשאָנקען מיט גוטן זיל־בער, געבענדיק יעדער צו הונדערט טאָלערס אַ חוץ אינווענטאַרן און אַזאַ שיינעם אויסשטייער, אַז קיין שום רייכע שליאַכטשאַנקע האָט קיין בעסערן נישט געהאַט. די איבעריקע דריי טעכטער זענען געווען איבערהיים פריילינס און זיי האָבן דאָס אַכטונג געגעבן אויפן הער וואָלאַדיאָווסקי, וואָס זיין האַנט איז אַמאָל געזוכט און אַמאָל ווידער פאַרשטאַרט געוואָרן, ווען עס זענען געווען פייכטע וועטערן אויף דער וועלט. די גאַנצע לאַודער שליאַכטע האָט שטאַרק געזאָרגט פאַר דערזשיקער הא.ט., ווייל זיי האָבן זי געזען בײַ דער אַרבעט בײַ שקלאָוו און סעפּי־לאָו

און אַלעמענס מיינונג איז געווען, אַז אַ בעסערע וועט מען נישט געפינען אין גאַנץ ליטע. מען האָט דעריבער דעם יונגן פּולקאָווניק אין אַלע געגנטן שטאַרק גוט־פּנים געווען. די גאַשטאָווטס, די דאָמאַשעוויטשעס, די גאַשטשעוויטשעס און סטאַקיעבאָווס, און נאָך זיי אויך אַנדערע, האָבן קיין פּאַבונעלע צוגעשיקט פיש, שוואָמען און חיות־פלייש און היי פאַר די פערד און סמאָלע פאַר די וועגנס, כּדי עס זאָל דעם ריטער און זיין דינערשאַפט קיין שום זאַך נישט פעלן. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך געשפּירט שוואַכער, זענען זיי תּיכּף קיין פּאָביעוויטש נאָך רוטא געפאָרן, מיט איין וואָרט: זיי האָבן זיך איינער דעם צווייטן איבערגעיאָגט אין באַדינען אים.

דעם הער וואָלאָדיאָווסקי איז אַזוי גוט געווען, אַז הגם ער וואָלט אין קיידאַני געקענט האָבן אי גרעסערע באַקוועמלעכקייטן און אי אַ באַרימטן דאָקטאָר אויף יעדן רוף, איז ער פונדעסטוועגן אין פּאַבונעלע געזעסן, און דער אַלטער גאַשטאָווט האָט אים גערן בײַ זיך מכניס־אורח געווען און כּמעט דעם שטויב פאַר אים אָפּגעבלאָזן, ווײַל עס האָט שטאַרק געהויבן זיין חשיבות אין גאַנץ לאָודאַ דאָס, וואָס ער האָט בײַ זיך אַזאַ אָנגעזעענעם גאַסט, וועלכער וואָלט אַפילו ראַדזיווילן אַליין פאַרשאַפט גרויס כּבוד.

נאָכן צעקלאַפּן און פאַרטרייבן קמיטשיצן, האָט די שליאַכטע, וואָס איז געווען איינגעליבט אין וואָלאָדיאָווסקין, זיך מיישב געווען און געמאַכט אַ פּראָיעקט אים חתונה צו מאַכן מיט פרייליין אַלעקסאַנדראַ. „וואָס ווילן מיר פאַר איר אַ מאַן איבער דער וועלט זוכן!" — האָבן געזאָגט די עלטערע אויף אַ ספּעציעלע סעסיע, אויף וועלכער דערדאָזיקער ענין איז באַטראַכט געוואָרן — אויב יענער בוגד האָט מיט מעשים־תּעתּועים אַזוי זיך באַפלעקט, אַז אויב ער לעבט נאָך דאַרף ער איבערגעגעבן ווערן דעם תּלין, האָט דאָך דאָס פרייליין אים שוין געמוזט האָבן פון האַרץ אַרויסגעוואָרפן, ווײַל אַזוי איז אויך אין דער צוואה, אין אַ באַזונדערן פּונקט, געווען פאָרויסגעזען. זאָל דעריבער הער וואָלאָדיאָווסקי מיט איר חתונה האָבן. אַלס אַפּוטראָפּסים קענען מיר דאָס דערלויבן,

מאַן אויף אַזאַ אופן ווען זי באַקומען אַ פּיינעם ריטער און מיר צו שכן און אַ פּירער״.

ווען דידאָזיקע מיינונג האָט באַקומען אַן איינשטימיקן הסכּם, זענען די עלטערע צוערשט געפאָרן צום הער וואָלאָדיאָוואָסקי, וועלכער האָט, נישט קיין סך טראַכטנדיק, אויף אַלץ מסכּים געווען, און דערנאָך צום „פריילין“, וועלכעס האָט, נאָך ווייניקער טראַכטנדיק, שאַרף זיך אַקעגנגעשטעלט.

— מיט לוביטש — האָט זי געזאָגט — האָט נאָר דער פאַרשטאָרבענער זיידע אַליין געהאַט דאָס רעכט צו באַלעבאַטעווען און דאָס גוט קען באַם הער קמיטשיץ אָפּגענומען ווערן נישט פריער, ביז די געריכטן וועלן אים פאַרמשפּטן אויף צו פאַרלירן דאָס לעבן, און וואָס שייך מיין חתונה האָבן, זאָלט איר אפילו וועגן דעם נישט דערמאָנען. צופיל איז מיר דאָס האַרץ פאַרווייטיקט, אַז איך זאָל וועגן דעם קענען טראַכטן. . . יענעם האָב איך פון האַרץ אַרויסגעוואָרפן, און דעם, וועמען ער זאָל אפילו זיין אַ חשוב־שבחשובים, זאָלט איר מיר אים נישט ברענגען, ווייל כ׳וועל צו אים אפילו נישט אַרויסגיין.

ס׳איז נישט געווען וואָס צו ענטפערן אויף אַזאַ שאַרפן אָפּזאָג, און די שליאַכטע האָט זיך אומגעקערט אַהיים מיט אַ גרויסן עגמת־נפש. ווייניקער עגמת נפש האָט דערפון געהאַט הער וואָלאָדיאָוואָסקי, און אַמווייניקסטן די יונגע פריילינס גאַשטאָווט: טערקאַ, מאַרישקאַ און זאָניאַ. הויך־געוואַקסענע און רויטע מיידלעך זענען דאָס געווען, האָר האָבן זיי געהאַט ווי פלאַקס, אויגן ווי ניעזאַבודקעס, און ברייטע פלייצעס. די פּאַצונעלער מיידלעך האָבן בכלל געשמט מיט זייער שיינקייט; ווען זיי זיצן אין חבורתא בענאַנגען אין דער קירך, האָבן זיי אויסגעזען, ווי בלומען אויף אַ לאָנקע! דערצו נאָך האָט דער אַלטער גאַשטאָווט אויך נישט געקאַרגט קיין געלט אויף דערציִונג. אַן אָרגאַניסט פון מיטרוני האָט זיי אויסגעלערנט לייענען, קירכן־לידער, און די עלטסטע טערקאַ אויך שפּילן אויף אַ פלייט. האָבנדיק גוטע הערצער, האָבן זיי זאָרגפעלטיק געפלעגט דעם הער וואָלאָדיאָוואָסקי, באַמיענדיק זיך איינע די אַנדערע איבערצויאָגן אין אויפמערקזאַמקייט און באַ-

מיוגנען. וועגן מאַרישקאַן האָט מען געזאָגט, אַז זי איז פאַרליבט אין יונגן ריטער; אין דערדאָזיקער פלוידעריי האָט אָבער נישט געשטעקט דער גאַנצער אמת, ווייל אַלע דריי, נישט זי אַליין, זענען געווען צום טויט פאַרליבט. ער האָט זיי אויך שטאַרק געליבט, באַזונדערס מאַרישקאַן און זאָניאַן, ווייל טערקאַ האָט געהאַט אַ טבע זיך צופיל צו באַקלאָגן אויף דער פאַלשקייט פון די מענער.

נישט איינמאָל אין די לאַנגע ווינטער-נעכט, נאָכדעם ווי דער אַלטער גאַשטאָווט, אויסטרינקנדיק אַ זופּ, איז שלאָפן געגאַנגען, פלעגן זיי זיך מיטן הער וואָלאָדיאָווסקי באַם קאַמין אַוועקזעצן: די ליבענקע טערקאַ באַם שפּינרעדל, די זיסע מאַרישאַ האָט פעדערן געשליסן, און זאָניאַ האָט די דרימער פון די שפּינדלען אויף די קנוילן אויפגעוויקלט. אָבער ווען הער וואָלאָדיאָווסקי פלעגט בעטן דערציילן וועגן די מלחמות, וואָס ער האָט מיטגעמאַכט, אָדער וועגן די וווּנדער, וואָס ער האָט געזען אין פאַרשידענע שרעקלעכע הייזער, האָט די אַרבעט אויפגעהערט, די מיידלעך פלעגן זיך אין אים איינקוקן ווי אין אַ רעגן-בויגן און יעדעס מאָל פלעגט אַן אַנדערע אויסשרייען פון פאַרוווּנדערונג: „אַך! איך לעב גאָרנישט אויף דער וועלט! טייערינקע מיינע!“ — און די צווייטע רופט זיך אָן: „די גאַנצע נאַכט וועל איך קיין אויג נישט צומאַכן!“

און הער וואָלאָדיאָווסקי איז געוואָרן וואָס אַמאָל פריילעכער און וואָס אַמאָל מיט מער חשק דערציילט, בפרט, אַז ער איז שוין געוואָרן געזונט און שוין כמעט געקענט פולשטענדיק פריי האַלטן די שווערט אין דער האַנט. און אין איין אָוונט האָבן זיי, ווי תמיד נאָכן נאַכט-עסן, זיך אַוועקגעזעצט באַם קאַמין, פון וועלכן ס'איז געפאַלן אַ מונטערע שיין אויף די גאַנצע טונקעלע שטוב, אָבער באַלד האָבן זיי זיך גענומען דינגען צווישן זיך. די מיידלעך האָבן געוואָלט הערן מעשיות, און הער וואָלאָדיאָווסקי האָט געבעטן טערקאַן, אַז זי זאָל אים עפּעס זינגען באַ דער פלייט.

— זאָל דער גנעדיקער הער אַליין זינגען! — האָט זי

געענטפערט, אָפּשטופּנדיק דעם אינסטרומענט, וואָס הער וואָלאָדיאָווסקי האָט איר דערלאַנגט — איך האָב אַרבעט. איר זענט אויסגעווען אַ וועלט, האָט איר זיך מסתּמא פֿאַרשידענע לידער אויסגעלערנט.

— אוודאי האָב איך זיך אויסגעלערנט. אָבער הײַנט זאָל שוין אַזוי זײַן: איך וועל צוערשט זינגען, און דאָס גנעדיקע פֿרײַלין נאָך מיר. די אַרבעט וועט נישט אַוועקקומען. ווען אַ מיידל וואָלט אַזוי געבעטן, וואָלט איר אוודאי נישט אָפּגעזאָגט, אַ מאַנסביל ווילט איר קיינמאָל נישט צוליב טון.

— ווײַל ער איז עס נישט ווערט.

— האָט דען דאָס גנעדיקע פֿרײַלין אויך מיך פֿײַנט?

— עט, וואָס רעדט איר. זינגט שוין, גנעדיקער הער!

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אַ קלימפּער געטאָן אין דער פֿלייט, האָט אָנגעשטעלט אַ פֿרײַלעכע מינע און אָנגעהויבן זינגען מיט אַ פֿאַלשער שטים:

כ'בין אין אַזאַ אָרט געקומען,
וווּ עס וויל מיך קיין שום מיידל!...

— אָ! דאָס איז נישט ריכטיק! — האָט איבערגעהאַקט מאַרישיאַ, רויט-ווערנדיק ווי אַ מאַלינע.

— דאָס איז אַ זעלנערישׂ לידל — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — מיר האָבן עס געזונגען אין די ווינטער-קוואַרטירן, ווילנדיק, אַז עפּעס אַ גוטע נשמה זאָל זיך איבער אונדז מרחם זײַן.

— איך וואָלט זיך די ערשטע מרחם געווען.

— איך דאַנק דעם גנעדיקן פֿרײַלין. אויב אַזוי, האָב איך נישט נאָך וואָס ווײַטער צו זינגען און איך גיב אָפּ די פֿלייט אין פֿאַסיקערע הענט.

טערקאַ האָט דאָס מאָל נישט אַוועקגעשטופּט דעם אינסטרומענט, ווײַל עס האָט זי גערירט הער וואָלאָדיאָווסקיס ליד, און ווײַל ס'איז באמת געווען מער כיטרעקייט, ווי אמת; זי

האָט אַ קלאַפּ געטון אין די סטרונעס און צונויפֿלייגנדיק דאָס מײַלעכל ווי אַ שנעבעלע האָט זי גענומען זינגען :

צײַ נישט אין וואַלד, ציפּן דאָרט בעז,
און גלייב נישט אַ בחור, פּונקט ווי אַ הונט !
ווײַל יעדער בחור האָט אין זיך סם,
ווען ער ליבט דיך, זאָג אים : „עט"!

הער וואָלאָדיאָווסקי איז געוואָרן אַזוי אויפגעהייטערט, אַז ער האָט זיך באַ די זייטן אָנגעכאַפּט פון שמחה און אויסגע־שריגן :

— זענען טאַקע אַלע בחורים פאַלש? און די מיליטער־לייט, גנעדיקע פרײַלין?

פרײַלין טערקאַ האָט נאָך ענגער צונויפגעלייגט דאָס מײַלעכל און אָפּגעזונגען מיט אַ טאָפּלטער ענערגיע :

נאָך ערגערע הינט, נאָך ערגערע הינט !

— קוקט נישט, גנעדיקער הער, אויף טערקאַן, זי איז שטענדיק אַזאַ! — האָט מאַרישיאַ זיך אָנגערופן.

— ווי אַזוי זאָל איך נישט קוקן — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — אַז זי האָט דעם גאַנצן מיליטערישן שטאַנד אַזוי פּוגע־בכבוד געווען, אַז פון בושה ווייס איך נישט, ווו איך זאָל די אויגן אַהינטאָן.

— דער גנעדיקער הער וויל, אַז איך זאָל זינגען, און דער־נאָך שפּעט ער און לאַכט פון מיר — האָט טערקאַ צאָרנדיק גע־ענטפערט.

— איך האָב נישט קיין טענות צום זינגען, נאָר צום זין פון ליד, וואָס באַליידיקט שווער די מיליטער־לייט — האָט דער ריטער געענטפערט — וואָס שייך דעם זינגען, מוז איך מודה זײַן, אַז אַפילו אין ווארשע האָב איך אַזאַ זיס געזאַנג נישט געהערט. דאָס גנעדיקע פרײַלין דאַרף מען נאָר אין הייזעלעך אָנטאָן, וואָלט איך געקענט זינגען באַם הייליקן יאַן, וואָס זײַן קירך איז אַ קאַ־

טעדראַלע און דאָס קעניגלעכע פּאָר האָט אין אים אַן אייגן באַנעקל.

— און פאַרוואָס דאַרף מען זי עפּעס אין הייזעלעך אָנטון? — האָט געפרעגט די יינגסטע זאַבּאַ, וועלכע איז, דערהערנדיק וועגן וואַרשע און קעניגלעכן פּאָר, שטאַרק נייגעריק געוואָרן.

— ווייל דאָרט זינגען נישט פרויען אין כאָר, נאָר מאַנסבילן און יונגע בחורים; די ערשטע מיט גראָבע שטימען, אַז קיין שום אָקס וועט אַזוי נישט ריטשען; די צווייטע אַזוי דין, אַז דאָס קול פון אַ פידל קען שוין דינער נישט זיין. כ'האָב זיי אַ סך מאָל געהערט, ווען מיר זענען מיט אונדזער גרויסן און אומפאַרגעסלעכן וואָיעוואָדע פון רייסן צו די וואַלן פון אונדזער איצטיקן גנעדיקן האַר געקומען. אמתע מופתים זענען דאָס, אַז די נשמה שפרינגט אַוועק פון מענטש אַרויס! מוזיקאַנטן איז דאָרט פאַראַן אָן אַ שיעור: פאַראַן פאָרסטער, וואָס איז באַרימט מיט זיין פיינער שטים, און קאַפּולאַ און דזשאַן באַטיסטאַ און עלעט, אַן אויסגעצייכנטער פלייט-שפּילער, און מאַרעק, און מיעלטשעווסקי, אַ גוטער קאָמפּאָזיטאָר. זיי אַלע, ווען זיי צעלאָזן זיך אויף אַמאָל מיט זייערע קולות אין דער קירך, איז ווי איר וואָלט אַ מלאכים-כאָר אויף דער וואָר געהערט.

— אוי, אַזוי גאָר — האָט מאַרישיאַ זיך אָנגערופן צונויפּלייגנדיק די הענט.

— און דעם קעניג פלעגט דער גנעדיקער הער אָפט זען? — חאָט זאָביאַ געפרעגט.

— איך האָב מיט אים אַזוי גערעדט, ווי איך רעד מיטן גנעדיקן פריילין. נאָכן אומגליק באַ בערעסטעטשקאַ האָט ער מיר דעם קאָפּ געדריקט. אַ העלדישער האַר איז דאָס און אַזאַ גנעדיקער, אַז ווער עס זעט אים איין מאָל, מוז אים ליב באַקומען.

— מיר האָבן אים אויך נישט זעענדיק ליב!... און די קרוין טראָגט ער דעם שטענדיק אויפן קאָפּ?

— ווען ער זאָל יעדן טאָג די קרוין טראָגן, וואָלט ער געמוזט האָבן אַן אייזערנעם קאָפּ. די קרוין ליגט זיך רויק אין דער

קירך, וואָס גיט איר צו נאָך אַ גרעסערע חשיבות, און דער גנע-דיקער האַר קעניג טראָגט אַ שוואַרצן קאַפּעליוש, באַצירט מיט בריליאַנטן, פון וועלכע עס פאַלט אַ שיין אויפן גאַנצן שלאָס...

— מ'זאָגט, אַז דער קעניגלעכער שלאָס איז נאָך שענער אפילו פון קיידאַנער?

— פון קיידאַנער? אַ גאָרנישט איז לגבי אים דער קיידאַנער! אַ מוראדיקער בנין איז דאָס, אינגאַנצן געמויערט, אָן אַ ברעקל האָלץ. פאַרהאַן דאָרט צוויי רייען חדרים, איינס שענער פון אַנדערן. אין זיי קען מען זעען פאַרשידענע מלחמות און נצחונות, מיט אַ פּענדזעל אויף די ווענט אויסגעמאָלט, ווי די מלחמה-פירונג פון זיגמונט III. און וולאַדיסלאַוון; עס גלייבט זיך די אייגענע אויגן נישט, אַז מען קוקט דערויף, ווייל אַלץ איז ווי לעבעדיק: אַ חידוש, אַז עס רירט זיך נישט און אַז די, וואָס שלאָגן זיך, לאָזן נישט אַרויס קיין געשריי. אָבער דאָס וועט שוין קיינער נישט באַוויזן פאַרצושטעלן, אפילו דער בעסטער מאָלער. אייניקע שטובן זענען אינגאַנצן פון גאָלד; די שטולן און בענק זענען מיט גאָלד-געשטיקטע געוועבן און טייערע לייוונטן גע-דעקט, די טישן פון מאַרמאָר און אַלאַבאַסטער, און וויפיל זענען דאָרט פאַרהאַן טייערע כלים און גלאָזוואַרג און זייגערס, וואָס ווייזן די צייט באַטאָג און באַנאַכט, וועט מען אויף אַן אָקסענער פעל נישט קענען אויסרעכענען. דער קעניג מיט דער קעניגין גייען זיך איבער דידאָזיקע חדרים און זענען נהנה פון כל-טוב; און אין אָוונט האָבן זיי זיך אַ טעאַטער, כדי צו געניסן פון נאָך גרע-סערע תענוגים...

— און וואָס איז דאָס אַזוינס דאָס טעאַטער?

— ווי אַזוי זאָל איך דאָס אייך זאָגן, גנעדיקע פריילינגס...

דאָס איז אַזאַ אָרט, וווּ מען שפּילט קאָמעדיעס און מען מאַכט איטאַליענישע קונצן. דאָס איז אַ שטוב אַזאַ, אַזוי גרויס ווי אַ קירך, און פול מיט פּרעכטיקע זיילן. אויף איין זייט זיצן די, וואָס ווילן זיך די חידושים אָנזען, און אויף דער צווייטער זייט זענען אויפגעשטעלט די קונציגע מכשירים. זיי הייבן זיך אויף און לאָזן זיך אַראָפּ; אַנדערע דרייען זיך מיט שרויפן אין פאַרשידענע זייטן;

אַמאָל ווייזן זיי אַ פינסטערניש מיט וואָלקנס און אַמאָל ווידער אַן אָנגעגעמטע ליכטיקייט; אויבן איז אַ הימל מיט אַ זון אָדער שטערנס, און אונטן דערזעסטו אַמאָל דעם מוראדיקן גיהנום...

— אָ, יעזו! — האָבן די מיידלעך אויסגערופן.

— ... מיט די שדים. אַמאָל זעט מען דעם געוואַלטיקן ים און איבערן ים שווימען שיפן און ים־ווייבער. אָט לאָזן זיך פאַרשווינדן אַראָפּ פון הימל, און אָט קומען אַנדערע גאָר אַרויס פון דער ערד.

— נאָר דאָס אייגע וואָלט איך נישט וועלן זען, דעם גיהנום — האָט זאַניאַ זיך אָנגערופן — ס׳איז מיר אַ חידוש, וואָס מענטשן אַנטלויפן נישט פון אַזאַ אימהדיקן אָנבליק.

— נישט בלויז זיי אַנטלויפן נישט, נאָר זיי פּאַטשן נאָך מיט די הענט פון גרויס הנאה — האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי געענטפערט — ווייל דאָס אַלץ איז דאָך אָנגעשטעלט, נישט אויף אַן אמת, און אַז מען צלמט זיך איבער, פאַרשווינדט עס נישט. דאָס איז נישט קיין שטיקל פון שטן, נאָר אַ מענטשלעכע המצאה. אַפילו די בישקופן קומען דאָרט אַהין מיטן קעניגלעכן פּאָר און אויך פאַרשידענע הויכע מלוכה־באַאַמטע, וועלכע זעצן זיך צוזאַמען מיטן קעניג עסן אַ מאָלצייט פאַרן שלאָפן גיין.

— און אינדערפרי און בייטאָג וואָס טוען זיי?

— דאָס ווענדט זיך פון דער שטימונג. אויפשטייענדיק אינדערפרי, נעמען זיי אַ באָד, פאַרהאַן דאָרט אַ שטוב אַזאַ, ווו עס איז קיין פּאָדלאָגע נישטאָ, נאָר אַ צינערנער גרוב, וואָס בלאַנקט ווי זילבער, און דערדאָזיקער גרוב איז מיט וואַסער.

— וואַסער אין שטוב... איר האָט געהערט?

— יאָ... און דאָס וואַסער קומט צו אָדער עס לויפט־אָפּ ווי מען וויל; עס קען אויך זיין וואַרעם, אָדער גאָר קאַלט, ווייל עס זענען דאָרט פאַרהאַן רערן מיט קראַנען, וואָס פירן צו אי קאַלט און אי וואַרעם וואַסער. אַז מען גיט אַ דריי מיטן קראַן, נעמט זיך וואַסער גיסן, אַז מען קען אַפילו אַרומשווימען אין שטוב, ווי אין אַ טייך... קיין שום קעניג האָט נישט אַזאַ שלאָס ווי אונדזער גנעדיקער האַר, דאָס איז אַ באַוווסטע זאַך, אַפילו די

אויסלענדישע שליחים זאָגן דאָס אייגענע; קיינער גערעלטיקט אויך נישט איבער אַזאַ איידעלן פאָלק, וואָרים הגם עס זענען פאַראַן פאַרשידענע גוטע אומות אויף דער וועלט, האָט אָבער גאָט מיט זיינע חסידים באַזונדערס אונדזער אומה מזכה געווען.

— גליקלעך איז אונדזער קעניג! — האָט טערקאַ אַ זיפֿץ געטון.

— אוודאי וואָלט ער גליקלעך געווען, ווען נישט די כּלל־זאַכן, ווען נישט די אומגליקלעכע מלחמות, וועלכע מאַכן אַ תּל פֿון דער רעפּובליק פאַר אונדזערע זינד און אומאיינקייט. דאָס אַלץ מוז דער קעניג אַריבערטראָגן און מען מאַכט אים נאָך פאָרוואורפן פאַר אונדזערע חטאים אויף די סיימען. און וואָס איז ער שולדיק, אַז זיי ווילן אים נישט פאָלגן?... שווערע צייטן האָט די רעפּובליק דערלעבט, שווערע צייטן, וואָס אַזעלכע זענען נאָך נישט געווען. דער שוואַכסטער שונא קוקט שוין אויף אונדז מיט ביטול, אויף אונדז, וואָס מיר האָבן ביז ערשט נישט לאַנג אײַ־נגערן טערקישן קייזער נצחונית אָפּגעהאַלטן. אַזוי שטראָפט גאָט פאַר גדלות. איך דאַנק אים, וואָס די האַנט מיינע דריט זיך שוין גוט אין די זאַוויאַסעס... וואָרים שוין צייט, שוין די העכסטע צייט אין ליבן פאָטערלאַנד צו געדענקען און אין די מלחמה צו גיין. אַן עבֿרה אין אַזאַ עת־צרה מיט פאַרלייגטע הענט צו זיצן.

— זאָל נאָר דער גנעדיקער האַר נישט דערמאַנען וועגן אַרויספאָרן.

— עס קען אַנדערש נישט זיין. גוט איז מיר דאָ צווישן אייך, גנעדיקע פרייליינס, אָבער וואָס בעסער ס׳איז מיר, אַלץ ערגער איז מיר. זאָלן דאָרט די חכמים אויף די סיימען עצות געבן, אָבער דער זעלנער בענקט נאָך דער מלחמה. כּל־זמן מען לעבט, דינט מען. נאָכן טויט וועט גאָט, וועלכער קוקט אין די הערצער אַריין, געבן דעם בעסטן שכר די, וואָס דינען נישט צוליב כּבֿוד, נאָר פֿון ליבע צום פאָטערלאַנד... אַ סבֿרה, אַז אַזעלכע ווערן וואָס אַמאָל ווייניקער און דעריבער האָבן מיר דערלעבט די שווערע צייטן.

מאַרישיאַס אויגן האָבן געגומען פייכט ווערן, ביז זיי זענען צום סוף פויל געוואָרן מיט טרערן, וועלכע זענען אַראָפּגעפלאָסן אויף די רויטע באַקן.

— דער גנעדיקער הער וועט איזעק און אונדז פאַרגעסן, און מיר וועלן שוין אוודאי פאַרדאַרט ווערן. ווער וועט אונדז דאָ באַשיצן פון אָנפאַלער?

— איך וועל אַוועקפאָרן, אָבער אייביק דאַנקבאַר זיין. זעלטן וועט מען געפינען אַזעלכע פיינע מענטשן, ווי אין פאַצוגעלע!... די גנעדיקע פריילינס האָבן נאָך אַלץ מורא פאַר קמיטשיצן?

— אוודאי האָבן מיר מורא. די מאַמעס סטראַשען דאָ מיט אים די קינדער, ווי מיט אַ שד.

— ער וועט שוין מער נישט צוריקקומען, און אויב ער וועט אַפילו יאָ צוריקקומען, וועט ער שוין מיט זיך נישט האָבן יענע הפקר־מענטשן, וואָס אויב מען זאָל דריגגען פון דעם, וואָס מענטשן זאָגן, זענען זיי נאָך ערגער געווען פון אים. ס׳איז אַפילו אַ שאָד, וואָס אַזאַ גוטער זעלנער האָט זיך אַזוי באַפלעקט און דעם רום און פאַרמעגן אָנגעווירן.

— אויך דאָס פריילין.

— אויך דאָס פריילין. אַ סך גוטעס דערציילט מען וועגן איר.

— גאַנצע טעג וויינט זי איצט גענבעך און וויינט...

— הם! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — זי וויינט דאָך נישט נאָך קמיטשיצן?

— ווער ווייסט דאָס! — האָט מאַרישיאַ זיך אָנגערופן.

— איז נאָך ערגער פאַר איר, ווייל ער וועט שוין נישט צוריקקומען; דער הער העטמאַן האָט אַ טייל פון דער לאַודער שליאַכטע אַהיימגעשיקט, זענען איצט אויך כוחות פאַרהאַן. מען וואָלט אים אָן דין און אָן משפט באַלד אויף שטיקער צעהאַקט. ער מוז וויסן, אַז די לאַודער זענען צוריקגעקומען און ער וועט דאָ נישט אַהערשמעקן.

— אונזערע, זאָגט מען, זאָלן ווידער זיך לאָזן אין וועג

אַריין — האָט טערקאַ געזאָגט — ווייל זיי האָבן נאָר אויף אַ קורצע צייט באַקומען רשות אַהיימצוקערן.

— ע! — האָט הער וואָלאָדיִאָווסקי געזאָגט — דער העטמאַן האָט זיי פונאַנדערגעלאָזט, ווייל עס איז קיין געלט נישטאָ אין דער קאַסע. אַן אומגליק! דווקא דאַמאָלס, ווען די מענטשן זענען גאָר נויטיק, מוז מען זיי אַוועקשיקן... אָבער אַ גוטע נאַכט אייך, גנעדיקע פריילינס. שוין צייט צו שלאָפן. און זאָל דאָרט וועמען פון אייך קמיטשיץ מיט אַ פייערדיקער שווערט נישט צו חלום קומען...

באַ דידאָזיקע ווערטער איז הער וואָלאָדיִאָווסקי אויפגעשטאַנען פון דער באַנק און זיך געגרייט אַרויסצוגיין, אָבער קוים האָט ער געמאַכט אַ שריט צום אַלקער, ווי ס'איז מיט אַמאָל געוואָרן אַ גערודער אין פאָדערהויז און עפעס אַ שטים האָט הינטער דער טיר גענומען אימהדיק שרייען:

— העי דאָרט! געדענקט אין גאָט! עפנט גיכער, גיכער!...

די מיידלעך האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן; הער וואָלאָדיִאָווסקי האָט אַ שפרונג געטון צום אַלקער נאָך דער שווערט, אָבער ער האָט נאָך נישט באַוויזן מיט איר צוריקצוקערן ווי טערקאַ האָט זיך אָפגערוקט און אין שטוב איז אַריינגעפאַלן אַ מענטש, וועלכער האָט זיך געוואָרפן צו די פיס פון ריטער.

— ראַטעוועט, גנעדיקער הער פולקאָווניק!... דאָס פריילין האָט מען פאַרכאַפט!...

— וועלכעס פריילין?

— אין וואָדאָקטי...

— קמיטשיץ! — האָט הער וואָלאָדיִאָווסקי אַ געשריי געטון.

— קמיטשיץ! — האָבן די מיידלעך אויסגערופן.

— קמיטשיץ! — האָט דער שליח איבערגעחזרט.

— ווער ביסטו? — האָט הער וואָלאָדיִאָווסקי געפרעגט.

— דער הויף־פאַרוואַלטער פון וואָדאָקטי.

— מיר קענען אים! — האָט טערקאָ געזאָגט — ער האָט רפֿואות פֿאַרן גנבֿדיקן הער געבראַכט.

דאָ איז פֿון הינטערן אויוון אַ פֿאַרשלאָפֿענער דער אַלטער גאַסטאַווט אַרויסגעקראָכן און אין דער טיר האָבן זיך באַוויזן וואָלאָדיאָווסקיס צוויי דינער, וואָס דער טומל האָט זיי אין שטוב אַריינגעבראַכט.

— די פֿערד אָנזאָטלען! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אַ געשריי געטון — איינער זאָל אַוועק צו די בוטרימס, דער צווייטער זאָל מיר דאָס פֿערד דערלאַנגען!

— בײַ די בוטרימס בין איך שוין געווען — האָט דער הויפֿפֿאַרוואַלטער געזאָגט — ווײַל דאָרט איז אַמבאַנטסטן. זיי האָבן מיך אָפּגעשיקט צו אײַך, גנעדיקער הער.

— ווען איז דאָס פֿרײַלין פֿאַרכאַפּט געוואָרן? — האָט וואָלאָדיאָווסקי געפֿרעגט.

— נאָר־וואָס... דאָרט קוילעט מען נאָך די דינערשאַפֿט... איך האָב זיך אויפֿן פֿערד אַרויפֿגעכאַפּט.

דער אַלטער גאַסטאַווט האָט זיך די אויגן אויסגעריבן.

— וואָס? דאָס פֿרײַלין פֿאַרכאַפּט?

— יאָ... קמיטשיץ האָט זי פֿאַרכאַפּט! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — מיר פֿאָרן מיט הילף!

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געווענדט צום שליח:

— לאָזט זיך צו די דאָמאַשעוויטשס — האָט ער געזאָגט — זאָלן זיי מיט ביקסן אָנקומען!

— נו, און איר קאָזעס! — האָט מיטאַמאָל דער אַלטער אַ געשריי געטון אויף די טעכטער — נו, קאָזעס! איך דאַרף אַרײַן די שלאַכטע וועקן, זאָלן זיי זיך צו די שווערדן נעמען! דאָס פֿרײַלין האָט קמיטשיץ פֿאַרכאַפּט... וואָס?... גאָט זאָל זיך דערבאַרעמען! רוצח, רשע... וואָס?

— לאָמיר אויך גיין וועקן — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — וועט צוגיין גיכער. קומט! די פֿערד, הער איך, זענען שוין דאָ.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיי זיך טאַקע געזעצט אויף די פערד און מיט זיי אויך צווײ דינער: אָגאַרעק און סירוטש. אַלע האָבן זיך געלאָזט אויפן וועג, צווישן די כאַטעס פון דאָרף, אָנ-קלאַפנדיק אין די טירן, אין די פענסטער און מאַכנדיק קולות ביזן הימל:

— צו די שווערטן! צו די שווערטן! דאָס פרייליין אין וואָדאָקטי איז פאַרכאַפּט! קמיטשיץ איז אין דער געגנט!...

הערנדיק דידאָזיקע קולות, איז דאָ און דאָרט עמעצער אַרויס פון אַ כאַטע אַ קוק טון, וואָס עס איז געשען, און פאַר-שטייענדיק וועגן וואָס עס האַנדלט זיך, אַליין גענומען שרײַ-ען: „קמיטשיץ אין דער געגנט! דאָס פרייליין פאַרכאַפּט!" — און אַזוי שרייענדיק, געלאָפן נישט טויט, נישט לעבעדיק צום שטאַל דאָס פערד אָנזאָטלען, אָדער אין דער כאַטע די שווערט אויף דער וואַנט אין דער פינסטער אָנטאַפּן. וואָס אַמאָל מער זע-נען געוואָרן די קולות: „קמיטשיץ אין דער געגנט!" אַ גערודער איז געוואָרן אין דאָרף, ליכטלעך האָבן גענומען בלישטשען, עס האָט זיך דערהערט אַ געוויין פון ווײַבער, אַ געביל פון הינט. צום סוף האָט די שליאַכטע זיך אַרויסגעשאָטן אויפן וועג, אַ טייל אויף פערד, אַ טייל צו פוס. איבער דער קופּע פון מענטשלעכע קעפּ האָבן אין שאָטן געבלאַנקט שווערטן, שפּיזן און אפילו אײַ-זערנע ווידלעס.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט געוואָרפן אַ בליק אויף דער אָפּ-טיילונג, האָט באַלד אַ צוואַנציק פון זיי פונאַנדערגעשיקט אין פאַרשידענע זייטן און אַליין איז ער מיט די איבעריקע ווייטער געפאָרן.

די רייטער זענען געגאַנגען בראש, די פוסגייער הינטער זיי און זיי האָבן מאַרשירט צו וואָלמאָנטאָוויטשע צו, כדי זיך מיט די בוטרימס צו פאַרייניקן. געווען איז עס צען אַ זייגער אין אָוונט, די נאַכט איז געווען אַ העלע, הגם די לבנה איז נאָך נישט גע-ווען אויפגעגאַנגען. די פון דער שליאַכטע, וואָס דער גרויס-העט-מאַן האָט זיי נאָר-וואָס געהאַט אהיימגעשיקט, האָבן זיך באַלד צו-גויפגעשלאָסן אין רייען; די איבעריקע, דהיינו: די פוסגייער,

זענען נישט געגאַנגען אַזוי געשיקט, קלינגענדיק מיטן כלי־זיין, פלוידערנדיק און גענעצנדיק אויף אַ קול, און וויילנווייז שעלטנדיק דעם פאַרהאַסטן קמיטשיק, וועלכער האָט זיי די זיסע רו פאַרשטערט; אַזוי זענען זיי דערגאַנגען אַזש ביז וואָלמאַנטאָוויטשע, פון ווו עס איז זיי אַקעגנגעקומען אַ באַוואָפנטע אָפּטיילונג.

— שטיי! ווער פאָרט? — האָבן גענומען רופן שטימען פון יענער אָפּטיילונג.

— גאַשטאָווטס!

— מיר זענען בוטרימס, די דאָמאַשעוויטשס זענען שוין דאָ.

— ווער פירט באַ אייך אָן? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— יוזווא אָן־פוס, איך בין אייך גרייט צו דינען, הער פּולקאָווניק.

— האָט איר ידיעות?

— קיין לובּיטש האָט ער זי פאַרכאַפּט. זיי זענען אַריבער די זומפּן, כּדי דורך וואָלמאַנטאָוויטשע נישט דורכצוגיין.

— קיין לובּיטש? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי מיט פאַרוואונדערונג געפרעגט — וואָס האָט ער דאָרט בדעה זיך צו פאַרטיידיקן? לובּיטש איז דאָך נישט קיין פעסטונג!

— ער פאַרלאָזט זיך אַפּנים אויף זיינע כּוחות. ער האָט מיט זיך אַ צוויי הונדערט מאַן! מסתּמא וויל ער דאָס האָב און גוטס פון לובּיטש מיטנעמען; זיי האָבן מיט זיך זייער פיל וועגנס און לויזע פערד. ער האָט נישט געמוזט וויסן וועגן אונדזער צוריקקער פון חייל, ווייל ער וואַגט צופיל.

— איז בעסער פאַר אונדז! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — וועט ער זיך פון אונדזערע הענט נישט אַרויסדרייען. וויפיל האָט איר ביקסן?

— באַ אונדז בוטרימס אַ דרייסיק שטיק, באַ די דאָמאַשעוויטשס צוויי מאָל אַזוי פיל.

— גוט. זאָלן פופציק מענטשן מיט ביקסן זיך לאָזן אונ-

טער אייער קאָמאַנדע פאַרטיידיקן דעם דורכגאַנג אויף די זומפּן — גיך! די רעשט וועט גיין מיט מיר. וועגן העק געדענקען!

— לויטן באַפעל!

ס'איז געוואָרן אַ גערודער; אַ קליינע אָפּטיילונג האָט זיך געלאָזט רייטן צו די זומפּן אונטער דער אָנפירונג פון יוזוואַ אָנפוס.

בינו־לבינו זענען אָנגעפאָרן אַ צוואַנציק בוטרימס, וואָס זענען פריער פונאַנדערגעשיקט געוואָרן צו דער איבעריקער שליאַכטע.

— די גאַשטשעוויטשעס זעט מען נישט? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— אַ! דאָס איז דער גנעדיקער הער פּולקאָווניק!... געלויבט איז גאָט! — האָבן די ניי־אָנגעקומענע אויסגערופן — די גאַשטשעוויטשעס גייען שוין... מ'הערט זיי דורכן וואַלד. דער גנעדיקער הער ווייסט, אַז ער האָט זי קיין לוביטש פאַרכאַפּט?

— כ'ווייס. ער וועט ווייט מיט איר נישט פאַרפאָרן.

קמיטשיץ האָט ווירקלעך נישט באַרעכנט איין סכנה פון זיין דרייסטער עקספּעדיציע; ער האָט נישט געוווּסט, אַז באַדייטנדיקע כוחות פון דער שליאַכטע זענען גראָד אָנגעקומען אַ היים. ער האָט געמיינט, אַז די דערפער זענען פּוסט, ווי ס'איז געווען בשעת זיין ערשטן אויפהאַלטן זיך אין לוביטש; דערווייל האָט הער וואָלאָדיאָווסקי, צורעכענענדיק די גאַשטשעוויטשעס און די סטאַקיאַנס, וועלכע האָבן נישט געקענט אָנקומען צו דער צייט, געקענט איצט אַרויספירן אַקעגן אים בערך דרייהונדערט שווערטן — און דערצו נאָך מענטשן אויסגעבילדעטע און צו שלאַכטן צוגעוווינטע.

וואָס אַמאָל מער שליאַכטע איז אָנגעקומען קיין וואָלמאָנטאָוויטשע. עס זענען צום סוף געקומען אויך די גאַשטשעוויטשעס, אויף וועלכע מ'האָט ביז איצט אויסגעקוקט. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אויסגעשטעלט די אָפּטיילונג און דאָס האַרץ האָט אים אַזש געקוואָלן, זעענדיק די געניטקייט און לייכטקייט, מיט וועלכער זיי האָבן זיך אויסגעסדרט אין די רייען. פון ערשטן בליק איז קענ-

טיק געווען, אַז דאָס זענען זעלנער, און נישט אַ געוויינטלעכע צעלאָזטע שליאַכטע. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך דערפרייט נאָך דערפאַר, ווייל ער האָט זיך געטראַכט, אַז אין גיכן וועט ער זיי נאָך ווייטער פירן.

זיי זענען בכן געריטן צו לוביטש־צו דורך יענעם וואַלד, וועלכן קמיטשיץ איז שוין פריער דורכגעלאָפן. ס'איז שוין געווען נאָך האַלבער נאַכט. די לבנה איז צום סוף אַרויסגעשווומען אויפן הימל און באַלויכטן דעם וואַלד, דעם וועג און די מאַרשירנדיקע זעלנער, געבראָכן די בלאַסע שטראַלן אויף די שאַרפן פון די שפּיזן, אָפּגעשפּיגלט זיך אין די בלאַנקענדיקע שווערטן, די שליאַכטע האָט אין דער שטיל גערעדט וועגן אומגעוויינטלעכן געשעעניש, וואָס האָט זיי אַרויסגעריסן פון די געלעגערס.

— עס האָבן זיך דאָ געדרייט פאַרשידענע מענטשן — האָט איינער פון די דאָמאַשעוויטשעס געזאָגט — מיר האָבן געמיינט אַז דאָס זענען אַנטלאָפענע, אָבער דאָס זענען אוודאי געווען זיינע שפּיאָנען.

— אוודאי. יעדן טאָג זענען אויך פרעמדע בעטלערס קיין וואָדאָקטי געקומען, כלומרשט נאָך נדבות — האָט אַ צווייטער זיך אָנגערופן.

— און וואָס פאַר אַ זעלנער האָט קמיטשיץ?

— די דינער פון וואָדאָקטי זאָגן, אַז קאָזאַקן. מסתמא האָט קמיטשיץ מיט כאָוואַנסקין אָדער מיט זשאָלטאַרענקאָ געמאַכט יד־אחת. ביז איצט איז ער געווען אַ רוצח, איצט אויך שוין אַ באַשייפערלעכער בוגד.

— ווי אַזוי וואָלט ער געקענט קאָזאַקן אַזש דאָ אַהערברענגען?

— מיט אַזאַ גרויסער מחנה איז זיך נישט לייכט דורכצוקריגן. אונדזער ערשטער בעסטער פּאָלק וואָלט אים אויפן וועג פאַרהאַלטן.

— ערשטנס האָט ער געקענט גיין צווישן די וועלדער, און צווייטנס, דרייען זיך דען ווייניק שרדות אַרום מיט הויפישע קאָזאַקן? ווער וועט זיי דאָרט פונאַנדערשיידן פון די שונאים; אַז

מ׳האָט זיי געפרעגט, האָבן זיי זיך פאַר הויפּישע קאָזאַקן אָנגעגעבן.

— ער וועט זיך פאַרטיידיקן — האָט איינער פון די גאַשטשעוויטשס געזאָגט — ווייל ער איז אַ מוטיקער און אַנטשלאָסענער מענטש, אָבער אונדזער פּולקוואָניק וועט זיך מיט אים אַן עצה געבן.

— די בוטרימס האָבן זיך איך אַ שבועה געגעבן, אַז ווען אפילו זיי זאָלן אַלע אומקומען, וועט ער פון זייערע הענט אַ לעבעדיקער נישט אַנטקומען. זיי טראָגן אויף אים די גרעסטע שנאה.

— יאָ! אָבער אַז זיי וועלן אים צעהאַקן, וועלן זיי דאָך נישט האָבן פון וועמען צו מאָנען פאַר זייערע עוולות! בעסער וואָלט געווען אים אַ לעבעדיקן צו כאַפּן און דער גערעכטיקייט איבערצוגעבן.

— וואָס איז איצט דאָ צו רעדן וועגן גערעכטן, ווען אַלע האָבן די קעפּ פאַרלוירן. צי ווייסט איר, גנעדיקע הערן, אַז מענטשן זאָגן, דאָס אויך מיט די שוועדן קען קומען צו אַ מלחמה?

— זאָל גאָט אָפּהיטן! . . . די מאָסקווער מאַכט און כמיעלניצקי! אויב די שוועדן זאָלן נאָך צוקומען, וועט אַ סוף קומען צו דער רעפּובליק.

דאָ האָט הער וואָלאָדיאָווסקי, וועלכער איז געפאָרן פאָרנט, זיך אומגעדרייט און געזאָגט:

— שטיל דאָרט, גנעדיקע הערן!

די שליאַכטע איז אַנטשוויגן געוואָרן, ווייל מ׳האָט שוין לובּיטש געזען. אין אַ פערטל שעה אַרום זענען זיי שוין געווען נאָנט צום דאָרף. אַלע פענסטער זענען געווען באַלויכטן; די ליכטיקייט האָט געשלאָגן אַזש אויפן הויף אַרויס, וואָס איז געווען פול מיט באַוואָפנטע מענטשן און פערד. אין ערגעץ איז נישט געווען קיין זכר פון שמירה, פון פאַרהיטונג — אַפּנים, הער קמיטשיץ האָט זיך שוין צופיל פאַרלאָזט אויף זיינע כוחות. צוקומענדיק נאָך נענטער, האָט הער וואָלאָדיאָווסקי באַלד אויפן ערשטן בליק דערקענט די קאָזאַקן, מיט וועלכע ער האָט אַזוי פיל

געהאַט געקעמפֿט נאָך באַם לעבן פֿון גרויסן יערעמי און שפּעטער איז ער ראַדזיווילס פֿירונג, ער האָט דעריבער אין דער שטיל אַ ברוך געטון צו זיך אַליין:

— אויב דאָס זענען פֿרעמדע קאָזאַקן, האָט דערדאָזיקער רשע אַריבערגעכאַפּט די מאָס!

און ער האָט ווײַטער געקוקט, פֿאַרהאַלטנדיק די גאַנצע אָפּטײלונג. אויפֿן הויף האָט זיך שטאַרק געטומלט. אַ טייל קאָזאַקן האָבן געלויכטן מיט פֿאַקלס, אַנדערע זענען געלאָפֿן אין אַלע זייטן, אַרויס פֿון הויז און ווידער צוריק אַרײַן, אַרויסגעטראָגן זאַכן, אַרויפֿגעפּאַקט טאָרבעסטערס אויף די וועגנס; אַנדערע האָבן אַרויסגעפֿירט פֿערד און בהמות פֿון די שטאַלן; אַ געמיש פֿון געשרייען, אויסרופֿן און באַפֿעלן האָט זיך געטראָגן פֿון אַלע זייטן. מ׳וואָלט געקענט מיינען, אַז דאָס ציט זיך אַ פּאַכטער איבער אין אַ נײַעם גוט.

קשישטאָף דאָמאַשעוויטש, דער עלטסטער צווישן די דאָמאַשעוויטס, האָט זיך צוגערוקט צום הער וואָלאָדיאָווסקי.

— גנעדיקער הער! — האָט ער געזאָגט — גאַנץ לוביטש ווילן זיי אויף די וועגנס אַרויפֿפּאַקן.

— זיי וועלן נישט אַרויספֿירן — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געענטפֿערט — נישט בלויז לוביטש, נאָר אַפֿילו די אייגענע הויט. איך דערקען אָבער נישט קמיטשיצן, וועלכער איז דאָך אַן אויסגעפּרוווטער זעלנער. קיין איין וואַך נישט אוועקגעשטעלט.

— ווײַל ער האָט אַ גרויסע מאַכט; דאַכט זיך, אַז עס וועלן זײַן אַ דרײַ הונדערט מאַן. ווען מיר וואָלטן פֿון דער אַרמיי נישט צוריקגעקומען, וואָלט ער אינמיטן העלן טאָג געקענט דורכגיין מיט די וועגנס דורך אַלע דערפֿער.

— גוט! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופֿן — נאָר דער אייגענער וועג פֿירט דאָך צום הויף?

— נאָר דער איינער, ווײַל פֿון הינטן זענען סטאַוון און זומפּן.

— איז גוט... פֿון די פֿערד אַראָפּ, גנעדיקע הערן!

די שליאַכטע איז אויפן באַפעל באַלד אַראָפּגעשפּרונגען פון די זאָטלען; דערנאָך האָבן זיך די רייען פון די פוסגייער צונויפגעשלאָסן אין אַ לאַנגער ליניע און גענומען אַרומרינגלען דאָס הויז צוזאַמען מיט די בנינים.

הער וואָלאָדיאָווסקי איז מיט דער הויפּט־אָפּטיילונג צו גלייך צום טויער.

— וואַרטן אויף אַ קאָמאַנדע! — האָט ער שטיל געזאָגט — נישט שיסן אָן אַ באַפעל!

אַ פּאָר צענדליק טריט האָבן נאָך קוים אָפּגעטיילט די שליאַכטע פון טויער, ווי מ'האָט זיי פון הויף דערזען. אַ צוואַנציק מענטשן זענען אויף אַמאָל צוגעשפּרונגען צו די פּלויטן און זיך איבער זיי איבערגעבויגן, גוט איינקוקנדיק זיך אין דער פינסטערניש, און דראָענדיקע שטימען האָבן גענומען רופן:

— העי! ווער קומט דאָס דאָרט?

— האַלט! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אַ געשריי געטון — פייער!

אַלע ביקסן, וואָס די שליאַכטע האָט געהאַט, האָבן מיטאַמאָל אויסגעשאָסן; אָבער זייער ווידערקול האָט זיך נאָך נישט געהאַט אָפּגעשלאָגן אין די בנינים, ווי עס האָט זיך ווידער דערהערט הער וואָלאָדיאָווסקיס שטים:

— גאַלאָפּ!

— שלאָג! הרגע! — האָבן געשריגן די לאַודער, לאָזנדיק זיך פאָרויס, ווי אַ שטראָם.

די קאָזאַקן האָבן אָפּגעענטפערט מיט אַ שיסעריי, אָבער זיי האָבן שוין קיין צייט נישט געהאַט אַ צווייט מאָל אָנצולאָדענען. אַ מחנה פון די שליאַכטשיצעס איז צוגעפאַלן צום טויער, וועלכעס איז אונטערן דריק פון די באַוואָפנטע מענער באַלד איינגעפאַלן. אויפן הויף האָט זיך צעפלאַקערט אַ קאַמף צווישן וועגנס, פערד, פעק. צוערשט זענען ווי אַ מויער געגאַנגען די בוטרימס, די גרעסטע מזיקים און הער קמיטשיצס פאַרביסנסטע שונאים אין האַנטגעפעכט, זיי זענען געגאַנגען, ווי אַ סטאַדע ווילדע חזירים גייט איבער יונגע וואַלד־ביימלעך, ברעכנדיק, טרעטנדיק, האַקנדיק און

בראָקנדיק בלינדערהייט; הינטער זיי האָבן געשלאָגן די דאָמאַ־שעווישס און גאַשטשעוויטשס.

קמיטשיצס מענטשן האָבן זיך מוטיק פאַרטיידיקט הינטער די וועגנס און פעק; מ'האָט אויך גענומען שיסן פון אַלע פענ־סטער פון הויז און פון דאַך, אָבער זעלטן, ווייל די צעטרעטענע פאַקלס האָבן זיך פאַרלאָשן און ס'איז שווער געווען אָפּצושיידן די אייגענע פון די שונאים. אין אַ ווײַלע אַרום האָט מען די קאָזאַקן פון הויף אַרויסגעשטויסן צום הויז און צו די שטאַלן; עס האָבן זיך דערהערט רחמנות־בעטנדיקע שטימען, די שליאַכטע האָט טריאומפירט.

אָבער ווען זי איז געבליבן אַליין אויפן הויף, איז די שיי־סעריי פון הויז באַלד געוואָרן שטאַרקער. פון אַלע פענסטער האָבן אַרויסגעקוקט רורן פון ביקסן און אַ האָגל פון קוילן האָט גענומען זיך שיטן אויפן הויף. דער גרעסטער טייל פון די קאָזאַקן האָט זיך באַהאַלטן אין הויז.

— צום הויז! צו דער טיר! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן.

און באמת, האַרט בײַ די ווענט האָט זיי נישט געקענט שאַטן די שיסעריי נישט פון די פענסטער און נישט פון דאַך. דער מצב פון די באַלאַגערער איז אָבער געווען אַ שווערער. ווען אַ שטורעם צו די פענסטער האָט מען נישט געקענט טראַכטן, ווייל דאָרט וואָלט זיי באַגעגנט אַ פייער גלייך אין די פנימער אַריין; הער וואָלאָדיאָווסקי האָט דעריבער געהייסן די טיר האַקן.

אָבער דאָס איז אויך נישט געווען קיין לייכטע מערכה, ווייל גיכער איז דאָס געווען אַן אייזערן ברעט, איידער אַ טיר. גע־בויט איז זי געווען פון דעמבענע ברעטער, געדיכט באַקלאַפּט מיט געוואַלטיקע נעגל, וואָס אויף זייערע מעכטיקע קעפּלעך האָבן זיך אָפּגעבראָכן די העק, נישט קענענדיק דאָס האָלץ אָנכאַפּן. די גע־זונטסטע יונגען האָבן כּמעט צייט־צו־צייט מיט די אַקסלען געשטויסן, אָבער דאָס אויך אָן פּעולה. די טיר האָט פון הינטן געהאַט איי־זערנע שטאַנגען און אַ חוץ דעם האָט מען זי פון אינעווייניק

אונטערגעשפּאַרט מיט דרענגער. די בוטרימס האָבן אָבער געהאַקט מיט אַ ווילדן כּעס. צו דער קיך-טיר און צו דער טיר, וואָס פירט צו דער שאַץ-שטוב, האָבן געשטורמט די דאַמאַשעוויטשס און גאַשטשעוויטשס.

נאָך אַ שעה פון אומזיסטע אָנשטרענגונגען האָבן זיך די מענטשן באַ די העק געביטן. אַ פּאָר ברעטער זענען אַרויסגעפאַלן, אָבער אויף זייער אָרט האָבן זיך באַוויזן רורן פון ביקסן. עס האָט ווידער אַ קנאַל געטון אַ שיסעריי. צוויי בוטרימס זענען געפאַלן אויף דער ערד מיט דורכגעשאָסענע ברוסטן. אָנשטאָט צעטומלט צו ווערן, האָבן די איבעריקע זיך גענומען האַקן די טיר מיט נאָך מער פאַרביסנקייט.

אויף הער וואָלאָדיאָווסקיס באַפעל האָט מען די עפענונגען פאַרשטאָפּט מיט צונויפגעקנוילטע קאָפּאָטעס. אין דער זעלבער צייט האָבן נייע אויסגעשרייען זיך דערטראָגן פון דער זייט פון וועג, דאָס זענען די סטאַקיאַנס אָנגעקומען דער שליאַכטע צו הילף, און הינטער זיי באַוואָפנטע פויערן פון וואָדאָקטי.

דאָס אָנקומען פון דידאָזיקע נייע כּוחות האָט אפשר אָנגעוואָרפן אַ פּחד אויף די באַלאַגערטע, ווייל באַלד האָט עפּעס אַ קול גענומען הויך רופן פון יענער זייט טיר:

— שטיי דאָרט! האַק נישט! הער... שטיי, צו אַלע רוחות!... לאָמיר זיך צונויפרעדן!

וואָלאָדיאָווסקי האָט געהייסן איבעררייסן די אַרבעט און געפרעגט:

— ווער רעדט?

— דער כאָראָנזשי פון אָרשע, קמיטשיץ! — האָט זיך דערהערט אַ תשובה — און מיט וועמען רעד איך?

— פּולקאָווניק מיכאַל יעזשי וואָלאָדיאָווסקי.

— איך פאַרנייג זיך! — האָט זיך אָנגערופן די שטים פון יענער זייט טיר.

— ס'איז איצט נישט קיין צייט אויף באַגריסונגען... וואָס ווילט איר, גנעדיקער הער?

— אייגנטלעך וואָלט איך געדאַרפט פרעגן: וואָס ווילט איר,

גנעדיקער הער? נישט איר קענט מיך, נישט איך אייך... פאַר־וואָס באַפאַלט איר מיך?

— בוגד! — האָט הער מיכאַל אויסגעשריגן — מיט מיר זענען די לאָודער מענטשן, וואָס זענען פון דער מלחמה צוריקגעקומען, און זיי האָבן מיט אייך חשבונות פאַר גזלות און פאַר אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט און פאַר דער פריילין, וואָס איר האָט איצט פאַרכאַפּט! און ווייסט איר, וואָס עס קומט פאַר פאַר־כאַפּן אַ מיידל? איר מוזט דאָ דעם קאָפּ פאַרלירן!

אַ ווײלע האָט געהערשט אַ שטילשווייגן.

— איר וואָלט מיך אַ צווייט מאָל נישט גערופן בוגד — האָט קמיטשיץ ווידער געזאָגט — ווען נישט דידאָזיקע טיר, וואָס טיילט אונדז פונאַנדער.

— אויב אַזוי, מאַכט זי אויף... איך שטער אייך דאָס נישט!

— פריער וועט נישט איין לאָודער כּלב מיט די פיס זיך באַדעקן. איר וועט מיך אַ לעבעדיקן נישט נעמען!

— וועלן מיר אייך אַ געפּגרטן פאַרן קאָפּ אַרויסשלעפּן. אונדז איז אַלץ איינס!

— הערט מיך גוט אויס, גנעדיקער הער, און נעמט אייך גוט אין זינען אַריין, וואָס איך וועל זאָגן. אויב איר וועט אונדז נישט אָפּלאָזן, האָב איך דאָ אַ פעסל פּולווער און אַ קנויטל, וואָס טליעט שוין; דאָס הויז וועל איך אויפרייסן צוזאַמען מיט אַלע, וואָס געפינען זיך דאָ, און אויך זיך... זאָל מיר גאָט אַזוי העלפן! קומט מיך איצט נעמען!

דאָסמאָל האָט די שטילקייט נאָך לענגער אָנגעהאַלטן. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט בחנם געזוכט אַ תשובה. די שלאַכטע האָט מיט שרעק גענומען זיך אָנקוקן. אַזוי פיל ווילדע ענערגיע איז געווען אין קמיטשיצס ווערטער, אַז אַלע האָבן געגלייבט אין זיין דראָונג. דער גאַנצער נצחון האָט מיט איין פונק געקענט לאיבוד־גיין און פריילין בילעוויטש וואָלט פאַרלוירן געגאַנגען אויף אייביק.

— באַ גאָט! — האָט איינער פון די בוטרימס אַ ברום

געטון — דאָס איז אַ משוגענער מענש! ער איז דאָס גרייט צו טאָן.

מיטאַמאָל איז דעם דער וואָלאָדיאָווסקי איינגעפאַלן אַ גליקלעכער געדאַנק, ווי עס האָט זיך אים געדוכטן.

— פאַראַן אַן אַנדער מיטל! — האָט ער אויסגעשריגן — גייט אַרויס, בוגד, מיט מיר קעמפן אויף שווערטן! אויב איר וועט מיך אַוועקלייגן, וועט איר פריי אַוועקפאָרן!

אַ געוויסע צייט איז קיין תשובה נישט געווען. די הערצער פון די לאַודער האָבן אומרויִק געקלאַפּט.

— אויף שווערטן? — האָט קמיטשיץ צום סוף געפרעגט — דאָס קען געשען!

— אויב עס איז אייך אַ פּחד נישט באַפאַלן, וועט עס געשען!

— איר גיט אייער ריטערלעך וואָרט, אַז כ׳וועל פריי אַוועקפאָרן?

— איך גיב...

— עס קען נישט זיין! — האָבן אַ געשריי געטון אַ פּאָר שטימען צווישן די בוטרימס.

— שווייגט, גנעדיקע הערן, צו אַלדי רוחות! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אַ דינער געטון — און אויב נישט, זאָל ער זיך און אייך מיט פולווער אויפרייסן.

די בוטרימס זענען אַנטשוויגן געוואָרן, און אַ ווײַלע אַרום האָט איינער פון זיי געזאָגט:

— ס׳וועט זיין אַזוי, ווי דער גנעדיקער הער וויל...

— נו, וואָס איז דאָרט? — האָט קמיטשיץ שפּאָטיש געפרעגט — די דלפנים זענען מסכים?

— און זיי וועלן שווערן אויף די שווערטן, אויב איר ווילט.

— זאָלן זיי שווערן!

— אַהער דאָ אַלע, גנעדיקע הערן, אַהער דאָ אַלע! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געשריגן אויף דער שליאַכטע, וואָס

איז געשטאַנען באַ די ווענט און אַרומגערינגלט דאָ ז גאַנצע הויז.

אין אַ ווײַלע אַרום האָבן זיך אַלע צונויפגעקליבן באַ דער הויפּט־טיר און באַלד האָט די ידיעה, אַז קמיטשיק וויל זיך אויס־רייסן מיט פּולווער, זיך צעטראָגן אין אַלע זייטן. זיי זענען אַלע שטיין געבליבן ווי פאַרשטיינערטע פון שרעק; דערווייל האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויפגעהויבן די שטים און געזאָגט אין דער טויט־שטילקייט:

— אייך אַלע, גנעדיקע הערן, נעם איך פאַר עדות, אַז כ'האָב דעם הער קמיטשיק, דעם אָרשער כאָראַנזשי, אַרויסגערופן אויף אַ קאַמף זאַלבעצווייט, און דאָ האָב איך אים צוגעזאָגט, אַז אויב ער וועט מיך מנצח זיין, וועט ער פריי אַוועקפאָרן, נישט אָנשטויסנדיק זיך אויף אַ מניעה פון אייער זייט, וואָס איר מוזט אים צושווערן אויף די שווערטן, באַם אַלערהעכסטן גאָט און הייליקן צלם...

— וואָרט גאָר! — האָט קמיטשיק אויסגערופן — איך וועל פריי מיט אַלע מענטשן אַוועקפאָרן און דאָס פריילין מיט זיך מיטנעמען.

— דאָס פריילין וועט דאָ בלייבן — האָט הער וואָלאָדיאָווּ־סקי געענטפערט — און די מענטשן וועלן אין געפאַנגענשאַפט צו דער שליאַכטע גיין.

— דאָס קען נישט זיין.

— טאָ רייס זיך אויף מיטן פּולווער! מיר האָבן זי שוין באַווייזט, און וואָס שייך די מענטשן, טאָ פרעג זיי, וואָס זיי ווילן...

ווידער איז שטיל געוואָרן.

— זאָל אַזוי זיין — האָט קמיטשיק אין אַ ווײַלע אַרום זיך אָנגערופן — אויב כ'וועל זי נישט היינט פאַרכאַפּן, איז אין אַ חודש אַרום, איר וועט זי נישט באַהאַלטן אונטער דער ערד! שווערט!

— שווערט! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי איבערגעחזרט.

— מיר שווערן באַם אַלערהעכסטן גאָט און הייליקן צלם. אמן!

— נו, קומט אַרויס, קומט אַרויס, גנעדיקער הער! — האָט הער מיכאַל געזאָגט.

— איר איילט זיך שטאַרק אויף יענער וועלט?

— גוט, גוט! נאָר גיכער.

די אייזערנע שטאַנגען, וואָס האָבן צוזאַמענגעהאַלטן די טיר פון אינעווייניק, האָבן גענומען קלינגען.

הער וואָלאָדזיאָווסקי און נאָך אים אויך די גאַנצע שליאַכטע האָבן זיך צוריקגערוקט, כדי צו מאַכן אָרט. באַלד האָט זיך די טיר אויפגעמאַכט און הער אַנדזשעי, אַ הויכער, אַ שלאַנקער, ווי אַ טאָפּאָל, האָט זיך אין איר באַוויזן. דער מאָרגן-שטערן איז שוין געווען אויפגעגאַנגען און דאָס ערשטע בלאַסע טאָג-ליכט איז גע-פאַלן אויף זיין גדלותדיקן, ריטערלעכן און יונגן פּנים. אָפּשטעלנ-דיק זיך אין דער טיר, האָט ער דרייסט אַ קוק געטון אויף דער מחנה פון דער שליאַכטע און געזאָגט:

— כ'האָב אייך געגלייבט, גנעדיקע הערן... גאָט ווייס, צי כ'האָב גוט געטון, אָבער פאַרפאַלן!... ווער איז דאָ הער וואָ-לאָדזיאָווסקי?

דער קליינער פּולקאָווניק האָט זיך אַרויסגערוקט דער ער-שטער.

— איך בין עס! — האָט ער געזאָגט.

— האָ! איר זעט נישט אויס צו זיין קיין ריז! — האָט קמיטשיץ געזאָגט, מרמז-זייענדיק אויפן נידעריקן וווקס פון פּול-קאָווניק — כ'האָב זיך געריכט צו טרעפן אַ פיינערע פיגור, הגם איך מוז אייך דאָס מודה זיין, אַז איר זענט, ווייזט אויס, אַ געני-טער זעלנער.

— איך קען דעמדאָזיקן שבח אייך נישט באַצאָגן, ווייל איר האָט נישט געזאָרגט וועגן אַ שמירה. אויב איר זענט אַזאַ בריה באַ דער שווערט, ווי באַ דער קאָמאַנדע, וועל איך נישט האָבן קיין אַרבעט.

— וווּ וועלן מיר זיך שלאָגן? — האָט קמיטשיק לעבעדיק געפרעגט.

— דאָ. . דער הויף איז גלייך, ווי אַ טיש.

— מסכּים! גרייט זיך צום טויט.

— אַזוי זיכער זענט איר?

— משמעות, איר זענט אין אַרשער קאַנט נישט געווען, קוים האָט איר נאָך ספקות. . נישט בלויז זיכער, נאָר עס איז מיר אַ רחמנות אויף אייך, ווייל כ׳האָב וועגן אייך געהערט, אַז איר זענט אַ רומפולער זעלנער. דעריבער זאָג איך צום לעצטן מאָל: לאָזט מיך אָפּ! מיר קענען זיך נישט. . צוואָס זאָלן מיר זיך אין וועג אַרייַנגיין? פאַרוואָס האָט איר זיך אויף מיר אָנגעזעצט? . . . דאָס מיידל, פּונקט ווי דאָס דאָזיקע גוט, זענען מיר אין דער צוואה פאַרשריבן געוואָרן און גאָט זעט, אַז איך נעם זיך נאָר דאָס מייניקע... ס׳איז אמת, אַז איך האָב די שליאַכטע אין וואָלמאָנטאָוויטשע אויסגעקוילעט, אָבער זאָל גאָט משפּטן, ווער עס איז דאָ דער ערשטער בעולהט געוואָרן. צי מייַנע אָפיצירן זענען געווען הפקר-מענטשן, אָדער נישט, דאָס גייט קיינעם נישט אָן, גענוג, אַז זיי האָבן דאָ קיינעם קיין שלעכטס נישט געטון, און מ׳האָט זיי אויסגעהרגעט ביז׳ן איינעם, ווי די משוגעַנע הינט, דערפאַר, ווייל זיי האָבן אין דער קרעטשמע געוואָלט מיט די מיידלעך טאַנצן. זאָל־זשע זיין בלוט פאַר בלוט! דערנאָך האָט מען מיר אויך די זעלנער אויסגעקוילעט. איך וועל שווערן בײַ גאָט, אַז איך בין אין די דאָזיקע מקומות אָן בייזע כּוונות אַהערגעקומען, און ווי האָט מען מיך דאָ אויפגענומען?. . . אָבער זאָל שוין זיין אָן עולה פאַר אָן עולה. כ׳וועל נאָך מיינס דערלייגן, פאַר די שאָדנס באַלויגען. . ווי אַ גוטער שכן. כ׳וויל בעסער אַזוי, איידער אַנדערש. .

— און וואָסערע מענטשן זענען מיט אייך איצט געקומען?

פון וואַנען האָסטו דאָס גענומען דידאָזיקע מיטהעלפער? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— פון וואַנען כ׳האָב זיי גענומען, האָב איך זיי גענומען. כ׳האָב זיי נישט גענומען צו קעמפן קעגן פאָטערלאַנד, נאָר פאַר מייַנע פּריוואַטע עוולות זיך אָנצונעמען.

— אַזאַ אײנער ביסטו ?... האָסטו זיך צוליב פּריוואַטע ענינים מיטן שונא פֿאַרבונדן ? און מיט וואָס וועסטו אים דאָס באַצאָלן פֿאַר דערדאָזיקער טובה, אויב נישט מיט בגידה ?... נײן, ברודערל, כ'וואָלט דיר נישט געשטערט צו אונטערהאַנדלען מיט דערדאָזיקער שליאַכטע, אָבער רופֿן דעם שונא צו הילף, דאָס איז עפּעס אַנדערש. וועסט זיך נישט אַרויסדרייען מיט פּוסטע תירוצים, שטעל זיך איצט צום קאַמף, שטעל זיך, ווײל כ'ווײס, אַז אַ פּחד באַפֿאַלט דיך, הגם דו גיסט זיך אָן פֿאַר אַן אָרשער מײסטער.

— האָסט עס געוואָלט ! — האָט קמיטשיץ געזאָגט, שטעלנדיק זיך אין דער פּאָזיציע.

אָבער הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך נישט געאײלט און נישט אַרויסציִענדיק נאָך די שווערט, האָט ער זיך אומגעקוקט איבערן הימל, ס'האָט שוין געטאָגט. אויף מזרח האָט דער ערשטער גאָלדענער און בלױלעכער שטרײף זיך אויסגעצויגן אין אַ ליכטיקן פּאַס, אויפֿן הויף איז אָבער געווען נאָך גענוג טונקל, בפֿרט איז פֿאַרן הויז געווען נאָך פֿינסטער.

— דער טאָג הייבט זיך גוט אָן — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — אָבער די זון וועט נאָך נישט אַזוי שנעל אויפֿגײן. אפֿשר ווילט איר, אַז מ'זאָל אונדז צו לײכטן ?

— ס'איז מיר אַלצאײנס.

— גנעדיקע הערן ! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופֿן, אַ קער טוענדיק זיך צו דער שליאַכטע — גיט נאָר אַ שפּרונג נאָך שטרויווישן און נאָך קין, וועט אונדז זײן ליכטיקער אין דאָזיקן אָרשער טאַנץ.

די שליאַכטע, וואָס דער וויציקער טאָן פֿון יונגן פּאָלקאָווניק האָט איר צוגעגעבן מוט, איז האַסטיק געלאָפֿן אין דער קיך ; אײניקע האָבן גענומען אויפֿקלויבן די פּאַקעלס, וואָס זענען צעטרעטן געוואָרן בשעת דער שלאַכט און באַלד האָבן בערך פֿופֿציק רויטע פֿלאַמען אַ פֿינקל געטאָן אין דער בלײכער פֿרימאָרגנטונקלקייט. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט מיט דער שווערט אויף זײ אָנגעוויזן קמיטשיצן.

— קוקט, גנעדיקער הער, אַן אמתע לויה!

און קמיטשיק האָט תּיכּף אָפּגעענטפֿערט:

— אַ פּולקאָווניק אין מען קבֿר, מוז אויך אַפּאַראַד זײַן!

— אַ שאַרפֿע צונג האָט איר!...

דערווײַל האָט די שליאַכטע זיך שטילשווײַגנדיק אין אַן עיגול אַרום די ריטער אויסגעשטעלט; אַלע האָבן אויפֿגעהויבן די אָנגעצונדענע שפּענער אין דערהייך, הינטער זיי האָבן זיך געשטעלט די איבעריקע, בייגעריקע און אומרויִקע; און דער מיט האָבן זיך די קעגנער געמאָסטן מיט די אויגן. אַ מורא'דיקע שטילקייט האָט געהערשט, נאָר די אויסגעברענטע קילן זענען מיט אַ גערויש אַראָפּגעפֿאַלן אויף דער ערד. הער וואָלאָדיאָווסקי איז געווען אויפֿגערוימט, ווי אַ שטיגליץ אין אַ לויטערן באַגינען.

— הייבט אָן! — האָט קמיטשיק געזאָגט.

דער ערשטער קלאַנג האָט זיך מיט אַ ווידערקול אָפּגערופֿן אין אַלעמענס הערצער; הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אַ קלאַפּ געטון, ווי אומגערנווילִיק, הער קמיטשיק האָט אָפּגעשלאָגן און פֿון זײַן זײַט אַ קלאַפּ געטון, הער וואָלאָדיאָווסקי האָט ווידער אָפּגעשלאָגן. דער טרוקענער קלאַנג איז געוואָרן וואָס אַמאָל האַסטיקער. אַלע האָבן דעם אָטעם אײַנגעהאַלטן. קמיטשיק האָט אַטאַקירט מיט רציחה, הער וואָלאָדיאָווסקי ווידער האָט די לינקע האַנט אויף הינטן פֿאַרלייגט און איז געשטאַנען רויִק, מאַכנדיק פּוילע באַוועגונגען, זייער קליינע, כּמעט אומבאַדײַטנדיקע; ס'האָט זיך געדוכט, אַז ער האָט זיך נאָר געוויאָלט באַשיצן, און אַגבֿ־אורחא דעם קעגנער שוינען — צײַטנווײַז האָט ער זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן אויף הינטן, צײַטנווײַז האָט ער געמאַכט אַ שריט פֿאָרויס — ער האָט אָפּנים געפּרוּווט קמיטשיצס געשיקטקייט. יענער האָט זיך דערהיצט, און ער איז געווען קאַלט, ווי אַ לערער, וואָס פֿאַרהערט זײַן תּלמיד, און וואָס אַמאָל רויִקער; צום סוף האָט ער, צו דער גרויסער פֿאַרוווּנדערונג פֿון דער שליאַכטע, גענומען רעדן:

— לאָמיר אַ ביסל שמועסן — האָט ער געזאָגט — וועט אונדז נישט זײַן לאַנגווײַליק... אַהאַ! דאָס איז דאָס די אָרשער

מעטאָדע? . . . מ׳זעט, אַז איר מוזט דאָרט אַליין אַרבעס-שטרוי דרעשן, ווייל איר פּאַכעט, ווי מיט אַ דרעשער. . . איר וועט שטאַרק פאַרמאַטערט ווערן. זענט איר דאָס באמת דער בעסטער אין אָרשע? . . . דערדאָזיקער קלאַפּ איז נאָר בײַ די טריבונאַל-ייִנגלעך אין דער מאָדע... דערדאָזיקער קורלענדישער... ס׳איז גוט מיט אים זיך פון די הינט אָפּצויאָגן. גיט אַכטונג אויפן שפּיץ פון דער שווערט... בייגט נישט אַזוי אויס די דלאָניע, ווייל איר וועט זען, וואָס עס וועט געשען... הייבט אויף!..

די לעצטע ווערטער האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי אַרויסגערעדט דייטלעך, גלייכצייטיק האָט ער געמאַכט אַ האַלב-עיגול, די האַנט און די שווערט אַצי-געטון צו זיך און נאָך איידער די צוקוקער האָבן משיג געווען, וואָס עס באַטייט: הייבט אויף — האָט שוין קמיטשיצס שווערט, ווי אַן אַרויסגעצויגענע נאָדל פון פּאָדעם, אַ פלי-געטון איבער הער וואָלאָדזיאָווסקיס קאָפּ און אַראָפּגעפאַלן הינטער זיינע פּלייצעס; און הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט זיך אָנגערופן:

— דאָס הייסט די שווערט אַרויסקלאַפּן.

קמיטשיץ איז געשטאַנען אַ בלייכער, מיט אַ שגעון אין די אויגן, אַ וואַקלדיקער, אַ פאַרבליפטער, נישט ווייניקער פון דער לאַודער שליאַכטע; און דער קליינער פּולקאָווניק האָט זיך אַוועקגערוקט אין אַ זייט און אָנווייזנדיק אויף דער שווערט, וואָס איז געלעגן אויף דער ערד, האָט ער אַ צווייט מאָל איבערגעחזרט:

— הייבט אויף!

אַ ווײַלע האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז קמיטשיץ וועט זיך אויף אים וואַרפן מיט הוילע הענט. . . אָט, אָט איז ער גרייט געווען צו שפּרינגען, אָט האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי, צורוקנדיק דאָס הענטל צו דער ברוסט, אָנגעשטעלט די שאַרף, אָבער הער קמיטשיץ האָט זיך אַ וואָרף געטון צו דער שווערט און באַפאַלן מיט איר דעם שרעקלעכן קעגנער.

אַ הויכע שושקעריי האָט זיך געלאָזט הערן אין קרייז פון די צוקוקער און דער עיגול איז געוואָרן וואָס אַמאָל ענגער.

הינטער אים האָט זיך פֿאָרמירט אַ צווייטער, אַ דריטער. קמיטשיצס קאָזאַקן האָבן אַרײַנגעשטעקט די קעפּ צווישן די אָרעמס פֿון דער שליאַכטע, גלײַך ווי זיי וואָלטן דאָס גאַנצע לעבן מיט זיי געלעבט בשלום. אומגערנדיקע אויסגעשרײַען האָבן זיך אַרויסגעריסן פֿון אַלעמענס מײַלער; צײַטנווײַז האָט זיך דערהערט אַן אויסברוך פֿון אַ גישט־אײַנגעהאַלטענעם, נערוועזן געלעכטער; אַלע האָבן דערקענט דעם מײַסטער איבער אַלע מײַסטערס.

וואָלאָדיִאָווסקי האָט זיך מוראדיק געשפּילט, ווי אַ קאַץ מיט אַ מויז — און לפֿנים וואָס אַמאָל נאָכלעסיקער געאַרבעט מיט דער שווערט. די ליבקע האַנט האָט ער אָפּגערוקט פֿון הינטער די פּלייצעס און אַרײַנגעשטעקט אין דער הויזן־קעשענע. קמיטשיץ איז שרעקלעך בייז געוואָרן, האָט געסאָפּעט און צום סוף האָט ער צווישן די צונויפֿגעפּרעסטע ציין אַרויסגעכאָרכלט די ווערטער:

— מאַכט אַ סוף... גנעדיקער הער!... פֿאַרשפּאָרט מיר די חרפּה!...

— גוט! — האָט וואָלאָדיִאָווסקי געזאָגט.

עס האָט זיך דערהערט אַ קורצער, אימהדיקער פֿײַף, דערנאָך אַ דערשטיקט געשריי... גלײַכצײַטיק האָט קמיטשיץ פֿונאַנדערגעלייגט די הענט, די שווערט איז פֿון זיי אַרויסגעפֿאַלן אויף דער ערד... און ער איז אַנידערגעפֿאַלן מיטן פּנים צום פּולקאָווניקס פֿיס...

— ער לעבט! — האָט וואָלאָדיִאָווסקי געזאָגט — ער איז נישט געפֿאַלן מיטן פּנים אַרויף!

און פֿאַרבײַגנדיק די פּאָלע פֿון קמיטשיצס ראָק, האָט ער גענומען מיט איר אָפּווישן די שווערט.

די שליאַכטע האָט אַרויסגעפּלאַצט מיט איין קול און אין דידאָזיקע געשרייען האָט וואָס אַמאָל דײַטלעכער געהילכט דער רוף:

— דערהרגענען דעם בוגד!... דערהרגענען... צעהאַקן!...

און אַ פּאָר בוטרימס זענען אָנגעלאָפֿן מיט בלויזע שווערטן.

מיטאמאָל איז געשען עפּעס פּלאָדיקס; מ'האָט געקענט מיינען, אַז דער קליינער הער וואָלאָדיאָווסקי איז אויסגעוואַקסן אין די אויגן — דעם נאָנטסטן בוטרים איז די שווערט אַרויסגעפלויגן פון די הענט, גלייך ווי אַ וויכער וואָלט זי אַוועקגעטראָגן — און הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אַ געשריי געטון מיט פּינקלדיקע אויגן:

— אַוועק!... אַוועק!... איצט איז ער מיין, נישט אייער!... אַוועק!...

אַלע זענען אַנטשוויגן געוואָרן, מורא-האָבנדיק פאַרן כעס פון דאָזיקן מאַן, און ער האָט גיזאָגט.

— איך דאַרף דאָ נישט קיין יאַמקעס!... אַלס שליאַכטשיצעס דאַרפט איר, גנעדיקע הערן, קעגן דעם ריטערלעכן מנהג, נישט צו דערהרגענען אַ פאַרוואונדעטן. אַפילו אַ שונא טוט מען דאָס נישט, אַ פּשוטא שוין אַ קעגנער, וואָס איז אין אַ דועל באַזיגט געוואָרן.

— ער איז אַ בוגד! — האָט איינער פון די בוטרימס אַ ברום געטון — אַזעלכן איז אַ מצווה צו הרגענען.

— אויב ער איז אַ בוגד, דאַרף ער איבערגעגעבן ווערן דעם הער העטמאַן, כדי ער זאָל זיין שטראָף אָפּקומען און אַנדערע זאָלן זיך אַ מוסר-השכל אַראָפּנעמען. איבעריקנס, האָב איך אייך שוין געזאָגט: מיינער איז ער איצט, נישט אייער. אויב ער וועט לעבן בלייבן, וועט איר מעגן די תּביעות פאַר אייערע עוולות דעם געריכט פאָרלייגן און פון אַ לעבעדיקן וועט איר האָבן אַ בעסערע באַפרידיקונג, ווי פון אַ בר-מינן. און ווער קען דאָ וווּנדן פאַרבינדן?

— קשיק דאָמאַשעוויטש. אין לאַודאַ פאַרבינדט ער אַלע שוין פון לאַנג-אָן.

— זאָל ער אים באַלד די וווּנדן פאַרבינדן, דערנאָך אים אויף אַ געלעגער אַריבערטראָגן, און איך וועל גיין דעם אומגליקלעכן מיידל די גוטע בשורה אָנזאָגן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אַריינגעשטעקט דאָס שווערטל אין דער שייד און איז דורך דער צעהאַקטער טיר אַריין אין הויז. די שליאַכטע האָט גענומען כאַפּן און

מיט די שטערן פון די שווערטן בײַנדן קמיטשיצס מענטשן, וועלכע האָבן פון איצט אָן געזאָלט אַקערן די ערד אין די דערפער. זיי האָבן זיך אונטערגעגעבן אָן ווידערשטאַנד; נאָר אַ צוואַנציק מאַן זענען אַרויסגעשפּרונגען דורך די הינטערשטע פענצטער פון הויז און זיך געלאָזט לויפן צו די סטאַוון, אָבער דאָרט זענען זיי אַרײַנגעפאַלן אין די הענט פון די וואַרטנדיקע סטאַקיאַנס. אינאײנעם דערמיט האָט די שליאַכטע זיך גענומען ראַבעווען די וועגנס, אויף וועלכע ס'האָט זיך געפונען אַ גענוג רײַכער שלל; אַ טייל האָט אויך געראַטן צו באַראַבעווען דאָס הויז, אָבער מ'האָט מורא־געהאַט פאַרן הער וואָלאָדיאָווסקי און אפשר האָט אויך די אָנוועזנהייט פון פרײַלין בילעוויטש אין הויז זיי צוריקגעהאַלטן דערפון. די אייגענע געפאַלענע, צווישן וועלכע עס זענען געווען דרײַ בוטרימס און צוויי דאָמאַשעוויטשעס, האָט די שליאַכטע אַרויפגעלייגט אויף די וועגנס, כדי זיי לויטן קריסטלעכן מנהג צו קבורה צו ברענגען, און פאַר קמיטשיצס הרוגים האָט מען די פויערן געהייסן אויסגראָבן אַ גרוב הינטערן גאָרטן.

זוכנדיק דאָס פרײַלין, האָט הער וואָלאָדיאָווסקי דורכגענישטערט דאָס גאַנצע הויז און זי געפונען ערשט אין דער שאַף־שטוב, וואָס איז געלעגן אין עק און צו וועלכער עס האָט געפירט אַ קליינע און שמאָלע טיר פון דער שלאָף־שטוב. דאָס איז געווען אַ קליין חדרל מיט שמאָלע דיק־פאַרקראַטעוועטע פענסטער, געבויט אין קוואַדראַט פון אַזעלכע מעכטיקע מויערן, אַז הער וואָלאָדיאָווסקי האָט תיכף דערקענט, אַז ווען קמיטשיץ וואָלט אפילו אויפגעריסן דאָס הויז מיט פולווער, וואָלט דידאָזיקע שטוב זיכער געבליבן אומבאַרירט. דאָס האָט אים געגעבן אַ בעסערע מיינונג וועגן קמיטשיצן. דאָס פרײַלין איז געזעסן אויף אַ קאַסטן נישט ווײַט פון דער טיר מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, דאָס פּנים כמעט פאַרשטעלט מיט די האָר און זי האָט עס אפילו נישט אויפגעהויבן, ווען זי האָט געהערט דעם ריטער אַרײַנקומען. זי האָט אוודאי געמיינט, אַז דאָס איז קמיטשיץ אַליין אָדער עמעצער פון זײַנע מענטשן. הער וואָלאָדיאָווסקי איז געבליבן שטיין אין דער טיר, האָט אַראָפּגענומען דאָס היטל, אַ הוסט געטון און מאָ־

און אַ צווייט מאָל, און זעענדיק, אַז דאָס העלפֿט אויך נישט, האָט ער זיך אָנגערופֿן:

— גנעדיקע פֿריילין... איר זענט פֿריי!...

דעמאָלט האָבן פֿון הינטער די אַראָפּגעלאָזטע האָר אַ קוק־געטאָן אויפֿן ריטער צוויי בלויע אויגן, און דערנאָך האָט זיך פֿון הינטער זיי אַנטפּלעקט אַ רייצנדיק־שיין פּנים, הגם עס איז געווען בלייך און ווי מטושטש. הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט זיך גערעכנט אויף אַ דאַנק, אויף אַן אויסברוך פֿון פֿרייד, אָבער דאָס פֿריילין איז גאָר געזעסן אומבאַוועגלעך און נאָר געקוקט אויף אים מיט בלאָנדזשענדיקע אויגן; דער ריטער האָט זיך דעריבער אַ צווייט מאָל אָנגערופֿן:

— קומט צו זיך, גנעדיקע פֿריילין, גאָט האָט זיך דערבאַרעמט איבער דער אומשולד... איר זענט פֿריי און קענט צוריק־קערן קיין וואָדאָקטי.

דעמאָל איז פֿריילין בילעוויטש בליק געווען ניכטערער. אויפֿשטעלנדיק זיך פֿון קאַסטן, האָט זי אַוועקגעטרייסלט די האָר אויף הינטן און געפֿרעגט:

— ווער זענט איר, גנעדיקער הער?

— מיכאַל וואָלאָדזיאָווסקי, דראַגונער־פּאָלקאָווניק פֿון ווילנער וואָיעוואָדע.

— כ'האָב געהערט אַ שלאַכט... אַ שיסערײַ... דערציילט, גנעדיקער הער...

— אמת. דאָס זענען מיר געקומען דאָס גנעדיקע פֿריילין מציל זיין.

פֿריילין בילעוויטש איז אינגאַנצן געקומען צו זיך.

— איך דאַנק אייך, גנעדיקער הער! — האָט זי גיך גע־זאָגט מיט אַ שטילער שטים, אין וועלכער ס'האָט זיך געשפּירט אַ שטערבלעכע אומרויקייט — און מיט אים וואָס איז גע־וואָרן?...

— מיט קמיטשיצן? האָט נישט מורא, גנעדיקע פֿריילין,

ער ליגט אָן נשמה אויפן הויף... און גישט באַרימענדיק זיך — האָב איך דאָס גורם געווען.

וואָלאָדיאָווסקי האָט דאָס אַרויסגעזאָגט מיט אַ געוויסער גאווה, אָבער אויב ער האָט זיך גערעכנט אויף באַוואונדערונג, האָט ער זיך מיאוס אָפּגענאַרט. פרייליין בילעוויטש האָט קיין וואָרט נישט אַרויסגערעדט, זי האָט זיך אָבער אַ האַקל געטאָן אויף די פיס און מיט די הענט געזוכט אַ זאַך צו אָנלענען הינטער זיך. צום סוף האָט זי זיך שווער אַראָפּגעלאָזט אויף דעם זעלבן קאַסטן, פון וועלכן זי האָט זיך מיט אַ ווײַלע צוריק אויפגעהויבן.

דער ריטער איז צו איר שנעל צוגעלאָפן:

— וואָס איז אײַך, גנעדיקע פרייליין?

— גאָרנישט... גאָרנישט... וואָרט... דערלויבט...

איז הער קמיטשיץ טויט?...

— וואָס גייט מיך אָן הער קמיטשיץ! — האָט וואָלאָדיאָווסקי איבערגעהאַקט — דאָ גייט וועגן פרייליין!

דאָ האָט זי מיטאַמאָל די כוחות צוריק באַקומען, ווײַל זי האָט זיך ווידער אויפגעהויבן און קוקנדיק אים גלײַך אין די אויגן, האָט זי מיט כעס, אומגעדולד און פאַרצווייפלונג אויסגעשריגן:

— לעבט ער?...

— ער לעבט.

— גוט! איך דאַנק אײַך, גנעדיקער הער...

און מיט וואַקלדיקע שריט האָט זי זיך געלאָזט גיין צו דער טיר. וואָלאָדיאָווסקי איז אַ ווײַלע געשטאַנען, באַוועגנדיק שטאַרק מיט די וואָנסעלעך און דרייענדיק מיטן קאָפּ; דערנאָך האָט ער אַ ברום געטאָן אַליין צו זיך:

— דאַנקט זי מיר דאָס דערפאַר, וואָס קמיטשיץ איז פאַרוווּנדעט, אָדער דערפאַר, וואָס ער לעבט?

און איז אַרויסגעגאַנגען נאָך איר. ער האָט זי געטראָפן אין דער שכנותדיקער שלאָף־שטוב, וווּ זי איז געשטאַנען אין דער מיט, ווי אַ פאַרשטיינערטע. פיר שליאַכטשיצעס האָבן גראָד אַרײַנגעטראָגן קמיטשיצן; די צוויי ערשטע, גייענדיק בײַ דער זײַט, האָבן זיך באַוויזן אין דער טיר, און צווישן זייערע הענט

האָט צו דער ע״ד אַראָפּגעהאָנגען העד אַנדזשעיס בלייכער קאָפּ מיט פאַרמאַכטע אויגן און צאַפּנס פון שוואַרצן בלוט אין די האָר.

— פאַרזיכטיק דאָרט! — האָט קשיק דאָמבּאַשעוויטש, וואָס איז הינטער זיי געגאַנגען, געזאָגט — פאַרזיכטיק דורך דער שוועל. זאָל אים דאָרט עמיצער דעם קאָפּ אונטערהאַלטן. פאַר. זיכטיק!...

— און מיט וואָס וועלן מיר האַלטן, אַז די הענט זענען פאַרנומען — האָבן געענטפערט די, וואָס זענען געגאַנגען פון פאָרנט.

דאָ איז פריילין אַלעקסאַנדראַ צוגעגאַנגען צו זיי, אַ בלייכע, חוו קמיטשיק, און אים אונטערגעלייגט ביידע הענט אונטערן מיטן קאָפּ.

— דאָס איז דאָס פריילין! — האָט קשיק דאָמבּאַשעוויטש געזאָגט.

— איך בין עס... פאַרזיכטיק... — האָט זי מיט אַ שטי. לער שטים זיך אָנגערופן.

העד וואָלאָדזיאָווסקי האָט געקוקט און מיט די וואָנסעלעך שטאַרק באַוועגן.

דערוויילע האָט מען קמיטשיצן אַרויפגעלייגט אויף אַ בעט. קשיק דאָמבּאַשעוויטש האָט אים גענומען דעם קאָפּ אָפּוואַשן מיט וואַסער, דערנאָך האָט ער צו דער וווּנד צוגעלייגט אַ פּלאַסטער, וואָס איז פון פריער געווען צוגעגרייט, און געזאָגט:

— איצט זאָל ער נאָר רויק ליגן... עי, אַן אייזערנער קאָפּ איז דאָס, אויב ער האָט פון אַזאַ קלאַפּ אויף צוויי נישט געפּלאַצט. ער וועט גיך אפשר זיין געזונט, ווייל ער איז יונג. אָבער ער האָט גוט אַריינגעכאַפּט...

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אָלענקאַן:

— גיט, פריילין, וועל איך אייך די הענט אָפּוואַשן... אָט איז וואַסער. אַ גוט האַרץ האָסטו, אויב דו האָסט צוליב דעמדאָ. זיקן מענטש נישט מורא געהאַט זיך צו פאַרבלוטיקן.

בא דידאָויקע ווערטער האָט ער איר די האַנט מיט אַ טיכל

אָפּגעווישט און אויף איר פּנים האָבן זיך די קאָלירן כּסדר געביטן. וואָלאָדזיאָווסקי איז ווידער צוגעשפּרונגען צו איר.

— דאָס גנעדיקע פרייליין האָט דאָ מער נישט וואָס צו טון! איר האָט אַרויסגעוויזן אַ קריסטלעכע רחמנות צו אַ שונא... גייט צוריק אַהיים.

און ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט; אָבער זי האָט אַפילו נישט אַ קוק געטון אויף אים, זי האָט זיך גאָר געווענדט צו קשיק דאָמאַשעוויטשן און געזאָגט:

— הער קשישטאָף, פירט מיך אַרויס!

זיי זענען ביידע אַרויסגעגאַנגען, אויך הער וואָלאָדזיאָווסקי איז זיי נאָכגעגאַנגען. דערזעענדיק זי אויפן הויף, האָט די שליאַכטע גענומען זי באַגריסן מיט וויוואַט־אויסרופן, און זי איז געגאַנגען אַ בלאַסע, אַ וואַקלדיקע, מיט צונויפגעפּרעסטע ליפּן און מיט אַ פייער אין די אויגן.

— זאָל לעבן אונדזער פרייליין! זאָל לעבן אונדזער פּאָלקאָווניק! — האָבן מעכטיקע שטימען אויסגערופן.

מיט אַ שעה שפּעטער איז הער וואָלאָדזיאָווסקי בראש פון די לאַודער צוריקגעפאָרן אין די דערפער. די זון איז שוין געווען אויפגעגאַנגען, דער באַגינען איז אויף דער וועלט געקומען אַ פריידיקער און אמת פריילינגדיקער. די לאַודער האָבן זיך אין אומאָרדנונג געשלעפּט איבערן שליאַך, שמועסנדיק וועגן די פאַרלויפענישן פון דער פאַרגאַנגענער נאַכט און לויבנדיק ביזן הימל אַריין דעם הער וואָלאָדזיאָווסקי און ער איז געפאָרן אַ פאַרטראַכטער און אַ שווייגנדיקער. עס זענען אים פון זינען נישט אַרויס יענע אויגן, וואָס האָבן געקוקט פון הינטער די צעלאָזטע האָר, יענע שלאַנקע און רייצנדיקע, הגם פון צער און ווייטיק געבויגענע פיגור.

— אַ פּלא, ווי שיין זי איז! — האָט ער געברומט צו זיך אַליין — אַן אמתע בת־מלכה... הם! כ׳האָב איר געראַטעוועט די צניעות און אַוודאי אויך דאָס לעבן, ווייל הגם דער פולווער וואָלט די שאַך־שטיב נישט אויפגעריסן, וואָלט זי אָבער פון

שרעק אַליין געשטאָרבן... זי דאַרף זיין דאַנקבאַר... אָבער ווער קען דערגיין די מחשבות פון אַ פרוי... זי האָט געקוקט אויף מיר, ווי אויף אַ יינגל, כ׳ווייס נישט, צי פון גאווה, אָדער פון בושה...

8. קאַפּיטל.

דידאָזיקע געדאַנקען האָבן אים שלאָפן נישט געלאָזט די קומענדיקע נאַכט. אַ פּאָר טעג כּסדר האָט ער גאָך געטראַכט וועגן פרייליין אַלעקסאַנדראַ און ער האָט געשפּירט, אַז זי איז אים שטאַרק געוואָרן איינגעבאַקן אין האַרצן. האָט דאָך די לאָודער שליאַכטע אים געוואָלט חתונה-מאַכן מיט איר! זי האָט עס אמת אָפּגעוואָרפן אָן אַ לאַנגן ישוב-הדעת, אָבער דאַמאָלס האָט זי אים נישט געקענט און נישט געזען. איצט איז שוין גאָר עפּעס אַנ־דערש. ער האָט זי ווי אַ ריטער אַרויסגעריסן פון די הענט פון אַ גזלן, אויסשטעלנדיק זיך אויף קוילן און שווערטן; ער האָט זי פּשוט איינגענומען, ווי אַ פעסטונג. . . וועמענס איז זי דע־ריבער, אויב נישט זיינע? קען זי אים דען עפּעס אָפּזאָגן, אַפילו די האַנט? און אפשר זאָל ער טאַקע פּרוון? און אפשר האָט זי אים טאַקע פון דאַנקבאַרקייט ליב באַקומען, ווי דאָס טרעפט אַזוי אָפט אויף דער וועלט, אַז אַ געראַטעוועט מיידל גיט באַלד אָפּ דעם רעטער די האַנט און דאָס האַרץ! און ווען אַפילו זי זאָל

נאָך נישט האָבן אים ליב באַקומען, דאַרף ער ערשט רעכט זיך וועגן דעם באַמיִען.

און אפשר געדענקט זי און האָט ליב יענעם ?

— דאָס קען נישט זיין ! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי צו זיך געזאָגט — ווען זי וואָלט אים נישט שאַרף אָפּגעשטויסן, וואָלט ער זי נישט גענומען מיט געוואַלט.

אמת, זי האָט צו אים אַרויסגעוויזן אַן אומגעוויינטלעכע רחמנות, אָבער אַזוי איז שוין די ווייבערישע טבע זיך מרחם צו זיין איבער פאַרוואונדעטע, אַפילו ווען דאָס זענען שונאים.

זי איז יונג, אָן השגחה, צייט פאַר איר חתונה צו האָבן. אין אַ קלויסטער האָט זי אַפּנים קיין חשק נישט צו גיין, אַנדערש וואָלט זי שוין געווען געגאַנגען. ס'איז געווען גענוג צייט דערויף. אויף אַזאַ שיין מיידל וועלן זיך שטענדיק געפינען פאַרשידענע בעלנים: אַ טייל צוליב איר פאַרמעגן, אַנדערע צוליב איר שיינ-קייט און נאָך אַנדערע צוליב איר פיינעם יחוס. עי, זי וועט גערן וועלן האָבן אַ באַשיצער, וואָס זיינע גבורות האָט זי שוין געקענט זען מיט די אייגענע אויגן.

— און אויך פאַר דיר איז שוין צייט צו ווערן אַ מענטש מיט לייטן גלייך ! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי צו זיך געזאָגט — ביסט נאָך יונג, אָבער די יאָרן לויפן גיך. צו קיין פאַרמעגן וועסטו זיך נישט דערדינען, גיכער צו נאָך מער וונדן אויפן גוף. און צו די נאַרישקייטן מוז אַמאָל אַ סוף קומען.

דאָ האָבן פאַר הער וואָלאָדיאָווסקיס זכרון דורכגעשוועבט אַ גאַנצע ריי פון פריילינס, וועלכע ער האָט שוין אין זיין לעבן געהאַט געליבט. עס זענען געווען צווישן זיי אויך זייער שיינע און פון גרויסן יחוס, אָבער קיין מער באַחנטע און קיין פיינערע איז צווישן זיי נישט געווען, די דאָזיקע משפחה און דאָסדאָזיקע פריילין האָבן דאָך די מענטשן אין דער גאַנצער סביבה גערימט און פון אירע אויגן האָט אַזאַ איידלקייט אַרויסגעבליקט, אַז הלוואי קיינער זאָל קיין ערגער ווייב נישט האָבן.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט געפילט, אַז עס טרעפט זיך אים

אַ געלעגנהייט, וואָס אַזעלכע וועט זיך אים שוין אַ צווייט מאָל אפשר נישט טרעפן, בפרט, אַז ער האָט דעם פרייילין אַזאַ גרויסע טובה געטון.

— צוואָס דאָ מאַכן לאַנגע שהיות! — האָט ער צו זיך געזאָגט — וועל איך דען צו עפּעס בעסערס זיך דערוואַרטן? מ'דאַרף בעמען עפּעס טון.

יאָ, אָבער דאָ שטייט די מלחמה הינטער דער טיר. די האָט איז געזונט. ס'איז אַ חרפּה פאַר אַ ריטער זיך אין ליבעס אַריינצולאָזן דאַמאָלס, ווען דאָס פאָטערלאַנד שטרעקט אויס די הענט און בעט הילף. הער מיכאַל האָט געהאַט אַן ערלעך זעלנעריש האַרץ, און הגם ער האָט נאָך כמעט אַלס יינגל אָנגעהויבן צו דינען, הגם ער האָט זיך באַטייליקט אין אַלע מלחמות, וואָס זענען געווען אין זיין צייט — האָט ער פונדעסטוועגן געוווסט, וואָס ער איז שולדיק דעם פאָטערלאַנד און האָט וועגן אָפּרו נישט געטראַכט.

אָבער טאַקע דערפאַר, וואָס ער האָט דעם פאָטערלאַנד נישט צוליב ריוח, פאַרדינסטן און פרנסה, נאָר פון טיפן האַרצן געדינט און געהאַט אין דעם פּרט אַ ריין געוויסן, האָט ער געפילט זיין ווערט און דאָס האָט אים צוגעגעבן מוט.

— אַנדערע האָבן זיך אַרומגעריסן, און איך האָב זיך געשלאָגן — האָט ער זיך געטראַכט — גאָט וועט אַ זעלבער באַלוינען און אים איצט בייהילפיק זיין.

ער האָט אָבער פאַרשטאַנען, אַז קוים איז איצט נישט קיין צייט אויף באַכצולויפן מיידלעך, דאַרף מען די זאַך גיך אָפּטון און אַלץ אויף אַמאָל שטעלן אין קאָן: אַראָפּפאָרן צו איר, באַלד אויפן אָרט זיך דערקלערן און אָדער גאָך צוגעאיילטע הכנות שטעלן אַ חופּה, אָדער אַוועקגיין מיט ליידיקע הענט.

— כ'האָב עס שוין נישט איינמאָל מיטגעמאַכט, וועל איך עס איצט אויך מיטמאַכן! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געברומט, דרייענדיק די געלע וואָנסעלעך.

ס'איז אָבער געווען אין דאָזיקן מיטאַמאָליקן באַשלוס עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים צוריקגעהאַלטן. ער האָט זיך געשטעלט

די שאלה: צי װעט ער נישט, פאַרנדיק זיך דערקלערן אַזוי גיך באַלד נאָכן מציל-זיין דאָס מיידל, האָבן אַ פּנים פון אַ שווערן בעל-חוב, װעלכער וויל, אַז מ׳זאָל אים וואָס גיכער און מיט פּראָצענ-טער דעם חוב סילוקן?

— און אפשר פּאַסט דאָס גאָרנישט פאַר אַ ריטער?

יאָ! אָבער פאַרוואָס דען זאָל מען מאָנען דאַנקבאַרקייט, אויב נישט פאַר אַ טובה? און אויב דאָס איילעניש וועט דעם פרײלין נישט געפעלן ווערן, אויב זי וועט אויף אים האָבן תרעומות, קען מען דאָך איר זאָגן: „גנעדיקע פריילין, אַ גאַנץ יאָר וואָלט איך דיר נאָכגעלאָפן און אין די אייגעלעך אַריינגעקוקט, אָבער כ׳בין אַ זעלנער, און דאָרט שאַלן שוין די טרומייטן אויף אַ מלחמה״!

— כ׳וועל טאַקע פאָרן! — האָט ער וואָלאָדיאָווסקי צו זיך געזאָגט.

אָבער אין אַ ווײַלע אַרום איז אים ווידער אַן אַנדערער געדאַנק געקומען אין קאָפּ אַריין. און אויב זי וועט ענטפערן: „גייט-זשע, גנעדיקער הער, אין דער מלחמה, און נאָך דער מלחמה וועט איר אַ גאַנץ יאָר מיר נאָכלויפן און אין די אייגעלעך מיר אַריינקוקן, ווייל אַ מענטשן, וועלכן איך קען נישט, וועל איך די נשמה און גוף מיטאַמאָל נישט אָפּגעבן״.

דאַמאָלס וועט אַלץ לאיבוד-גיין.

אַז עס וועט לאיבוד-גיין, האָט הער וואָלאָדיאָווסקי זייער גוט געפילט; ווייל שוין אָפּגערעדט פון מיידל, וועלכע עס קען פאַר דערדאָזיקער צייט אַן אַנדערע בעמען, איז הער וואָלאָדיאָוו-סקי נישט זיכער געווען מיט זיך אַליין. דאָס געוויסן האָט אים געזאָגט, אַז אין אים אַליין פלעגט זיך די ליבע אָנציגדן ווי שטרוי, זי פלעגט זיך אָבער אויך לעשן ווי שטרוי.

דאַמאָלס וועט אַלץ זיין פאַרפאַלן!... און שלעפּ זיך וויי-טער זעלנער, בע-ונדיק פון לאַגער צו לאַגער, פון איין שלאַכט צו דער אַנדערער, אָן אַהיים אויף דער וועלט, אָן אַ נאָענטער לע-בעדיקער נשמה. קוק זיך אום נאָך דער מלחמה אויף אַלע פיר עקן וועלט, נישט וויסנדיק, וווּ דעם קאָפּ אַוועקצולייגן!

דער סוף איז געווען, אַז הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט נישט געוווסט, וואָס צו טאָן.

ס'איז אים עפּעס ענג און דושנע געוואָרן אין פּאַצוונעלער הויף. ער האָט דעריבער גענומען דאָס היטל און געוואָלט אַפּסל אַרויסגיין אויפן וועג און פון דער מאַי-זון געניסן. אויף דער שוועל האָט ער זיך אָנגעשטויסן אויף איינעם פון קמיטשיצס געפאַנגענע מענטשן, וועלכער איז אויסגעפאַלן אויף דעם אַלטן פּאַקאָשס חלק. דער קאָזאַק האָט זיך געוואַרעמט אויף דער זון און געקלימפּערט אין אַ באַנדורע.

— וואָס טוסטו דאָ? — האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי אים געפרעגט.

— כ'שפּיל, האַר — האָט דער קאָזאַק געענטפערט, אויפהייבנדיק דאָס אָפּגעצערטע פּנים.

— פון וואַנען ביסטו! — האָט הער מיכאַל ווייטער געפרעגט, אַ צופרידענער, וואָס ער האָט זיך מיט וואָס די געדאַנקען צו פאַרטרייבן.

— פון ווייט, האַר, פון וויאַהל.

און פאַרוואָס ביסטו נישט אַנטלאָפן, ווי דיינע איבעריקע חברים? אָן מנוולים! די שליאַכטע האָט אייך אין לוביטש דאָס לעבן געשענקט כדי זי זאָל האָבן אַרבעטער, און איר זענט זיך צעלאָפן, ווי באַלד מ'האָט אייך גאָר אויפגעבונדן.

— איך וועל נישט אַנטלויפן. דאָ וועל איך פגרן, ווי אַ הונט.

— אַזוי שטאַרק געפעלט דיר דאָ?

— וועמען ס'איז בעסער אויפן פעלד, דער אַנטלויפט, און מיר איז דאָ בעסער. איך האָב געהאַט אַ דורכגעשאָסענעם פוס, און דאָ האָט מיר אים געהיילט אַ שליאַכטשאַנקע, דעם אַלטנס אַ טאָכטער און אַ גוט וואָרט געזאָגט. אַזאַ שיינע האָב איך נאָך קיינמאָל נישט געזען... פאַרוואָס זאָל איך אַוועקגיין?

— וועלכע האָט דיך דאָס אַזוי גוט באַהאַנדלט?

— מאַרישיאַ.

— און דו וועסט שוין בלייבן?

— אויב כ'וועל פגרן, וועט מען מיך אַרויסטראָגן, און אויב נישט, וועל איך בלייבן.

— האָסט, הייסט עס, בדעה באַ פּאַקאַשן פאַר דער טאָכ־טער אָפּצודינען?

— כ'ווייס נישט, האַר.

— גיכער וואָלט ער אַזאַ שלעפּער דעם טויט געגעבן, אייִדער די טאָכטער.

— איך האָב אין וואַלד טשערוו. נצעס פאַרגראָבן: צוויי גאָרשקעס.

— ראַבירטע?

— ראַבירטע, האַר.

— ווען דו זאָלסט אַפילו אַ גאַנצן גאָרנישעק האָבן, ביסטו פּאָרט אַ פּויער, און פּאַקאַש איז אַ שליאַכטשיץ.

— איך בין אַ ביאַר.

— אויב דו ביסט אַ באָיאַר, ביסטו נאָך ערגער פון אַ פּויער, ווייל דו ביסט אַ בוגד. ווי אַזוי האָסטו געקענט דעם שונא דינען?

— איך האָב אים נישט געדינט.

— און פון וואַנען האָט אייך הער קמיטשיץ גענומען?

— פון טראַקט. איך האָב באַם הער וויצע־העטמאַן געדינט, אָבער דערנאָך איז דער פּולק זיך צעקראָכן, ווייל ס'איז נישט גע־ווען וואָס צו עסן. אַהיים האָב איך נישט געהאַט נאָך וואָס צו פאָרן, ווייל זי איז פאַרברענט. אַנדערע זענען אַוועק אויפן טראַקט ראַבירן, בין איך אויך מיט זיי אַוועק

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט זיך שטאַרק געחידושט, ווייל אַזש ביז איצט האָט ער געמיינט, אַז הער קמיטשיץ איז אָנגעפאַלן אויף אָלענקאַן מיט כוחות, וואָס ער האָט זיך אויסגעבאָרגט באַם שונא.

— האָט הער קמיטשיץ, הייסט עס, נישט פון טרובעצקין אייך באַקומען?

— עס זענען געווען באַ אונדז זייער אַ סך אַזעלכע, וואָס

האָבן פריִער בײַ טרובעצקין און כאָוואַנסקין געדינט, אָבער זײ זענען אַנטלאָפן אויף די טראַקטן.

— און פאַרוואָס זענט איר געגאַנגען מיטן הער קמיטשיק?

— ווײַל ער איז אַ באַרימטער אַטאַמאַן. מ׳האָט אײַנדז געזאָגט, אַז אויב ער גיט אויף עמעצן אַ געשרײ, אַז ער זאָל מיט אים גײן, פּועלט ער, ווי ער וואָלט אים אַ זאַק מיט טאָלערס אָנגעשאָטן. דערפאַר זענען מיר געגאַנגען. אָבער גאָט האָט נישט געגעבן קײן הצלחה!

הער וואָלאָדיִאָווסקי האָט גענומען דרײען מיטן קאָפּ און טראַכטן, אַז מ׳האָט אויפן דאָזיקן קמיטשיק פונדעסטוועגן צופיל שלעכטס אויסגערעדט; דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויפן אויסגעבלײכטן באַיאַרל און ווידער מיטן קאָפּ אַ דרײ געטון.

— האָסטו טאַקע זי ליב?

— אוי, יאָ, האַר!

הער וואָלאָדיִאָיִעווסקי איז אַוועקגעגאַנגען, און אַוועקגײענדיק האָט ער געטראַכט: אָט דאָס איז אַ מענטש מיט אַ פעסטער דעה. ער האָט זיך נישט געבראָכן דעם קאָפּ; האָט זיך פאַרליבט און איז פאַרבליבן. אַזעלכע איז זײער גוט... אויב ער איז באמת אַ באָיאַר, איז ער דאָך פון דעם זעלבן סאָרט, וואָס די דאָרפישע שליאַכטע. אַז ער וועט זײַנע טשערוואָנצעס אויסגראָבן, וועט אים אפשר דער אַלטער מאַרישיאַן אָפּגעבן. און פאַרוואָס? ווײַל ער האָט קײן לאַנגע שהיות נישט געמאַכט, נאָר בײַ זיך פעסט באַשלאָסן, אַז ער מוז זי באַקומען. איך מוז זיך אויך פעסט נעמען!

אַזוי טראַכטנדיק איז הער וואָלאָדיִאָווסקי געגאַנגען אויף דער זוניקער זײַט פון וועג, פון צײַט צו צײַט פלעגט ער זיך אָפּשטעלן און די אויגן אין די ערד אײַנגראָבן אָדער זײ צום הימל אויפהײבן; באַלד איז ער ווידער ווײַטער געגאַנגען, ביז ער האָט מיטאַמאָל דערזען אַ סטאַדע ווילדע קאַטשקעס פליִען איבערהײַך.

דאַמאָלס האָט ער געגומען טרעפן: פאָרן, צי נישט פאָרן?...
עס איז אויסגעפאַלן, אַז ער זאָל יאָ פאָרן.

— כ׳וועל פאָרן, אַנדערש קען נישט זיין!

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער זיך געלאָזט צוריקגיין אהיים; אָבער אויפן וועג האָט ער נאָך אָפּגעטרעטן אין שטאַלעכל, פאַר וועלכן צוויי דינער זיינע האָבן געשפּילט אין ווערפל.

— סירוטש, — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — די גושיבע באַ באַשיאָרן איז געפלאָכטן?

— געפלאָכטן, הער פּולקאָווניק!

הער וואָלאָדיאָווסקי איז אַריין אין שטאַל. באַשיאָר האָט זיך צו אים אָנגערופן פון לייטערל; דער רייטער איז צוגעגאַנגען, האָט אים אַ קלאַפּ געטון אין דער זייט און דערנאָך האָט ער גענומען ציילן די צעפּ אויפן קאַרק.

— פאָרן... נישט פאָרן... פאָרן...

ווידער איז אויסגעפאַלן יאָ צו פאָרן.

— די פערד אָנזאָטלען און אַליין זיך לייטיש אָנטון! — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי אַ באַפעל געגעבן.

און באַלד דערויף איז ער גיך אַוועק אהיים און גענומען זיך אויספּוצן. ער האָט אָנגעטון הויכע, געלע רייטער-שטיוול מיט קלאַפּעס אויפן אויבערלעדער און מיט באַגילדטע שפּאָרנס, און אַ נייעם, רויטן מונדיר; דערצו אַ פּרעכטיק שווערטל אין אַ שטאָלענער שייד מיט אַ באַגילדטן הענטל; ווייטער אַ האַלב-פאַנצערל פון העלן שטאָל, וואָס האָט פאַרדעקט נאָר דעם אייבערשטן טייל פון דער ברוסט באַם האַלדז; ער האָט אויך געהאַט אַ היטל פון טיגער-פעל מיט אַ שיינער רייער-פעדער, אָבער אַזוי ווי עס האָט געפּאַסט נאָר צו אַ פּוילישער הלבשה, האָט ער אָנגעטון אויפן קאָפּ אַ שוועדישן העלם מיט אַ שיפל און איז אַרויס פאָרן גאַנץ נעק.

— ווו פאָרט דאָס דער גנעדיקער הער? — פרעגט אים דער אַלטער פאַקאָש, וואָס איז געזעסן אויף דער פריזבע.

— ווו כ׳פאָר? עס שיקט זיך, אַז איך זאָל גיין זען, וואָס

דאָס פרײַלין איירעס מאַכט, הייל אַנדערש װאָלט זי מיך פֿאַר אַ פּראָ־אָדם געהאַלטן.

— דער גבֿעדיקער הער שײַנט גאָר. דאָס פרײַלין װאָלט קיין אויגן נישט געמוזט האָבן, אַז זי זאָל זיך נישט באַלד פֿאַר־ליבן...

די זענען אַנגעלאָפן פּאַקאָשס צוויי יינגערע טעכטער, װעל־[illegible] צוריקגעקערט פון דעם מיטאָג־מעלק, יעדע מיט אַ [illegible] אין דער האַנט. דערזעענדיק דעם הער וואָלאָדזיאָיוסקי זע־[illegible] זיי געבליבן שטיין, ווי איינגעגראָבענע פון פאַרוווּנדערונג.

— כ'האָב געמיינט, אַ קעניג שטייט דאָ! — האָט זאָניאַ געזאָגט.

— דער גבֿעדיקער הער האָט זיך אויסגעפוצט, װי אויף אַ חתונה! — האָט מאַרישקאַ צוגעגעבן.

— עס קען אויך אַ חתונה דערפון אַרויסקומען — האָט זיך דער אַלטער פּאַקאָש צעלאַכט — ווייל ער פּאַרט צו אונדזער פרײַלין.

דער אַלטער האָט נישט באַוויזן צו ענדיקן, ווי דאָס פּולע שאַף איז אַרויסגעפאַלן פון מאַרישאַס הענט און אַ שטראָם פון מילך האָט זיך אַ גאָס געטון אַזש צו הער וואָלאָדזיאָווסקיס פיס.

— גיב אַכטונג, וואָס דו האַלטסט! — האָט פּאַקאָש בייז געזאָגט — דו, קאָזע!

מאַרישיאַ האָט גאָרנישט געענטפערט, זי האָט אויפגעהויבן דאָס שאַף און איז שטיל אַוועקגעגאַנגען.

הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט זיך געזעצט אויפן פערד, הינטער אים האָבן זיך אויסגעשטעלט זײַנע צוויי דינער און זיי האָבן אין דרייען זיך געלאָזט קיין וואָדאָקטי. דער טאָג איז געווען אַ שיינער. די מאַי־זון האָט זיך געשפּיגלט אין הער וואָלאָדזיאָווסקיס פּאַנצער און העלם אַזוי, אַז ווען ער האָט פונדערווייטנס געבלאַנקט צווישן די ווערבעס, האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז אַ צווייטע זון רוקט זיך דאָרט אויפן וועג.

— כ'בין נייגעריק, צי כ'וועל צוריקקערן מיט אַ רינגל,

אָדער מיט אַ נאָז? — האָט דער ריטער צו זיך גע־זאָגט.

— וואָס זאָגט דער גנעדיקער הער? — האָט דער דינער סירוטש געפרעגט.

— ב׳סט אַ שוטה!

דאָס יונגל האָט אַ צי געטון דאָס פערד אויף הינטן, און הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט ווייטער געזאָגט:

— נאָך גוט, וואָס נישט צום ערשטן מאָל.

דערדאָזיקער געדאַנק האָט אים צוגעגעבן זייער פיל מוט.

ווען ער איז אָנגעקומען קיין וואַדאָקטי, האָט פריילין אַלעק־סאַנדראַ אים לכתחילה נישט דערקענט אַזוי, אַז ער האָט איר גע־מוזט זיין נאָמען איבערחזרן. דאַמאָלס האָט זי אים באַגריסט זיי־ער העפלעך, אָבער ערנסט און מיט אַ געוויסער געצוווּנגענקייט; ער ווידער האָט זיך זייער געשיקט פאַר איר פאַרגעשטעלט, ווייל הגם ער איז געווען אַ זעלנער און נישט קיין הויף־מענטש, האָט ער אָבער לאַנג אין פאַרשידענע הויפן פאַרבראַכט און צווישן מענטשן זיך געריבן. ער האָט זיך פאַרנייגט זייער טיף און די האַנט אויפן האַרץ אַרויפלייגנדיק, האָט ער אַזוי געזאָגט:

— כ׳בין געקומען אהער דערגיין, וואָס דאָס ווילגעבוירע־נע פריילין מאַכט און צי עס האָט פון שרעק נישט געשאַדט איר געזונט. איך האָב דאָס געדאַרפט טון אויפן צווייטן טאָג, אָבער איך האָב נישט געוואָלט שטערן אייער רו.

— זייער שיין איז דאָס פון אייער זייט, גנעדיקער הער, וואָס באַכדעם ווי איר האָט מיך אַרויסגעראַטעוועט פון אַזאַ צרה, האָט איר מיך נאָך אין זינען... זעצט זיך, ווייל איר זענט באַ מיר אַן אָנגעלייגטער גאַסט.

— גנעדיקע פריילין! — האָט הער מיכאַל געענטפערט — ווען איך וואָלט וועגן פריילין פאַרגעסן, וואָלט איך נישט ראוי געווען צו דעם חסד, מיט וועלכן גאָט האָט מיך מזכה געווען, דערלויבנדיק מיר אַזאַ חשובער פערזאָן צו העלפן.

— ניין! איך דאַרף צוערשט דאַנקען גאָט און איר, גנעדי־קער הער, באַלד דערנאָך . . .

— אויב אַזוי, לאָמיר שוין ביידע דאַנקען, ווייל איך בעט בײַ אים גאָרנישט מער, נאָר אַז איך זאָל ווייטער קענען פאַר־טיידיקן דאָס גנעדיקע פריילין, וויפיל מאָל עס וועט נאָר נייטיק זיין.

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט הער וואָלאָדיאָווסקי באַוויגן מיט די געוועקסטע וואָנסעלעך, וועלכע זענען געווען אַרויפגעדרייט ביז איבער דער נאָז, ווייל ער איז געווען צופרידן פון זיך, וואָס ער איז באַלד צוגעטראָטן צו דער עצם־זאַך און זיין סענטימענט ווי אויפן טיש אַוועקגעלייגט. זי ווידער איז געזעסן אַ צעמישטע און אַ שווייגנדיקע, אָבער אַזאַ שיינע, ווי אַ פרילינג־טאָג. אַ בלאַסע רויטקייט איז אַרויסגעטרעטן אויף אירע באַקן און די אויגן האָט זי צוגעדעקט מיט די לאַנגע ווימפערן, פון וועלכע ס'איז געפאַלן אַ שאָטן אויף די באַקן.

— אַ גוטער סימן דידאָזיקע פאַרשעמטקייט — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געטראַכט.

און אָפּהוסטנדיק האָט ער ווייטער געזאָגט:

— דאָס גנעדיקע פריילין ווייסט, אַז איך האָב נאָך איר זיידן מיט די לאָודער מענטשן אָנגעפירט?

— כ'ווייס — האָט אָלענקאָ געענטפערט — דער פאַרשטאָרבענער זיידע האָט אַליין אין די לעצטע מלחמה נישט געקענט גיין, אָבער ער האָט זיך זייער געפרייט, ווען ער האָט געהערט, ווען דער ווילנער וואָיעוואָדע האָט דעמדאָזיקן פולק איבערגעגעבן, און ער האָט געזאָגט, אַז ער ווייסט וועגן אייך, דאָס איר האָט אַ שם פון אַ באַרימטן זעלנער.

— אַזוי האָט ער וועגן מיר געזאָגט?

— כ'האָב אַליין געהערט, ווי ער האָט אייך, גנעדיקער הער, ביזן הימל אַריין געלויבט און דערנאָך האָבן די לאָודער מענטשן נאָך דער מלחמה דאָסזעלבע געטון.

— אַ פשוטער זעלנער בין איך, כ'האָב נישט בלויז נישט פאַרדינט, אַז מ'זאָל מיך לויבן ביזן הימל אַריין, נאָר אפילו, אַז

מען זאָל מיך שטעלן העכער פון אַנדערע. אָבער עס פרייט מיך, וואָס כ'בין פאַרן גנעדיקן פריילין נישט אינגאַנצן פרעמד, ווייל איר וועט איצט שוין נישט מיינען, אַז עפּעס אַן אומבאַקאַנטער און אומזיכערער גאַסט איז אייך צוזאַמען מיטן לעצטן רעגן פון די כמאַרעס אַראָפּגעפאַלן. ס'איז פאָרט אַנגענעמער, אַז מ'ווייסט, מיטן וועמען מ'האָט צו טון. עס שלעפּן זיך אַרום אַזוי פיל מענטשן, וואָס גיבן זיך אָן פאַר יחסנים און פּוצן זיך מיט הויכע נעמען, און גאָט ווייסט ווער זיי זענען באמת, אפשר צומאָל גאָר קיין שליאַכטע נישט.

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט מיט אַ כיוון אַזוי פאַרקירעוועט דעם שמועס, כדי ער זאָל קענען זאָגן וועגן זיך, ווער ער איז, און אָלענקאַ האָט טאַקע באַלד זיך אָנגערופן:

— אייך, גנעדיקער הער, וועט קיינער אין דעם נישט חושד זיין, ווייל אויך דאָ אין ליטע זענען פאַרהאַן שליאַכטשיצעס מיט דעם זעלבן נאָמען.

— אָבער זיי חתמענען זיך אָסאָריאַ, און איך בין קאָרטשאַק וואָלאָדיאָווסקי און מיר שטאַמען אָפּ פון אונגאַרן, פון אַ געוויסן הויף-באַאַמטן אַטילאַ. פאַרפאָלגט פון זיינע שונאים, האָט דערדאָזיקער הויף-באַאַמטער פאַר דעם הייליקסטן פריילין אַ נדר געטון, אַז אויב ער וועט מיטן לעבן אַנטקומען, וועט ער אָוועקוואַרפן די געצנדינערישע אמונה און אויף קאַטויליש זיך שמדן. דעם דאָזיקן נדר האָט ער מקיים געווען, ווען ער איז דריי טייכן בשלום אַריבער, טאַקע די אייגענע, וואָס מיר טראָגן אין הערב.

— שטאַמט דער גנעדיקער הער, הייסט עס, נישט פון אונדזערע מקומות?

— ניין, גנעדיקע פריילין. איך בין פון אוקראַינע, פון די רייסישע וואָלאָדיאָווסקיס און עד-היום האָב איך דאָרט אַ דערפל, וועלכעס דער שונא האָט איצט פאַרנומען, אָבער איך דין פון די יונגע יאָרן אין מיליטער, און טראַכט ווייניק וועגן פאַרמעגן און מער וועגן אומכבוד, וואָס פרעמדע פאַרשאַפן דעם פאָטערלאַנד. פון די יונגסטע יאָרן אָן האָב איך געדינט באַם רייסישן וואָיעוואָדע, באַ אונדזער אומפאַרגעסלעכן פירשט יערעמיאַש, מיט וועלכן

כ'האָב אויך אַלע מלחמות מיטגעמאַכט. כ'בין אויך געווען בײַ מאַכנאָווקאַ און בײַ קאָנסטאַנטינאָוו און האָב איבערגעלעבט די זאַפּאָראָזשער גזירה, און נאָך דער מלחמה בײַ בערעסטעטשקאַ האָט מיר דער גנעדיקער האַר קעניג אַליין דעם קאָפּ געדריקט. גאָט איז מײַן עדות, גנעדיקע פרײַלין, אַז כ'בין נישט געקומען אַהער זיך רימען, אָבער כ'וויל, אַז דאָס גנעדיקע פרײַלין, זאָל וויסן, אַז כ'בין נישט עפּעס אַ טעלער-לעקער, וואָס מאַכט אָן אַ גרויסן טומל, אָבער איז חס אויף זײַן בלוט, נאָר אַז כ'האָב מײַן לעבן פאַרבראַכט אין ערלעכער דינסט, בשעת וועלכער איך האָב זיך דערשלאָגן צו אַ ביסל רום און דאָס געוויסן דערבײַ מיט גאָרנישט באַפלעקט. אַזוי זאָל מיר גאָט העלפן! אַ חוץ דעם קענען דערויף אויך אָנגעזעענע מענטשן מעיד זײַן!

— ווען אַלע וואָלטן געווען אַזוי ווי איר! — האָט דאָס פרײַלין אַ קרעכץ געטון.

— דאָס גנעדיקע פרײַלין האָט אוודאי אין זין יענעם רשע, וואָס האָט זיך דערוועגט אויפצוהייבן אויף איר זײַן אומרייניקע האַנט.

פרײַלין אַלעקסאַנדראַ האָט אײַנגעגראָבן אירע אויגן אין דער פּאָדלאָגע און נישט געענטפערט קיין וואָרט.

— ער האָט זײַן פּסק באַקומען — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי ווײַטער געזאָגט — און הגם מ'האָט מיר געזאָגט, אַז ער וועט געזונט ווערן, וועט ער אָבער פון אַ שטראָף זיך נישט אַרויסדרייען. אַלע אָנשטענדיקע מענטשן האָבן אים פאַראורטיילט און שוין צופיל, ווײַל מ'האָט געזאָגט, אַז ער האָט זיך פאַרבונדן מיטן שונא, כּדי צו באַקומען פון אים הילף, אָבער דאָס איז נישט וואָר, ווײַל יענע מענטשן, מיט וועלכע ער איז דאָס גנעדיקע פרײַלין באַפאַלן, שטאַמען גאָרנישט פון שונא, נאָר ער האָט זיי פון טראַקט צונויפגענומען.

— פונוואַנען ווייסט איר דאָס? — האָט דאָס פרײַלין לעבהאַפט געפרעגט, אויפהייבנדיק אויפן הער וואָלאָדיאָווסקי אירע בלויע אויגן.

— פון יענע מענטשן גופא. אַ מאָדנער מענטש איז דאָס

דער קמיטשיק, ווייל ווען כ׳האָב אים אַליין פאַרן דועל בגידה פאַרגעוואָרפן, האָט ער נישט אָפּגעלייקנט, הגם כ׳האָב אים אומזיסט חושד געווען. ער מוז אַפּנים אין זיך האָבן אַ טייוולאָנישע גדלות.

— און איר זאָגט אומעטום, אַז ער איז נישט קיין בוגד?

— כ׳האָב נישט געזאָגט, ווייל כ׳האָב אַליין נישט געוווּסט, אָבער איצט וועל איך זאָגן. עס שיקט זיך דאָך נישט אפילו אויפן ערגסטן שונא צו מאַכן אַזא בלבול.

פריילין אַלעקסאַנדראַס אויגן האָבן צום צווייטן מאָל געריט אויפן קליינעם ריטער מיט אַן אויסדרוק פון סימפּאַטיע און דאַנקבאַרקייט.

— איר זענט, גנעדיקער הער, אַ פיינער מענטש, אַ זעלטן פיינער מענטש!...

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט גענומען כּסדר באַוועגן מיט די וואָנסעלעך פון צופרידנקייט.

— צום עצם־ענין, מיכאַלעק — האָט ער צו זיך געזאָגט אין דער מחשבה.

און דערנאָך הויך צום פריילין:

— כ׳וועל נאָכמער דעם גנעדיקן פריילין זאָגן!... הער קמיטשיצס אויפפירונג געפעלט מיר נישט, אָבער עס חידושט מיך נישט, וואָס ער האָט מיט געוואַלט געוואָלט פאַרכאַפּן דאָס גנעדיקע פריילין, באַ וועלכער ווענוס אַליין וואָלט געמעגט זיין אַ משרת. די פאַרצווייפלונג האָט דאָס אים געשטויסן צו שלעכטע מעשים און וועט אים מסתּמא נאָך אַ צווייט מאָל שטויסן, אויב עס וועט זיך אים מאַכן אַ געלעגנהייט. ווי אַזוי וועט איר באַ אַזאַ אויסערגעוויינטלעכער שיינקייט בלייבן אַליין און אָן שוץ? פאַרהאַן נאָך אַ סך אַזעלכע קמיטשיצס אויף דער וועלט, נאָך אַ סך מאָל וועט איר הייסע געבליטער דערהיצן און אויף אַ סך סכּנות אייער צניעות אויסשטעלן. גאָט האָט מיר געגעבן די זכיה צו קענען אייך באַפרייען, אָבער די מלחמה־טרומייטן רופן מיך שוין... ווער־זשע וועט אייך באַשיצן?... גנעדיקע פריילין! מען איז

חושד די זעלנער אין לייכטזיניקייט, אָבער מיט אומרעכט. אויך קיין הערץ איז נישט פון אַ שטיין און עס האָט צו אַזוי פיל רייצנדיקע חנען נישט געקענט בלייבן גלייכגילטיק...

דאָ איז הער וואָלאָדיאָווסקי געפאַלן אויף ביידע קני פאַר אַלענקאַן.

— גנעדיקע פריילין! — האָט ער געזאָגט קניענדיק — כ'האָב געירשנט דאָס פולק נאָך אייער זיידן, דערלויבט מיר אויך דאָס אייניקל צו ירשענען. גיט מיר איבער דעם שוץ איבער אייך, דערלויבט מיר צו פאַרזוכן דעם זיסן טעם פון קעגנזייטיקער ליבשאַפט, נעמט מיך פאַר אַ שטענדיקן אַפּוטרופּוס, און איר וועט זיין אי רויִק און אי באַוואָרנט, ווייל הגם איך וועל אין דער מלחמה אַוועקפאָרן, וועט דער נאָמען אַליין אייך באַשיצן.

דאָס פריילין האָט זיך אַ כאַפּ אויף געטון פון שטול און מיט פאַרוואונדערונג אויסגעהערט דעם הער וואָלאָדיאָווסקי, און ער האָט נאָך ווייטער אַזוי געזאָגט:

— אַן אָרימער זעלנער בין איך, אָבער אַ שליאַכטשיץ און אַן ערלעכער מענטש, און איך שווער אייך, אַז סיי אויף מיין גערב און סיי אויף מיין געוויסן וועט איר די מינדסטע פּגימה נישט געפינען. כ'האָב מיך אפשר צופיל צוגעאיילט, אָבער איר דאַרפט אויף מיר דערפאַר קיין פאַריבל נישט האָבן, ווייל עס רופט מיך דאָס פאָטערלאַנד, וועלכעס איך וועל אפילו צוליב אייך נישט אָפּטרעטן... וועט איר מיך נישט טרייסטן? נישט צוגעבן קיין מוט? נישט זאָגן אַ גוט וואָרט?

— איר פאָדערט פון מיר, גנעדיקער הער, אַ זאַך, וואָס קען גאָרנישט געמאָלט זיין... בײַ גאָט! דאָס קען נישט זיין! — האָט אַלענקאַ מיט שרעק געענטפערט.

— פון אייער רצון הענגט עס אָפּ...

— טאָקע דערפאַר זאָג איך אייך גלייך: ניין!

דאָ האָט דאָס פריילין די ברעמען צוזאַמענגעצויגן.

— גנעדיקער הער, איך בין אייך אַ סך שולדיק, איך לייקן נישט. פאַרלאַנגט, וואָס איר ווילט נאָר, כ'בין אַלץ גרייט אַוועקצוגעבן, אַ חוץ דער האַנט.

הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט זיך אויפגעשטעלט.

— דאָס גנעדיקע פריילין וויל מיך נישט? וואָס?

— כ'קען נישט!

— און דאָס איז אייער לעצט וואָרט, גנעדיקע פריי-לין?

— דאָס לעצטע און אומאָפרופלעכע.

— און אפשר איז דאָס צוויילן זיך אזוי נישט געפעלן געוואָרן דעם גנעדיקן פריילין? גיט-זשע מיר א האָפענונג!

— כ'קען נישט, כ'קען נישט...

— נישטאָ, הייסט עס, פאַר מיר דאָ קיין גליק, ווי עס איז אויך אַנדערש-ווו נישט געווען! גנעדיקע פריילין, לייגט מיר נישט פאַר קיין שכר פאַר דער טובה, ווייל נישט צוליב דעם בין איך געקומען אַהער, און אויב כ'האָב די האַנט געבעטן, איז נישט אַלס שכר, נאָר פון גוטן ווילן. ווען איר וואָלט געזאָגט, אַז איר גיט זי, ווייל איר מוזט, וואָלט איך זי אויך נישט אָנגענומען, אַז עס איז נישטאָ קיין ווילן, איז אויך נישטאָ קיין מזל. איר האָט מיך אָפּגעשטויסן... הלוואי עס זאָל זיך קיין ערגערער נישט טרעפן. כ'גיי אַרויס פון דאָזיקן הויז, ווי כ'בין אַרייַנגעקומען... אָבער איך וועל שוין מער נישט צוריקקערן. מ'זעט מיך דאָ נישט גערן, זאָל זיין אַזוי. זייט-זשע גליקלעך אפילו מיטן דאָזיקן קמיטשיץ, הגם איר זעגט אפשר ביי זיך גראָד דערפאַר, וואָס איך האָב אייך דורך דער שווערט צעשיידט. אויב ער געפעלט אייך בעסער, זעגט איר טאָקע נישט פאַר מיר.

אָלענקאַ האָט זיך מיט די הענט באַ די שלייפן אָנגעכאַפּט און אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט:

— גאָט, גאָט, גאָט!

אָבער דער דאָזיקער צער אירער האָט נישט איינגענומען דעם הער וואָלאָדזיאָווסקי, וועלכער האָט זיך פאַרנייגט און איז אַרויס אַ בייזער און דערצערנטער; ער האָט באַלד דערויף זיך געזעצט אויפן פערד און איז אָפּגעפאָרן.

— מיין פוס וועט דאָרט מער נישט שטיין — האָט ער הויך געזאָגט.

דאָס יונגל סירוטש, וואָס איז געריטן פון הינטן, האָט זיך באַלד צוגערוקט.

— וואָס זאָגט דער גנעדיקער הער ?

— ביסט אַ שוטה ! — האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי געענט־פערט.

— דאָס האָט מיר דער גנעדיקער האַר שוין געזאָגט, ווען מיר זײַנען געפאָרן אַהין.

זיי האָבן אַ ווײַלע שטילגעשוויגן, באַלד אָבער האָט הער מיכאַל גענומען ווידער ברומען :

— אומדאַנקבאַרקייט האָט מען מיר דאָ אַרויסגעוויזן ... מיט פאַראַכטונג פאַר ליבשאַפט באַצאָלט ... ס'וועט מיר שוין אויסקומען ביזן טויט אַרײַן צו בלײַבן אַ בחור. שוין אַזוי באַשערט. זאָל דער טײַוול נעמען אַזאַ גורל ! ... ווו די קערסט זיך און ווענדסט זיך איז שלים־שלים־מזלדיק ... נישטאָ קיין יושר אויף דער־דאָזיקער וועלט ! ... וואָס פאַר אַ חסרון האָט זי דאָס אין מיר געזען ?

דאָ האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי צוזאַמענגעצויגן די ברעמען און גענומען שטאַרק אַרבעטן מיטן מוח ; מיטאַמאָל האָט ער זיך מיט דער האַנט אַ זעץ־געטון איבערן פוס.

— כ'ווייס שוין ! — האָט ער אויסגעשריגן — זי האָט נאָך יענעם ליב ... עס קען אַנדערש נישט זײַן.

אָבער דער־דאָזיקער געדאַנק איז פאַר אים געווען אַ קנאַפּע נחמה.

— אויב אַזוי איז נאָך ערגער פאַר מיר — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געטראַכט — ווײַל אויב נאָך דעם אַלעם האָט זי אים נאָך ליב, וועט זי אים שוין נישט אויפהערן ליב צו האָבן. דאָס ערגסטע, וואָס ער האָט געקענט טון, האָט ער שוין אָפּגע־טון. ער וועט אין דער מלחמה גיין, זיך רוט פאַרשאַפן, און זײַן גוטן נאָמען צוריקשטעלן ... און עס שיקט זיך אויך נישט אים אין דעם צו שטערן ... אדרבא, מ'דאַרף אים נאָך צוהעלפן, ווײַל דאָס איז לטובה פון פאָטערלאַנד ... יאָ ! אַ זעלנער איז ער אַ גוטער ... אָבער מיט וואָס האָט ער זי געוווּנען ? ווער קען דאָס

דערגיין... אַנדערע האָבן שוין אַזאַ מזל, אַז קוים גיבן זיי אַ קוק אויף אַ מיידל, ווערט זי פאַר אים די כּפּרה... ווען מ׳זאָל אַזוי וויסן, ווי אַזוי מען מאַכט דאָס, אָדער ווען עס וואָלט מעגלעך געווען אַזאַ כּישוף אָנצוטון, וואָלט אפשר דער מענטש געקענט עפּעס אויפטון. מיט אַ טובה וועסטו באַ אַ מיידל גאָרנישט אויספּועלן. גוט האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט, אַז אַ פוקס און אַ מיידל זענען די אומגעטרייסטע באַשעפענישן אויף דער וועלט. אַ גרויסער שאָד, וואָס אַלץ איז פאַרשפּילט! זייער אַ שיין מיידל איז דאָס און אויך זייער אַ גוטהאַרציקע, ווי מ׳זאָגט. און שטאָלץ מוז זי זיין, ווי אַ טייוול... ווער ווייסט, צי זי וועט גאָר מיט אים חתונה האָבן, הגם זי האָט אים ליב, ווייל ער האָט זי מיאוס אָפּגענאַרט און שווער באַליידיקט... ער האָט דאָך געקענט רויק צו איר צוקומען, אָבער ער האָט בעסער געוואָלט מיט כּוח זי נעמען... זי איז מסוגל זיך לחלוטין אָפּצוזאָגן סיי פון חתונה האָבן און סיי פון קינדער... מיר איז שלעכט, אָבער איר נעבעך איז אפשר נאָך ערגער...

דאָ איז הער וואָלאָדיאָווסקי געריררט געוואָרן פון אָלעבקאָס גורל. ער האָט גענומען דרייען מיטן קאָפּ, צמאָקען מיט די ליפּן און צום סוף געזאָגט:

— זאָל אייך גאָט העלפן! כ׳האָב אויף איר קיין תּרעומות ניט. ניט דער ערשטער אָפּזאָג איז דאָס פאַר מיר, פאַר איר אָבער דער ערשטער צער. דאָס אומגליקלעכע מיידל זשיפּיעט נעבעך קוים פון יסורים, און איך האָב איר נאָך די אויגן אויסגעשטאָכן מיטן דאָזיקן קושיץ און נאָך מער פאַרביטערט איר דאָס לעבן. כ׳האָב עס ניט געדאַרפט טון און איך וועל עס מוזן פאַרבעסערן. אַז די קוילן זאָלן מיך טרעפן דערפאַר, וואָס איך בין זיך מיט איר באַגאַנגען ווי אַ פּרא־אדם. איך וועל איר אָנשרייבן אַ בריוו, אַז זי זאָל מיר מוחל זיין, און דערנאָך וועל איך איר העלפן מיט וואָס איך וועל נאָר בכּוח זיין.

הער וואָלאָדיאָווסקיס ווייטערדיקע געדאַנקען האָט איבערגעהאַקט דאָס יונגל סירוטש, וועלכער האָט זיך ווידער צו אים צוגערוקט און געזאָגט:

— גנעדיקער האַר, דאָרט אויפן באַרג פאָרט הער כאַרלאַמפּ מיט נאָך עמעצן.

— וווּ?

— אָט, דאָרט!

— אמת, אַז מען זעט צוויי רייטער, אָבער הער כאַרלאַמפּ איז געבליבן באַם ווילנער פּירשט־וואָיעוואָדע. ווי אַזוי דערקענסטו אים פון אַזוי ווייט?

— לויטן פערד. דאָס גאַנצע חיל קען עס דאָך.

— יאָ, מ׳זעט טאַקע זיין פערד... אָבער עס קען זיין אַן אַנדערער.

— אַז איך דערקען אפילו זיין גאַנג... דאָס איז שוין זיכער הער כאַרלאַמפּ.

ביידע פּערד האָבן גענומען יאָגן, און די, וואָס זענען אַקעגן געריטן, האָבן אויך דאָסזעלבע געטון און אינגיכן האָט הער וואָלאָדיאָווסקי דערקענט, אַז דאָס פאָרט טאַקע הער כאַרלאַמפּ זיי אַקעגן.

געווען איז דאָס אַ פּאָרוטשניק פון פּיאַטיהאָרסקער פּולק פון דער ליטווישער אַרמיי, הער וואָלאָדיאָווסקיס לאַנג־אָניקער באַקאַנטער, אַן אַלטער און גוטער זעלנער. אַמאָל האָט ער זיך שטאַרק אַרומגעריסן מיטן קליינעם ריטער, אָבער דערנאָך, אַז זיי האָבן צוזאַמען געדינט און מלחמות געפירט, האָבן זיי זיך ליב באַקומען. הער וואָלאָדיאָווסקי איז אים דעריבער גיך אַקעגנגעשפּרונגען און עפּענענדיק די אָרעמס, האָט ער אויסגערופן:

— וואָס מאַכסטו, לאַנג־נאָז?! פונוואַנען האָסטו זיך דאָ גענומען?

דער אָפיציר, וואָס האָט ווירקלעך דעם צונאָמען לאַנג־נאָז פאַרדינט, ווייל ער האָט געהאַט אַ ריזיקע נאָז, איז אַריינגעפאַלן אין די אָרעמס פון פּולקאָווניק און זיי האָבן זיך פריידיק באַגריסט; דערנאָך, אַז ער האָט שוין געהאַט אָפּגעטעמט, האָט ער געזאָגט:

— כ'בין בעקומען ספעציעל צו דיר מיט אַ שליחות און מיט געלט.

— מיט אַ שליחות און מיט געלט? פון וועמען דאָס?

— פון ווילנער פירשט-וואָיעוואָדע, אונדזער העטמאַן. ער שיקט דיר אַ בריוו מיט באַפעלן, אַז דו זאָלסט באַלד זיך נעמען ווערבירן זעלנער, און אַ צווייטן פאַרן הער קמיטשיץ, וועלכער זאָל זיך אויך געפינען אין דער געגנט.

— אויך פאַרן הער קמיטשיץ?... ווי אַזוי וועלן מיר דאָס אין צווייען ווערבירן אין איין געגנט.

— ער זאָל פאָרן קיין טראָקי, און דו זאָלסט בלייבן אין דער געגנט.

— און פונוואַנען האָסטו געוווּסט, וווּ מיך צו זוכן!

— דער הער העטמאַן אַליין האָט זיך וועגן דיר אויסגעפרעגט, ביז די היגע מענטשן, וואָס דינען נאָך דאָרט, האָבן געזאָגט, ווו מען קען דיך געפינען און איך בין געפאָרן גלייך צו דיר... דו ביסט דאָרט שטאַרק באַליבט!... כ'האָב געהערט, ווי אונדזער הער פירשט האָט אַליין געזאָגט, אַז ער האָט זיך נישט געריכט צו ירשענען עפּעס נאָכן רייסישן וואָיעוואָדע, און דערווייל האָט ער דעם גרעסטן ריטער געירשנט.

— הלוואי ער זאָל אויך דאָס גליק אין דער מלחמה ירשענען... אַ גרויסער כבוד איז דאָס פאַר מיר, וואָס איך דאַרף ווערבירן זעלנער, און איך וועל זיך תיכף דערצו נעמען... מלחמה-מענטשן פעלן דאָ נישט, אַבי עס זאָל נאָר זיין מיט וואָס זיי אויף די פיס צו שטעלן. און געלט האָסטו אַ סך געבראַכט?

— אַז דו וועסט קומען קיין פּאַצונעלע, וועסטו איבערציילן.

— האָסטו שוין, הייסט עס, אויך קיין פּאַצונעלע געטראָפן? היט דיך נאָר, ווייל דאָרט איז פאַרהאַן שיינע מיידלעך, ווי מאָן אין אַ גאָרטן.

— דערפאַר טאָקע האָט דיר דאָס זיצן דאָרט אַזוי גע-

שמעקט ! . . . ווארט נאָר, כ׳האָב נאָך אַ צווייטן, פּריוואַטן בריוו פון העטמאַן צו דיר.

— גיב אים אהער.

הער כאַרלאַמפּ האָט אַרויסגענומען אַ בריוו מיט אַ קלײנער חתימה פון די ראַדזיווילס, און הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אים אויפגעמאַכט און גענומען לייענען :

„גנעדיקער הער פּולקאָווניק וואָלאָדיאָווסקי !

קענענדיק אײַערע ערלעכע כוונות באַם דינען דעם פאָטערלאַנד, שיק איך אײַך אַ בריוו מיט באַפעלן, אַז איר זאָלט וווערבירן זעלנער, און נישט אַזוי, ווי מען טוט דאָס געוויינטלעך, נאָר מיט אַ גרויסער אײַלעניש, ווײַל אין פאַרשלעפּן שטעקט אַ סכנה. אויב איר ווילט אונדז אַ נחת־רוח אָנטון, זעט, אַז דער פּולק זאָל צום סוף יולי, שפּעטסטנס אין מיטן אויגוסט, שוין זײַן אויף די פיס און גרייט צום מאַרש. מיר דאַרפן שטאַרק, פונוואַנען איר וועט נעמען גוטע פערד, בפרט, אַז מיר שיקן קנאַפּ געלט, ווײַל מער האָבן מיר פון הער שאַצמייסטער, וועלכער איז נאָך אַלץ, ווי אַמאָל, צו אונדז פײַנטלעך געשטימט, נישט געקענט אַרויסקראַצן. א העלפט פון דאָזיקן געלט גיט אַוועק דעם הער קמיטשיץ, פאַר וועלכן הער כאַרלאַמפּ פירט אויך אַ בריוו מיט באַפעלן. מיר דערוואַרטן פון אים, אַז ער וועט אונדז געטריי דינען. אָבער אַזוי ווי עס איז צו אונדז דערגאַנגען אַ ידיעה וועגן זײַנע מעשים־תעתּועים אין אופּיטער קאַנט, וועט זײַן אַמבעסטן, אַז איר זאָלט דעם בריוו, וואָס איז פאַר אים באַשטימט, פון כאַרלאַמפּן אָפּנעמען און אַליין באַשליסן, צי איר זאָלט אים אָפּגעבן. אויב איר וועט באַמערקן אויף אים צופיל חטאים און בזיונות, זאָלט איר אים דעם בריוו נישט אָפּגעבן : מחמת מיר האָבן מורא, אַז אונדזערע שונאים, ווי דער הער שאַצמייסטער און דער הער וויטעבסקער וואָיעוואָדע, זאָלן נישט אויפ-

הייבן קיין געשריי, אַז מיר גיבן איבער אַזעלכע שליחותן אומווירדיקע מענטשן. ווען איר וועט אָבער איינזען, אַז מען קען אים דעם בריוו אָפּגעבן, זאָל קמיטשיץ זיך באַמיִען דורך דער גרעסטער פלייסיקייט אין דינסט זיינע חטאים צו פאַרווישן, און אויף קיין שום פראַצעסן זיך אין די געריכטן נישט שטעלן, ווייל ער געהערט צו אונדזער העטמאַנישער אינקוויזיציע און מיר וועלן אים משפטן, און נישט קיין אַנדערער, אָבער ערשט נאָכדעם, ווי ער וועט האָבן זיין עובדא אויסגעפירט. דעמדאָזיקן אויפטראַג אונדזערן זאָלט איר באַטראַכטן אויך פאַר אַ באַווייז, אַז מיר האָבן בטחון אין אייער פאַרשטאַנד און אין אייער געטרייע דינסט.

יאַנוש ראַדזיוויל

פירשט אויף בירזשע און דוביגקי,
ווילנער וואָיעוואָדע".

— דער הער העטמאַן דאגהט שטאַרק וועגן פערד פאַר דיר — האָט הער כאַרלאַמפּ געזאָגט, ווען דער קליינער ריטער האָט דורכגעלייענט דעם בריוו.

— אוודאי וועט מיט פערד זיין אַ שווערע מערכה — האָט הער וואָלאָדיִאָווסקי געענטפערט — פון דער היגער קליינער שליאַכ- טע וועלן אַ סך זיך שטעלן אויפן ערשטן רוף, אָבער זיי האָבן באַר זשאַמעטער פערד פון מיטעלער גרייס, וואָס טויגן נישט זיי- ער צום דינסט. על-פי-יושר וואָלט מען זיי אַלע געדאַרפט געבן אַנדערע פערד.

— דאָס זענען גוטע פערד, איך קען זיי פון לאַנג, זיי זענען זייער אויסהאַלטעוודיק און פלינק.

— וואָס קומט אָבער אַרויס דערפון! — האָט הער וואָלאָ- דיִאָווסקי געזאָגט — אַז זיי זענען נידעריק, און דאָס פאָלק איז הויך געוואַקסן. אַז זיי וועלן זיך אויסשטעלן אויף אַזעלכע פערד

וועט מען מיינען: דער פֿאָלק זיצט אויף הינט. אָט, אַ דאגה!... כ'וואָלט זיך פֿלייסיק גענומען צו דער אַרבעט, ווייל איך אַליין איייל זיך אויך. לאָז מיר איבער דעם בריוו מיט באַפֿעלן פֿאַר קמיטשיצן, ווי דער הער העטמאַן האָט געבעטן, און איך וועל אים אַליין אָפּגעבן. ער וועט אים איצט זייער צונוץ קומען.

— פֿאַרוואָס?

— ווייל ער האָט זיך דאָ אויפֿן טאַטערישן שטייגער גוט געווען און אַ מיידל גענומען אין געפֿאַנגענשאַפֿט. ער האָט אַזוי פֿיל פּראָצעסן, וויפֿיל ער האָט האָר אויפֿן קאָפּ. עס איז גאָר קיין וואָך נישט אַריבער, ווי איך האָב זיך מיט אים אויף שווערדן געשלאָגן.

— ע! — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט — אויב דו האָסט זיך מיט אים אויף שווערדן געשלאָגן, ליגט ער אוודאי איצט קראַנק.

— אָבער עס איז אים שוין בעסער. אין אַ וואָך, צוויי אַרום וועט ער געזונט זיין. און וואָס הערט מען מכּוח כּלל־זאַכן?

— שלעכט, ווי תּמיד... צווישן הער שאַצמייסטער גאָשעווסקי און אונדזער פֿירשט הערשט נאָך אַלץ אַ קנאה־שנאה, און אַז די העטמאַנס זענען צווישן זיך נישט שוה־בשוה, ליידן דערפֿון אויך די כּלל־זאַכן. מיר האָבן דאָך אַ ביסל אונדזער מצב פֿאַרבעסערט און איך מיין, אַז זאָל נאָר זיין שלום, וועט מען זיך מיטן דאַזיקן שונא אַן עצה געבן. גאָט וועט העלפֿן און מיר וועלן נאָך אויף זייערע קאַרקן אַזש ביז אין זייער מלוכה אַריינרייטן. אין אַלץ איז שולדיק דער הער שאַצמייסטער!

— און אַנדערע זאָגן, אַז דווקא דער גרויס־העטמאַן.

— דאָס זענען בוגדים. דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע זאָגט דאָס אַזוי, ווייל ער מיטן הער שאַצמייסטער זענען שוין לאַנג ידידים.

— דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע איז אַן ערלעכער ביר-גער.

— שטייסטו דען אויך אויף סאַפּיעהאַס זייט אַקעגן די ראַדזיווילס ?

— איך שטיי אויף דער זייט פון פאָטערלאַנד, אויף וועלכער אַלע זענען מחויב צו שטיין. די גאַנצע צרה איז טאַקע דאָס, וואָס אפילו די זעלנער טיילן זיך אויף צדדים, אַנשטאָט צו שלאָגן דעם שונא. און אַז סאַפּיעהאַ איז אַן ערלעכער בירגער וואָלט איך אפילו דעם פירשט אין די אויגן אַריין געזאָגט, הגם איך דין אונטער זיין פירונג.

— חשובע מענטשן האָבן געפּרוווט שלום מאַכן, אָבער ס׳איז דערפון גאָרנישט אַרויסגעקומען ! — האָט כאַרלאַמפּ גע-זאָגט — אָן אַ שיעור שלוחים פליען איצט פון קעניג צו אונדזער פירשט. . . מ׳זאָגט, אַז עפּעס בייזעס וועט זיך אויף דער וועלט אַרויספּיקן. מיר האָבן זיך געריכט אויפן אַלגעמיינעם לאַנד-שטורעם מיטן האַר קעניג — ס׳איז אָבער גאָרנישט געוואָרן דערפון ! אַ סברה, אַז ער וועט אפשר אַנדערש-וווּ בייטיק זיין.

— אפשר אויף אוקראַינע.

— ווער ווייסט ? נאָר איינמאָל האָט פּאָרוטשניק בראַכוויטש געזאָגט, וואָס ער האָט מיט די אייגענע אויערן געהערט. טיזנהויז איז פון קעניג געקומען צו אונדזער העטמאַן און עפּעס דאָרט, בחדרי-חדרים, לאַנג צווישן זיך גערעדט, וואָס בראַכוויטש האָט נישט געקענט אויפכאַפּן, אָבער ווען זיי זענען אַרויסגעגאַנגען האָט ער מיט די אייגענע אויערן געהערט, ווי דער הער העטמאַן האָט געזאָגט : „דערפון קען אַ בייזע מלחמה אַרויסקומען". מיר האָבן זיך דאָרט שטאַרק די קעפּ געבראָכן, וואָס דאָס האָט געקענט באַדייטן.

— ער האָט אוודאי פאַרהערט ! מיט וועמען קען דאָס זיין אַ בייזע מלחמה ? דער קייזער איז איצט אונדז מער גוטע פריינט, איידער אונדזערע שונאים, ווייל עס פּאַסט אים ניכער פאַר אַ קלוג פאָלק זיך אָנצונעמען. מיטן שוועד איז דער וואָפנשטיל-

שטאַנד נאָך נישט אויסגעגאַנגען און ביז זעקס יאָר וועט ער נישט אויסגיין, און די טאָטערס העלפן אונדז אין אוקראַינע, וואָס זיי וואָלטן אָן הסכּם פון טערק נישט געטון.

— מיר האָבן טאַקע אויך מיט אונדזער גריבלען זיך גאָרנישט געקענט דערגיין!

— ווייל עס איז נישט געווען וואָס. אָבער איך דאַנק גאָט, וואָס איך האָב אַ פרישע אַרבעט. איך האָב זיך שוין געהאַט פאַרבענקט נאָך דער מלחמה.

— ווילסטו, הייסט עס, אַליין דעם בריוו מיט באָפּעלן קמיטשיצן צושטעלן?

— כ'האָב דאָך דיר געזאָגט, אַז דער הער העטמאַן האָט אַ ווי געבאָטן. איך דאַרף סיי ווי לויטן ריטערלעכן מנהג קמיטשיצן באַזוכן, און האָבנדיק דעם בריוו, וועל איך האָבן נאָך אַ בעסערן תּירוץ. צי איך וועל אים דעם בריוו אָפּגעבן, ווייס איך נאָך נישט; כ'וועל זיך נאָך מיישב זיין, ווייל דאָס איז איבערגעלאָזט געוואָרן אויף מיין אייגזען.

— און פאַר מיר איז דאָס זייער באַקוועם, ווייל איך אייל זיך אין וועג אַריין. כ'האָב אויך אַ דריטן בריוו מיט באָפעלן צום הער סטאַנקעוויטש; דערנאָך האָט מען מיך געהייסן פאָרן קיין קיידאַני אָפּנעמען אַ האַרמאַט, וואָס וועט דאָרט אָנקומען; דערנאָך קיין בירזשע אַ קוק טון, צי אַלץ איז אין שלאָס גרייט צו דער פאַרטיידיקונג.

— אויך קיין בירזשע?

— יאָ.

— דאָס חידושט מיך. קיין שום נייע נצחונות האָט דער שונא נישט אָפּגעהאַלטן, ער איז דעריבער פון בירזשע, פון דער קורלענדישער גרענעץ, נאָך ווייט. און ווי איך זע, שטעלט מען נייע פולקן אויף די פיס, וועט דאָך זיין ווער עס זאָל פאַרטיידיקן אַפילו יענע לענדער, וואָס זענען שוין אַריינגעפאַלן אין רשות פון שונא. די קורלענדער טראַכטן דאָך נישט וועגן אַ מלחמה מיט אונדז. דאָס זענען גוטע זעלנער, אָבער זיי זענען אין אַ קלענער

צאָל און ראַדזיוויל אַליין וואָלט זיי מיט איין האַנט געקענט דערשטיקן.

— אויך מיך חידושט דאָס — האָט כאַרלאַמפּ געענטפערט — בפרט, אַז מ׳האָט מיך אויך געהייסן זיך איילן און געגעבן אַן אינסטרוקציע, אַז אויב כ׳וועל עפּעס נישט געפינען אין אָרדנונג, זאָל איך באַלד צו וויסן טון דעם פירשט באָגוסלאַוו, וועלכער וועט צו שיקן דעם אינזשעניר פּעטערסאָן.

— וואָס קען דאָס באַדייטן ?! גרייט זיך נישט צו אַמאָל אַ בירגער-מלחמה ? זאָל אונדז גאָט דערפון שומר-ומציל-זיין ! קוים זאָל נאָר דער פירשט באָגוסלאַוו זיין אינדערמיט, וועט שוין דער טייוול דערפון הנאה האָבן.

— רעד אויף אים נישט קיין לשון-הרע. דאָס איז אַ העלדישער שררה !

— איך פאַרלייקן נישט זיין העלדישקייט, אָבער ער איז מער דייטש, אָדער פראַנצויז, איידער פּאָליאַק. . . און די רעפובליק גייט אים לחלוטין גאָרנישט אָן, ער זאָרגט נאָר וועגן ראַדזיווילס הויז, אַז עס זאָל וואָס העכער דערהויבן ווערן און אַז אַלע אַנדערע זאָלן דערנידעריקט ווערן. אין ווילנער פירשט וואָיעוואָדע, אונדזער העטמאַן, האָט ער דאָס אַזוי אויפגעבלאָזן די גדלות, וועלכע פעלט אים אַזוי אויך נישט, אויך די אַרומרייסענישן מיט די סאַפּיעהאַס און גאָשיעווסקין זענען פירות פון זיין אַרבעט.

— ווי איך זע, ביסטו אַ גרויסער לאַנד-חכם. דאַרפסט וואָס גיכער חתונה האָבן, מיכאַלעק, ווייל ס׳איז אַ שאָד, אַז אַזאַ מוח זאָל לאיבוד גיין.

וואָלאָדיאָווסקי האָט אַ קוק געטון אויפן חבר.

— חתונה האָבן ?. . . וואָס ?

— אוודאי ! און אפשר פאָרסטו גאָר שרגעץ צו אַ מיידל, וייל ווי כ׳זע האָסטו זיך אויסגעפּוצט, ווי אויף אַ פּאַראַד.

— לאָז בעסער צורו !

— ע׳, זיי זיך מודה. . .

— זאָל יעדער וועגן זיינע אייגענע עגמת-נפשן טראַכטן, און דו פרעג דיך נישט אויס וועגן פרעמדע, ווייל דו האָסט זיי אַליין נישט איינמאָל געהאַט. ס׳איז טאָקע צייט צו טראַכטן וועגן תחונה-האָבן גראָד איצט, ווען איך האָב דעם עול צו ווערבירן אַ פולק.

— און דו וועסט אויף יולי זיין גרייט?

— אויף סוף יולי וועל איך גרייט זיין, ווען אפילו איך זאָל פערד דאַרפן פון אונטער דער ערד אַרויסגראָבן. איך דאַנק גאָט, וואָס ער האָט מיר דידאָזיקע אַרבעט צוגעשיקט, ווייל אַנדערש וואָלט מיך די מרה-שחורה געוועז אויפגעגעסן.

די ידיעות פון העטמאַן און די קומענדיקע שווערע אַרבעטן האָבן טאָקע דעם הער וואָלאָדיאָווסקי פאַרשאַפט אַ געוויסן נחת-רוח און נאָך איידער זיי זענען צוגעפאָרן ביז פאַצונעלע, האָט ער שוין כמעט נישט געטראַכט וועגן בזיון, וואָס האָט אים מיט אַ שעה צוריק געטראָפן. די ידיעה וועגן בריוו מיט די באַפעלן האָט זיך שנעל דערטראָגן איבערן גאַנצן דאָרף. באַלד איז די שליאַכטע געקומען זיך פרעגן, צי ס׳איז אמת, און ווען דער הער וואָלאָדיאָווסקי האָט עס באַשטעטיקט, האָט עס געמאַכט אַ גרויסן רושם. אַלע האָבן געהאַט אַ חשק צו גיין אין דער מלחמה, הגם מאַנכע זענען געווען אומצופרידן, וואָס גראָד סוף יולי, פאַרן שניט, וועט אויסקומען אַרויסצומאַרשירן. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט פונאַנדערגעשיקט שליחים אויך אין די איבעריקע געגנטן און קיין אופיטאַ און אין די הייזער פון די חשובערע שליאַכטשיצעס. אין אָוונט זענען אָנגעקומען אַ צוואַנציק בוטרימס, סטאַקיאַנס און דאַמאַשעוויטשעס.

דער עולם האָט גענומען זיך אויפמונטערן און אַרויסווייזן וואָס אַמאָל אַ גרעסערן חשק זיך צו שלאָגן. מ׳האָט געדראָט דעם שונא און זיך געטרייסט מיט נצחונות. נאָר די בוטרימס האָבן געשוויגן, אָבער מ׳האָט זיי דאָס נישט גענומען פאַר אומגוט, ווייל מ׳האָט געוווסט, אַז זיי וועלן ווי איין מאַן זיך שטעלן. צומאָרגנס האָט אין אַלע דערפער געקאָכט, ווי אין אַ בינשטאָק. די מענטשן האָבן שוין מער נישט גערעדט וועגן הער קמיטשיץ און נישט

וועגן פרײַלין אַלעקסאַנדראַ, נאָר וועגן דער קומענדיקער מלחמה. הער וואָלאָדיאָווסקי האָט אויך פֿון גאַנצן האַרצן מוחל געווען אַלעקאַן דעם אָפּזאָג, טרייסטנדיק זיך דערבײַ מיטן געדאַנק, אַז ער איז נישט דער לעצטער, פּונקט ווי די ליבע איז נישט די לעצטע. דערווײַל האָט ער זיך איבערגעלייגט, וואָס ער זאָל טון מיטן בריוו פֿאַר קמיטשיצן.

9. קאַפּיטל.

ס'האָבן זיך אַזוי אַרום אָנגעהויבן פאַרן הער וואָלאָדזיאָה-סקי צײַטן פון שווערע אַרבעט, פון פונאַנדערשיקן בריוו און פון אַרומפאָרעניש. מיט אַ וואָך שפּעטער האָט ער זײַן רעזידענץ אַריבערגעטראָגן קיין אָפּיטאַ און דאָרט זיך גענומען צו דער ווערביר ג. עס האָבן זיך געשאָטן צו אים שליאַכטע לײַט, גרעסערע און קלענערע, ווײַל אַ שם האָט ער געהאַט אַ קלינגענדיקן. באַזונדערס זענען אָבער געקומען די לאָדער, פאַר וועלכע מען האָט געמוזט טראַכטן וועגן פּערד. הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט זיך דעריבער געוואָרפן, ווי אין קדחת, אָבער אַזוי ווי ער איז געווען געשיקט און האָט קיין מי נישט געקאַרגט, האָט ער זיך ווי עס איז אָן עצה געגעבן. אין דער זעלבער צײַט האָט ער אויך באַזוכט אין לובּיטש דעם הער קמיטשיץ, וועמענס געזונט-צושטאַנד האָט זיך שוין געהאַט שטאַרק פאַרבעסערט און הגם ער איז נאָך פון בעט נישט אויפגעשטאַנען, איז שוין קענטיק געווען, אַז ער וועט זײַן געזונט. ווײַזט אויס, אַז אויך וויפיל הער וואָלאָדזיאָווסקי האָט

געהאַט אַ שווערע שווערט, אויף אַזוי פיל האָט ער געהאַט אַ לייכ־טע האַנט.

הער קמיטשיק האָט אים תּיכף דערקענט און אַ ביסל בלאַס געוואָרן, ווען ער האָט אים דערזען. ער האָט אַפילו אומגערן אויפגעהויבן די האַנט צו דער שווערט, וואָס איז איבערן בעט בעהאַנגען, אָבער אַז ער האָט זיך געהאַט אָפּגעקילט און געזען דעם שמייכל אויפן פּנים פון גאַסט, האָט ער צו אים אויסגע־שטרעקט די אָפּגעמאָגערטע האַנט און געזאָגט:

— איך דאַנק אייך, גנעדיקער הער, פאַרן באַזוך. נאָר פון אַזאַ ריטער האָט מען עס געקענט דערוואַרטן.

— איך בין געקומען פרעגן, צי איר טראָגט נישט אויף מיר אַ שנאה? — האָט הער מיכאַל געפרעגט.

— קיין שנאה טראָג איך נישט, ווייל עס איז מיך בייגע־קומען נישט אַבי־ווער, נאָר אַ קעמפער פון ערשטער מדרגה. איך בין קוים אַרויס אַ לעבעדיקער.

— און וואָס מאַכט איר, גנעדיקער הער?

— עס חידושט אייך מסתּמא, גנעדיקער הער, וואָס איך בין פון אייער האַנט אַרויס מיטן לעבן? כ׳בין זיך אַליין מודה, אַז דאָס איז נישט קיין קליינע קונץ.

דאָ האָט הער קמיטשיק אַ שמייכל געטון:

— נו. ס׳איז נאָך נישט פאַרפאַלן. איר וועט דעם קאַמף מיט מיר קענען פאַרענדיקן, ווען איר וועט ווען!

— כ׳בין גאָרנישט מיט אַזאַ כּוונה אַהערגעקומען...

— נישט אַנדערש, נאָר איר זענט אַ טייוול — האָט קמי־טשיק איבערגעריסן — אָדער אַ מכשף. גאָט זעט, אַז איך בין איצט ווייט פון רימען זיך אַליין, ווייל איך קום צוריק פון יענער וועלט, אָבער פאַרן באַגעגעניש מיט אייך האָב איך שטענדיק געטראַכט: אויב איך בין נישט דער ערשטער אין דער רעפּובליק אויף שווערטן, בין איך דער צווייטער. דערווייל — אַן אומדערהערטע זאַך! איך וואָלט דאָך אַפילו דעם ערשטן קלאַפּ נישט אָפּגעשלאָגן, ווען איר וואָלט וועלן. זאָגט מיר, ווו האָט איר זיך דאָס אַזוי אויסגעלערנט?

— אַ ביסל האָב איך געהאַט אַן איינגעבוירענעם סיגול — האָט הער מיכאַל געענטפערט — און אַ ביסל האָט מיך קליינערהייט געלערנט דער טאַטע, וועלכער האָט מיר נישט איינמאָל געזאָגט: „גאָט האָט דיך באַשאַפן אַ קליינעם און אַ מיאוסן, אויב די מענטשן וועלן פאַר דיר נישט מורא האָבן, וועלן זיי פון דיר לאַכן". דערנאָך, ווען איך האָב אין פּולק באַם רייסישן וואָיעוואָדע געדינט, האָב איך זיך צוגעלערנט די רעשט. עס זענען דאָרט געווען אַ פּאָר מענער, וואָס האָבן זיך מיר געקענט אָקעגנשטעלן.

— האָבן אַזעלכע געקענט זיין?

— עס האָבן געקענט זיין, והא ראיה, עס זענען געווען. עס איז געווען הער פּאָדביפּיענטאַ, אַ ליטווינער, אַ גרויסער מיוחס, וועלכער איז אין זבאַראַזש געפאַלן... אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן!... דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַזאַ ריזיקן כוח, אַז מ'האָט זיך פאַר אים נישט געקענט פאַרפּאַנצערן, ווייל ער האָט געקענט דורכשניידן אי דעם פּאַנצער און אי דעם קערנער. דערנאָך איז נאָך אויך געווען סקושעטוסקי, מיין ליבהאַרציקער חבר און ידיד־נאמן, וועגן וועלכן איר האָט געמוזט הערן.

— אוודאי! דאָס איז ער דאָך פון זבאַראַזש אַרויסגעגאַנגען און דורך די קאָזאַקן זיך דורכגעריסן. ווער האָט פון אים נישט געהערט!... זענט איר דאָס פון אַזאַ חברותא? און אַ זבאַראַזשער?... איך בייג זיך פאַר אייך, איך בייג זיך! וואַרט נאָר!... איך האָב דאָך אויך וועגן אייך געהערט באַם ווילנער וואָיעוואָדע. איר הייסט דאָך מיכאַל?

— אייגנטלעך הייס איך יעזשי מיכאַל, אָבער אַזוי ווי דער הייליקער מיכאַל פירט אַן מיט דער גאַנצער הימלישער מחנה און האָט שוין אַזוי פיל נצחונות איבער די גיהנום חיילות אָפּגעהאַלטן, וויל איך אים בעסער פאַר אַ פּאַטראָן האָבן.

— אוודאי קען יעזשי זיך נישט פאַרגלייכן מיט מיכאַל. זענט איר דאָס דערזעלבער מיכאַל, וואָס האָט באַהונען צעהאַקט.

— איך בין עס.

— נו, פון אַזעלכן איז כדאי צו באַקומען איבערן קאָפּ.

הלוואי מיר זאָלן קענען בלייבן גוטע פריינט. איר האָט מיך אפילו פאַרשריגן פאַר אַ בוגד, אָבער איר האָט אין דעם אַ טעות געהאַט.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט קמיטשיץ די ברעמען צוזאַמענגעצויגן, גלייך ווי די וווּנד וואָלט אים אויפסניי גענומען וויי טון.

— איך בין זיך מודה, אַז כ'האָב אַ טעות געהאַט — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — אָבער נישט פון אייך דערווייס איך זיך ערשט וועגן דעם, ווייל עס האָבן מיר שוין דאָס אייערע מענטשן געזאָגט. און וויסן זאָלט איר, גנעדיקער הער, אַז אַנדערש וואָלט איך אַהער נישט געקומען.

— מ'האָט שוין דאָ געשאַרפט, אוי, געשאַרפט אויף מיר די ציינגער ! — האָט קמיטשיץ פאַרביטערט געזאָגט — זאָל זיין וואָס עס וויל. נישט איין חטא האָב איך אויף מיר, כ'בין זיך מודה, אָבער אין דער געגנט האָבן מיך אויך די מענטשן נישט אָנשטענדיק אויפגענומען. . .

— איר האָט זיך צום מייסטנס פאַרמיאוסט דורכן פאַרברענען וואָלמאָנטאָוויטשע און פאַרכאַפּן דאָס פריילין.

— פאַרפאָלגט מען מיך טאַקע מיט פּראָצעסן. עס ליגן שוין באַ מיר אַרויספאָדערונגען פון די געריכטן. אַ קראַנקן צום געזונט קומען לאָזן זיי נישט. כ'האָב פאַרברענט וואָלמאָנטאָוויטשע, אמת, און אַ ביסל מענטשן אויסגעקוילעט ; זאָל מיך גאָט משפּטן, צי כ'האָב דאָס געטון פון הפקרות. דיזעלבע נאַכט, פאַרן פאַרברענען וואָלמאָנטאָוויטשע, האָב איך זיך געהאַט אַ שבועה געגעבן צו לעבן מיט אַלע בשלום. צו געווינען די צוגענייגטקייט פון די היגע פּריצימלעך, איבערצובעטן אפילו די פּויערן אין אופּיטאַ, ווייל דאָרט האָב איך טאַקע אַ ביסל געהוליעט. איך קער אַהיים מיט אַזעלכע כוונות און וואָס טרעף איך דאָרט ? מיינע חברים, געקוילעטע ווי די אָקסן, ליגן באַ דער וואַנט ! ווען איך בין דערגאַנגען, אַז די בוטרימס האָבן דאָס געטון, בין איך אין אַ שד מגולגל געוואָרן. . . איך האָב זיך שווער נוקם געווען. . . וועט איר גלייבן, פאַרוואָס מ'האָט זיי געקוילעט ? . . . כ'האָב זיך אַליין שפּע-

טער וועגן דעם דערוווסט פון איינעם פון די בוטרימס, וועלכן איך האָב אין וואַלד געפּאַקט: אַט דערפאַר, וואָס זיי האָבן אין דער קרעטשמע מיט די שליאַכטשאַנקעס געוואָלט טאַנצן... ווער וואָלט דאָס נישט נקמה גענומען?

— גנעדיקער הער! — האָט וואָלאָדזיאָווסקי געענטפערט — אמת, אַז מ'איז זיך צו שטרענג באַגאַנגען מיט אייערע חברים, אָבער צי האָט זיי דען די שליאַכטע דערהרגעט? ביין! דער־הרגעט האָט זיי זייער אַלטע רעפּוטאַציע, וואָס זיי האָבן מיט זיך מיטגעבראַכט אַהער, וואָרים ווען עס וואָלט זיך סתם עפּעס אָנ־שטענדיקע זעלנער פאַרגלוסט צו טאַנצן, וואָלט מען זיי זיכער דערפאַר נישט אומגעבראַכט.

— אומגליקלעכע! — האָט קמיטשיץ געזאָגט, נאָכגייענדיק זיינע געדאַנקען — ווען איך בין דאָ אין דער היץ געלעגן, זענען זיי יעדן אָוונט אַריינגעקומען אַט דורך דער טיר פון אַט יענער שטוב... כ'האָב זיי געזען לעבן בעט, ווי אויף דער וואָר, בלויע, צעשלאָגענע, און זיי האָבן כסדר געקרעכצט: „יענדרוש! גיב אויף אַן הזכרה פאַר אונדזערע נשמות, ווייל מירליידן גרויסע יסורים!" איך זאָג אייך, גנעדיקער הער, אַז די האָר אויפן קאָפּ האָבן זיך מיר דאַן געשטעלט קאַפּויר, ווייל עס האָט זיך פון זיי אויך אַ ריח פון שוועבל געטראָגן... אויף אַ הזכרה האָב איך שוין געגעבן, הלוואַי עס זאָל זיי העלפן!

אַ ווײַלע האָט אָנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן.

— און וואָס שייך דעם פאַרכאַפּן דאָס מיידל — האָט קמי־טשיץ ווייטער געזאָגט — האָט אייך וועגן דעם קיינער נישט גע־קענט זאָגן, אַז זי האָט מיר טאַקע מציל געווען דאָס לעבן, ווען די שליאַכטע האָט מיך פאַרפאָלגט, אָבער דערנאָך האָט זי מיך פאַרטריבן און נישט געהייסן מער זיך ווייזן פאַר די אויגן. וואָס איז מיר דאַן געבליבן צו טון?!

— ס'איז אָבער דאָך געווען אַ טאַטערישער גאַנג.

— איר מוזט נישט וויסן, וואָס ליבע איז, און צו וואָס פאַר אַ פאַרצווייפלונג אַ מענטש קען דערגיין, ווען ער פאַרלירט דאָס, וואָס ער האָט מער פון אַלץ ליב באַקומען.

— איך ווייס נישט, וואָס ליבע איז? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי מיט אויפרעגונג אויסגעשריגן — זייט איך האָב די שווערט אָנגעהויבן צו טראָגן, בין איך שטענדיק געווען פאַרליבט... אמת, אַז די פּערזאָן האָט זיך געביטן, ווייל מ׳האָט מיר קיינמאָל מיט קעגנזייטיקייט נישט אָפּגעצאָלט.

— וואָס פאַר אַ ליבע קען דאָס זיין, אַז די פּערזאָן בייט זיך — האָט קמיטשיץ געזאָגט.

— אויב אַזוי וועל איך אייך דערציילן עפּעס אַנדערש, וואָס איך האָב מיט די אייגענע אויגן געזען. אין דער ערשטער צייט פון כמיעלניצקיס מרידה האָט באַהון, דער אייגענער, וואָס נאָך כמיעלניצקין איז ער בײַ די קאָזאַקן אַממייסטן אָנגעזען, פאַרכאַפּט בײַ סקשעטוסקין אַ מיידל, די פירשטין קורצעוויטש, וועלכע ער האָט געליבט מער פון אַלץ אויף דער וועלט. דאָס איז שוין איינמאָל געווען אַ ליבע! דאָס גאַנצע חייל האָט געוויינט, צוזעענדיק סקשעטוסקיס צער, ווייל די באָרד איז אים אין עלטער פון עטלעכע און צוואַנציק יאָר גרוי געוואָרן, און ער — טרעפט, וואָס ער האָט געטון?

— פון וואַנען זאָל איך וויסן?

— אָט, ווייל דאָס פאָטערלאַנד איז געווען אין אַ נויט, דערבידעריקט, ווייל דער אכזריותדיקער כמיעלניצקי האָט טריומפירט, איז ער גאָרנישט געגאַנגען דאָס מיידל זוכן. דעם צער האָט ער פאַר גאָט מקריב געווען און געשלאָגן זיך אין אַלע שלאַכטן אונטער פירשט יערעמיס פירונג, ביז ער האָט בײַ זבאַראַזש זיך מיט אַזאַ אומגעווייטלעכן רום באַדעקט, אַז הײַנט ווערט זיין נאָמען דורך אַלעמען מיט רעספּעקט דערמאָנט. פאַרגלייכטזשע איצט זיין אויפפירונג מיט אייערער און זעט איין דעם חילוק.

קמיטשיץ האָט געשוויגן און געביסן די וואָנסעס, און וואָלאָדיאָווסקי האָט ווייטער געזאָגט:

— האָט טאַקע גאָט סקשעטוסקין באַלוינט און אים דאָס מיידל צוריקגעגעבן. באַלד נאָך זבאַראַזש האָבן זיי חתונה געהאַט און שוין דריי קינדער געבוירן, הגם ער האָט דינען נישט אויפ־

געהערט. און איר, גנעדיקער הער, האָט אויסגערופן מהומות און דורך דעם שונא געהאָלפן און שיער נישט אַליין דאָס לעבן פטור געוואָרן, שוין אָפּגערעדט דערפון, וואָס מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט איר געקענט דאָס מיידל אויף אייביק פאַר־לירן.

— ווי אַזוי דען? — האָט קמיטשיץ געפרעגט, אויפזעצנ־דיק זיך אויפן בעט — וואָס איז דען מיט איר געשען?

— ס'איז גאָרנישט געשען, ס'האָט זיך באַר געפונען אַ מאַן, וועלכער האָט איר האַנט געבעטן און זי פּאַר אַ ווייב גע־וואָלט נעמען.

קמיטשיץ איז שטאַרק בלאַס געוואָרן, זיינע איינגעפאַלענע אויגן האָבן געגומען שפּריצן מיט פייער. ער האָט געוואָלט זיך אויפשטעלן, האָט זיך צופילו אויף אַ ווײַלע אויפגעכאַפּט און אַ געשריי געטאָן:

— ווער איז דאָס געווען דערדאָזיקער הונט? איך באַשווער אייך בײַ גאָט, זאָגט.

— איך — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— איר? איר? — האָט קמיטשיץ מיט פאַרוואונדערונג גע־פרעגט — ס'טייטש?...

— אַזוי איז עס.

— בוגד! עס וועט אייך נישט געשענקט ווערן?... און זי?... בײַ גאָט, זאָגט שוין אַלץ!... זי האָט אייך אויפגע־נומען!

— האָט באַלד אויפן אָרט און אָן שום שהיות שאַרף אָפּ־געזאָגט.

אַ ווײַלע האָט אַנגעהאַלטן אַ שטילשווייגן. קמיטשיץ האָט שווער ג'אָטעמט און די אויגן אַרייַנגעשפּיזט אין וואָלאָדיאָווסקין, און ער האָט געזאָגט:

— פאַרוואָס רופט איר מיך עפּעס בוגד? בין איך דען אייער קרוב, אָדער גואל? האָב איך דען אייך אַ שבועה געבראָכן? כ'האָב אייך באַזיגט אין קאַמף און געמעגט טון, וואָס מיר גע־פעלט.

— ווען נישט מיין קרענק, וואָלט איינער פֿון אונדז דאָס מיט זיין בלוט אָפּגעשטעמפּלט. אויב נישט מיט דער שווערט, וואָלט איך אייך מיט דער ביקס דערשאָסן און דער רוח וואָלט מיך דערנאָך געמעגט נעמען.

— סיידן איר וואָלט מיך מיט אַ ביקס דערשאָסן, ווייל ווען זי וואָלט מיך נישט געווען אָפּשטויסן, וואָלט איך אפילו אַ צווייטן דועל נישט אָנגענומען. צוואָס זאָל איך זיך שלאָגן? און איר ווייסט, פֿאַרוואָס זי האָט מיך אַוועקגעשטויסן?

— פֿאַרוואָס? — האָט קמיטשיץ ווי אַ ווידערקול נאָכגעזאָגט.

— ווייל זי האָט אייך ליב.

דאָס איז געווען מער, וויפֿיל די שוואַכע כוחות פֿון קראַנקען זענען געווען ביכולת אַריבערצוטראָגן. קמיטשיצס קאָפּ איז אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן קישן, אויפֿן שטערן האָט אים אַרויסגעשלאָגן אַ געדיכטער שווייס און ער איז אַ צייט געלעגן שטילשווייגנדיק.

— די כוחות האָבן מיך פֿאַרלאָזט — האָט ער געזאָגט אין אַ ווײַלע אַרום — פֿונוואַנען... ווייסט איר דאָס, אַז זי... האָט מיך ליב?

— ווייל איך האָב אויגן און זע, ווייל כ'האָב שכל און פֿאַרשטיי; בפֿרט איצט, אַז זי האָט מיך אָפּגעשטויסן, איז מיר באַלד קלאָר געוואָרן אַט וואָס: קודם־כּל, ווייל איך בין נאָכן דועל געקומען איר זאָגן, אַז זי איז פֿריי, ווייל כ'האָב אייך באַזיגט, איז זי געוואָרן שטאַרק באַטריבט און אָנשטאָט מיר דאַנקבאַרקייט אַרויסצוווייזן האָט זי זיך צו מיר גאָר קאַלט באַנומען; צווייטנס: ווען די דאָמאַשעוויטשס האָבן אייך דאָ געשלעפּט, האָט זי אייך דעם קאָפּ ווי אַ מאַמע אונטערגעהויבן, און דריטנס, ווען איך האָב געבעטן איר האַנט, האָט זי מיך אויפֿגענומען אַזוי, ווי עס וואָלט מיר עמעצער אין פּיסק דערלאַנגט. אויב די דאָזיקע ראיות זענען פֿאַר אייך נישט גענוג, מוז עס גאָר זיין דערפֿאַר, וואָס דער מוח איז אייך צעשניטן געוואָרן און איר היבקעט אונטער אויפֿן פֿאַרשטאַנד.

— ווען דאָס וואָלט אמת געווען! — האָט קמיטשיק מיט א שוואַכער שטים זיך אָנגערופן — מ׳ליגט מיר צו דאָ צו די ווונדן פאַרשידענע זאַלבן... די בעסטע רפואה זענען אָבער אייערע ווערטער.

— אַ בוגד גיט דאָס אייך אַזאַ רפואה?

— זייט מיר מוחל, גנעדיקער הער. דער קאָפּ מייַנער קען גאָרנישט תופס זיין אַזאַ גליקלעכן געדאַנק, אַז זי זאָל מיך נאָך וועלן.

— כ׳האָב געזאָגט, אַז זי האָט אייך ליב, כ׳האָב נישט געזאָגט, אַז זי וועט אייך וועלן... דאָס איז שוין גאָר עפּעס אַנדערש.

— אויב זי וועט מיך נישט וועלן, וועל איך זיך דעם קאָפּ אין דער וואַנט צעשמעטערן. אַנדערש קען נישט זיין.

— ס׳וואָלט געקענט זיין, ווען איר וואָלט געהאַט די אויפריכטיקע כוונה צו פאַרגלעטן אייערע חטאים. איצט איז מלחמה, איר קענט גיין, איר קענט דעם ליבן פאָטערלאַנד גרויסע פאַרדינסטן אָפּגעבן, דורך גבורות זיך קונה־שם זיין, די רעפּוטאַציע זיך צו רעכט מאַכן. ווער איז דאָס נישט זינדיק? ווער האָט דאָס נישט קיין חטאים אויפן געוויסן? יעדער האָט... אָבער צו תשובה און חרטה איז פאַר יעדן אָפן דער וועג. איר, גנעדיקער הער, האָט געזינדיקט מיט הפקרות — מיידט זי אויס פון איצט אָן; איר האָט געזינדיקט קעגן פאָטערלאַנד, אַרויסרופנדיק מהומות. אין דער מלחמה־צייט — העלף אים איצט אַרויס; איר האָט מענטשן עוולות געטון — פאַרגעלט זיי איצט... אָט דער וועג איז פאַר אייך בעסער און זיכערער, ווי דאָס צעשמעטערן זיך דעם קאָפּ אין דער וואַנט:

קמיטשיץ האָט עקשנותדיק געקוקט אויף וואָלאָדיאָווסקין און דערנאָך געזאָגט:

— איר רעדט, ווי מיין אמתדיקער פריינט.

— איך בין נישט אייער פריינט, אָבער, דעם אמת געזאָגט, בין איך אייך אויך נישט קיין שונא, און אויפן דאָזיקן פריילין איז מיר אַ רחמנות, הגם זי האָט מיך אָוועקגעשטויסן, ווייל

איך האָב איר אויך אַ שאַרף וואָרט באַם אַוועקפאָרן געזאָגט. פון דעם אָפּזאָג וועל איך זיך דאָס לעבן נישט נעמען, נישט צום ערשטן מאָל טרעפט עס מיר, און טראָגן אַ שנאה אויף עמעצן בין אַך נישט געוווינט. אויב איך וועל אייך אויפן דרך-הישר אַרויספירן, וועט עס אויך זיין מייגער אַ פאַרדינסט פאַרן פאָטער-לאַנד, ווייל איר זענט אַ גוטער און אויסגעפרוווטער זעלנער.

— איז שוין נישט שפעט פאַר מיר אויפן דרך-הישר צו גיין? אַזוי פיל פּראָצעסן וואַרטן אויף מיר! גלייך פון בעט דאַרף מען אין געריכט גיין... סיידן כ׳זאָל פונדאַנען אַנטלויפן, אָבער דאָס וויל איך נישט. אַזוי פיל פּראָצעסן! און יעדער פּראָצעס איז דאָך לכתחילה אַ פאַרשפּילטער.

— אָט איז דערויף אַ רפואה! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט, אַרויסנעמענדיק דעם בריוו מיט באַפעלן.

— אַ בריוו מיט באַפעלן! — האָט קמיטשיץ אויסגעשריגן — פאַר וועמען?

— פאַר אייך! איר דאַרפט זיך אין קיין שום געריכטן נישט שטעלן, ווייל איר געהערט צו דער העטמאַנישער אינקוויזיציע; הערט, וואָס דער פירשט וואָיעוואָדע שרייבט מיר.

דאָ האָט הער וואָלאָדיאָווסקי פאָרגעלייענט קמיטשיצן ראַדזיווילס כריוואַטן בריוו, האָט אָפּגעטעמט, אַ דריי געטון די וואָנסעלעך און געזאָגט:

— ווי איר זעט, איז עס פון מיר געווענדט, צי איך זאָל אייך דעם בריוו אָפּגעבן, אָדער אים באַהאַלטן.

אומזיכערקייט, שרעק און האָפענונג האָבן זיך אָפּגעשלאָגן אויף קמיטשיצס פנים.

— און וואָס וועט איר טון? — האָט ער געפרעגט מיט אַ שטילער שטים.

— איך וועל אייך דעם בריוו אָפּגעבן — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

קמיטשיץ האָט באַלד נישט געענטפערט, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ אויפן קישן און אַ געוויסע צייט געקוקט אויבן סופיט.

מיטאַמאָל האָבן אים די אויגן גענומען פײַכט װערן און אין די אויגן זײַנע האָבן זיך באַװיזן טרערן.

— זאָל מען מיך מיט פערד צערײַסן! — האָט ער צום סוף זיך אָנגערופן — זאָל מען מיר די הויט אַראָפּשינדן, אויב איך האָב געזען אַ פײַנערן מענטש פון אײַך... איב איר האָט צוליב מיר אַן אָפּזאָג באַקומען, אויב אָלענקאַ האָט מיך, װי איר זאָגט, ליב, װאָלט אַן אַנדערער ערשט זיך רעכט נוקם געװען, נאָך טיפער מיך באַגראָבן... און איר דערלאַנגט מיר גאָר די האַנט און ציט מיך אַרויס, װי פון אַ קבר.

— װײַל איך װיל נישט צוליב מײַן פּריװאַטער טובה מקריב זײַן דאָס ליבע פאָטערלאַנד, װעלכן איר קענט נאָך גרויסע פאַרדינסטן אָפּגעבן. אָבער דאָס װעל איך אײַך זאָגן, אַז װען איר װאָלט זיך געהאַט אויסגעבאָרגט פון טרובעצקין אָדער כאָװאַנסקין יענע קאָזאַקן, װאָלט איך דעם בריװ געװען פאַרהאַלטן. דאָס גאַנצע גליק אײַערס איז, װאָס איר האָט דאָס נישט געטאָן!

— אַ מוסטער, אַ מוסטער דאַרפן אַנדערע זיך פון אײַך אַראָפּנעמען! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן — גיט־זשע מיר די האַנט. גאָט װעט מיר דערלויבן מיט עפּעס גוטס אײַך אָפּצודינען, װײַל איך װעל מײַן גאַנץ לעבן אײַך די טובה נישט פאַרגעסן.

— זייער גוט, אָבער װעגן דעם שפּעטער! און איצט... דעם קאָפּ אינדערהײך! איר דאַרפט זיך אין קיין שום געריכטן נישט שטעלן, נאָר זיך נעמען צו דער אַרבעט. אַז איר װעט דעם פאָטערלאַנד נוצן ברענגען, װעט אײַך אויך די היגע שליאַכטע מוחל זײַן, װײַל דאָס זענען מענטשן, װאָס דער כּבוד פון פאָטערלאַנד גייט זיי זייער שטאַרק אָן... איר קענט נאָך די זינד מכפּר זײַן, די רעפּוטאַציע צוריק געװינען און אין רום, װי אין דער זון, אַרומגײן, און איך קען אַ מיידל, װאָס װעט פאַר אײַך אַ שכר באַם לעבן צוטראַכטן.

— ע! — האָט קמיטשיץ מיט התלהבות אויסגעשריגן — װאָס װעל איך דאָ אין בעט פוילן, װען דער שונא טרעט דאָס פאָטערלאַנד מיט די פיס. העי! פאַרהאַן דאָרט עמעצער? אַהער דאָ!

יונגל, דערלאַנג די שטיוול!... אַהער דאָ! זאָל מיך אַ דונער טרעפן אויפן דאַזיקן געלעגער, אויב איך וועל עס נאָך לענגער קוועטשן!

הער וואָלאָדיאָווסקי האָט צופרידן געשמייכלט און געזאָגט:

— אייער גייסט איז שטאַרקער פון אייער גוף, ווייל דער גוף דינט אייך נאָך נישט אינגאַנצן.

דאָ האָט ער זיך גענומען געזעגענען. קמיטשיץ האָט אים נישט געלאָזט אַוועקגיין, האָט אים געדאַנקט און מיט ווייַן געוואָלט מכבד זיין.

ס'איז שוין געווען שטאַרק טונקל, ווען דער קליינער ריטער האָט פאַרלאָזט לוביטש און געפאָרן קיין וואָדאָקטי.

— אַמבעסטן וועל איך זי באַלוינען פאַר די שאַרפע ווערטער — האָט ער צו זיך אַליין געזאָגט — ווען איך וועל איר זאָגן, אַז קמיטשיץ שטייט אויף נישט בלויז פון בעט, נאָר אויך פון שאַנד... נאָך נישט אינגאַנצן פאַרדאָרבן איז דערדאָזיקער מענטש, נאָר אַ גרויסער הייץ־קאָפּ. אַ גרויסע נחמה וועט עס פאַר איר זיין און איך מיין, אַז זי וועט מיך איצט אויפנעמען בעסער, ווי דאַמאָלס, ווען איך האָב זיך אַליין איר אָנגעבאָטן...

דאָ האָט דער גוטער הער מיכאַל אָפּגעזיפצט און אַ ברום געטון:

— ווען איך זאָל וויסן, אַז עס איז פאַרהאַן אויף דער וועלט אייגע אויך פאַר מיר באַשטימט?

מיט אַזעלכע געדאַנקען איז ער צוגעפאָרן ביז וואָדאָקטי. דער האָר־געקרייזלטער זשאַמטער פויער איז אַרויסגעלאָפן צום טויער, אָבער ער האָט זיך נישט געאיילט עס צו עפענען, נאָר געזאָגט:

— די האַרין איז נישט אינדערהיים.

— איז זי אַוועקגעפאָרן?

— זי איז אַוועקגעפאָרן.

— וווהין?

— ווער ווייסט?

— אין ווען וועט זי צוריקקומען ?

— ווער ווייסט ?

— רעד ווי א מענטש, זי האט נישט געזאגט, ווען זי וועט צוריקקומען ?

— זי וועט אפשר גאר אינגאנצן נישט צוריקקומען, ווייל זי איז אפגעפארן מיט וועגנס און מיט פעק. דערפון דרינגען מיר, אז זי איז געפארן ווייט און אויף לאנג.

— אזוי ! — האט הער מיכאל א ברום געטון — אט וואס איך האב אנגעמאכט !

10. קאַפּיטל.

געוויינטלעך, ווען די וואַרעמערע שטראַלן פון דער זון רייסן זיך דורך דעם שלייער פון די ווינטערדיקע כמאַרעס און ווען די ערשטע שפּראָצונגען באַווייזן זיך אויף די ביימער און די גריבע ווינטער-זריעה פון תבואות גייט אויף אויף די פייכטע פעלדער, ווערן אויך די מענטשלעכע הערצער באַלעבט פון אַ מונטערן גייסט. אָבער דער פרילינג פון יאָר 1655 האָט נישט געבראַכט די געוויינטלעכע נחמה פאַר די געפּלאָגטע מענטשן אין דער רעפּובליק. איר גאַנצע מזרחדיקע גרענעץ, פון צפון אַזש נאָך די ווילדע פעלדער אויף דרום, איז געווען אַרומגעגאַרטלט, ווי מיט אַ פייערדיקן ראַנד און די פרילינגדיקע גאָס-רעגנס האָבן נישט געקענט פאַרלעשן די שרפה, אדרבא, יענער ראַנד איז נאָך געוואָרן וואָס אַמאָל ברייטער און האָט וואָס אַמאָל טיפער די לענדער פאַרכאַפּט. אַחוץ דעם האָבן זיך אויפן הימל באַוויזן שלעכטע סימנים, וועלכע האָבן נביאות געזאָגט וועגן נאָך גרעסערע צרות און אומגליקן. פון צייט צו צייט האָבן זיך פון די כמאַרעס, וואָס האָבן זיך געצויגן איבערן הימל, געבילדעט הויכע טורעמס,

פעסטונג־מויערן, וועלכע זענען דערנאָך איינגעפאַלן מיט אַ געקנאַק, דובערס האָבן אַריינגעשלאָגן אין דער ערד, וועלכע איז נאָך געווען מיט שניי באַדעקט. סאָסנאָווע וועלדער זענען געלעגן געוואָרן, און די צווייגן פון די ביימער האָבן זיך צונויפגעפלאָכטן אין משונהדיקע, קרענקלעכע געשטאַלטן; די חיות און פייגל זענען געפאַלן פון עפּעס אַן אומבאַקאַנטער קרענק. צום סוף האָט מען אויך אויף דער זון דערזען אומגעוויינטלעכע פלעקן, וואָס האָבן געהאַט די צורה פון אַ האַנט, וואָס האַלט אַן עפּל פון אַ דורכגעשטאָכענעם האַרץ און פון אַ צלם. די געמיטער זענען געוואָרן וואָס אַמאָל מער באַאומרויקט און די געלערנטע מענטשן האָבן כּסדר זיך געגריבלט אין חקירות, וואָס דידאָזיקע סימנים קענען באַדייטן. עפּעס אַ משונהדיקע אומרויקייט האָט אַרומגעכאַפּט אַלעמענס הערצער.

מ׳האָט אָנגעזאָגט נייע מלחמות און מיטאַמאָל, גאָט ווייסט פון וואַנען, האָט אַן אימהדיקע בשורה גענומען וואַנדערן פון מויל צו מויל איבער די דערפער און שטעט, אַז מצד די שוועדן רוקט אָן אַ שטורעם. לפּנים האָט קיין שום זאַך, דאַכט זיך, נישט באַשטעטיקט דידאָזיקע ידיעה, ווייל דער שלום, וואָס איז מיט שוועדן געשלאָסן געוואָרן, איז גילטיק געווען נאָך אויף זעקס יאָר, און כּונדעסטוועגן האָט מען גערעדט וועגן דער סכּנה פון אַ מלחמה אויך אין סיים, וועלכן דער קעניג יאַן קאַזשימיערזש האָט געהאַט צונויפגערופן אויפן 19־טן מאַי אין וואַרשע.

וואָס אַמאָל מער האָבן זיך די אומרויקע אויגן געווענדט צו גרויס־פּוילן, אויף וועלכן דער שטורעם האָט זיך קודם־כּל געקענט אַראָפּלאָזן. לעשטשינסקי, דער לענטשיצער וואָיעוואָדע, און נאַרושעוויטש, דער ליטווישער פעלד נאָטאַר, זענען אַרויסגעפאָרן אין אַ שליחות קיין שוועדן; אָבער אָנשטאָט צו באַרויִקן די אָנגעשראָקענע, האָט זייער אַרויספאָר אַרויסגערופן נאָך אַ גרעסערע בהלה

„דידאָזיקע שליחות שמעקט מיט מלחמה“ — האָט יאַנוש ראַדזיוויל געשריבן.

„ווען דער שטורעם וואָלט נישט אָנגערוקט פון יענער זייט,

צו וואָס וואָלט מען זיי אַרויסגעשיקט? — האָבן אַנדערע געזאָגט — עס איז דאָך גאָר וואָס פון שטאָקהאָלם צוריקגעקומען דער פריערדיקער שליח קאַנאַזיל; מ׳זעט בחוש, אַז ער האָט גאָרנישט אויפגעטון, אויב מ׳האָט תיכף נאָך אים אַזעלכע חשובע סענאַטאָרן אַרויסגעשיקט״.

אָבער די פאַרשטענדיקערע מענטשן האָבן נאָך נישט געגלייבט אין דער מעגלעכקייט פון אַ מלחמה.

„די רעפובליק — האָבן זיי געטענהט — האָט דערצו קיין שום סיבה נישט געגעבן, און דער שלום גילט אין זיין גאַנצער קראַפט. ווי אַזוי וואָלט מען דאָס עובר געווען אויף שבועות, פאַרגעוואַלטיקט די הייליקסטע אָפּמאַכן און באַפאַלן ווי רויבער אַן אומבאַזאָרגטן שכן? דערביי געדענקט נאָך שוועדן די ווונדן, וואָס די פוילישע שווערט האָט איר פאַרשאַפט בײַ קירכהאָלם, פוצק און טשאַנאַ! האָט דאָך גוסטאַוו אַדאָלף, וועלכער האָט אין גאַנץ אייראָפּע קיין קעגנער נישט געפונען, אַ פּאָר מאָל זיך אונטערגעגעבן דעם העטמאַן קאָניעצפּאָלסקי. די שוועדן וועלן אַזאַ גרויסע מלחמה־רום, וואָס זיי האָבן זיך אויף דער וועלט דערוואָרבן, אויף אַן אומזיכערן גורל נישט אויסשטעלן אין קאַמף מיט אַ קעגנער, וועלכן זיי האָבן קיינמאָל נישט געקענט בייקומען. אמת, אַז די רעפובליק איז פון די מלחמות אויסגעמאַטערט און אָפּגעשוואַכט; אָבער בלויז פּרייסן און בלויז גרויס־פּוילן, וועלכעס האָט אין די לעצטע מלחמות גאָרנישט געליטן, וועלן גענוג זיין אויף צו פאַרטרייבן דאָסדאָזיקע הונגעריקע פאָלק און עס אַריבערצושטויסן איבער די ימים ביז צו די אומפרוכטבאַרע פעלזן. ס׳וועט נישט זיין קיין מלחמה!״

דערויף האָבן די שרעקעוודיקע ווידער געענטפערט, אַז נאָך פאַרן וואַרשאַווער סיים האָט מען שוין אויף דער עצה פון קעניג זיך באַראַטן אויפן סיימיק אין גראָדנע וועגן דער פאַרטיידיקונג פון די גרויס־פוילישע גרענעץ־פּאַסן, אַז מ׳האָט אַרויפגעלייגט שטייערן און צונויפגערופן זעלנער, וואָס מען וואָלט דאָך נישט געטון, ווען די סכנה וואָלט נישט געווען נאָענט.

און אַזוי האָבן די געמיטער זיך געוואַקלט צווישן פּחד

און האָפֿנונג און אַ שווערע אומזיכערקייט האָט פֿאַרקלעמט די מענטשלעכע הערצער. ביז עס האָט מיטאַמאָל צו איר אַ סוף געמאַכט דער עפֿנטלעכער בריוו פֿון גרויס-פּוילישן גענעראַל באָגוס-לאַוו לעשטשינסקי, וועלכער האָט צונויפֿגערופֿן דעם אַלגעמיינעם לאַנד-שטורעם פֿון דער שליאַכטע פֿון די פּויזנער און קאַלישער וואָיעוואָדסטוועס צו שיצן די גרענעצן פֿאַר דעם אָנרוקנדיקן שוועדישן שטורעם. . .

אַלע ספֿקות זענען פֿאַרשוווּנדן. אַן אויסגעשריי: „מלחמה!" האָט זיך צעטראָגן איבער גאַנץ גרויס-פּוילן און אין אַלע געביטן פֿון דער רעפּובליק.

דאָס איז נישט בלויז געווען אַ מלחמה, נאָר אַ פֿרישע מלחמה. כמיעלניצקי האָט מיט בוטורלינס הילף געווילדעוועט אויף דרום און מזרח; כאָוואַנסקי און טרובעצקי אויף צפֿון און מזרח, און דער שוועד האָט זיך דערנענטערט פֿון מערב! דער פֿייערדי-קער ראַנד איז פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פֿייערדיקן עיגול.

דאָס לאַנד איז געווען ווי אַן אַרומגערינגלטער לאַגער.

און אין לאַגער גופֿא איז נישט געווען היימלעך. איין בוגד, ראַדזשעיאָווסקי, איז שוין פֿון אים אַנטלאָפֿן און געווען אין גע-צעלט פֿון די שונאים. ער האָט דאָס זיי געפֿירט צו אַ פּאַרטיקן שלל, ער האָט אָנגעוויזן אויף די שוואַכע ערטער, ער האָט גע-זאָלט דעם גאַרניזאָן אויף נסיונות אויסשטעלן. און אַ חוץ דעם האָט נישט געפֿעלט קיין קנאה און קיין שנאה; ס'האָבן נישט גע-פֿעלט קיין מאַגנאַטן, וואָס זענען צווישן זיך געווען צעקריגט, אָדער ברוגז אויפֿן קעניג פֿאַר אָפּגעזאָגטע אַמטן און גרייט יעדער רגע מקריב צו זיין די כּלל-אינטערעסן פֿאַר זייער פּריוואַטער זאַך; ס'האָבן נישט געפֿעלט קיין אַנדערש-דענקענדיקע, וואָס האָבן זייער טריומף געוואָלט פֿייערן אַפֿילו אויפֿן קבֿר פֿון פֿאָטער-לאַנד; און נאָך מער זענען געווען הפֿקר-מענטשן און סתּם אָפּ-געלאָזענע און פֿוילע און אין זיך אַליין, אין זייערע אייגענע באַ-קוועמלעכקייטן אין תּענוגים, איינגעליבטע!

אָבער דאָס פֿאַרמעגלעכע און פֿון מלחמות ביז איצט פֿאַר-שוינטע גרויס-פּוילישע געביט האָט וויניקסטנס נישט געקאַרגט

קיין געלט אויף פֿאַרטיידיקונג. די שטעט און די דערפֿער פֿון דער שליאַכטע האָבן צוגעשטעלט זעלנער פֿוסגייער אַזוי פֿיל, וויפֿיל ס'איז באַשטימט געוואָרן, און נאָך איידער די שליאַכטע אַליין האָט זיך געלאָזט אין לאַגער, האָבן זיך שוין דאָרט אַהין געצויגן פֿאַרשידן־פֿאַרביקע פֿולקן פֿון פֿוסגייער אונטער דער פֿירונג פֿון ריטמייסטערס, וואָס זענען דורכן סיימיק באַשטימט געוואָרן פֿון די מענטשן, וואָס זענען באַהאַוונט אין דער מלחמה־קונסט.

אַזוי האָט הער סטאַניסלאַוו דעמבינסקי אָנגעפֿירט מיט די פֿויזנער פֿעלד־אַרבעטער, הער וולאַדיסלאַוו וולאָסטאָווסקי מיט די קאָשטשאַנער, און הער גאָלץ, אַ באַרימטער זעלנער און אינזשיניער, מיט די וואַלעקער. איבער די קאַלישער פֿויערן האָט געהאַט די קאָמאַנדע הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי, וועלכער האָט געשטאַמט פֿון אַ משפּחה פֿון טיכטיקע זעלנער, יאַנס, דעם באַרימטן זבאַראַזשער העלדס אַ ברודערן־זון. הער קאַספּער זשיכלינסקי האָט אָנגעפֿירט מיט די קאָנינער מילנער און סאָלטיסעס. פֿון פּיזדרי איז אָנגעקומען הער סטאַניסלאַוו יאַראַטשעווסקי, וועלכער האָט זיין יוגנט אין אויסלענדישע מלחמות פֿאַרבראַכט. פֿון קצינאַ — הער פּיאָטר סקאָראַשעווסקי, און הער קאָשלעצקי פֿון נאַקלאָ. קיינער האָט אָבער מיט זיין בקיאות אין מלחמה־ענינים נישט געקענט זיך פֿאַרגלייכן מיטן הער וולאַדיסלאַוו סקאָראַשעווסקי, וואָס מיט זיין שטים האָבן אַפֿילו דער גרויס־פּוילישער גענעראַל אַליין און די וואָיעוואָדעס זיך גערעכנט.

אין דריי ערטער: באַ פּילאַ, אוישטשע און וויעלון האָבן די ריטמייסטערס זיך אויסגעלייגט באַם טייך נאָטעטש, וואַרטנדיק אויפֿן אָנקומען פֿון דער שליאַכטע, וואָס איז צום לאַנד־שטורעם צונויפֿגערופֿן געוואָרן. די פֿוס־זעלנער האָבן נעשאָטן פֿאַרשאַנצונגען פֿון אין דער פֿרי ביזן אָוונט, אומקוקנדיק זיך כסדר, צי די געגאַרטע רייטער קומען נישט אָן.

דערווייל איז אָנגעפֿאָרן דער ערשטער פֿון די הויכע מלוכה־באַאַמטע, הער אַנדזשעי גרודזשינסקי, דער קאַלישער וואָיעוואָדע, און זיך אָפּגעשטעלט אין הויז פֿון בירגערמייסטער מיט אַ גרויסער מחנה פֿון דינער, וואָס זענען געווען אָנגעטון אין ווייסע און

בלויע הלבשות. ער האָט זיך גערימט, אַז די קאַלישער שליאַכטע וועט אים באַלד אַרומרינגלען, ווען קיינער איז אָבער נישט געקומען, האָט ער געשיקט נאָכן ריטמייסטער, דעם הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי, וואָס איז געווען פאַרנומען מיטן אָנשיטן פאַרשאַנצונגען באַם טייך.

— און ווו זענען דאָס מיינע מענטשן ? — האָט ער נאָך די ערשטע באַגריסונגען געפרעגט דעם ריטמייסטער, וועלכן ער האָט נאָך געקענט אַלס קינד.

— וועלכע מענטשן ? — האָט הער סקשעטוסקי איבערגעפרעגט.

— דער קאַלישער לאַנד-שטורעם ווו איז ?

אַ שמייכל, וואָס האָט אויסגעדריקט אי ביטול, אי צער, האָט זיך באַוויזן אויפן שוואַרצלעכן פנים פון זעלנער.

— הויך-וווּיל-געבוירענער וואָיעוואָדע ! — האָט ער געזאָגט — ס'איז דאָך איצט די צייט פון שערן די שעפסן, און פאַר שלעכט געוואַשענע וואָל וויל מען אין דאַנציג נישט צאָלן. יעדער אדון שטייט איצט איבערן סטאַוו און וואַשט, אָדער איבער דער וואָג, האַלטנדיק מיט רעכט, אַז די שוועדן וועלן נישט אַנטלויפן.

— וואָס הייסט ? — האָט דער וואָיעוואָדע מיט פאַרדרוס געפרעגט — נישטאָ נאָך קיינער ?

— קיין לעבעדיקער נפש, אַ חוץ די פעלד-אַרבעטער. . . און דערבאַך גייט דער שניט. אַ גוטער ווירט פאָרט אין אַזאַ צייט נישט אַרויס פון דער היים !

— וואָס דערציילט איר מיר ?

— און די שוועדן וועלן נישט אַנטלויפן, נאָר נאָך בענטער צוקומען — האָט דער ריטמייסטער איבערגעחזרט.

דאָס געשטיפלטע פנים פון וואָיעוואָדע איז מיטאַמאָל רויט געוואָרן.

— וואָס אַרן מיך די שוועדן ! . . . מיר וועט אָבער זיין אַ בושה לגבי די איבעריקע שררות, אויב איך וועל דאָ בלייבן אייגער אַליין.

סקשעטוסקי האָט ווידער אַ שמייכל געטון.

— דערלויבט מיר, הויך־ווילגעבוירענער הער, צו זאָגן אייך — האָט ער זיך אָנגערופן, — אַז דאָ זענען די שווערדן דער עיקר, און די בושה איז אַ תפל. אגב, וועט קיין בושה נישט זיין, ווייל נישט בלויז די קאַלישער, נאָר קיין שום אַנדערע שליאַכטע איז אויך נאָך נישטאָ.

— זיי זענען משוגע געוואָרן! — האָט הער גרודזשינסקי אויסגערופן.

— ניין, נאָר זיי זענען זיכער, אַז אויב זיי וועלן נישט גיין צו די שווערדן, וועלן די שווערדן נישט פאַרזוימען צו קומען צו זיי.

— וואַרט! — האָט דער וואָיעוואָדע געזאָגט.

און אַ רוף טוענדיק אַ דיבער, האָט ער זיך געהייסן דערלאַנגען טינט, פעדער און פאַפיר — דערנאָך האָט ער זיך אַוועקגעזעצט און גענומען שרייבן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט ער דאָס בלאַט פאַפיר באַשאָטן מיט זאַמד, האָט אין אים אַ קלאַפּ געטון מיט דער האַנט און געזאָגט:

— איך שיק נאָך אַן אויפפאָדערונג, אַז זיי זאָלן זיך שפעטסטענס דעם 27. דעם חודש שטעלן און איך מיין, אַז על־כל־פנים אין דערדאָזיקער עת־צרה וועלן זיי דאָס פאַטערלאַנד נישט פאַרלאָזן. און איצט זאָגט מיר, גנעדיקער הער: האָט איר עפּעס ידיעות וועגן שוגא?

— מיר האָבן. וויטעמבערג מוסטערט זיינע חיילות אויף די זומפּן בײַ דער דאַמע.

— גרויס איז זייער צאָל?

— אַ טייל זאָגט, אַז זיבצען טויזנט, אַ צווייטער טייל, אַז מער.

— הם! מיר וועלן אַזוי פיל אויך נישט האָבן. ווי מיינט איר, מיר וועלן בכוח זיין זיך אַקעגן צו שטעלן?

— אויב די שליאַכטע שטעלט זיך נישט, איז בכלל נישטאָ וועגן וואָס צו רעדן...

— זי וועט זיך שטעלן, פאַרוואָס זאָל זי זיך נישט שטעלן! עס איז באַקאַנט, אַז אַ לאַנד־שטורעם פאַרזוימט זיך שטענדיק. אָבער מיט דער שליאַכטע וועלן מיר זיך אַן עצה געבן?

— ניין — האָט סקשעטוסקי טרוקן געזאָגט — הויך־וויל־געבוירענער וואָיעוואָדע, מיר האָבן דאָך גאָר קיין זעלנער נישט.

— וואָס הייסט, מיר האָבן קיין זעלנער נישט.

— איר ווייסט, הויך־וויל־געבוירענער הער, פונקט אַזוי גוט, ווי איך, אַז וויפיל חיילות עס זענען פאַרהאַן, זענען זיי אַלע אין אוקראַינע. מען האָט אונדז דאָ אפילו קיין צוויי פולקן נישט אַהערגעשיקט, הגם איין גאָט ווייסט איצט, וועלכער שטורעם איז אימהדיקער.

— אָבער די פוסגייער, אָבער דער לאַנדשטורעם?

— אויף צוואַנציק פויערן האָט קוים איינער אַ מלחמה מיטגעמאַכט, און אויף צען ווייסט קוים איינער, ווי אַזוי אַ ביקס צו האַלטן. נאָך דער ערשטער מלחמה וועלן פון זיי אַרויסקומען גוטע זעלנער, אָבער נישט איצט. און וואָס שייך דעם לאַנדשטורעם, פרעגט, הויך־וויל־געבוירענער הער, יעדן, וואָס פאַרשטייט זיך כאָטש אַ ביסל אויף מלחמה־זאַכן, צי אַ לאַנדשטורעם קען אויסהאַלטן אַ קאַמף מיט רעגולערע חיילות, נאָך דערצו אַזעלכע, ווי די שוועדישע, מיט וועטעראַנען פון דער גאַנצער לוטערישער מלחמה, וואָס זענען געוווינט צו נצחונות.

— אַזוי הויך שטעלט איר די שוועדן איבער די אייגענע?

— איך שטעל זיי נישט איבער די אייגענע, ווייל ווען עס וואָלטן דאָ געווען אַ פופצען טויזנט אַזעלכע מענטשן, ווי די, וואָס זענען געווען בײַ זבאַראַזש, גרעבעץ־חיילות און רייטער, וואָלט איך פאַר זיי נישט מורא געהאַט, אָבער מיט אונדזערע, הלוואי מיר זאָלן מיט זיי קענען עפעס וויכטיקס אויפטון.

דער וואָיעוואָדע האָט אַוועקגעלייגט די הענט אויף די קני און האָט שאַרף אַ קוק געטון סקשעטוסקין גלייך אין די אויגן אַרײַן,

גלייך ווי ער וואָלט וועלן עפּעס אַ פאַרבאָרגענעם געדאַנק פון זיי אַרויסלייענען.

— אויב אַזוי, צו וואָס זענען מיר געקומען אַהער? מיינט איר נישט, גנעדיקער הער, אַז עס איז בעסער זיך אונטערצוגעבן?

הער סטאַניסלאַוו האָט אויף דידאָזיקע ווערטער זיך אָנגעצונדן און געזאָגט:

— אויב מיר איז אַזאַ געדאַנק אין קאָפּ איינגעפאַלן, זאָל מיך דער הויך־וויל־געבוירענער הער הייסן אויף אַ תליה אַרויפציִען. אויף דער פראַגע, צי איך גלייב אין אַ נצחון, ענטפער איך ווי אַ זעלנער: כ'גלייב נישט! — אָבער צו וואָס מיר זענען געקומען אַהער, דאָס איז אַן אַנדערע שאלה, אויף וועלכער איך ענטפער ווי אַ בירגער: דערצו, אַז מיר זאָלן דעם שונא דעם ערשטן ווידערשטאַנד שטעלן, אַז מיר זאָלן אים פאַרהאַלטן און דורך דעם מעגלעך מאַכן דעם לאַנד זיך צו פאַרזאָרגן און אַרויסצוטרעטן, אַז מיר זאָלן מיט אונדזערע קערפּערס איינהאַלטן דעם אָנלויף אַזוי לאַנג, ווי לאַנג מיר וועלן איינער אויפן אַנדערן נישט פאַלן!

— אייערע כוונות פאַרדינען אַ לויב — האָט דער וואָיעוואָדע קאַלט געענטפערט — אָבער אייך זעלנער איז גרינגער צו רעדן וועגן טויט, איידער אונדז, אויף וועלכע עס וועט פאַלן די גאַנצע אחריות פאַר אַזוי פיל אומזיסט פאַרגאָסענעם בלוט פון דער שליאַכטע.

— דערויף האָט די שליאַכטע בלוט, אַז זי זאָל עס פאַרגיסן.

— יאָ, אמת! אַלע זענען מיר גרייט צו פאַלן, בפרט, אַז דאָס איז די גרינגסטע זאַך. אָבער די פליכט הייסט אונדז, וואָס די השגחה האָט אונדז פאַר מנהיגים געמאַכט, נישט בלויז דעם רום אַליין זוכן, נאָר אויך וועגן אַ תכלית זיך אומקוקן. די מלחמה איז שוין אַזוי גוט, ווי אָנגעהויבן, דאָס איז אמת. אָבער קאַרל גוסטאַוו איז אונדזער האַר קעניגס אַ קרוב און מוז דערמיט זיך רעכענען. דערפאַר דאַרף מען אויך פּרוּוון אונטערהאַנדלען, ווייל

גאַנץ אָפט קען מען מער אויפטאָן מיטן וואָרט, ווי מיטן כּלי־זיין.

— דאָס געהערט נישט צו מיר! — האָט הער סטאַניסלאַוו פּרוקן זיך אָנגערופן.

דעם וואָיעוואָדע איז משמעות אויך דאָס אייגענע גראָד געקומען אין זין אַריין, ווייל ער האָט אַ שאָקל־געטאָן מיטן קאָפּ און זיך געזעגנט מיטן ריטמייסטער.

סקשעטוסקי איז אָבער נאָר אויף אַ העלפט גערעכט געווען דערמיט, וואָס ער האָט גערעדט וועגן דער הינטערשטעליקייט פון דער שליאַכטע, וועלכע איז גערופן געוואָרן צום לאַנד־שטורעם. אמת איז טאַקע געווען, אַז ביז דאָס שערן די שעפסן איז פאַרענדיקט געוואָרן האָבן זיך זייער ווייניק שליאַכטשיצעס געשטעלט אין לאַגער צווישן פּילאַ און אוישטשע, אָבער צום 27. יוני, דאָס הייסט, צום טערמין, וואָס איז אין דער נייער אויפפאָדערונג באַשטימט געוואָרן, האָבן זיי זיך גענומען צונויפפאָרן אין אַ גענוג גרויסער צאָל.

טאָג־טעגלעך האָבן וואָלקנס פון שטויב, וואָס זענען אויפגעגאַנגען צוליב דעם טרוקענעם און שטילן וועטער, אָנגעזאָגט דאָס אָנקומען פון פרישע אָפּטיילונגען. און די שליאַכטע איז געפאָרן טומלדיק, אויף פערד און אויף קאַטשן, מיט מחנות פון דינער, מיט קרעדענסן, מיט וועגנס, אָנגעלאָדנט מיט אַ שפּייז פון אַלעם גוטן, און באַהאָנגען אַזוי מיט געווער, אַז נישט איינער האָט פאַר גאַנצע דריי געשלעפּט אויף זיך אַלערליי כּלי־זין, אָנהייבנדיק פון שפּיזן, ביקסן, באַנדאַלעטן, שווערטן און הוזאַרישע העמערלעך, וואָס זענען שוין צו יענער צייט אַרויס פון געברויך און האָבן געדינט אויף צוצעקלאַפּן פּאַנצערס. די אַלטע בעלי־נסיון האָבן באַלד לויט דערדאָזיקער באַוואָפנונג דערקענט, אַז דאָס זענען מענטשן אומגעניטע און אין מלחמה־זאַכן אומבאַהאַוונטע.

וואָרים פון דער גאַנצער שליאַכטע, וואָס האָט באַוויגט די געביטן פון דער רעפּובליק, איז גראָד די גרויס־פּוילישע געווען אַמווייניקסטן קריגעריש. די טאָטערס, טערקן און קאָזאַקן האָבן

קײנמאָל נישט געטרעטן דידאָזיקע געגנטן, װעלכע האָבן זײט די קרײץ־ריטער כמעט פאַרגעסן, װי עס זעט אױס אַ מלחמה אין לאַנד. יענער טײל פון דער גרױס־פּױלישער שליאַכטע, װאָס האָט אין זיך געשפּירט אַ גלוסטונג צו מלחמות, איז צוגעשטאַנען צו די רעגולערע קרױן־חײלות און דאָרט זיך געשלאָגן פּונקט אַזױ גוט, װי יעדער אַנדערער; דערפאַר זענען אָבער די, װאָס האָבן בעסער אינדערהײם געװאָלט זיצן, פאַרװאַנדלט געװאָרן אין אמתע יושב־אהלס, װאָס האָבן טײער געהאַלטן זײערע תענוגים און באַקװעמלעכקײטן, אין באַרימטע װירטן, װאָס האָבן פאַרשאַטן מיט זײער װאָל און בפרט מיט זײערע תבואות די מערק פון די פּרײסישע שטעט.

איצט, װען דער שװעדישער שטורעם האָט זײ אױפגעריסן פון די רויִקע באַשעפטיקונגען, האָט זיך זײ געדאַכט, אַז גײענדיק אין דער מלחמה דאַרף מען זיך מיט װאָס מער כּלי־זײן אָנלאָדענען, מיט װאָס מער זאַפּאַסן זיך פאַרזען און מיטנעמען װאָס מער דינער, װעלכע זאָלן היטן דעם האַרס גוף און כּלים.

משוגעהדיקע זעלנער זענען דאָס געװען און די ריטמײסטערס האָבן זיך נישט לײכט געקענט מיט זײ אַן עצה געבן. עס האָט זיך געשטעלט, למשל, אײנער מיט אַ שפּיז בײנצען פוס לאַנג און מיט אַ פאַנצער אױף דער ברוסט, אָבער מיט אַ שטרױענעם קאַפּעלוש אױפן קאָפּ צו שיצן זיך פון דער זון; אַן אַנדערער האָט בשעת דער מוסטערונג זיך געקלאָגט אױף די היץ, אַ צװײטער האָט געגעבעצט, געגעסן אָדער געטרונקען, אַ דריטער האָט דעם דינער גערופן, און אַלע האָבן נישט געהאַלטן פאַר קײן קרומע זאַך צו שמועסן אין דער רײ אַזױ הױך, אַז קײנער האָט די באַפעלן פון די אָפיצירן נישט געקענט הערן. און שװער איז געװען אַ דיסציפּלין אײנצופירן, װײל די שליאַכטע האָט זיך פון איר שטאַרק באַלײדיקט, האַלטנדיק, אַז זי איז פּוגע דעם כּבוד פון אַ בירגער. מ׳האָט אמת פאַרעפנטלעכט „אַרטיקלען", אָבער ס׳האָט זײ קײנער נישט געהאָרכט.

אַן אָבן־נגף באַ די פיס פון דאָזיקן חײל איז געװען די אָנאַ שיעורדיקע מחנה פון װעגנס, פון קאַמף־און שלעפּ־פערד, פון

בהמות, וואָס זענען באַשטימט געווען, אויף פּאַשע, און באַזונדערס פון דינערס, וואָס האָבן געהיטן די געצעלטן, כּלים, הירזשן, גרויפּן און געהאַקטע פלייש און וועלכע האָבן צוליב אַ נאַרישקייט זיך אַרומגעריסן און מהומות אָנגעמאַכט.

און אָט אַקעגן אַזאַ חייל האָט זיך פון דער זייט פון שטעטין און פון די אָדרער זומפּן דערנענטערט אַרוויד וויטעמבערג, אַן אַלטער פירער, וועמענס יוגנט איז אַריבער אויף דער דרייסיק-יעריקער מלחמה, פירנדיק זיבצען טויזנט גוט-דיסציפּלינירטע וועטעראַנען.

פון איין זייט איז געשטאַנען אין אומאָרדנונג דער פּוילישער לאַגער, וואָס איז ענדלעך געווען אויף אַ יאַריד-צונויפמעגנעלויף, האָט גערוישט פון די וויכּוחים און שפּאַרענישן איבער די פּאַראָרדענונגען פון די פירער און פון די שטימען פון אומצופרידנקייט, איז באַשטאַנען פון ערלעכע דאָרף-לייט, וואָס זענען כּלאחר-יד אין פּויסגייער מגולגל געוואָרן און פון פּריצים, וואָס זענען גלייך פון שערן די שעפּסן אַוועקגעריסן געוואָרן; פון דער צווייטער זייט האָבן מאַרשירט אימהדיקע, שווייגנדיקע פירעקן, וואָס האָבן זיך אויף איין ווינק פון די פירער מיט דער פּינקטלעכקייט פון מאַשינען אויסגעצויגן אין ליניעס און האַלב-עיגולים; וואָס האָבן זיך צונויפגעשלאָסן אין קליינעס און אין דרייעקן אַזוי פלינק, ווי אַ שווערט אין דער האַנט פון אַ פעכטער; זיי האָבן מאַרשירט מיט די אַרויסגעשטרעקטע רורן פון די ביקסן און שפּיזן, ווי אויסגעפּרוווטע מלחמה-לייט, קאַלטע, רויִקע — אמתע בעלי-מלכות, וואָס האָבן דעם העכסטן שטאַפּל פון קונסט דערגרייכט אין זייער מלאכה. ווער פון די געניטע מענטשן האָט געקענט מסופק זיין, מיט וואָס דאָס באַגעגעניש וועט זיך אויסלאָזן און אויף וועמענס זייט דער נצחון וועט אויספאַלן?

אָבער די שלאַכטע איז אָנגעקומען וואָס אַמאָל מער, און נאָך פריִער האָבן געגומען זיך צונויפפּאָרן די הויכּע באַאַמטע פון גרויס-פּוילן און אַנדערע פּראָווינצן, מיט מחנות פון באַגלייטנדיקע חיילות און דינער. באַלד נאָכן הער גרודזשינסקי, איז אַראָפּגעקומען קיין פּילאַ דער מעכטיקער פויזנער וואָיעוואָדע הער קשישטאָף

אָפּ.לינסקי. דריי הונדערט הייַדוקן, אין געל־רויטע הלבשות און באַוואָפנט מיט ביקסן, זענען געגאַנגען פאַרן וואָיעוואָדעס קאַטש; אַ המון פון הויף־לייט און שליאַכטע האָט אַרומגערינגלט זיין הויכע פּערזאָן; הינטער זיי האָט אין מלחמה־אָרדנונג מאַרשירט אַן אָפּטיילונג פון רייטער אָנגעטאָן פּונקט אַזוי, ווי די הייַדוקן; דער וואָיעוואָדע גופא איז געפאָרן אין אַ קאַטש, האָבנדיק בײַ זיך אַ לץ, סטאַך אָסטראָזשקאַן, וועמענס עובדא ס'איז געווען דעם באַטריבטן האַר אויפן וועג אויפצוהייטערן.

דער אַרייַנפאָר פון אַזאַ הויכגעשטעלטן שררה האָט אַלעמען צוגעגעבן מוט און בטחון; וואָרים די, וואָס האָבן געקוקט אויף די כּמעט מאָנאַרכישע מאַיעסטעט פון וואָיעוואָדע, אויף דעם הערלעכן פּנים, אין וועלכן ס'האָבן פון הינטער דעם הויכן שטערן געלויכטן אויגן קלוגע און שאַרפע, אויף די סענאַטאָרישע חשיבות פון דער גאַנצער פיגור — האָט גאָרנישט געקענט אייַנפאַלן, אַז אַזאַ תקיף זאָל אַ שלימזלדיקער גורל קענען באַשערט זיין.

די מענטשן, וואָס זענען געוווינט געווען צוצוטיילן כבוד הויכע באַאַמטע און חשובים, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז אפילו די שוועדן אַליין וועלן נישט האָבן די העזה אויפצוהייבן די האַנט און צו פאַרשוועכן דעם כבוד פון אַזאַ מאַגנאַט. און די, בײַ וועמען שרעקעוודיקע הערצער האָבן געקלאַפּט אין די ברוסטן, האָבן זיך באַלד דערפילט זיכערער אונטער זייַנע פליגל. מ'האָט אים דעריבער באַגריסט הייס און פריידיק; עס האָבן געהילכט אויסגעשרייען אין דער לענג פון דער גאַס, דורך דער וועלכער די סוויטע האָט זיך געלאַסן געצויגן צום הויז פון בירגערמייסטער, און די קעפּ האָבן זיך געבויגן פאַרן וואָיעוואָדע, וועלכן מ'האָט דייטלעך געזען דורך די שויבן פון דער באַגילדטער קאַטש. אויף דידאָזיקע פאַרבייגונגען האָט צוזאַמען מיטן וואָיעוואָדע געענטפערט אָסטראָזשקאַ מיט אַזאַ ווירדע און חשיבות, גלייַך ווי זיי וואָלטן נאָר לכבוד אים אַליין געמאַכט געוואָרן.

נאָך איז נישט צעפלאָסן געוואָרן דער שטויב נאָכן דורכפאָר פון פויזנער וואָיעוואָדע, ווי עס זענען אָנגעלאָפן שליחים מיט אַ מעלדונג, אַז עס פאָרט זיין ברודערן־זון, דער פּאָדלעסיער

חאַיעזאַרע פּיאָטר אָפּאַלינסקי, מיט זיין שוואָגער יאַקוב ראָזדראַ־זשעווסקי, דעם איינאָווראַצלאַווער וואָיעוואָדע. זיי האָבן געבראַכט יעדער צו הונדערט פּופּציק באַוואָפנטע מענטשן, אַ חוץ הויף־לייט און דינער. דערנאָך איז נישט אַריבער אַ טאָג, אַז עס זאָל נישט אָנפאָרן עמעצער פון די הויכע באַאַמטע. און אַזוי זענען אָנגע־קומען: הער סענדזשיוווי טשאַרנקאָווסקי, קשישטאָף שוואַנער, קאַלישער קאַשטעלאַן; מאַקסימיליאַן מיאַסקאָווסקי, קשיווינער קאַשטעלאַן און פּאַוועל געמביצקי, מיענדזישעצער האַר. דאָס שטעטל איז געוואָרן פול־געפּאַקט מיט מענטשן, אַזוי אַז עס האָבן אויסגעפעלט הייזער אויף אַריינצונעמען בלויז די הויף־לייט. די דערלעבנדיקע פעלדער זענען געוואָרן באַזייעט מיט די פאַרשידנ־פאַרביקע געצעלטן פון לאַנד־שטורעם. וואָלסט געמיינט, אַז כל־המינים פייגל פון דער גאַנצער רעפּובליק זענען זיך צונויפגעפלויגן קיין פּילאַ.

עס האָבן געבלאַנקט רויטע, גרינע, העל און טונקל־בלויע און ווייסע קאָלירן אויף די פאַרשידענע, אויבער־און אונטער־בגדים, ווייל נישט רעדנדיק שוין וועגן לאַנד־שטורעם, ווו יעדער שליאַכטשיץ האָט אַן אַנדערע הלבשה געטראָגן, און וועגן דער דינערשאַפט פון די שררות — זענען אויך די פּוסגייער פון יעדן פּאַוויאַט געווען אויסגעפּוצט אין אַנדערע פאַרבן.

עס זענען אָנגעפאָרן אויך מאַרק־הענדלערס, אָבער היות ווי עס האָט פאַר זיי נישט געקלעקט קיין פּלעצער אויפן מאַרק, האָבן זיי אויפגעשטעלט אַ ריי בוידן הינטערן שטעטל. מ׳האָט אין זיי פאַרקויפט מיליטערישע מכשירים, פון מלבושים ביז געווער און עסנוואַרג. די פעלד־גאַרקיכן האָבן געריכערט בײַ טאָג און בײַנאַכט, פונאַנדערטראָגנדיק מיטן רויך אַ ריח פון גרויפּן, גע־קאָכטע און געבראָטענע פליישן — אין אַנדערע האָט מען פאַר־קויפט משקאות. פאַר די בוידן האָט געווימלט פון דער שלאַכטע, וועלכע איז געווען באַוואָפנט נישט בלויז מיט שווערטן, נאָר אויך מיט לעפל, און זי האָט געגעסן, געטרונקען און געשמועסט דאָ וועגן שונא, וועלכן מ׳האָט נאָך נישט געזען, דאָ וועגן די אָנ־

פאַרנדיקע שררות, וועלכע מ'האָט נישט געקאָרגט קיין שטער־ווערטער.

צווישן די גרופּעס פון דער שליאַכטע איז אַרומגעגאַנגען אַסטראַזשקאַ, אָנגעטון אין מלבושים, צונויפגענייט פון פאַרביקע שמאַטקעס, מיט אַ שטאָק, וואָס איז געווען באַצירט מיט גלעק־לעך, און מיט אַ מינע פון אַ דורכגעטריבענעם פוקס. דאָרט, וווּ ער האָט זיך געוויזן, האָט מען אים אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן, און ער האָט צוגעגאָסן אייל צום פייער, האָט געהאָלפן באַרעדן די גדולים און אויפגעגעבן רעטענישן, און וואָס בייסנדיקער די־דאָזיקע רעטענישן זענען געווען, אַלץ מער האָט די שליאַכטע אי־בער זיי געלאַכט, האַלטנדיק זיך באַ די זייטן.

קיינער איז אין זיי נישט פאַרשוינט געוואָרן.

איינמאָל, מיטאָג-צייט, איז דורך די מערק אָנגעקומען דער פויזנער וואָיעוואָדע אַליין און זיך אויסגעמישט מיט דער שליאַכ־טע, רעדנדיק גנעדיק מיט דעם, אָדער יענעם, אָדער מיט אַלע איניינעם און באַקלאָגנדיק זיך אַ ביסל אויפן קעניג דערפאַר, וואָס ער האָט נישט צוגעשיקט קיין איין קעניגלעכן פּולק אין אַ צייט, ווען דער שונא דערנענטערט זיך.

— מ'האָט אונדז נישט אין זין, גנעדיקע הערן — האָט ער געזאָגט — און מען לאָזט אונדז איבער אָן הילף. אין וואַרשע טענהט מען, אַז אין אוקראַינע איז אַזוי אויך פאַרהאַן צו ווייניק חייל און אַז די העטמאַנעס קענען זיך קיין עצה נישט געבן מיט כמיעלניצקין. יאָ, פאַרפאַלן! אוקראַינע איז אַפּנים ליבער איידער גרויס-פּויל... אין אומחסד זענען מיר אַריינגעפאַלן, גנעדיקע הערן, אין אומחסד! ווי איך דער שחיטה האָט מען אונדז דאָ איבערגעענטפערט...

— און ווער איז שולדיק? — האָט געפרעגט הער שליכ־טינג, דער ריכטער פון וסכאָווע.

— ווער ס'איז שולדיק אין אַלע אומגליקן פון דער רעפּוב־ליק? — האָט דער וואָיעוואָדע געענטפערט — אוודאי מיר, ברי־דער שליאַכטע, וואָס מיר באַשיצן זי מיט אונדזערע ברוסטן.

דער שליאַכטע האָט שטאַרק געשמעקט דאָס, וואָס דער

„גראַף אויף בּינאַ און אַפּאַלאָניצאַ" שטעלט זיך אַליין אויף איין מדרגה מיט איר און רופט זיי בּרידער, און דערפאַר האָט הער קאָשוצקי בּאַלד געענטפערט:

— הויך־וויל געבּוירענער וואָיעוואָדע! ווען עס וואָלט דאָרט בּאַ דער מאַיעסטעט געווען מער אַזעלכע בּאַראַטער, ווי אייער הויכקייט, וואָלט מען אונדז דאָ זיכער אויף הפקר נישט איבּערגעלאָזט... אָבּער דאָרט רעגירן אַפּנים נישט נאָר די, וואָס בּוקן זיך נידעריקער.

— איך דאַנק, הער בּרודער, פאַרן גוטן וואָרט!... שולדיק איז דער, וואָס פאָלגט שלעכטע עצה־געבּערס. אונדזערע פייַנטן זעען דאָרט, ווי אַ דאָרן אין די אויגן. וואָס מער שליאַכטע עס וועט פאַרטיליקט ווערן, אַלץ גרינגער וועט זיין דורכצופירן די אַבּסאָלוטע ממשלה.

— דערצו דאַרפן מיר דאָס אומקומען, אַז אונדזערע קינדער זאָלן קרעכצן אונטערן יאָך פון קנעכטשאַפט?

דער וואָיעוואָדע האָט גאָרנישט געענטפערט, און די שליאַכטע האָט גענומען זיך אָנקוקן און חידושן.

— אַזוי גאָר? — האָבּן אַ סך שטימען זיך אָנגערופן — האָט מען אונדז, הייסט עס, דערצו אונטערן חלף געשיקט? אַזוי איז עס טאַקע! נישט פון היינט ערשט רעדט מען וועגן דער אַבּסאָלוטער ממשלה!... אָבּער קוים האַלט עס יאָ דערבּיי, וועלן מיר אויך בּאַווייזן צו זאָרגן וועגן אונדזערע קעפּ!

— און וועגן אונדזערע קינדער!

— און וועגן אונדזער האָבּ און גוטס, וואָס דער שונא וועט מיט פייער און שווערד חרוב מאַכן.

דער וואָיעוואָדע האָט געשוויגן.

אויף אַ משונהדיקן אופן האָט דערדאָזיקער פירער צוגעגעבּן מוט זיינע זעלנער.

— דער קעניג איז אין דעם אַלעם שולדיק! — האָבּן וואָס אַמאָל מער קולות געדופן.

— און געדענקט איר, בּנעדיקע הערן, די געשיכטע פון יאַן אָלבּראַכט? — האָט דער וואָיעוואָדע געפרעגט.

— אין קעניג אַלבראַכטס צייטן איז די שליאַכטע אומגע־קומען! אַ בגידה, ברידער שליאַכטע!

— דער קעניג, דער קעניג איז אַ בוגד! — האָט עפּעס אַ דרייסטע שטים אויסגעשריגן.

דער וואָיעוואָדע האָט געשוויגן.

דאָ האָט אָסטראָזשקאָ, וועלכער איז געשטאַנען בײַ דער זייט פון וואָיעוואָדע, זיך אַ פּאָר מאָל מיט די הענט געקלאַפּט איבער די קני און אַ קריי געטון ווי אַ האָן אַזוי מוראַדיק, אַז אַלעמענס אויגן האָבן זיך צו אים געווענדט.

דערנאָך האָט ער אויסגעשריגן:

— גנעדיקע הערן! ברידער האַרציקע! הערט אויס מיין רעטעניש!

פּתּרוף-עין, אַזוי גיך ממש, ווי עס בייט זיך דאָס וועטער אין מערץ, איז די אויפרעגונג פון המון איבערגעגאַנגען אין אַ נײַגיריקייט און חשק אויסצוהערן עפּעס אַ נייעם שפּאַס פון לץ.

— מיר הערן! מיר הערן! — האָבן זיך אייניקע שטימען אָנגערופן.

דער לץ האָט גענומען פּינטלען מיט די אויגן ווי אַ מאַל־פּע און רעציטירן מיט אַ קוויטשעדיקער שטים:

„נאָכן ברודער האָט ער געפונען אַ נחמה אין דער
קרוין און אין ווייב,
אָבער ער האָט דערלאָזט, אַז מ'זאָל דעם ברודער
צוזאַמען מיטן רום באַגראָבן;
דעם וויצע-קאַנצלער האָט ער פּאַרטריבן — און ער
שמט הייבט דערמיט,
וואָס ער איז אַליין אַ וויצע-קאַנצלער... בײַ דער
וויצע-קאַנצלערין“.

— דער קעניג! דער קעניג! בײַ גאָט! יאַן קאָזשי־מיערזש! — האָט מען גענומען רופן פון אַלע זייטן.

און אַ מעכטיק געלעכטער, ווי אַ דונער, האָט זיך צעהילכט צווישן עולם.

— אַז די קוילן זאָלן אים טרעפן, ווי קונציק ער האָט דאָס צונויפגעשטעלט! — האָט די שליאַכטע געשריגן.

דער וואָיעוואָדע האָט געלאַכט צוזאַמען מיט אַלע; דערנאָך, אַז ס'איז אַביסל שטילער געוואָרן, האָט ער ערנסט געזאָגט:

— און אַט דערפאַר מוזן מיר דאָס איצט מיט אונדזער בלוט און מיט אונדזערע קעפּ באַצאָלן... אָט צוואָס עס איז דערגאַנגען... נאַדיר, לץ, אַ דוקאַט פאַרן גוטן רעטעניש.

— קשישטאָף-לעבן! ליבסטער קשיך! — האָט אַסטראָזשקאַ זיך אָנגערופן — פאַרוואָס טאַדעלסטו אַנדערע דערפאַר, וואָס זיי האַלטן לצים, און אַליין, נישט בלויז דו האַלטסט מיך, נאָר דו צאָלסט מיר נאָך צו פאַר רעטענישן?... גיב-זשע מיר נאָך אַ דוקאַט, וועל איך דיר זאָגן אַ צווייט רעטעניש.

— אויך אַזאַ גוטן?

— נאָר אַ לענגערן... גיב צוערשט דעם דוקאַט.

— נאַדיר!

דער לץ האָט ווידער אַ מאַך געטון מיט די הענט, ווי אַ האָן מיט די פליגל, האָט ווידער אַ קריי געטון און אויסגעשריגן:

— גנעדיקע הערן, האָרכט! ווער איז דאָס?

אייגן-נוצן האָט ער געטאַדלט, געמאַכט דעם אָנשטעל
פון קאַטאָ,
איידער אַ שווערט, האָט ער בעסער געוואָלט אַ
פעדער פון אַ געבוזעבעם עק:
גאַנץ בוגד האָט ער געוואָלט די ירושה, און ווען ער
האָט זי נישט באַקומען,
האָט ער די גאַנצע רעפּובליק מיט בייסיקע פערזן
געשמיסן.

וואָלט ער כאָטש די שווערט געליבט, וואָלט די
צרה נישט אַזוי גרויס געווען,
ווייל די שווערדן וועלן פאַר סאַטירעס זיך געוויס נישט
דערשרעקן.
ער אָבער, קוים האָט ער דעם טעם פון מלחמה־
דאגות פאַרזוכט,
איז ער פונקט, ווי דער פאַרעטער, אַליין גרייט
דעם קעניג צו פאַראַטן.

אַלע בייגעוועזענע האָבן דאָסדאָזיקע רעטעניש געטראָפן פונקט אַזוי גוט, ווי דאָס פריערדיקע. צוויי אָדער דריי געלעכטערס האָבן זיך דערהערט צווישן עולם, זיי זענען אָבער די אותו־רגע דערשטיקט געוואָרן, און באַלד דערויף האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט.

דער וואָיעוואָדע איז רויט געוואָרן און זיך נאָך צעטומלט דערפאַר, וואָס אַלעמענס אויגן האָבן זיך צו אים אַ קער געטון, און דער לץ האָט געקוקט דאָ אויף איין שליאַכטשיץ, דאָ אויף אַ צווייטן און צום סוף זיך אָנגערופן:

— קיינער פון אייך, גנעדיקע הערן, טרעפט נישט, ווער דאָס איז?

און ווען אַ שטילשווייגן איז געווען די איינציקע תשובה, האָט אָסטראָזשקאַ מיט דער מינע פון אַ חצוף זיך געווענדט צום וואָיעוואָדע:

— און דו, קשיך, ווייסטו אויך נישט וועגן וועלכן לאָ־יצלח עס איז גערעדט געוואָרן?... דו ווייסט נישט? טאָ באַצאָל אַ דוקאַט!

— גזאַדיר! — דאָס דער וואָיעוואָדע געענטפערט.

— גאָט זאָל דיך באַלוינען!.. זאָג מיר נאָר, קשיך, האָסטו נישט אַמאָל באַגערט צו ווערן וויצע־קאַנצלער נאָך ראַדזשע־יאָווסקין?

— ס'איז נישט קיין צייט אויף צו טרייבן קאַטאָוועס! — האָט קשישטאָף אָפּאַלינסקי געענטפערט.

און פאַרנייגנדיק זיך מיטן היטל פאַר אַלע בייגעוועזענע האָט ער צוגעגעבן:

— איך גייג זיך, גנעדיקע הערן! ... איך מוז איצט גיין אויף אַ מלחמה-באַראַטונג.

— אויף אַ פאַמיליען-באַראַטונג, האָסטו געוואָלט זאָגן, קשיך — האָט אָסטראָזשקאָ צוגעגעבן — ווייל דאָרט וועט זיך די גאַנצע משפחה באַראָטן, ווי אַזוי צו מאַכן פּליטה.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו דער שליאַכטע און נאָכמאַכנדיק די פאַרנייגונג פון וואָיעוואָדע, האָט ער צוגעגעבן:

— און אייך, גנעדיקע הערן, מוז דאָס וויל געפעלן!

און זיי זענען ביידע אַוועקגעגאַנגען; אָבער זיי האָבן זיך נאָך נישט געהאַט דערווייטערט אויף צוואַנציק טריט, ווי אַ שטאַרקער געלעכטער-אויסברוך האָט זיך אָפּגעשלאָגן אין די אויערן פון וואָיעוואָדע און געהילכט נאָך לאַנג, ביז ער איז פאַרשלונגען געוואָרן אין אַלגעמיינעם געפילדער פון לאַגער.

די מלחמה-באַראַטונג איז טאַקע פאָרגעקומען און דער פויזנער וואָיעוואָדע האָט אויף איר פּרעזידירט. געווען איז דאָס אַן אויסטערלישע באַראַטונג! עס האָבן זיך אין איר באַטייליקט בלויז אַזעלכע מלוכה-באַאַמטע, וואָס זענען אין מלחמה-זאַכן געווען עם-הארצים. ווייל די גרויס-פּוילישע מאַגנאַטן האָבן נישט באַוואָרעטון און נישט געקענט נאָכטון דעם ביישפּיל פון יענע ליטווישע אָדער אוקראַינישע „שררהלעך", וואָס האָבן שטענדיק געלעבט אין פייער, ווי סאַלאַמאַנדרעס.

דאָרט איז יעדער וואָיעוואָדע אָדער קאַנצלער געווען אַ פירער, וועמען דער פּאַנצער האָט אויפן גוף אויסגעדריקט קיינמאָל נישט אויסגייענדיקע רויטע צייכנס, וועמענס יוגנט איז פאַרפלאָסן אין די סטעפּעס אָדער וועלדער פון דער מזרח-זייט, אין פאַרשידענע לאַגערס, תמיד אויסגעזעצט אויף סכנות-נפשות, שלאַכטן, געיעגן, דאָ זענען עס געווען הויכע-באַאַמטע, וואָס האָבן געהיטן די פּאַסטנס, און הגם זיי זענען אין אַן עת-צרה געגאַנגען אין לאַנדשטורעם, האָבן זיי אָבער בשעת מלחמות קיינמאָל קיין פירנדיקע

אַמטן נישט פאַרנומען. די טיפע רויִקייט האָט איינגעשלעפערט דעם קריגערישן גייסט אין די קינדער פון יענע גבורים, וועלכע די אייזערנע מחנות פון קרייץ-ריטער האָבן אַמאָל נישט געקענט בייקומען; זי האָט זיי פאַרוואַנדלט אין מלוכה-מענער, געלערנטע און שרייבער. ערשט די האַרטע שוועדישע שול האָט זיי אויסגעלערנט דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַט פאַרגעסן.

דערווייל אָבער האָבן די הויכע באַאַמטע, וואָס האָבן זיך פאַרזאַמלט אויף דער באַראַטונג, זיך אומגעקוקט מיט אומזיכערע אויגן און יעדער האָט מורא געהאַט דער ערשטער זיך אָנצורופן, וואַרטנדיק, וואָס עס וועט זאָגן „אַגאַמעמנאָן", דער פויזנער וואָיעוואָדע.

און „אַגאַמעמנאָן" האָט אַליין פשוט גאָרנישט פאַרשטאַנען און זיין דרשה האָט ער ווידער אָנגעהויבן דערמיט, וואָס ער האָט זיך באַקלאָגט אויף דעם קעניגס אומדאַנקבאַרקייט און נאַכלעסיקייט, אויף דעם לייכטן געמיט, מיט וועלכן מען וויל גאַנץ גרויס-פוילן און זיי לאָזן אומקומען אונטער דער שווערט. דערפאַר אָבער, ווי באַרעדעוודיק איז ער געווען; ווי שיין האָט ער זיך דערביי געהאַלטן, ממש ווי אַ רוימישער סענאַטאָר: דער קאָפּ זיינער איז בשעתן רעדן געווען פאַריסן, די שוואַרצע אויגן האָבן געוואָרפן בליצן, דאָס מויל — דונערס, און די גרוילעכע באָרד האָט זיך געטרייסלט, ווען ער האָט מיט גרויס התלהבות געשילדערט די קומענדיקע צרות פון דער רעפּובליק.

— דורך וועמען ליידט דען דאָס פאָטערלאַנד? — האָט ער געזאָגט — אויב נישט דורך זיינע זין... און מיר וועלן דאָ די ערשטעליידן, איבער אונדזער ערד, איבער אונדזער פרייוואַטן פאַרמעגן, וואָס אונדזערע אָבות האָבן מיט פאַרדינסטן און בלוט זיך דערוואָרבן, וועט צועַרשט דורכגיין דער פוס פון די שונאים, וועלכע רוקן אָן צו אונדז ווי אַ שטורעם פון דער זייט פון ים. און פאַרוואָס ליידן מיר? פאַרוואָס וועט מען פאַרכאַפּן אונדזערע שאָף און רינדער, צעטרעטן אונדזערע תבואות, פאַרברענען די דערפער, וואָס זענען דורך אונדזער האָרעוואַניע אויפגעבויט געוואָרן? האָבן מיר דען באַוועלט ראַדזשעיאָווסקין, וועל-

כּער איז אומיושרדיק פֿאַרמשפּט געוואָרן און אַז מ'האָט אים גערודפט ווי אַ פֿאַרברעכער, האָט ער געמוזט זוכן אַ פֿרעמדן מליץ־יושר? ניין!... פֿאַרלאַנגען מיר דען, אַז דערזאָזיקער פּוסטער טיטל פֿון שוועדישן קעניג, וועלכער האָט שוין אַזוי פֿיל בלוט געקאָסט, זאָל בלייבן אין דער חתימה פֿון אונדזער יאַן קאַזשימיערזש? ניין!... צוויי מלחמות פֿלאַקערן אויף צוויי גרענעצן — האָט מען געדאַרפֿט נאָך אַ דריטע אַרויסרופֿן?... ווער ס'איז שולדיק זאָל אים גאָט, זאָל אים דאָס פֿאָטערלאַנד משפּטן!... מיר נעמען פֿון זיך אַראָפּ די אחריות, ווייל מיר טראָגן נישט די שולד פֿאַרן בלוט, וואָס וועט פֿאַרגאָסן ווערן...

און אַזוי האָט דער וואָיעוואָדע ווייטער געדונערט; אָבער ווען עס איז געקומען צו דער עצם־זאַך, האָט ער קיין געהעריקע עצה נישט געקענט געבן.

מ'האָט דעריבער געשיקט נאָך די ריטמייסטערס, וועלכע האָבן מיט די פּוסגייער אָנגעפֿירט, און באַזונדערס נאָכן הער וולאַדיסלאַוו סקאַראַשעווסקי, וועלכער איז נישט בלויז געווען אַ באַרימטער ריטער, וואָס האָט צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט, נאָר אַן אַלטער בעל־נסיון אין מלחמה־זאַכן, וואָס האָט געקענט די מלחמה, ווי אַ תּפֿילה. זיינע עצות פֿלעגן אפֿילו די אמתדיקע פֿירער אַליין אָפּט פֿאָלגן; קיין חידוש נישט, וואָס מ'האָט איצט געגאַרט זיי וואָס גיכער צו הערן.

הער סקאַראַשעווסקי האָט געראָטן אויפֿצושלאָגן דריי לאַגערס; באַ פּילאַ, וויעלון און אוישטשע, אַזוי נאָענט, אַז אין פֿאַל פֿון אַן איבערפֿאַל זאָלן זיי זיך איינער צום צווייטן קענען קומען צו הילף; און אַ חוץ דעם זאָל מען אויפֿן גאַנצן שטח באַם טייך, וואָס איז ווי מיט אַ בויגן דורך די לאַגערס אַרומגענומען, אָנשיטן פֿאַרשאַנצונגען, וועלכע זאָלן שיצן די איבערגענג.

— אַז עס וועט שוין באַוווּסט זיין — האָט הער סקאַראַשעווסקי געזאָגט — אין וועלכן אָרט דער שונא וועט פּרוּוון אַריבערצופֿירן דאָס חייל, וועלן מיר דאַן פֿון אַלע דריי לאַגערס זיך דאָרט צונויפֿקלייבן און אים צוריקשטויסן. איך ווידער וועל מיטן רשות פֿון די הויך־וווילגעבוירענע הער, גיין מיט אַ קליינער באַ־

גלייטונג קיין טשאַפּליִנעק. דאָס איז אַ פאַרלוירענע פּאָזיציע און איך וועל זיך פון איר צו דער רעכטער צייט צוריקציִען, אָבער דאָרט וועל איך פריִער פון אייך זיך דערוויסן וועגן שונא און וועל אייך, הויך־וווילגעבוירענע הערן, וועגן אים מודיע זיין.

אַלע האָבן מסכּים געווען צו דער־אָזיקער עצה און מ׳האָט גענומען אַ ביסל מונטערער זיך פאָרען אין לאַגער. די שליאַכטע איז צום סוף זיך צונויפגעפאָרן אין אַ צאָל פון בערך פופציִן טויזנט מאַן. די פעלד־אַרבעטער האָבן געשאָטן פאַרשאַנצונגען אויף אַ שטח פון זעקס מייל.

אויִשטשע, די הויפּט־פּאָזיציע, האָט מיט זייִנע מענטשן פאַרנומען דער פּויזנער וואָיעוואָדע. אַ טייל פון די ריטער איז פאַרבליבן אין וויעלון, אַ טייל אין פּילאַ, און דער הער וולאַדיסלאַוו סקאָראַשעווסקי איז אָפּגעפאָרן קיין טשאַפּליִנעק, כּדי פון דאָרט אויסצושפּירן דעם שונא.

עס איז געווען תּחילת יולי; די טעג זענען כּסדר געווען שייִנע און הייסע. די זון האָט אויף די פלאַכע שטחים אַזוי געבאַקן, אַז די שליאַכטע האָט זיך באַהאַלטן אין די וועלדער צווישן די ביימער, וואָס אונטער זייער שאָטן האָבן מאַנכע געהייסן אויפשלאָגן זייערע געצעלטן. דאָרט האָט מען אויך געפּראַוועט טומלדיקע און רוישיקע סעודות, און נאָך מער רעש האָט אָנגעמאַכט די דינערשאַפט, בפרט באַם אַרייִנטרייבן די פערד אין טייך און באַם אָנטרינקען זיי. צו אַ פּאָר טויזנט אויף אַמאָל האָט מען זיי יעדן טאָג דריי מאָל געטריבן צו די טייכן און דערביי האָט מען זיך געקריגט און געשלאָגן פאַרן בעסטן צוטריט צום ברעג.

אָבער דער גייסט איז אין אָנהייב געווען אַ גוטער, ניִשט קוקנדיק דערויף, וואָס דער פּויזנער וואָיעוואָדע אַליין האָט גיכער געווירקט, אַז ער זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן.

ווען וויטעמבערג וואָלט געווען אָנגעקומען אין די ערשטע טעג פון יולי, וואָלט ער זיך אוודאי געווען אָנגעשטויסן אויף אַ שטאַרקן ווידערשטאַנד, וועלכער וואָלט בהדרגה, וואָס מער די מענטשן וואָלטן אַריין אין ברען פון דער שלאַכט, געקענט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מסירת־נפש ניִשט צום בייקומען, ווי

דאס האט שוין אפט געטראפן, ווייל אין די אדערן פון דידאזיקע מענטשן, הגם זיי זענען פון מלחמות געווען אפגעוויינט, האט דאך געפלאסן ריטערלעך בלוט.

ווער ווייסט, צי א צווייטער יערעמי ווישניאוויעצקי וואלט נישט פארוואנדלט אוישטשע אין א צווייטן זבאראזש און נישט פארשריבן אין דידאזיקע גראבנס א נייעם ריטערלעכן רום-בלאט. אבער דער פויזנער וואיעוואדע האט צום אומגליק טאקע געקענט נאר שרייבן, אבער נישט קעמפן.

וויטעמבערג, א מענטש א מבין נישט בלויז אויף מלחמה, נאר אויך אויף מענטשן, האט אפשר בכיוון זיך נישט געאיילט. דער לאנגיעריקער נסיון האט אים געלערנט, אז א ביי-ווערבירטער זעלנער איז באזונדערס געפערלעך אין דעם ערשטן הייסן מאמענט און אז אפט פעלט אים נישט קיין גבורה, נאר געדולד, וועלכע עס ארבעט אויס נאר די פראקטיק. נישט איין מאל באוויזט ער צונצוגרייפן ווי א שטורעם די עלטסטע פולקן און אריבערצוגיין איבער זייערע טויטע גופים. דאס איז אן אייזן, וואס כל-זמן ס'איז רויט, רירט עס זיך, לעבט, שפריצט מיט פונקען, ברענט, מאכט א תל, אבער ווען עס איז שוין אפגעקילט, איז עס נאר א ליימענער גולם.

און באמת, אז עס איז אריבער א וואך, א צווייטע און ס'האט זיך אנגעהויבן א דריטע, איז דאס לאנגע ליידיקגיין גמאס געווארן דעם לאנד-שטורעם. די היצן זענען געווארן וואס אמאל שטארקער. די שליאכטע האט נישט געוואלט ארויסגיין אויף די מוסטערונגען, פארענטפערנדיק זיך דערמיט, וואס „די פערד, געשטאכן פון די מיקן, ווילן נישט איינשטיין אויפן ארט, און היות ווי די געגנט איז א בלאטיקע, איז פון די שטעכעדיקע פליגן נישט מעגלעך אויסצוהאלטן...״

די דינער האבן זיך וואס אמאל מער ארומגעשפערט צוליב שאטנדיקע ערטער, צוליב וועלכע ס'איז אויך צווישן די הארן געקומען צו געשלעגן אויף שווערטן. ס'פלעגט טרעפן, אז אוועקדרייענדיק זיך אין אוונט פון וואסער, איז איינער פון זיי היינטן

אַ וּם אַרויסגעפּאָרן פֿון לאַגער, כּדי דאָרט אַהין נישט מער צוריקצוקערן.

ס'האָט אויך פֿון אויבן נישט געפֿעלט קיין שלעכטער בײַשפּיל. גראָד ווען הער סקאַראַשעווסקי האָט פֿון טשאַפּליבעק געגעבן צו וויסן, אַז די שווערדן זענען שוין נישט ווייט, האָט מען אויף דער מלחמה-באַראַטונג באַפֿרייט אַהיים דעם הער זיגמונט גרודזשינסקי פֿון גראָדנאַ, דעם שווערדער סטאַראָסטעס זון, וועגן וואָס דער פּעטער אַנדזשעי, דער קאַלישער וואָיעוואָדע, האָט שטאַרק געבעטן.

— אויב איך זאָל דאָ דעם קאָפּ פֿאַרלירן — האָט ער געזאָגט — זאָל כאָטש אַ ברודערן-זון נאָך מיר ירשענען מײַן נאָמען און רום, כּדי מײַנע פֿאַרדינסטן זאָלן נישט לאיבוד גײן.

דאָ האָט ער מיט רירנדיקע ווערטער געוומען רעדן וועגן די יונגע יאָרן און תּמימות פֿון ברודערן-זון און אויך רימען זײַן פֿרײַגעביקייט, ווײַל ער האָט אין דער איצטיקער שלעכטער צײַט צוגעשטעלט דער רעפּובליק הונדערט זײַער גוטע פֿוסגייער. אין דער מלחמה-ראַט האָט מסכּים געווען צו דעם פּעטערס בקשות.

דעם 16-טן יולי אינדערפֿרי איז דעם סטאַראָסטעס זון מיט אַ צוואַנציק דינער אָפּן אַרויסגעפּאָרן פֿון לאַגער אַהיים. געווען איז דאָס כּמעט ערב דער באַלאַגערונג און שלאַכט. אַ המון פֿון שליאַכטע-לײַט האָט אים באַגלייט מיט שפּאָטישע אויסגעשרייען אַזש ביז אויף יענער זײַט לאַגער, און מיטן דאָזיקן המון האָט אָנגעפֿירט אָסטראָזשקאַ, וועלכער האָט פֿונדערווײַטנס נאָכגעשריגן דעם אָפּפֿ?רנדיקן:

— גנעדיקער הער זיגמונט, איך גיב דיר צום הערב און צום נאָמען אַ צולאָג: „ויברח!"

— זאָל לעבן ויברח-גרודזשינסקי! — האָט די שליאַכטע געשריגן.

— און נאָכן פּעטער זאָלסטו נישט ווײַנען! — האָט אָסטראָזשקאַ ווײַטער גערופֿן — פּונקט ווי דו, פֿילט ער אַן עקל

צו די שוועדן, און זאָלן זיי זיך נאָר באַווייזן, וועט ער זיך אַוודאי צו זיי מיט די פּלייצעס אומקערן!

דעם ייִנגען מאַגנאַט האָט דאָס בלוט אַ זעץ געטון אין פּנים אַריין, אָבער ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער הערט נישט די זלזולים, ער האָט נאָר געשטויסן דאָס פערד מיט די שפּאָרנס און דעם המון פֿונאַנדערגעטריבן, כּדי וואָס גיכער זיך צו געפֿינען ווייט פֿון לאַגער און פֿון די פּאַרפּאָלגער, וועלכע האָבן צום סוף, נישט אַכטנדיק אויפֿן יחוס און הויכע שטעלונג פֿון אָפּפֿאָרנדיקן, גענומען וואַרפֿן אויף אים שטיקער ערד און באַשרייען די מיאוסטע זידל־ווערטער.

עס איז געוואָרן אַזאַ טומל, אַז דער פֿויזנער וואָיעוואָדע איז אַליין אָנגעלאָפֿן מיט אייניקע ריטמייסטערס באַרויִקן דעם המון און דערקלערן, אַז דעם סטאַראָסטעס זון האָט באַקומען רשות אָפּצופֿאָרן נאָר אויף אַ וואָך, צוליב זייער וויכטיקע ענינים.

אָבער דער שלעכטער בײַשפּיל האָט געווירקט — און דעם־זעלבן טאָג האָבן זיך געפֿונען אַ פּאָר הונדערט שליאַכטיצעס, וועלכע האָבן נישט געוואָלט זײַן ערגער פֿון סטאַראָסטעס זון, הגם זיי האָבן זיך אַרויסגעדרייט מיט אַ קלענערער באַגלייטונג און שטילער. הער סטאַניסלאַוו סקשיטוסקי, דער קאַלישער ריטמייס־טער, און ברודערן זון פֿון באַרייטן זבאַראַזשער העלד יאַן, האָט זיך די האָר געריסן אויפֿן קאָפּ, ווײַל אויך זײַנע פּסגייער האָבן באַקטועדיק דעם בײַשפּיל פֿון דער שליאַכטע גענומען אַרויסלויפֿן פֿון לאַגער. מ'האָט ווידער צונויפֿגערופֿן אַ מלחמה־באַראַטונג, אין וועלכער די שלעכטע־לײַט האָבן דווקא געוואָלט זיך באַטייליקן. די נאַכט איז געווען אַ שטורעמדיקע, פֿול מיט געשרייען און אַמ־נערגישן. איבער דעם צווייטן האָט חושד געווען אין דער כּוונה צו אַנטלויפֿן. די קולות: „אָדער אַלע, אָדער קיינער נישט!" — האָבן זיך געטראָגן פֿון אַלע זײַטן.

יעדער ווײַלע האָבן זיך געהערט ידיעות, אַז די וואָיעוואָ־דעס גייען אַוועק — און עס איז אַנטשטאַנען אַזאַ ליאַרם, אַז די וואָיעוואָדעס האָבן אַ פּאָר מאָל זיך געמוזט באַווייזן פֿאַר די אויפֿ־

גערעגטע מאַסן. בערך פופצען טויזנט מענטשן זענען ביז טאָג געשטאַנען אויף די פערד און דער פויזנער וואָיעוואָדע איז געריטן צווישן זיי מיט אַן אָפּגעדעקטן קאָפּ, ענלעך אויף אַ רוימישן סענאַטאָר, און יעדע ווײַלע איבערגעחזרט די גרויסע ווערטער:

— גנעדיקע הערן! מיט אײַך לעבן און שטאַרבן!

מ'האָט אים אויפגענומען אין איניקע ערטער מיט וויוואַט־אויסרופן, אין אַנדערע האָבן זיך געלאָזט הערן שפּאָטישע אויסגעשרייען. ער ווידער, קוים האָט ער געהאַט אײַנגעשטילט דעם המון, איז ער צוריקגעגאַנגען צו דער באַראַטונג אַ פאַרמאַטערטער, אַ הייזעריקער, אַ פאַרשכּורטער פון דער גרויסקייט פון זײַנע אייגענע ווערטער און אַן איבערצייגטער, אַז ער האָט די נאַכט אָפּגעגעבן דעם פאָטערלאַנד אייביקע פאַרדינסטן.

אָבער אויף דער באַראַטונג האָט ער געהאַט קלענערע ווערטער אויף די ליפּן, ווײַל ער האָט זיך די באָרד געציפּט פון פאַרצווייפלונג, איבערחזרנדיק:

— גיט אַן עצה, גנעדיקע הערן, אויב איר קענט... איך נעם פון זיך אַראָפּ די אחריות פאַר דעם, וואָס וועט געשען, ווײַל מיט אַזאַ חיל איז נישט מעגלעך זיך צו פאַרטיידיקן.

— הויך־וואָלגעבוירענער וואָיעוואָדע! — האָט הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געענטפערט — דער שונא אַליין וועט מאַכן אַן עק צו דער דראָזיקער הפקרות און צו דידאָזיקע מהומות. זאָלן נאָר די האַרמאַטן זיך צעשפּילן, זאָל נאָר קומען צו דער פאַרטיידיקונג, צו דער באַלאַגערונג, וועט דיזעלבע שליאַכטע, אויב זייער אייגן לעבן וועט זיי טייער זײַן, מוזן אויף די שוץ־מויערן דינען, און נישט אין לאַגער זיך אַרומרייסן. אַזוי איז שוין נישט איינמאָל געווען!

— מיט וואָס וועלן מיר זיך אָבער פאַרטיידיקן? קיין האַרמאַטן האָבן מיר נישט, נאָר אונדזערע קליינע ביקסלעך, מיט וועלכע ס'איז גוט אָנצוקלאַפּן בשעת אַ סעודה.

— בײַ זבאַראַזש האָט כמיעלניצקי געהאַט זיבעצן טויזנט

הארמאַטן, און פירשט יערעמי נאָר אַ צאַנציק הארמאַטלעך און גראַנאַטן-וואַרפער.

— ער האָט אָבער געהאַט מיליטער און נישט לאַנד-שטורעם-לייט; ער האָט געהאַט זיינע פּילקן, וואָס האָבן אויף דער וועלט אַ שם געהאַט, און נישט פּריצימלעך, וואָס קענען נאָר שעפּסן שערן.

— זאָל מען שיקן נאָך דעם העד וולאַדיסלאַוו סקאָראַשעווסקי — האָט הער סענדזשיווי טשאַרנקאָווסקי, דער פּויזנער קאַשטעלאַן, זיך אָנגערופן. — זאָל מען מאַכן נאָך ראש פון לאַגער. די שליאַכטע האָט פאַר אים דרך-ארץ און ער וועט זי קענען האַלטן אין דער מורא.

— שיקן נאָך סקאָראַשעווסקין! צוואָס זאָל ער אין דראַהין אָדער טשאַפּלינעק זיצן! — האָט הער יענדזשעי גרודזשינסקי, דער קאַלישער וואָיעוואָדע איבערגעחזרט.

— יאָ! דאָס איז די בעסטע עצה! — האָבן אַנדערע שטימען זיך אָנגערופן.

און מ'האָט אַרויסגעשיקט אַ שליח צום הער וולאַדיסלאַוו סקאָראַשעווסקי — קיין אַנדערע החלטות האָט מען אויף דער באַראַטונג נישט אָנגענומען, דערפאַר האָט מען אַ סך גערעדט און באַקלאָגט זיך אויפן קעניג, אויף די קעניגין, אויפן פעלן פון מיליטער און אויף די פּאַרלאָזנקייט.

דער קומענדיקער פרימאָרגן האָט נישט געבראַכט נישט קיין נחת און נישט קיין באַרויקונג. אדרבא, דער כאַאָס איז געוואָרן נאָך גרעסער. עמעצער האָט פּלוצלינג אַרויסגעלאָזט אַ ידיעה, אַז די אַנדערש-גלוביקע, דהיינו די קאַלווינער, זענען נוטה צו די שוועדן און בײַ דער ערשטער געלעגנהייט זענען זיי גרייט אַריבערצוגיין צום שונא. גאָכמער, דידאָזיקע ידיעה האָט נישט אָפּגעלייקנט נישט הער שליכטינג און נישט די הערן קורנאַטאָווסקי, עדמונד און יאַצעק, אויך קאַלווינער, אָבער מענטשן, וואָס זענען דעם פאָטערלאַנד געווען איבערגעגעבן בלב ונפש. זיי האָבן, אדרבא, אַליין באַשטעטיקט, אַז די אַנדערש-גלוביקע שאַפן אַ באַזונדערן קרייז און רעדן זיך צונויף אונטער דער פירונג פון

באַקאַנטן היצקאָפּ און אכזר הער רעי, וועלכער האָט אין די יונגע יאָרן געדינט אין דייטשלאַנד אַלס פֿרייוויליקער אויף דער לוטערישער זייט און דערפֿאַר געווען אַ גרויסער פֿריינט פֿון די שוועדן. קוים האָט זיך דערדאָזיקער חשד פֿאַרשפּרייט צווישן דער שליאַכטע, האָבן באַלד אַ פֿופֿצען טויזנט שווערטן אַ בליץ געטאָן און אַן אמתער שטורעם איז אין לאַגער אַנטשטאַנען.

— בוגדים האָדעווען מיר! מיר האָדעווען שלאַנגען, וואָס זענען גרייט דער מאַמעס ברוסט צו בייסן! — האָט די שליאַכטע געשריגן.

— גיט זיי אהער דאָ!

— פֿאַרטיליקט זיי!... אַ בגידה, וואָס האָט איר גלייכן נישט, גנעדיקע הערן!... לאָמיר זיי עוקר-מן-השורש-זיין, אַז נישט וועלן מיר אַלע אומקומען.

די וואָיעוואָדעס און ריטמייסטערס האָבן ווידער געמוזט באַרויקן, אָבער דאָס איז זיי נאָך שווערער אָנגעקומען, ווי מיט אַ טאָג פֿריער. אגב, זענען זיי אַליין געווען איבערצייגט, אַז הער רעי איז גרייט אָפֿן צו באַגיין אַ בגידה לגבי דעם פֿאָטערלאַנד, ווייל דאָס איז געווען אַ פֿולקאָם פֿאַראייסלענדישטער מענטש און אַ חוץ דעם לשון, האָט ער אין זיך נאָר-נישט געהאַט פֿון פּוילישן גייסט. מ'האָט דעריבער באַשלאָסן אים משלח צו זיין פֿון לאַגער, וואָס עס האָט אַ ביסל באַרויקט די אויפֿגערעגטע געמיטער. פֿונדעסטוועגן האָבן נאָך לאַנג געהילכט די אויסגעשרייען:

— גיט זיי אהער! אַ בגידה! אַ בגידה!

אַ וווּנדערלעכע שטימונג האָט צום סוף באַהערשט דעם לאַגער. אַ טייל האָבן פֿאַרלוירן דעם מוט און אַריינגעפֿאַלן אין עצבֿות. אַ צווייטער טייל האָבן שטילשווייגנדיק אַרומגעבלאָנדזשעט איבער דער לענג פֿון די שוץ-מויערן, אָנשטעלנדיק דעם שרעקעוודיקן און טריבן בליק אויף די טאָלן, דורך וועלכע דער שונא האָט געזאָלט אָנקומען, אָדער זיי האָבן אין דער שטיל איבערגעגעבן וואָס אַמאָל ערגערע ידיעות.

אַנדערע האָט גאָר אַרומגעכאַפּט עפּעס אַ ווילדע, פֿאַרצווייפֿלטע פֿריילעכקייט און גרייטקייט זיך מוסר-נפֿש צו זיין, צו-

ליב דערדאָזיקער גרייטקייט האָט מען געפּראַוועט סעודות און געשכורט, כדי לוסטיק צו פאַרטרייבן די לעצטע טעג פון לעבן. נאָך אַנדערע האָבן אויך געטראַכט וועגן דער נשמה און די נאַכט פאַרבראַכט מיט תפילות. קיינער האָט אָבער אין דערדאָזיקער גאַנצער מענטשן־מאַסע נישט געטראַכט וועגן נצחון, גלייך ווי ער וואָלט גאָרנישט געקענט געזמאָלט זיין. און דער שונא האָט דאָך נישט געהאַט קיין גרעסערע כוחות: ער האָט געהאַט מער האַרמאַטן און בעסער אויסגעבילדעטע חיילות און אַ מנהיג, וועלכער האָט פאַרשטאַנען צו פירן אַ מלחמה.

און ווען פון איין זייט האָט דער פוילישער לאַגער אַזוי געקאָכט, געטומלט, געהוליעט, זיך אויפגעבראַוזט און באַרויקט, ווי אַ ים, איבער וועלכן עס ווישעוועט אַ וויכער, ווען דער לאַנד־שטורעם האָט אָפּגעהאַלטן אסיפות, ווי בשעת וואַלן פון אַ קעניג — האָבן פון דער צווייטער זייט איבער די רחבותדיקע, גרינע זומפּיקע שטחים באַ דער אָדרע, מאַרשירט די רויקע שוועדישע לעגיאָנען.

צוערשט איז געגאַנגען די בריגאַדע פון דער קעניגלעכער גוואַרדיע; עס האָט זי געפירט בענעדיקט האָרן, אַ מוראדיקער זעלנער, וואָס זיין נאָמען האָט מען אין דייטשלאַנד מיט שרעק דערמאָנט; די מענטשן זענען געווען צוגעקליבענע, הויך־געוואַקסענע, אָנגעטון אין געצאַקטע העלמען מיט לעפלעך ביז איבער די אויערן אַריבער, אין געלע לעדערנע קאַפּטאַנעס, באַוואָפנט מיט שווערדן און ביקסן. זיי זענען געווען קאַלט און פאַרביסן אין דער שלאַכט און גרייט אויף יעדן ווינק פון פירער.

קאַרל שעדינג, אַ דייטש, האָט געפירט די צווייטע וועסגאָטלאַנדישע בריגאַדע, וואָס איז באַשטאַנען פון צוויי פולקן פון פוסגייער און איין פולק פון שווערע רייטער, אָנגעטון אין פּאַנצערס און עפּאָלעטן; אַ העלפט פון די פוסגייער האָט געהאַט ביקסן, די צווייטע העלפט שפּיזן; אין אָנהייב פון דער שלאַכט זענען די שיסער געשטאַנען פאָרנט, און אין פאַל פון אַן אַטאַקע פון די רייטער האָבן זיי זיך צוריקגעצויגן הינטער די שפּיזן־

טרעגער, וועלכע האָבן איין עק פון דער שפּיז אַריינגעשטעקט אין דער ערד און דעם צווייטן אָנגעשטעלט אַקעגן די אָנלויפנ־דיקע פערד. בײַ טשטשאַנאַ, פאַר די צייטן פון זיגמונט דעם דריטן, האָט איין הוזאַרן־פּולק מיט די שווערטן און פערד צעטראָגן די זעלבע וועסטגאָטלאַנדישע בריגאַדע, אין וועלכער ס'האָבן איצט געדינט על־פּי־רוב דייטשן.

די צוויי סמאָלאַנדישע בריגאַדעס האָט אָנגעפירט אירווין, וועלכן מ'האָט גערופן „דער אייגהענטיקער", ווייל אין זיין צייט, בשעת ער האָט פאַרטיידיקט דאָס פאָלק, האָט ער געהאַט פאַר־לוירן די רעכטע האַנט, דערפאַר אָבער האָט ער אין דער לינקער געהאַט אַזאַ כוח, אַז מיט איין ריר האָט ער אָפּגעשניטן אַ קאָפּ פון אַ פערד; געווען איז דאָס אַ זעלנער אַ בייזער, וואָס האָט ליב געהאַט נאָר די מלחמה אין די בלוט־פאַרגיסונג, אַ קפדן סיי לגבי זיך און סיי לגבי די זעלנער. בשעת אַנדערע „קאַפּיטאַנען" האָבן זיך אין די כסדרדיקע מלחמות אויסגעאַרבעט אויף פאַכלייט, וואָס האָבן ליב די מלחמה צוליב דער מלחמה, איז ער אַלץ גע־בליבן דער זעלבער פאַנאַטיקער און געקוילעט מענטשן מיט אַ געזאַנג פון פרומע תפילות.

די וועסטרמאַלאַנדישע בריגאַדע איז געגאַנגען אונטער דראַ־קענבאָרגס פירונג, און די העלזינגערישע, וואָס איז באַשטאַנען פון וועלט־באַרימטע שיסער, אונטער דער פירונג פון גוסטאַוו אָקסענטיערנאָ, אַ קרוב פון באַרימטן קאַנצלער, אַ יונגער זעלנער, וואָס האָט געגעבן גרויסע האָפנונגען. פּולקאָווניק פון דער עסט־גאָטלאַנדישער בריגאַדע איז געווען פערסען, און מיט דער נערי־קער און ווערמלאַנדישער האָט אָנגעפירט וויטעמבערג אַליין, וועלכער איז צוגלייך געווען דער הויפּט־קאָמענדאַנט פון דער גאַנצער אַרמיי.

צוויי און זיבעציק האַרמאַטן האָבן אַריינגעפרעסט קנייטשן אין די פייכטע זומפּן, און געווען זענען איבעריקן 17 טויזנט זעלנער, מוראדיקע רויבער פון גאַנץ דייטשלאַנד, און אין דער שלאַכט אַזוי געשיקט, אַז באַזונדערס מיט די פוסגייער האָבן זיך קוים די קעניגלעכע פראַנצויזישע גוואַרדיעס געקענט פאַרגלייכן.

הינטער די פֿולקן האָבן זיך געצויגן די וועגנס און געצעלטן, און די פֿולקן זענען געגאַנגען אין אָרדנונג, יעדע רגע גרייט צו דער שלאַכט.

אַ וואָלד פֿון שפּיזן האָט אַרויסגעשטאַרט איבער דער מאַסע פֿון קעפּ, העלמען און קאַפּעלושן און צווישן דאָזיקן וואַלד האָבן געשטראַמט צו דער פּוילישער גרענעץ די גרויסע בלויע פֿולקן מיט ווייסע צלמים אינדערמיט.

מיט יעדן טאָג איז קלענער געוואָרן דער מרחק, וואָס האָט אָפּגעשיידט ביידע אַרמייען.

לסוף, דעם 27-סטן יולי, אין וואַלד באַם דאָרף היינריכס-דאָרף, האָבן די שוועדישע חיילות דערזען צום ערשטן מאָל דעם פּוילישן גרענעץ-סלופּ. אויף דעמדאָזיקן אָנבליק האָט דאָס גאַנצע חייל אַרויסגעלאָזט אַ גרויס געשריי, עס האָבן אַ הילך געטון די טרומייטן, קעסלען און פּויקן און אַלע פֿולקן האָבן זיך אויסגעשטעלט אין רייען. וויטעמבערג איז אין באַגלייטונג פֿון גלענצנדיקן שטאַב אַרויס פֿאָרן מיליטער און אַלע פֿולקן זענען פֿאַר אים פֿאַרבייגעגאַנגען, פּרעזענטירנדיק דאָס געווער, די רייטער מיט די אַרויסגעצויגענע שווערטן, די האַרמאַטן מיט די אָנגעצונדענע קנויטן. געווען איז עס מיטאָג-צייט, דאָס וועטער איז געווען הערלעך. די וואַלד-לופט האָט געשמעקט מיט זשיוויצע.

דער גרויער, מיט זון-שטראַלן פֿאַרגאָסענער וועג, וועלכן די שוועדישע פֿולקן זענען דורכגעגאַנגען, אַרויסלויפנדיק פֿון היינריכסדאָרפער וואַלד, איז פֿאַרפֿאַלן געוואָרן אויפן האָריזאָנט. ווען די חיילות, וואָס זענען דורך אים געגאַנגען, זענען ענדלעך אַרויס פֿון וואַלד, האָט זיך פֿאַר זייערע אויגן אַנטפּלעקט אַ פּרייַלעך צעשמייכלט לאַנד, וואָס האָט געבלאַנקט מיט געלע פֿעלדער און פֿעלדער תבואות, ערטערווייז באַזייעט מיט וועלדער, ערטערווייז גרינע פֿון די לאָנקעס. דאָ און דאָרט זענען העט ווייט הינטער די וועלדער רויך-קנוילן אויפגעגאַנגען צום הימל; אויף די פֿעלדער האָט מען געזען סטאַדעס זיך פּיטערן. דאָרט, ווו עס האָט זיך די לאָנקעס געלויכטן אַ ברייט פֿונאַנדערגעגאָסן וואַסער, זענען באַטשאַנעס זיך רויק אַרומגעגאַנגען.

עפּעס אַ שטילקייט און אַ מתיקות איז אומעטום געווען אויסגעגאָסן איבער דער דראָזיקער ערד, וואָס האָט געפלאָסן מיט מילך און האָניק. און עס האָט זיך געדאַכט, אַז זי שפּרייט זיך אויס וואָס אַמאָל ברייטער און עפנט די אָרעמס פאַר די חיילות, גלייך ווי זי וואָלט באַגריסט נישט אָנפאַלער, נאָר געסט, וואָס קומען מיט גוטע כוונות.

אויף דעמדאָזיקן אָנבליק האָט אַ נייער אויסגעשריי זיך אַרויסגעריסן פון די ברוסטן פון אַלע זעלנער, און באַזונדערס פון די איינגעבוירענע שוועדן, וואָס זענען געוווינט געווען צו דער נאַקעטער, אָרימער, ווילדער נאַטור אין אייגענעם לאַנד. די הערצער פון רויבערישן און אָרימען פאָלק האָט באַוועלטיקט אַ הייסער באַגער צו פאַרכאַפּן דידאָזיקע אוצרות און עשירות, וועלכע האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר זייערע אויגן. התלהבות האָט אַרומגענומען די רייען.

אָבער די זעלנער, וואָס זענען פאַרהאַרטעוועט געוואָרן אין פייער פון דער דרייסיקיעריקער מלחמה, האָבן זיך געריכט, אַז דאָס וועט זיי גרינג נישט אָנקומען, ווייל דאָסדאָזיקע געבענטשטע לאַנד איז דאָך געווען באַוווינט פון אַ ווימלדיקן און דערצו ריטערלעכן פאָלק, וואָס האָט עס פאַרשטאַנען צו פאַרטיידיקן. עס איז נאָך שוועדן געלעגן אין זכרון דער מוראדיקער פּאָגראָם בײַ קירכהאָלם, ווו דריי טויזנט רייטער אונטער כאָדקעוויטשס קאָמאַנדע האָבן צעריבן אויף שטויב אַכצען טויזנט פון די בעסטע שוועדישע חיילות, אין די כאַטעס פון וועסטגאָטלאַנד, סמאַלאַנד אָדער דאַלעקאַריאַ האָט מען דערציילט וועגן דידאָזיקע באַפליגלטע ריטער, ווי וועגן ריזן פון אַ מעשהלע. נאָך בעסער האָבן זיי געדענקט די קאַמפן פאַר גוסטאַוו אַדאָלפס צייטן, ווייל עס זענען נאָך נישט אויסגעשטאָרבן די מענטשן, וואָס האָבן זיך אין זיי באַטייליקט. האָט דאָך יענער סקאַנדינאַווישער אָדלער, איידער ער איז דורכגעפלויגן גאַנץ דייטשלאַנד, צוויי מאָל זיך אָפּגעבראָכן די פליגל אין צוזאַמענשטויס מיט קאָניעצפּאָלסקיס לעגיאָנען.

די שמחה אין די שוועדישע הערצער האָט זיך דעריבער אויסגעמישט מיט אַ געוויסער מורא, פון וועלכער אויך וויטעמבערג,

דער הויפּט-קאָמענדאַנט אַליין, איז נישט פריי געווען. ער האָט געקוקט אויף די פּאָ ביי־גייענדיקע פּולקן פון פוסגייער און רייטער מיט אַזאַ אויג, מיט וועלכן אַ פּאַסטוך קוקט אויף זיין סטאַדע; דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו אַ פּעטלייביקן מענטש, וועלכער האָט געטראָגן אַ קאַפּעליוש מיט אַ פּעדער און אַ העלן פּערוק, וואָס איז אַראָפּגעפאַלן אויף די אַקסלען:

— איר זענט מיר ערב, גנעדיקער הער — האָט ער געזאָגט — אַז מיט דידאָזיקע כּוחות קען מען צעברעכן די חיילות, וואָס שטייען באַ אוישטשע?

דער מענטש אין העלן פּערוק האָט אַ שמייכל געטון און געענטפערט:

— איר קענט זיך, גנעדיקער הער, אינגאַנצן פאַרלאָזן אויף מיינע ווערטער. פאַר וועלכע איך בין גרייט מיט מיין קאָפּ גוט-צו-זאָגן. ווען באַ אוישטשע וואָלטן געווען רעגולערע חיילות און ווער עס איז פון די העטמאַנעס, וואָלט איך דער ערשטער אָפּגעראָטן פון איילן זיך און געהייסן צוואַרטן, ביז זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט וועט אָנקומען מיט דער גאַנצער אַרמיי; אָבער אַקעגן דעם לאַנד-שטורעם און דידאָזיקע גרויס-פּוילישע שררות וועלן אונדזערע כּוחות זיין נאָך די-והותר.

— און מען וועט זיי נישט צושיקן קיין שום פאַרשטאַרקונגען?

— קיין פאַרשטאַרקונגען וועט מען נישט צושיקן צוליב צוויי טעמים: ערשטנס דערפאַר, ווייל אַלע חיילות, וועלכע עס איז בכלל פאַרהאַן ווייניק, זענען פאַרנומען אין ליטע און אין אוקראַינע; צווייטנס, ווייל סיי דער קעניג יאַן קאַזשימיעזש, סיי די קאַנצלערס, סיי דער סענאַט אין וואַרשע ווילן נאָך ביז איצט נישט גלייבן, אַז נישט קוקנדיק אויף דעם שלום-אָפּמאַך און אויף די לעצטע דעפּוטאַציעס און אויף די גרייטקייט צו הנחות, האָט זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט באמת אָנגעהויבן די מלחמה. זיי זענען בטוח, אַז דער שלום וועט נאָך אין דער לעצטער רגע געשלאָסן ווערן... כאַ! כאַ!

דאָ האָט דער פּעטלייביקער מענטש אַראָפּגענומען דעם קאַ-

פעליש, אָפּגעווישט דאָס רויטע פּנים פון שווייס און צוגע־געבן:

— טרובעצקי און דאָלגאָרוקי זענען אין ליטע, כמיעלניצקי אין אוקראַינע, און מיר גייען אַריין קיין גרויס־פּוילען... אָט צוואָס עס האָט דערפירט די ממשלה פון יאַן קאַזשימיערוש!

וויטעמבערג האָט אויף אים אַ קוק געטון מיט פאַרחידושטע אויגן און געפרעגט:

— און אייך, גנעדיקער הער, טוט הנאה דער־דאָזיקער געדאַנק?

— און מיר טוט הנאה דער־דאָזיקער געדאַנק, ווייל עס וועט געגומען ווערן נקמה פאַר מיינע עוולות און פאַר מיין אומשולדיקייט; און אַ חוץ דעם זע איך שוין בחוש, אַז אייער שווערט, גנעדיקער הער, און מיינע עצות וועלן די־דאָזיקע ביידע, די־דאָזיקע שענסטע קרוין אין דער וועלט אַרויפלייגן אויף קאַרל גוסטאַווס קאָפּ.

וויטעמבערג האָט זיך איינגעקוקט אין די ווייטקייטן, האָט מיט זיין בליק אַרומגענומען די וועלדער, זומפּן און געבענטשטע פעלדער און אין אַ ווייל אַרום זיך אָנגערופן:

— יאָ! שיין איז די־דאָזיקע לאַנד און פרוכפּערדיק... איר, גנעדיקער הער, קענט אויך זיכער זיין, אַז נאָך דער מלחמה וועט זיין קעניגלעכע מאַיעסטעט דאָ קיין אַנדערן די העכסטע מאַכט נישט איבערגעבן.

דער פּאָטלייביקער מאַן האָט ווידער דעם קאַפּעליוש אַראָפּגענומען.

— און איך וויל אויך קיין אַנדערן מושל נישט האָבן — האָט ער צוגעגעבן, צופהייבנדיק די אויגן צום הימל.

דער הימל איז געווען אַ קלאָרער און אַ לויטערער, קיין שום דונער איז נישט אַראָפּגעפאַלן און נישט צעריבן אויף שטויב דעם בוגד, וועלכער האָט זיין לאַנד, וואָס קרעכצט שוין אונטער דער לאַסט פון צוויי מלחמות און איז אויסגעמאַטערט ביז גאָר, איבערגעענטפערט אויף דער־דאָזיקער גרענעץ אין רשות פון שונא.

ווײַרים דער מאַן, וואָס האָט גערעדט מיט וויטעמבערגן, איז געווען הירעראָנים ראַדזשעיאָווסקי, דער געוועזענער קרוין־וויצע־קאַנצלער, וועלכער האָט זיך איצט פאַרקויפט צו די שוועדן אַקעגן דעם פאָטערלאַנד.

זיי זענען אַ געוויסע צייט געשטאַנען שטילשווייגנדיק; ביינוי־לבינו זענען די לעצטע צוויי בריגאַדעס, די נעריקער און ווערמ־לאַנדישער, איבער די גרענעץ, נאָך זיי האָבן גענומען די קאַ־נאָנען זיך קאַטשען, די טרומייטן האָבן נאָך כסדר געשפּילט און דאָס געקנאַל פון די קעסלען און געבראָום פון די פויקן האָט פאַרטויבט די טריט פון די זעלנער און פיל געמאַכט דעם וואַלד מיט אַן אימהדיקן געהילך. צום סוף האָט אויך דער שטאַב זיך גערירט פון אָרט. ראַדזשעיאָווסקי איז געפאָרן לעבן וויטעמ־בערגן.

— אַקסענטיערנאַן זעט מען נישט — האָט וויטעמבערג גע־זאָגט — כ'האָב מורא, צי ס'האָט אים נישט געטראָפן עפּעס אַ סיבה. כ'ווייס נישט, צי דאָס איז געווען אַ גוטע עצה צו שיקן אים אַלס טראָמפּייטער מיט בריוו קיין אוישטשע.

— די עצה איז געווען אַ גוטע — האָט ראַדזשעיאָווסקי געענטפערט — ווייל ער וועט דעם לאַגער באַקוקן, די פירער זען און דערגיין, וואָס מען טראַכט דאָרט, און דאָס וואָלט אַ ליאַדע דינער נישט באַוויזן אויסצופירן.

— און אַז מ'וועט אים דערקענען?

— נאָר איין רעי קען אים דאָרט, און ער איז אַ משלגידי־קער. איבעריקנס, אַז מ'וועט אים אפילו יאָ דערקענען, וועט מען אים אויך קיין שלעכטס נישט טון, מען וועט אים נאָך געבן צידה־לדרך און שכר־הליכה... איך קען די פּאָליאַקן און ווייס, אַז זיי זענען אַלץ גרייט צו טון, אַבי פאַר פרעמדע זיך צו ווייזן פאַר אַ פיין פאָלק. אונדזערע אַלע כוחות פטרן מיר דערויף, אַז פרעמדע זאָלן אונדז לויבן... וועגן אַקסענטיערנאַן קענט איר, גנעדיקער הער, רויק זיין, ווייל קיין האָר וועט אים אויפן קאָפּ נישט גערירט ווערן. מ'זעט אים נישט, ווייל די צייט איז נאָך צו קורץ, אַז ער זאָל קענען צוריק זיין.

— און ווי מיינט איר, גגעדיקער הער, וועלן אונדזערע בריוו עפעס האָבן אַ פּעולה ?

ראַדזשעיאָווסקי האָט זיך צעלאַכט.

— אויב איר וועט מיר דערלויבן, גנעדיקער הער, צו זיין אַ נביא, וועל איך פאָרויסזאָגן, וואָס עס וועט זיין. דער הער פּויזנער וואָיעוואָדע איז אַ מענטש אַ געלערנטער און אַ וועלט-קלוגער, ער וועט דעריבער אונדז זייער קליג און זייער העפלעך אָפּשרייבן ; היות אָבער, ווי ער האָט ליב צו גילטן פאַר אַ רוימער, וועט אויך זיין תשובה זיין דורך און דורך רוימיש ; ער וועט זאָגן קודם-כל, אַז ער וויל בעסער דעם לעצטן טראָפּן בלוט פאַרגיסן, איידער זיך אונטערגעבן, אַז דער טויט איז בעסער פון דער שאַנד, און די ליבשאַפט, וואָס ער פילט צום פאָטערלאַנד, באַפעלט אים צו פאַלן פאַר איר אויף דער גרעניץ.

ראַדזשעיאָווסקי האָט גענומען לאַכן נאָך העכער, און חיטעמבערגס טריבע פּנים האָט זיך אויך אויסגעלייטערט.

— איר האַלט נישט, גנעדיקער הער, אַז ער וועט גרייט זיין צו טון אַזוי, ווי ער שרייבט ? — האָט ער געפרעגט.

— ער ? — האָט ראַדזשעיאָווסקי געענטפערט — אמת, אַז ער האָט ליב דאָס פאָטערלאַנד, אָבער זיין ליבשאַפט ציט איר יניקה פון מינט און דערפאַר איז זי מאָגערער אפילו פון זיין הויף-לץ, וועלכער העלפט אים פעדזן צונויפשטעלן. איך בין זיכער, אַז נאָך דער רוימישער תשובה וועט גיין אַ סדרה ווינטשעוונישן פון געזונט און הצלחה און גרוסן פאַר דער דינערשאַפט און צום סוף אַ בקשה, אַז מיר זאָלן זיינע און זיינע קרובימס גיטער פאַרשוינען, פאַרוואָס ער וועט אונדז דאַנקבאַר זיין צוזאַמען מיט אַלע זיינע קרובים.

— און וואָס וועט סוף-כל-סוף זיין די פּעולה פון אונדזערע בריוו ?

— אַז זיי וועלן אָפּשוואַכן דעם גייסט ביז גאָר, אַז די סענאַטאָרן וועלן מיט אונדז נעמען אונטערהאַנדלען און אַז מיר וועלן נאָך אַ פּאָר שאָסן אין דער לופט גאַנץ גרויס-פּוילן פאַרנעמען.

— הלוואי אייער נביאות זאָל מקוים ווערן...

— איך בין זיכער, אַז עס וועט אַזוי זיין, ווייל איך קען דידאָזיקע מענטשן, כ'האָב אויך פריינט און אָנהענגער אין גאַנצן לאַנד און ווייס, וואָס איך האָב צו טון... און אַז איך וועל גאָרנישט דורכלאָזן, איז דערפאַר ערב די עוולה, וואָס יאַן קאַזשימיערזש איז לגבי מיר באַגאַנגען און די ליבע צו קאַרל גוסטאַוון. די מענטשן בא אונדז איז אַ סך טייערער דאָס אייגענע פאַרמעגן, איידער די גאַנצקייט פון דער רעפּובליק. דידאָזיקע אַלע לענדער, איבער וועלכע מיר וועלן איצט גיין, זענען דאָס פאַרמעגן פון די אָפּאַלינסקיס, טשאַרנקאָווסקיס, גרודזשינסקיס, און היות ווי גראַד זיי שטייען בא אוישטשע, וועלן זיי טאַקע זיין נאָכגעביקער בא אונטערהאַנדלונגען, וואָס שייך דער שליאַכטע, זאָל מען נאָר איר די פרייהייט פון אָפּהאַלטן אסיפות גאַראַנטירן, וועט זי אויך נאָכטון דעם ביישפּיל פון די הערן וואָיעוואָדעס.

— מיט אייער קענטעניש פון לאַנד און פון די מענטשן גיט איר אָפּ זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט אומגעוויינטלעך גרויסע פאַרדינסטן, וועלכע קענען נישט בלייבן אָן אַ לפי־ערך גרויסן שכר. דערפון, וואָס איך הער פון אייך, דרינג איך, אַז איך קען דאָסדאָזיקע לאַנד האַלטן פאַר אונדזער.

— איר קענט, גנעדיקער הער! איר קענט! איר קענט! — האָט ראַדזשעיאָווסקי אַפּאַר מאָל גיך איבערגעחזרט.

— צוליב אַזוי פאַרנעם איך עס אין נאָמען פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט קאַרל גוסטאַוו — האָט וויטעמבערג ערנסט אָפּגעענטפערט.

ווען די שוועדישע חיילות האָבן הינטער היינריכסדאָרף גענומען טרעטן די גרויס־פּוילישע ערד, איז פריער, ווייל נאָך דעם 18. יולי, אָנגעקומען אין פּוילישן לאַגער דער שוועדישער טראָמפּייטער מיט בריוו צו די וואָיעוואָדעס פון ראַדזשעיאָווסקין און וויטעמבערגן.

הער וולאַדיסלאַוו סקאָראַשעווסקי האָט אים אַליין אויפגעפירט צום פּויזנער וואָיעוואָדע, און די שליאַכטע פון לאַנדשטערעם האָט נייגעריג געקוקט אויפן „ערשטן שוועד", באַוואונדער־

דיק זיין טיכטיקע פיגור, מוטיק געזיכט, געלע וואָנסעס, וואָס זע־נען בײַ די עקן געווען אַרויפגעקעמט, ווי אַ ברייט בערשטל, און די עכט־שררהשע מינע. די מאַסן האָבן אים באַגלייט צום וואָיע־וואָדע, באַקאַנטע האָבן זיך צוגעפּגערעדט פונדערווייטנס, מ׳האָט אויף אים געטייט מיט די פינגער, געלאַכט אַ ביסל פון זיינע שטיוול, וואָס זענען געווען פאַרענדיקט מיט אַ גרויסער רונדי־קער כאַלעווע, און פון דער לאַנגער, גראָדער שווערט, וועלכע מ׳האָט אַ נאָמען געגעבן בראָט־שפּיז. זי האָט געהאָנגען אויף אַ העגגער, וואָס איז געווען מיט אַ שפּע פון זילבער אויסגעהאָפּטן. דער שוועד ווידער האָט אויך בייגעריק געוואָרפן מיט די אויגן פון היגטער דעם ברייטן קאַפּעליוש, גלייך ווי ער וואָלט וועלן דעם לאַגער גוט באַקוקן און די כוחות איבערציילן, דאָ ווידער האָט ער זיך צוגעקוקט צו די מאַסן פון די שליאַכטע־לייט, וואָס זייער מזרחדיקע הלבשה איז אַפּנים פאַר אים געווען אַ נייעס.

צום סוף האָט מען אים אַריינגעפירט צום וואָיעוואָדע, בײַ וועלכן עס זענען געווען פאַרזאַמלט אַלע היכע באַאַמטע, וואָס האָבן זיך געפונען אין לאַגער.

מ׳האָט תיכף איבערגעלייענט די בריוו און עס האָט זיך אָנגע־הויבן די באַראַטונג. דעם שליח האָט דער הער וואָיעוואָדע איבערגע־געבן די הויף־לייט, אַז זיי זאָלן אים מכבד זיין אויפן זעלנערישן שטייגער; פון די הויף־לייט האָט אים אָוועקגענומען די שליאַכטע און באַוואונדערנדיק אים כסדר, ווי עפּעס אַ חידושדיקע זאַך, האָט זי מיט אים געגומען שכורן אויף וואָס די וועלט שטייט.

הער סקאָראַשעווסקי האָט זיך צו אים אויך שטאַרק צוגע־קוקט, אָבער צוליב אַן אַנדערן טעם: ער האָט חושד געווען, אַז דאָס איז עפּעס אַן אָפיציר, וואָס האָט זיך פאַרשטעלט פאַר אַ טראָמפּייטער; ער איז אַפילו מיטן דאָזיקן געדאַנק אַוועק אין אָוונט צום הער וואָיעוואָדע; דער האָט אָבער געענטפערט, אַז דאָס איז אַלץ איינס און האָט נישט דערלויבט אים צו אַרעסטירן.

— ווען אַפילו דאָס זאָל זיין וויטעמבערג אַליין — האָט ער געזאָגט — איז ער אָבער געקומען אַהער אַלס שליח און

דאַרף בשלום אָפּפאָרן... איך וועל אים נאָך הייסן געבן צען דוקאַטן אויפֿן וועג.

דער טראָמפּייטער האָט דערווייל געשמועסט אויף אַ געבראָכענעם דייטש מיט יענע פֿון דער שליאַכטע, וועלכע האָבן פֿאַרשטאַנען דידאָזיקע שפּראַך דורך זייערע באַציִונגען מיט פּרייסישע שטעט, און ער האָט זיי דערציילט וועגן די נצחונות, וואָס וויטעמבערג האָט אין פֿאַרשידענע מדינות אָפּגעהאַלטן, וועגן די כּוחות, וואָס גייען צו אוישטשע־צו, און באַזונדערס וועגן די אומדערהערט ווייט־שיסנדיקע קאַנאָנען, וואָס עס איז גאָרנישט מעגלעך זיי זיך אַקעגנצושטעלן. די שליאַכטע האָט דערפֿון גישט ווייניק צער געהאַט און פֿאַרשידענע גוזמאדיקע ידיעות האָבן זיך באַלד גענומען פֿאַרשפּרייטן איבערן לאַגער.

יענע נאַכט איז כּמעט קיינער נישט געשלאָפֿן אין גאַנץ אוישטשע, ווייל קודם־כּל זענען אַרום האַלבער נאַכט אָנגעקומען די מענטשן, וועלכע זענען ביז איצט געשטאַנען אין באַזונדערע לאַגערס בײַ פּילאַ און וויעלון. די הויכע באַאַמטע האָבן זיך משאל־עצה געווען איבער דער תשובה ביזן ווייסן טאָג אַריין, און די שליאַכטע האָט פֿאַרבראַכט די צייט מיט דערציילונגען וועגן דער שוועדישער מאַכט.

מיט אַ געוויסער פֿיבערהאַפֿטער בייגעריקייט האָט מען אויסגעפֿרעגט דעם טראָמפּייטער וועגן די קאָמענדאַנטן, חייל, געווער, מלחמה־פֿירונג און פֿון מויל צו מויל האָט מען איבערגעגעבן יענע תשובה זײַנע. די באַנטקייט פֿון די שוועדישע חיילות האָט צוגעגעבן אַן אומגעוויינטלעכן אינטערעס די אַלע פּרטים, וועלכע זענען אָבער נישט געווען פֿון דעם מין, אַז זיי זאָלן אויך קענען צוגעבן מוט.

פֿאַרטאָגס איז הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי אָנגעקומען מיט דער ידיעה, אַז די שוועדן זענען שוין צוגעקומען ביז וואַלטש, איין טאָג מאַרש פֿון פּוילישן לאַגער. ס׳האָט זיך תּיכּף אָנגעהויבן אַ פֿאַרעניש און אַ לויפֿעניש; דאָס רוב פֿערד צוזאַמען מיט דער דינערשאַפֿט זענען געווען אויף פּאַשע אויף די לאָנקעס, מ׳האָט דעריבער נאָך זיי געשיקט אין גרעסטן אײַלעניש. די פּאָויאַזן

האָבן זיך געזעצט אויף די פערד און זיך אויסגעשטעלט פּולקנ־ווייז. דער מאָמענט פאַר דער שלאַכט איז פאַר דעם נישט אויסגעבילדעטן זעלנער געווײנטלעך דער שרעקלעכסטער; איידער די ריטמייסטערס האָבן באַוויזן ווי עס איז איינצופירן אַ סדר, האָט דעריבער אַ לאַנגע צייט געהערשט אַ מוראדיק צעמישעניש.

מ'האָט נישט געהערט קיין קאָמאַנדע, נישט קיין טראָמייטן, נאָר שטימען, וואָס האָבן פון אַלע זייטן גערופן: „יאַן! פּיאָטר! אָנופרי! אַהער!... אַז דערהרגעט זאָלסטו ווערן! דערלאַנג די פערד!... ווו איז מיין דינערשאַפט?... יאַן! פּיאָטר!"
ווען אין דער רגע וואָלט זיך דערהערט איין שאָס פון אַ האַר־מאַט, וואָלט דאָס צעמישעניש לייכט געקענט אין אַ בהלה פאַר־וואַנדלט ווערן.

ביסלעכווייז אָבער האָבן זיך די פּאָוויאַטן אויסגעשטעלט אין אָרדנונג. די איינגעבוירענע בטיה פון דער שליאַכטע צו דער מלחמה האָט אין אַ געוויסער מאָס פאַרביטן די פעלנדיקע געניט־קייט און אַרום מיטאָג־צייט האָט שוין דער לאַגער מיט זיך פאַר־געשטעלט אַן אימפּאָנירנדיק בילד. די פוסגייער זענען געשטאַנען אויף די שוץ־מויערן, ענלעך אויף בלומען אין זייערע פאַרשידנ־קאָלירטע הלבשות; אַ רויך איז אויפגעגאַנגען פון די אָנגעצונדענע קנויטן, און מחוץ די מויערן, אונטערן שוץ פון די קאַנאָנען, זענען די זומפּן און דער טאָל פול געוואָרן מיט די פּאָוויאַטאָווע רייטער־פּולקן, וועלכע זענען געשטאַנען אויסגעסדרט אויף די טיכטיקע פערד, וואָס זייער הירזשען האָט אַרויסגערופן אַ ווידערקול אין די גאַנצע וועלדער און דורכגענומען די הערצער מיט אַ קריגערישער התלהבות.

דערווייל האָט דער פּויזנער וואָיעוואָדע אַוועקגעשיקט דעם טראָמפּייטער מיט אַ תשובה אויף די בריוו, אין וועלכער עס איז מער־ווייניקער געזאָגט געוואָרן דאָס, וואָס ראַדזשעיאָווסקי האָט פאָרויסגעזאָגט; די תשובה איז בכן געווען אַ העפלעכע און צו־גלייך אַ רוימישע. דערנאָך האָט ער באַשלאָסן אַרויסצושיקן אַ קליינע אָפּטיילונג אויפן צפונדיקן ברעג פון טייך נאָטעטש אויף צו כאַפּן אַ פײַנטלעכן אויסזאָגער.

פּיאָטר אָפּאַלינסקי, דער פּאָדלעסיער וואָיעוואָדע, דעם פּויזנער וואָיעוואָדעס אַ ברודערנזון, האָט געוואָלט בכבודו-ובעצמו מיטפאָרן מיט דער אָפּטיילונג צוזאַמען מיט זיינע דראַגונער, וועלכע ער האָט אין אַ צאָל פון הונדערט פופציק קיין אוישטשע אַראָפּגעבראַכט, און אַ חוץ דעם זענען די הערן ריטמייסטערס סקאָראַשעווסקי זיגמונט און סקשעטוסקי באַאויפטראָגט געוואָרן צו רופן פרייוויליקע מצד דער שליאַכטע, וואָס געהערט צום לאַנדשטורעם, כדי אויך זי זאָל דעם שונא אַ קוק טון אין די אויגן אַריין.

ביידע זענען דעריבער געפאָרן פאַר די רייען, דערקוויקנדיק די הערצער מיט זייער געווער און שיינע האַלטונג; הער סטאַניסלאַוו אַ שוואַרצער ווי אַ ראָב, ווי אַלע סקשעטוסקיס, מיטן העלדישן פּנים, וואָס האָט אָנגעוואָרפן אַ מורא און איז געווען באַצירט מיט אַ לאַנגן שיפן שראַם, אַן איבערבלייבעניש פון אַ שניט מיט דער שווערד, מיט דער פעך-שוואַרצער, אויפן ווינט צעלאָזטער באָרד; הער וולאַדיסלאַוו אַ פעטער, מיט לאַנגע העלע וואָנסעס, מיט אַן אַרויפגעצויגענער הינטערשטער ליפּ און מיט אויגן אין רויטע רעמלעך, אַ מילדער און גוטמוטיקער. ער האָט ווייניקער דערמאָנט מאַרסן, אָבער דערביי איז דאָס געווען אַ כשרע זעלנערישע נשמה, וואָס איז, ווי אַ סאַלאַמאַנדרע, געווען איינגעליבט אין פייער, אַ ריטער, וואָס האָט געקענט די מלחמה ווי זיינע פינגער און פאַרמאָגט אַן אומפאַרגלייכלעכן מוט. דורכפאָרנדיק די רייען, וואָס זענען געווען אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער ליניע, האָבן ביידע יעדע ווייל איבערגעחזרט;

— נו, גנעדיקע הערן, ווער וויל זיך פרייוויליק צום שוועד אונטערגעבן? ווער האָט חשק פּולווער צו שמעקן? נו, גנעדיקע הערן, ווער גייט אַלס פרייוויליקער?

זיי זענען שוין דורכגעפאָרן אַ שפּאַר שטיקל וועג — אָבער אָן אַ פּעולה, ווייל פון די רייען האָט זיך קיינער נישט אַרויסגערוקט. איינער האָט זיך אומגעקוקט אויפן צווייטן, געווען אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַט חשק צו גיין און נישט מורא געהאַט פאַר די שוועדן, אָבער די אומדרייסטקייט האָט זיי צוריקגעהאַלטן, נישט

איינער האָט אַ שטויס געטון דעם שכן מיטן עלנבויגן און געזאָגט: „גיי דו, וועל איך אויך גיין״.

די ריטמייסטערס זענען שוין געוואָרן אומגעדולדיק, אָבער מיטאַמאָל, ווען זיי זענען צוגעפאָרן צום גנעזנער פּולק, איז עפּעס אַ פאַרשידנפאַרביק געקליידטער מענטש אַרויסגעשפּרונגען אויף אַלע פיר נישט פון דער ריי, נאָר פון הינטער דער ריי און אויסגעשריגן:

— גנעדיקע הערן לאַנד־שטורמער, איך בלייב אַ פרייוויליקער, און איר — לצים!

— אָסטראָזשקאַ! אָסטראָזשקאַ! — האָט די שליאַכטע אויסגערופן.

— פּינקט אַזאַ גוטער שליאַכטשיץ, ווי יעדער! — האָט דער לץ געענטפערט.

— טפו! צו אַלדי רוחות! — האָט הער ראַשינסקי, דער אונטער־ריכטער, אויסגערופן — שוין גענוג לצנות געמאַכט! איך גיי!

— איך אויך! איך אויך! — האָבן אַ סך שטימען זיך אָנגערופן.

— איינמאָל האָט מיך די מאַמע געבוירן, איינמאָל וועל איך שטאַרבן!

— ס׳וועלן זיך געפינען אַזעלכע גוטע מענטשן, ווי דו ביסט!

— יעדער מעג! זאָל דאָ קיינער זיך נישט איבערגמען!

און אַזוי ווי עס האָט זיך פריִער קיינער נישט געשטעלט, אַזוי האָט זיך איצט די שליאַכטע גענומען שיטן פון אַלע פּולקן — זיי האָבן זיך אַריבערגעיאָגט מיט די פערד, פאַרטשעפּעט זיך איינער אין אַנדערן און זיך בשעת־מעשה אַ ביסל געקריגט. כהרף־עין האָבן זיך צוגעשטעלט אַ פינף הונדערט פערד, און מ׳איז נאָך כסדר פון די רייען אַרויסגעפאָרן. הער סקאָראַשעווסקי האָט גענומען לאַכן מיט זיין הערציקן, גוטמוטיקן געלעכטער און רופן:

— גענוג, גנעדיקע הערן, גענוג! מיר קענען נישט גיין אַלע.

דערנאָך האָט ער צוזאַמען מיט סקשעטוסקין אויסגעשטעלט די מענטשן און זיך געלאָזט אין וועג אַריין.

דער העט פּאַדלעסיער וואָיעוואָדע האָט זיך מיט זיי פּאַרייניקט באַם אַרויסגאַנג פון לאַגער. מ'האָט זיי געזעגן ווי אויף דער האַנט, ווען זיי זענען אַריבער דעם טייך באָטעטש — דערנאָך האָבן זיי נאָך אַ פּאָר מאָל אַ בלענד געטון אויפן וועג און נעלם געוואָרן פון די אויגן.

אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט דער פּוינער וואָיעוואָדע געהייסן די מענטשן זיך פונאַנדערפּאָרן אין די געצעלטן, ווייל ער האָט איינגעפונען, אַז מ'קען זיי נישט האַלטן אין די רייען, אויב דער שונא איז נאָך אויף אַ מהלך פון אַ טאָג אָפּגערוקט פון לאַגער. מען האָט אָבער פונאַנדערגעשטעלט אַ סך וואַך-פּאָסטנס; מ'האָט נישט דערלויבט אַרויסצוטרייבן די פערד אויף פּאַשע און ס'איז אַרויסגעגעבן געוואָרן אַ באַפעל, אַז אויפן ערשטן שטילן רוף פון די טרומייטן זאָלן אַלע זיך זעצן אויף די פערד און שטיין גרייט צום קאַמף.

עס איז געקומען אַן עק צום אויסקוקעניש, צו דער אומזיכערקייט, עס איז אויך באַלד געקומען אַן עק צו די אַמפּערגישן און קריגערייען; אדרבא: די באַנטקייט פון שונא, ווי הער סקשעטוסקי האָט געזאָגט, האָט געהויבן דעם מוט. די ערשטע גליקלעכע שלאַכט וואָלט אים אפילו געקענט זייער הויך הויבן און אין אָוונט האָט פּאַסירט אַ פּאַל, וועלכער איז, דאַכט זיך, געווען אַ גייער מזלדיקער סימן.

די זון איז גראָד פאַרגאַנגען, באַלויכטנדיק מיט אַ העלער, בלענדנדיקער שיין דעם טייך גאָטעטש און די וועלדער הינטער אים, ווען אויף דער צווייטער זייט האָט מען דערזען צוערשט אַ שטויביקן געפּל און דערנאָך מענטשן, וואָס באַוועגן זיך אין געפּל. אַלע זענען אַרויף אויף די שוץ-מויערן קוקן, וואָסערע געסט דאָס זענען; מיטאַמאָל איז פון די וואַך-פּאָסטנס אָנגעלאָפן אַ דראַגו-

בער פון הער גרודזשינסקיס פולק און געגעבן צו וויסן, אַז די אָפּטיילונג קערט צוריק.

— די אָפּטיילונג קערט צוריק! . . . זיי קערן צוריק בשלום! די שוועדן האָבן זיי נישט אויפגעגעסן! — האָט איינער דעם צווייטן איבערגעחזרט אין לאַגער.

און זיי האָבן זיך דערוויל, איינגעטונקען אין די העלע שטויב-קנוילן, דערנענטערט וואָס אַמאָל מער, גייענדיק מיט פּאַמעלעכע טריט, און דערנאָך אַריבער דעם טייך באַטעטש.

די שליאַכטע האָט זיך צו זיי צוגעקוקט מיט די הענט איבער די אויגן, ווייל די שיין האָט וואָס אַמאָל מער געבלענדט און די גאַנצע לופט איז געווען אָנגעזאַפּט מיט אַ גאָלדענעם און פּורפּורדיקן שימער.

— העי! עפּעס איז זייער מחנה גרעסער, ווי ווען זיי זענען אַרויסגעפאָרן! — האָט הער שליכטינג געזאָגט.

— זיי פירן אוודאי געפאַנגענע, ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט עפּעס אַ שליאַכטשיץ, אָפּנים נישט קיין קלענער פּחדן, אויסגערופן, נישט גלייבנדיק זיינע אייגענע אויגן.

— געפאַנגענע פירן זיי! געפאַנגענע פירן זיי! . . .

זיי זענען שוין דערוויל צוגעקומען אַזוי נאָענט, אַז מ'האָט געקענט די פּנימער פונאַנדערשיידן. פאָרנט איז געפאָרן הער סקשעטוסקי, שאָקלענדיק ווי געווייינטלעך מיטן קאָפּ און שמייכלענדיק הויך מיט סקשעטוסקין. הינטער זיי האָט אַ גרויסע רייטער-אָפּטיילונג אַרומגערינגלט אַ פּאָר צענדליק פוסגייער, וועלכע האָבן געטראָגן רונדיקע קאַסקעס. דאָס זענען טאַקע געווען שוועדישע געפאַנגענע.

אויף דעמדאָזיקן אָנבליק האָט די שליאַכטע נישט אויסגעהאַלטן און זיך געלאָזט זיי אַקעגנלויפן מיט אויסגעשרייען:

— זאָל לעבן סקאַרשעווסקי! זאָל לעבן סקשעטוסקי!

געדיכטע מאַסן האָבן באַלד אַרומגערינגלט די גאַנצע אָפּטיילונג. אַ טייל האָט געקוקט אויף די געפאַנגענע, אַ צווייטער

טייל האָט זיך אויסגעפּרעגט: „ווי אַזוי איז דאָס געווען" — באַך אַנדערע האָבן זיך געריצט מיט די שוועדן:

— נו! וואָס? ס'איז אייך גוט, הינטישע נשמות!... מיט פּאָליאַקן האָט זיך אייך פאַרגלוסט מלחמה צו האַלטן? האָט איר איצט פּאָליאַקן!!

— גיט זיי אַהער!... מיט די שווערטן זיי צעהאַקן! קרעפּל-פלייש פון זיי מאַכן!...

— האַ, חזירים! האַ, בערן-טרייבער! איר האָט פאַרזוכט דעם טעם פון פּוילישע שווערטן?!

— גנעדיקע הערן, שרייט נישט ווי יונגלעך, ווייל די געפאַנגענע וועלן מיינען, אַז איר זענט צום ערשטן מאָל אויף אַ מלחמה! — האָט הער סקאַראַשעווסקי זיך אָנגערופן. — ס'איז דאָך אַ פּשוטע זאַך, אַז מען נעמט געפאַנגענע בשעת אַ מלחמה.

די פּריוויליקע, וועלכע האָבן געהערט צו דער אָפּטיילונג, האָבן געקוקט מיט גאווה אויף די שליאַכטע, וועלכע האָט זיי פאַרוואָרפן מיט פראַגן.

— ווי אַזוי איז דאָס צוגעגאַנגען? איז דאָס אייך לייכט אָנגעקומען? אָדער איר האָט געמוזט שווער האָרעווען? שלאָגן זיי זיך גוט?

— גוטע יונגען! — האָט הער ראָשינסקי געענטפערט — זיי האָבן זיך גוט פאַרטיידיקט, אָבער זיי זענען דאָך נישט פון אייזן. די שווערט האָט אויף זיי אַ שליטה.

— האָבן זיי זיך, הייסט עס נישט געקענט אייך אָקעגנשטעלן, וואָס?

— זיי האָבן דעם אימפּעט נישט געקענט אויסהאַלטן.

— גנעדיקע הערן, איר הערט, וואָס זיי זאָגן: דעם אימפּעט האָבן זיי נישט געקענט אויסהאַלטן!... אוודאי, דער עיקר איז — דער אימפּעט!...

— געדענקט, נאָר מיט אימפּעט!... דאָס בעסטע מיטל אַקעגן שוועד!

ווען מ'וואָלט דערדאָזיקער שליאַכטע אין דעם מאָמענט געהייסן זיך וואַרפן אויפן שונא, וואָלט איר בלי ספק קיין אימפּעט

נישט אויסגעפעלט, אָבער דערווייל האָט מען דעם שונא נישט געזען — דערפאַר האָט שוין טיף אין דער נאַכט זיך דערהערט די שטים פון אַ טרומייטל פאַר די פאָר-פּאָסטנס. ס'איז אָנגעקומען אַ צווייטער טראָמפּייטער מיט אַ בריוו פון וויטעמבערגן, וועלכער האָט אויפגעפאָדערט די שליאַכטע זיך אונטערצוגעבן. דערוויסנדיק זיך וועגן דעם האָבן די מאַזן געוואָלט דעם שליח צעפּליקן אויף שטיקער, אָבער די וואָיעוואָדעס האָבן גענומען דעם בריוו אויף אַ ישוב הדעת, הגם דער תוכן זיינער איז געווען אַן אומפאַרשעמטער.

דער שוועדישער גענעראַל האָט דערקלערט, אַז קאַרל גוסטאַוו שיקט צו זיינע חיילות דעם קרוב יאַן קאַזשימיערזש אַלס פאַרשטאַרקונג אַקעגן כמיעלניצקין און אַז דעריבער דאַרף די גרויס-פּוילישע שליאַכטע זיך אונטערגעבן אָן ווידערשטאַנד. לייענענדיק דעמדאָזיקן בריוו, האָט הער גרודזשינסקי נישט געקענט גובר זיין דעם כעס און מיט דער פויסט אַ זעץ געטון אין טיש אַריין, אָבער דער פּויזנער וואָיעוואָדע האָט אים באַלד באַרויקט מיט דער פראַזע:

— גלייבט איר, גנעדיקער הער, אין נצחון?... וויפיל טעג קענען מיר זיך פאַרטיידיקן?... ווילט איר נעמען אויף זיך די אחריות פאַר אַזוי פיל בלוט פון דער שליאַכטע, וואָס קען מאָרגן פאַרגאָסן ווערן?...

נאָך אַ לענגערע באַראַטונג איז באַשלאָסן געוואָרן נישט צו ענטפערן און וואַרטן, וואָס עס וועט געשען. מ'האָט שוין לאַנג נישט געוואַרט. שבת, דעם 24-סטן יולי, האָבן די וואַך-פּאָסטנס געגעבן צו וויסן, אַז דאָס גאַנצע שוועדישע חייל האָט זיך באַוויזן אַקעגן פּילאַ. אין לאַגער האָט גענומען קאָכן ווי אין אַ בינשטאָק ערב דעם טומלדיקן אַרויספלי.

די שליאַכטע האָט זיך געזעצט אויף די פערד, די וואָיעוואָדעס זענען דורכגעפלויגן די רייען, אַרויסגעבנדיק באַפעלן פול מיט סתירות, ביז הער וולאַדיסלאַוו האָט ערשט אַלץ גענומען אין די הענט אַריין און ברענגענדיק אַלץ אין אָרדנונג איז ער אַרויסגעפאָרן בראש פון אַ פאָר הונדערט פריינוויליקע אויף יענער

זייט טייך אַרויסרופן דעם שונא אויף גרופן־קאַמף און אגב צוגעוויינען די מענטשן צום אָנבליק פון שונא.

די רייטע״ זענען מיט אים זייער גערן געגאַנגען, ווייל די דאָזיקע גרופן־קאַמפן זענען געוויינטלעך באַשטאַנען פון אַ ריי קאַמפן, וואָס ווערן געפירט מיט נישט גרויסע גרופעס אָדער איינצלווייז, און פאַר אַזעלכע געראַנגלען האָט די שליאַכטע, וואָס איז געווען געניט אין דער קונסט פון אַרבעטן מיט דער שווערט, כּלל זיך נישט געשראָקן. זיי זענען אַרויס אויף יענער זייט טייך און זיך געשטעלט אַקעגן דעם שונא, וועלכער האָט זיך וואָס אַמאָל מער דערנענטערט און זיך געשוואַרצט אין אַ לאַנגער ליניע אויפן האָריזאָנט, ווי אַ וואַלד, וואָס איז פריש פון דער ערד אַרויסגעוואַקסן. ס'האָבן זיך פונאַנדערגעוויקלט די פּאָלקן פון רייטער, פון פוסגייער, פאַרכאַפּנדיק וואָס אַמאָל אַ ברייטערן שטח.

די שליאַכטע האָט זיך געריכט, אַז אַ ליאַדע רגע וועלן זיך אַרויסשיטן צו איר קעמפער, רייטער, אָבער דערווייל האָט מען זיי גאָרנישט געזען. דערפאַר האָבן זיך אויף בערגלעך, וואָס זענען געלעגן אויף אַ מרחק פון אַ פּאָר הונדערט שריט, פאַרהאַלטן נישט גרויסע גרופעס, אין וועלכע מ'האָט געזען מענטשן און פערד, וועלכע האָבן גענומען זיך דרייען אויף אָן אָרט. דערזעענדיק דאָס האָט הער סקאַרזשעווסקי אָן שהיות אַ קאָמאַנדע געגעבן:

— לינקס — אויף הינטן!

אָבער ס'איז נאָך נישט פאַרקלינגען די שטים פון דער קאָמאַנדע, ווי אויף די בערגלעך זענען מיטאַמאָל לאַנגע ווייסע רויכפּאַסן אויפגעגאַנגען און צווישן דער שליאַכטע זענען עפּעס ווי פייגל דורכגעפלויגן מיט אַ געפייף. דערנאָך האָט אַ קנאַל די לופט אויפגעטרייסלט און אינאיינעם דערמיט האָבן זיך דערהערט קולות און קרעכצן פון אַ פּאָר פאַרווונדעטע.

— שטיין! — האָט הער וולאַדיסלאַוו אַ געשריי געטאָן.

די „פייגל״ זענען דורכגעפלויגן אַ צווייט און אַ דריט מאָל

און ווידער איז דאָס געפּייף באַגלייט געוואָרן פון קרעכצן. די שליאַכטע האָט נישט געהערט די קאָמאַנדע פון פירער, זי איז, אדרבא, אָפּגעטרעטן וואָס אַמאָל גיכער, שרייענדיק און רופנדיק צום הימל נאָך הילף — דערנאָך האָט די אָפּטיילונג זיך כהרף־עין צעשפּרייט איבערן טאָל און זיך געלאָזט האַסטיק לויפן צום לאַ־גער. הער סקאָראַשעווסקי האָט געשאָלטן — ס'האָט אָבער גאָר־נישט געהאָלפן.

פאַרטרייבנדיק אַזוי ווייט די גרופּן־קעמפער, האָט וויטעמ־בערג ווייטער מאַרשירט ביז ער האָט זיך צום סוף אָפּגעשטעלט אַקעגנאיבער אוישטשע, האַרט פאַר די פאַרשאַנצונגען, וואָס זע־נען געשיצט געווען דורך דער קאַלישער שליאַכטע. די פּוילישע האַרמאַטן האָבן אין דער רגע זיך צעשפּילט, אָבער פון דער שוועדישער זייט האָט מען נישט באַלד געענטפערט אויף דידאָזיקע זאַלפן. די רויך־וואָלקנס האָבן זיך אין דער קלאָרער לופט רויק אויסגעלייגט אין לאַנגע פּאַסן, וועלכע האָבן זיך אויסגעצויגן צווישן די חיילות, און דורך די בלייזן צווישן זיי האָט די שליאַכ־טע געזען די שוועדישע פּולקן, די פוסגייער און רייטער, וואָס האָבן זיך אויסגעשטעלט מיט אַ שרעקלעכער רויקייט, גלייך ווי זיי וואָלטן זיכער געווען אין נצחון.

אויף די בערגלעך האָט מען אַרויפגעקאָלערט האַרמאַטן, אונטערגעשאָטן קלייגע פאַרשאַנצונגען, הקיצור: דער שונא האָט זיך געגרייט, נישט לייגנדיק לחלוטין קיין אַכט אויף די קוילן, וועלכע זענען צו אים נישט דערפלויגן און נאָר פאַרשאָטן מיט זאַמד און ערד די מענטשן, וואָס האָבן געאַרבעט בײַ די פאַר־שאַנצונגען.

הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי האָט נאָך אַרויסגעפירט צוויי פּולקן פון דער קאַלישער שליאַכטע, ווילנדיק מיט אַ דרייסטער אַטאַקע צעטומלען די שוועדן, אָבער זיי זענען געווען נישט גע־גאַנגען; די אָפּטיילונג האָט זיך אויסגעצויגן אין אַ קופּע אָן סדר, ווייל בשעת די מוטיקערע האָבן געשטויסן די פערד פאָרויס, האָבן די שרעקעוודיקע זיי בכיוון איינגעהאַלטן. צוויי רייטער־פּולקן, וואָס זענען אַרויסגעשיקט געוואָרן דורך וויטעמבערגן,

האָבן נאָך אַ קורצן קאַמף אַראָפּגעטריבן די שליאַכטע פֿון פֿעלד און זיי פֿאַריאָגט צום לאַגער.

דערווײַל איז צוגעפֿאַלן דער אָוונט און געמאַכט אַ סוף צו דער בלוטלאָזער שלאַכט.

מ׳האָט אָבער געשאָסן פֿון די האַרמאַטן ביז נאַכט, דערנאָך איז די שיסערײַ אַנטשוויגן געוואָרן, אָבער אין פּוילישן לאַגער איז אַנטשטאַנען אַזאַ געפּילדער, אַז מ׳האָט עס געהערט אויפֿן צווייטן ברעג פֿון טײַך נאָטעטש. עס איז אַנטשטאַנען קודם־כּל צוליב דעם, וואָס אַ פּאָר הונדערט לאַנד־שטורמער האָבן אין דער פֿינסטערניש געפּרוּווט זיך אַרויסדרייען פֿון לאַגער. אַנדערע האָבן דאָס דערשפּירט, גענומען דראָען און נישט לאָזן. מ׳האָט זיך געכאַפּט צו די שווערדן, די ווערטער: „אָדער אַלע, אָדער קיינער נישט!“ האָבן וואַנדערט... געוואַנדערט פֿון מויל צו מויל. אָבער מיט יעדער רגע איז געוואָרן קרוב לאמת, אַז אַלע וועלן אוועקגיין. ס׳איז אויסגעבראָכן אַ גרויסע אומצופֿרידנקייט מיט די פֿירער: „מ׳האָט אונדז מיט הוילע בײַכער אַרויסגעשטעלט קעגן די האַרמאַטן!“ — האָבן די לאַנד־שטורמער געשריגן.

מען איז געווען אויפֿגעבראַכט אויך אויף וויטעמבערגן, וואָס ער האָט, נישט שוינענדיק די מלחמה־כּלים, נישט אַרויסגעשיקט גרופּן־קעמפֿער אַקעגן גרופּן־קעמפֿער, נאָר געהייסן אומגעריכט אויף זיי שיסן פֿון האַרמאַטן. „יעדער פֿירט זיך אויף, ווי אים געפֿעלט — האָט מען געזאָגט — אָבער אַ חזירישער מנהג פֿון אַ פֿאָלק איז דאָס, זיך נישט צו שטעלן פּנים־אל־פּנים“. אַנדערע האָבן אָפֿן פֿאַרצווייפֿלט געקלאָגט. „מ׳וועט אונדז פֿונדאַנען אויסרויכערן, אַז ס׳וועט פֿון אונדז קיין זכר נישט בלײַבן“ — האָבן די פֿאַרצווייפֿלטע געטענהט. „דער לאַגער איז שלעכט אויפֿגעשלאָגן, די פֿאַרשאַנצונגען שלעכט אָנגעשאָטן, דאָס אָרט צו דער פֿאַרטיידיקונג נישט גוט צוגעקליבן“. פֿון צײַט־צו־צײַט האָבן זיך געלאָזט הערן שטימען: „ברידער! ראַטעוועט זיך!“ און אַנדערע האָבן געשריגן: „אַ בגידה“!

דאָס איז געווען אַ שרעקלעכע נאַכט: דאָס צעמישעניש און תּוהו־ובֿוהו איז געוואַקסן מיט יעדער רגע; די באַפֿעלן האָט

קיינער נישט געהאָרכט, די וואָיעוואָדעס האָבן די קעפּ פאַרלוירן און נישט געפּרוּווט אַפילו צוריקשטעלן די אָרדנונג. זייער אומבאַהאָלפנקייט און די אומבאַהאָלפנקייט פון לאַנד־שטורעם האָט זיך אַרויסגעוויזן קלאָר, ווי אויף דער האַנט. וויטעמבערג וואָלט אין יענער נאַכט מיט דער גרעסטער לייכטקייט געקענט איינגענעמען דעם לאַגער מיט אַן אָנגריף.

ס'איז געוואָרן טאָג.

דער טאָג איז אויפגעשטאַנען אַ בלאַסער, אַ פאַרכמאַרעטער און האָט באַלויכטן דאָס כאַאָטישע צוזאַמענגעלויף פון מענטשן, וואָס זענען אָפּהענטיק געוואָרן, האָבן געיאָמערט און געקלאָגט, צום גרעסטן טייל געווען שכור און גרייט גיכער אויף בזיונות איידער אויף אַ שלאַכט. ווי אַ צולאָג צו די צרות, זענען די שוועדן אין דער נאַכט באַ דעמבאָוו אַריבער אויף די צווייטע זייט פון נאָטעטש און אַרומגערינגלט דעם פוילישן לאַגער.

פון דער זייט זענען כמעט נישט געווען קיין שום פאַרשאַנצונגען און ס'איז נישט געווען פון הינטער וואָס זיך צו פאַרטיידיקן. מ'האָט געדאַרפט זיך אַרומרינגלען מיט אַ שוץ מויער, נישט פאַרלירנדיק קיין איין מינוט צייט. סקאָראַשעווסקי און סקשעטוסקי האָבן באַשווירן, אַז מען זאָל דאָס טון, אָבער קיינער האָט שוין נישט געוואָלט פון גאָרנישט וויסן.

די פירער און די שליאַכטע האָבן געהאַט אויף די ליפּן איין וואָרט: „אונטערהאַנדלען!“ מ'האָט אַרויסגעשיקט פּאַרלאַמענטאַריער. אַלס תשובה איז אָנגעקומען פון שוועדישן לאַגער אַ גלענצנדיקע סוויטע, וואָס אין איר שפּיץ זענען געפאָרן: ראַדזשעיאָווסקי און גענעראַל ווירטץ, ביידע מיט גרינע צווייגן.

זיי זענען צוגעפאָרן צום הויז, אין וועלכן ס'איז איינגעשטאַנען דער פּויזנער וואָיעוואָדע, אָבער אויפן וועג האָט זיך ראַדזשעיאָווסקי פאַרהאַלטן צווישן די מאַסן פון דער שליאַכטע, האָט זיך געניגט מיט דער צווייג אין קאַפּעליוש, האָט געשמייכלט, באַגריסט די באַקאַנטע און געזאָגט מיט אַ הויכער שטים:

— גנעדיקע הערן, ברידער טייערסטע! שרעקט זיך נישט!

נישט ווי שונאים קומען מיר אַהער. פון אייך אַליין הענגט עס אָפּ, אַז קיין טראָפּן בלוט זאָל מער נישט פאַרגאָסן ווערן. אויב איר ווילט אַנשטאָט אַ טיראַן, וועלכער וויל אייך פון אייערע פרייהייטן באַרויבן, וועלכער חלומט וועגן אַן אַבסאָלוטער ממשלה, וועלכער האָט דאָס פאָטערלאַנד צום פולשטענדיקן אונטערגאַנג דערפירט, אויב איר ווילט, זאָג איך, אַ גוטן, גרויסמוטיקן האַר, אַ מלחמה־מאַן פון אַזאַ אומגעהייערן רום, אַז בלויז אויף זיין נאָמען וועלן אַלע שונאים פון דער רעפּובליק זיך צעלויפן — גיט זיך איבער אין רשות פון זיין מאַיעסטעט קאַרל גוסטאַוו... גנעדיקע הערן, ברידער טייערסטע! אַט פיר איך מיט זיך אַן ערבות אויף אַלע אייערע רעכט, אויף אייער פרייהייט, אויף אייער אמונה. פון אייך גופא הענגט אָפּ אייער רעטונג... גנעדיקע הערן! זיין מאַיעסטעט דער שוועדישער קעניג נעמט זיך אונטער צו דערשטיקן די קאָזאַקישע מרידה, צו מאַכן אַן עק צו דער ליטווישער מלחמה און נאָר ער אַליין איז דאָס בכוח צו טון. דערבאַרעמט זיך איבער דעם אומגליקלעכן פאָטערלאַנד, אויב איר האָט אויף זיך אַליין קיין רחמנות נישט...

דאָ האָט די שטים פון בוגד אַ ציטער געטון, גלייך ווי זי וואָלט פון טרערן געשטיקט געוואָרן. די שליאַכטע האָט אים אויסגעהערט מיט פאַרוווּנדערונג, דאָ און דאָרט האָבן זעלטענע שטימען אויסגעשריגן: „זאָל לעבן ראַדזשעיאָווסקי, אונדזער וויצע־קאַנצלער!" — און ער איז ווייטער געפאָרן און ווידער זיך געבייגט פאַר די נייע מאַסן און ווידער האָט מען געהערט זיין דונערדיקע שטים: „גנעדיקע הערן, ברידער טייערסטע!" צום סוף איז ער צוזאַמען מיט ווירטצן און דער גאַנצער סוויטע פאַרשוווּנדן אין הויז פון פויזנער וואָיעוואָדע.

די שליאַכטע האָט זיך פאַרן הויז צונויפגעפּרעסט אַזוי ענג, אַז מ'האָט איבער די קעפּ געקענט אַריבערפאָרן, ווייל זי האָט געפילט און משיג געווען, אַז אין דאָזיקן הויז גייט־אָן אַ משא־ומתן נישט בלויז וועגן איר, נאָר אויך וועגן גאַנצן פאָטערלאַנד. עס זענען אַרויס דעם וואָיעוואָדעס דינער אין רויטע הלבשות און גענומען פאַרבעטן די חשובערע פּערזאָנען אין הויז אַריין. די לעצטע

זענען גיך אַריין און נאָך זיי האָבן זיך אַריינגעריסן אַ פּאָר קלע־נערע מענטשן, און די איבעריקע זענען געשטאַנען בא דער טיר, זיך געשטופּט צו די פענסטער, צוגעלייגט די אויערן אפילו צו די ווענט.

אַ טיפע שטילקייט האָט געהערשט צווישן די מאַסן. די, וואָס זענען געשטאַנען לעבן די פענסטער, האָבן פון צייט־צו־צייט געהערט אַ ליאַרם פון הויכע שטימען, וואָס האָבן זיך, ווי אָפּ־קלאַנגען פון קריגערייען, וויכוחים, אַמפּערנישן, צרויסגעקריגן פון אינעווייניק... איין שעה איז פאַרפלאָסן נאָך דער אַנדערער — אָן צו דערדאָזיקער באַראַטונג האָט קיין עק נישט געקענט נעמען.

מיטאַמאָל האָט די אַריינגאַנגס־טיר זיך אויפגעמאַכט מיט אַ רעש און הער וולאַדיסלאַוו סקאַראַשעווסקי איז פון איר האַסטיק אַרויסגעלאָפן.

די ביינעוועענע האָבן זיך מיט פחד צוריקגעצויגן.

דערדאָזיקער מענטש, תמיד אַזאַ רויקער און גוטמוטיקער, װעגן וועלכן מ'האָט געזאָגט, אַז ווונדן האָבן זיך געקענט אונטער זיין האַנט פאַרהיילן, האָט איצט מוראַדיק אויסגעזען. אויגן האָט ער געהאַט רויטע, אַ בליק פון אַ משוגענעם, דאָס בגד אויף דער ברוסט אַראָפּגעריסן; מיט ביידע הענט האָט ער זיך געהאַלטן פאַר דער טשופּרינע, אַריינפאַלנדיק אַזוי, ווי אַ דונער, צווישן דער שליאַכטע, האָט ער געשריגן מיט אַן אימהדיקער שטים:

— אַ בגידה! אַ רציחה! אַ שאַנד! מיר זענען שוין שוועדן, נישט פוילן!

און ער האָט געגומען יאָמערן מיט אַ שרעקלעכער שטים, מיט אַ ספּאַזמאַטיש געוויין און רייסן זיך די האָר, ווי אַ מענטש, וואָס איז פון זינען אַראָפּ. אַ טויט־שטילקייט האָט געהערשט אַרום און אַרום. עפּעס אַ שרעקלעך געפיל האָט אַלעמענס הערצער אַרומגענומען.

און סקאַראַשעווסקי האָט מיטאַמאָל זיך אַ ריס־געטון, גע־נומען לויפן צווישן דער שליאַכטע און שרייען מיט אַ העכסט פאַרצווייפלטער שטים:

— צום געווער! צום געווער, ווער אין גאָט גלייבט! צום געווער! צום געווער!

דאַמאָלס האָט עפּעס אַ געמורמל געגומען זיך דורכטראָגן צווישן די מאַסן, עפּעס אַ פּלוצלינגדיקע, אָפּגעריסענע, אָפּגעהאַקטע שושקעריי, ווי דאָס ערשטע ברויזן פון ווינט פאַר אַ שטורעם. עס האָבן זיך געקווענקלט די הערצער, געקווענקלט די מוחות און אינמיטן פון דאָזיקן אַלגעמיינעם געראַנגל פון געפילן האָט אַ טראַגישע שטים כסדר גערופן:

— צום געווער! צום געווער!

אינגיכן האָבן זי מיטבאַגלייט צוויי אַנדערע: דעם הער פּיאָטר סקאָראַשעווסקיס און דעם הער סקשעטוסקיס — נאָך זיי איז אָנגעלאָפן אויך קלאָדזשינסקי, דער טיכטיקער ריטמייסטער פון פּוזנער פּאָוויאַט.

דער קרייז פון די שליאַכטע-לייט, וואָס האָט זיי געגומען אַרומרינגלען, איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער. אַן אימהדיק געברום האָט זיך געטראָגן פון אַלע זייטן, די פּנימער האָבן געפלאַמט און די אויגן האָבן געברענט, מ׳האָט געקלונגען מיט די שווערטן. וולאַדיסלאַוו סקאָראַשעווסקי האָט באַגוועלטיקט דעם ערשטן אויפברויז און געגומען רעדן, אָנווייזנדיק אויפן הויז, אין וועלכן די באַראַטונג איז פאָרגעקומען:

— איר הערט, גנעדיקע הערן, זיי פאַרשאַכערן דאָרט דאָס פאָטערלאַנד, ווי בוגדים. און שענדן עס! זייט וויסן, אַז מיר געהערן שוין נישט צו פּוילן. קאַרג איז זיי געווען איבערצוגעבן אין שונאס הענט אייך אַלע, דעם לאַגער, דאָס חייל, די האַרמאַטן. אַז דערהרגעט זאָלן זיי ווערן! זיי האָבן נאָך אונטערגעשריבן אין זייער און אין אייער נאָמען, אַז מיר זאָגן זיך אָפּ פון צוזאַמענבונד מיטן פאָטערלאַנד, מיר זאָגן זיך אָפּ פון האַר קעניג, אַז די גאַנצע פּראָווינץ, די שלעסער, די פעסטונגען און מיר אַלע וועלן לעולם-ועד צו שוועדן געהערן. אַז חייל גיט זיך אונטער, דאָס טרעפט; אָבער ווער האָט אַ רעכט זיך פון פאָטערלאַנד און פון קעניג אָפּצוזאָגן?! ווער האָט אַ רעכט אַ פּראָווינץ אָפּצורייסן, מיט פרעמדע זיך צו באַהעפטן, צו אַן אַנדער פאָלק איבערצו-

גיין, דאָס אייגענע בלוט צו פאַרלייקענען ?! גנעדיקע הערן, דאָס איז אַ שאַנד, אַ בגידה, אַ רציחה, אַ פֿאָטער-מאָרד!... ראַטע-וועט דאָס פֿאָטערלאַנד, ברידער! אין נאָמען פֿון גאָט! ווער עס איז אַ שליאַכטשיץ, ווער ס'איז ערלעך, ראַטעוועט די מאַמע! לאָמיר דאָס לעבן אַוועקגעבן, לאָמיר דאָס בלוט פֿאַרגיסן! מיר ווילן נישט זיין קיין שוועדן, מיר ווילן נישט, מיר ווילן נישט! בעסער וואָלט נישט געבוירן געוואָרן דער, וואָס וועט אויף זיין בלוט איצט חס וחלילה זיין!... לאָמיר ראַטעווען די מאַמע!!

— אַ בגידה! — האָבן שוין אַ פּאָר צענדליק שטימען אויס-געשריגן — אַ בגידה! אויף שטיקער צעררייסן!

— ווער ס'איז ערלעך, צו אונדז! — האָט סקשעטוסקי געשריגן.

— אויפן שוועד! אויף טויט, — האָט קלאָדזשינסקי צו-געגעבן.

און זיי זענען ווייטער אין לאַגער געגאַנגען, שרייענ-דיק: „צו אונדז! קלייבט זיך צונויף! אַ בגידה!" און הינטער זיי זענען שוין נאָכגעגאַנגען אַ פּאָר הונדערט שליאַכטשיצעס מיט הוילע שווערדן.

אָבער די אומגעהייערע מערהייט איז געבליבן אויפן אָרט און אויך צווישן די, וואָס זענען נאָכגעגאַנגען, האָבן זיך געפֿו-נען אַזעלכע, וואָס זעענדיק, אַז זייער צאָל איז קליין, האָבן זיי זיך גענומען אומקוקן און לסוף איבער-געבליבן.

און בינו-לבינו האָט זיך די טיר פֿון ראַטהויז ווידער גע-עפֿנט און עס האָט זיך אין איר באַוויזן דער פּויזנער וואָיעוואָ-דע, קשישטאָף אָפּאַלינסקי, וועלכן עס האָט באַ דער רעכטער זייט באַגלייט גענעראַל ווירטץ, און באַ דער לינקער זייט ראַדזשעיאָוו-סקי. הינטער זיי זענען געגאַנגען: אַנדזשעי קאַראָל גרודזשינסקי, דער קאַלישער וואָיעוואָדע, מאַקסימיליאַן מיאַסקאָווסקי, דער קשי-ווינער קאַשטעלאַן, פּאַוועל געמביצקי, דער מענדזיזשעצער קאַש-טעלאַן און אַנדזשעי סלופּסקי.

קשישטאָף אָפּאַלינסקי האָט געהאַלטן אין דער האַנט אַ פּאַרמעטענע מגילה מיט אַראָפּהענגענדיקע חתימות; זיין קאָפּ איז

געווען געהויבן, אָבער דאָס פּנים בלייך און דער בליק אומזיכער, הגם ער האָט אָפּנים זיך געשטאַרקט צו זיין פריילעך. ער האָט די מאַסן מיט די אויגן אַרומגענומען און באַ אַ טויט־שטילקייט האָט ער גענומען רעדן מיט אַ דייטלעכער, הגם אַ ביסל הייזעריקער שטים:

— גנעדיקע הערן! דעם היינטיקן טאָג האָבן מיר זיך אונטערגעגעבן אונטערן שוץ פון זיין מאַיעסטעט, דעם שוועדישן קעניג. זאָל לעבן דער קעניג קאַרל גוסטאַוו!

אַ שטילקייט האָט אָפּגעענטפערט דעם וואַיעוואָדע, מיטאַמאָל האָט זיך דערהערט אַן איינצלנע שטים:

— וועטאָ!

דער וואַיעוואָדע האָט לאַנגזאַם אַ קער געטון די אויגן אין דער ריכטונג פון דערדאָזיקער שטים און געענטפערט:

— דאָ איז נישט קיין סיימיק און דעריבער איז אויך דאָס וועטאָ נישט אויפן אָרט. און ווער עס וויל זאָגן וועטאָ, זאָל זיך גיין צו די האַרמאַטן, וואָס זענען אויף אונדז אָנגעשטעלט און וועלכע קענען אין איין שעה דעם גאַנצן לאַגער אין אַ חורבה פאַרוואַנדלען.

דאָ איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געפרעגט:

— ווער האָט געזאָגט: „וועטאָ"?

קיינער האָט זיך נישט אָנגערופן.

דער וואַיעוואָדע האָט ווידער גענומען דאָס וואָרט און געזאָגט נאָך דייטלעכער:

— אַלע רעכט פון דער שליאַכטע און פון דער גייסטלעכקייט בלייבן אומבאַרירט, די אָפּ־גאָבן וועלן נישט פאַרגרעסערט ווערן און זיי וועלן איינגעמאָנט ווערן אויף דעמזעלבן אופן, ווי פריער... קיינער וועט נישט וויסן פון קיין עוולות און פון קיין גזלות; די חיילות פון זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט האָבן נישט קיין רעכט אויף קוואַרטירן אין די גיטער פון דער שליאַכטע און אויך נישט אויף קיין אַנדערע אויספּרעסונגען, אַחוץ די, פון וועלכע די רעגולערע פּוילישע פּאָלקן האָבן גענאָסן...

דאָ איז ער אַנטשוויגן געוואָרן און גיריק זיך איינגעהערט אין גצמורמל פון דער שליאַכטע, גלייך ווי ער וואָלט וועלן תופס זיין דעם זין זיינעם, דערנאָך האָט ער אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— אַ חוץ דעם האָבן מיר דאָס וואָרט און די הבטחה פון גענעראַל וויטעמבערג. וואָס זיינען געגעבן געוואָרן אין נאָמען זיין קעניגלעכער מאַיעסטעט, אַז אויב דאָס גאַנצע לאַנד וועט נאָכטון אונדזער ביישפיל וועט דאָס שוועדישע מיליטער מאַרשירן קיין ליטע און אוקראַינע, און פריער נישט אויפהערן צו שלאָגן זיך, ביז אַלע מדינות און אַלע שלעסער וועלן צוריקקערן צו דער רעפובליק. זאָל לעבן דער קעניג קאַרל גוסטאַוו!

— זאָל לעבן דער קעניג קאַראַל גוסטאַוו! — האָבן אַ פּאָר הונדערט שטימען אויסגערופן.

— זאָל לעבן קאַראָל גוסטאַוו! — האָט וואָס אַמאָל הילכיקער געקלונגען אין גאַנצן לאַגער.

דאָ האָט דער פּוזנער וואָיעוואָדע פאַר אַלעמענס אויגן זיך אויסגעדרייט צו ראַדזשעיאָווסקין און אים הערצלעך אַרומגענומען, דערנאָך האָט ער אַרומגענומען ווירטצן; דערויף האָבן זיך אַלע אָנגעהויבן אַרומנעמען. די שליאַכטע האָט נאָכגעטון דעם ביישפּיל פון די הויכע באַאַמטע און די שמחה איז געוואָרן אַן אַלגעמיינע. מ׳האָט שוין געשריגן „וויוואַט" אַזוי, אַז אַ ווידערקול האָט אַזש אָפּגעהילכט אין דער גאַנצער געגנט. אָבער דער פּוזנער וואָיעוואָדע האָט געבעטן די ליבע ברידער נאָך אַ ווײַלע שטילשווייגן און געזאָגט מיט אַ האַרציקן טאָן:

— גנעדיקע הערן! גענעראַל וויטעמבערג פאַרבעט אונדז הייַנט אויף אַ מאָלצייט אין זיין לאַגער, כּדי מיר זאָלן דעם ברידערלעכן בונד מיטן העלדישן פאָלק באַ בעכערס שליסן.

— זאָל לעבן וויטעמבערג! וויוואַט! וויוואַט! וויוואַט!

— און דערנאָך, גנעדיקע הערן — האָט דער וואָיעוואָדע צוגעגעבן — וועלן מיר זיך פונאַנדערפאָרן אַהיים און מיט גאָטס הילף אָנהייבן דעם שניט מיטן געדאַנק, אַז מיר האָבן אין היינטיקן טאָג דאָס פאָטערלאַנד מציל געווען.

— די קומענדיקע דורות וועלן אָנערקענען אונדזער גע־רעכטיקייט — האָט ראַדזשעיאָווסקי געזאָגט.

— אמן! — האָט דער פּויזנער וואָיעוואָדע פאַרענדיקט.

דאָ האָט ער באַמערקט, אַז די אויגן פון דאָס רוב שליאַ־כטע זענען געווענדט און קוקן זיך צו צו עפּעס אינדערהייך איבער זיין קאָפּ.

ער האָט זיך אומגעדרייט און דערזען זיין לץ, וועלכער איז געשטאַנען אויף די שפּיץ־פינגער און אָנהאַלטנדיק זיך מיט איין האַנט פאַר דער טיר־ראַם, האָט ער אויף דער וואַנט פון ראָטהויז, האַרט איבער דער טיר, געשריבן מיט קויל:

„מנא מנא — תקל — ופרסין".

אויף דער וועלט האָט זיך דער הימל מיט כמאַרעס באַ־דעקט און עס האָט זיך געקליבן אויף אַ שטורעם.

11. קאַפּיטל.

אין דאָרף בּוזשעק, וואָס ליגט אין לוקאָווער קרייז, אויף דער גרענעץ פון דער פּאָדלעסיער וואָיעוודסטווע, און האָט דאַמאָלס געהערט צו דער הערשאַפט סקשעטוסקי, אין גאָרטן, צווישן הויף און סטאַוו, איז געזעסן אַן אַלטער מענטש און בּאַ זיינע פיס האָבּן געשטיפט צוויי יונגלעך: איינער פון פינף, דער צווייטער פון פיר יאָר, שוואַרצע, אָפּגעבּרענטע, ווי ציגיינערלעך, רויט־בּאַקיקע און געזונטע. דער אַלטער מאַן האָט אויך נאָך אויסגעזען קרעפטיק, ווי אַן אָקס. די עלטער האָט נישט איינגעהויקערט זיינע אַקסלען; פון די אויגן זיינע, אָדער ריכטיקער, פון אויג, ווייל איינס איז געווען מיט אַ בּעלמע בּאַדעקט, האָט אַרויסגעבּליקט געזונט און גוטער הומאָר; אַ בּאָרד האָט ער געהאַט אַ ווייסע, אָבּער אַ רויט פּנים, וואָס איז אויפן שטערן געווען בּאַצירט מיט אַ בּרייטן שראַם, דורך וועלכן ס'האָט אַרויסגעקוקט דער ביין פון קאָפּ.

בּיידע יונגלעך האָבּן, אָנכאַפּנדיק פאַר די אויערן פון דער כאָלעווע פון זיין שטיוול, זיי געצויגן איינער אַהין און איינער

אַהער, און ער האָט געקוקט אויפן סטאַוו, וואָס איז געווען באַלויכטן פון די זון־שטראַלן און אין וועלכן עס האָבן געצאַפּלט אַ שפּע פון פיש, בליעכנדיק דעם גלאַטן אויבן־אויף פון וואַסער.

— די פיש טאַנצן — האָט ער געברומט צו זיך אַליין — האָט קיין מורא נישט, איר וועט נאָך בעסער טאַנצן, ווען מען וועט דאָס וואַסער אָפּלאָזן, אָדער ווען די קעכין וועט אייך מיטן מעסער שאָבן.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די יונגלעך:

— טשעפּעט זיך אָפּ, לאָבוסעס, פון דער כאַלעווע, וואָרים אַז איינער וועט אַן אויער אָפּרייסן, וועל איך עס אים אויך אָפּרייסן. וואָסערע זלידנע פליגן! גייט און שטיפט אויפן גראָז און לאָזט מיך צורו. אויף לאַנגינעקן איז מיר קיין חידוש נישט, ווייל ער איז יינגער, אָבער יאַרעמקאַ דאַרף שוין האָבן שכל, כ׳וועל נעמען איין טויט־מאַכער און אים אין זייך אַריינוואַרפן!

אָבער דער זקן איז אַפּנים געווען אונטעריאָכט בײַ די יונגלעך, ווייל קיינער פון זיי איז פון זיינע דראָונגען נישט נתפּעל געוואָרן; אדרבא, דער עלטערער יאַרעמקאַ האָט אים גענומען נאָך שטאַרקער שלעפּן פאַר דער כאַלעווע, און דערביי האָט ער געטופּעט מיט די פיס און כסדר געשריען:

— זאָל דער זיידע זיין אַ באָהון און פאַרכאַפּן לאַנגינעקן.

— טשעפּע זיך אָפּ, דו קאָטער, זאָג איך דיר, דו קונדס, דו שנעק!

— זאָל דער זיידע זיין אַ באָהון!

— כ׳וועל דיר געבן אַ באָהון, וואַרט־צו, כ׳וועל נאָר די מאַמע רופן!

יאַרעמקאַ האָט אַ קוק געטון אויף דער טיר, וואָס גייט אַרויס פון הויז אין גאָרטן אַריין, אָבער זעענדיק, אַז זי איז צוגעמאַכט און אַז די מאַמע איז אין ערגעץ נישטאָ, האָט ער אַ דריט מאָל איבערגעחזרט, אויסציענדיק דאָס פּיסקל:

— זאָל דער זיידע זיין אַ באָהון!

— זיי וועלן מיך פֿאַרפֿייניקן דידאָזיקע שטיפֿערס ס׳קען גאָר אַנדערש נישט זיין... גוט, כ׳וועל זיין אַ באַהון, אָבער נאָר איין מאָל. אַ גאַטס שטראָף! געדענק, זאָלסט מיך שוין מער נישט מאַטערן.

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער אַלטער אָפּגעקרעכצט, זיך פֿון דער באַנק אויפֿגעשטעלט, מיטאַמאָל אַ כאַפּ געטון דעם קליינעם לאַנגינעק און אַרויסלאָזנדיק ווילדע געשרייען האָט ער אים גענומען אַוועקטראָגן אין דער ריכטונג פֿון טייך.

לאַנגינעק האָט אָבער געהאַט אַ טיכטיקן באַשיצער אין דער פּערזאָן פֿון יאַרעמקאַן, וועלכער האָט אין אַזעלכע פֿאַלן נישט געהייסן יאַרעמקאַ, נאָר הער מיכאַל וואָלאָדיאָווסקי, ריטמייסטער פֿון דראַגונער.

„הער מיכאַל", באַוואָפֿנט מיט אַ שטעקעלע, וואָס האָט אין אַ נויט־פֿאַל פֿאַרביטן די שווערט, האָט זיך האַסטיק געלאָזט לויפֿן גאָבן פּעט לייביקן „באַהון", האָט אים באַלד דעריאָגט און גענומען אומדערבאַרמיק האַקן איבער די פֿיס.

לאַנגינעק, וועלכער האָט געשפּילט די ראָל פֿון דער מאַמע, האָט געמאַכט קולות, באַהון האָט געמאַכט קולות, יאַרעמקאַ־וואָלאָדיאָווסקי האָט געמאַכט קולות; אָבער די גבורה האָט צום סוף מנצח געווען און אַראָפּלאָזנדיק זיין קרבן האָט באַהון גענומען לויפֿן צום בוים, צום סוף איז ער צוגעפֿאַלן צו דער באַנק, האָט זיך אויף איר אַוועקגעזעצט און סאַפּענדיק שווער כּסדר איבערגעחזרט:

— האַ, קונדסים!... נסים וועלן זיין, אויב זיי וועלן מיר נישט דעם טויט מאַכן...

אָבער דאָ איז נאָך נישט געקומען קיין עק צו זיינע מאַטערנישן, ווייל מיט אַ ווײַלע שפּעטער איז יאַרעמקאַ פֿאַר אים געשטאַנען אַ פֿאַרוויטלטער, מיט אַ צעלאָזטער טשופּרינע און פֿונאַנדערגעבלאָזענע נאָזלעכער, גלייך אויף אַ קליינעם היציקן יאַסטרעבל און גענומען איבערחזרן מיט אַ נאָך גרעסערער ענערגיע, ווי פֿריער:

— זאָל דער זיידע זיין אַ באַהון!

נאָך אַ לאַנגען איינשפּאַרן זיך און בײַ אַ פריילעכער הבטחה, וואָס איז געגעבן געוואָרן דורך ביידע יונגלעך, אַז דאָס מאָל וועט עס שוין זיכער זיין צום לעצטן מאָל, האָט זיך די געשיכטע ווידער איבערגעחזרט מיט אַלע פּרטים; דערנאָך האָבן זיי זיך שוין אין דרייען אַוועקגעזעצט אויף דער באַנק און יאַרעמקאַ האָט גענומען זיך צוטשעפּן:

— זיידע! זאָג, ווער איז געווען דער גרעסטער גבור?

— דו, דו! — האָט דער זקן געענטפערט.

— און איך וועל אויסוואַקסן אַ ריטער?

— אוודאי וועסטו אויסוואַקסן, ווייל עס פליסט אין דיר עכט זעלנעריש בלוט. הלוואי דו זאָלסט גרויסערהייט געראָטן זיין אין טאַטען, וועסטו מיך נישט אַזוי מאַטערן... פאַרשטייסט?

— זיידע, זאָג, וויפיל האָט דער טאַטע דערהרגעט?

— כ'האָב דיר שוין הונדערט מאָל געזאָגט. גיכער וואָלט איר די בלעטער אויפן דאַזיקן בוים איבערגעציילט, איידער די אַלע שונאים, וואָס איך מיט אייער טאַטען האָבן צוזאַמען אָפּגערוימט. ווען כ'וואָלט געהאַט אַזוי פיל האָר אויפן קאָפּ, וויפיל כ'האָב אַליין אײַנגעלייגט, וואָלטן די גאַלער אין לוקאָוו נתעשר געוואָרן בלויז פון אונטערגאָלן מיר די טשופּרינע. אַ לומפּ בין איך, אויב איך האָב...

דאָ האָט הער זאַגלאָבאַ — וואָרים ער איז עס געווען — זיך געכאַפּט, אַז עס פּאַסט אים נישט צו שווערן און אויך נישט צו שעלטן פאַר יונגלעך, און הגם ער האָט, נישט האָבנדיק קיין אַנדערע צוהערער, ליב געהאַט אויך קינדער צו דערציילן וועגן זיינע אַמאָליקע גבורות, איז ער דאָס מאָל אַנטשוויגן געוואָרן, בפרט, אַז די פיש אין טייך האָבן גענומען צאַפּלען מיט אַ פאַ־טאָפּלטער קראַפט.

— מ'וועט דאַרפן זאָגן דעם גערטנער — האָט ער זיך אָנגערופן — אַז ער זאָל אויף איבער נאַכט דעם טייך פאַרשטעלן; אַ מאַסע פיינע פיש וואַרפן זיך האַרט בײַם ברעג.

דאָ האָט זיך אויפגעמאַכט די טיר פון הויז, וואָס גייט אַרויס אין גאָרטן און עס האָט זיך אין איר באַוויזן אַ פרוי, שיין, ווי די מיטאָג-

זון, אַ הויכע, אַ דיקע, אַ שוואַרץ־האָריקע, מיט טונקל־רויטע באַקן און מיט אויגן, ווי סאַמעט. אַ דריט יונגל, אַ דריי־יעריקס, שוואַרץ, ווי אַן אַכאַט־שטיין, האָט זיך אָנגעהאַלטן בײַ איר קלייד, און זי האָט פאַרשטעלנדיק די אויגן מיט דער האַנט, גענומען קוקן אין דער ריכטונג פון דער באַנק אונטערן בוים.

געווען איז דאָס פרוי העלענאַ סקשעטוסקאַ, וועלכע האָט געשטאַמט פון די פירשטן בוליהאַ-קורצעוויטש.

דערזעענדיק דעם הער זאַגלאָבאַ מיט יערעמקאַן און לאָנגינעקן אונטערן בוים, האָט זי געמאַכט אַ פּאָר שריט צום גרוב, וואָס איז געווען צוגעפּילט מיט וואַסער, און אויסגערופן:

— קומט נאָר, יונגלעך! איר פּייניקט דאָרט אוודאי דעם זיידען?

— פאַרוואָס זאָלן זיי עפּעס פּייניקן? זיי האָבן זיך דאָ גאַנץ לײַטיש אויפגעפירט — האָט הער זאַגלאָבאַ געענטפערט.

די יונגלעך זענען צוגעשפּרונגען צו דער מאַמען, און זי האָט געזאָגט:

— וואָס וויל דער טאַטעשי הײַנט: בעסער טרינקען, וויין אָדער מעד?

— חזיר-פלייש איז געווען צו מיטאָג, וועט מעד זײַן בעסער.

— כ'וועל תיכּף צושיקן. אָבער זאָל דער טאַטעשי נישט דרעמלען אויף דער לופט, ווײַל ער וועט זיך פאַרקילן.

— הײַנט איז וואַרעם, קיין ווינט איז נישטאָ. און וווּ איז ערגעץ יאַן, טעכטערל?

— ער איז אַוועק אין די שייערס.

פרוי סקשעטוסקאַ האָט געזאָגט דעם הער זאַגלאָבאַ: פאָטער, און ער איר: טעכטערל, הגם זיי זענען גאָרנישט געווען קיין קרובים. איר משפחה האָט געוווינט אויף יענער זײַט דניעפּער, אין דער אַמאָליקער מלוכה פון די וישניאָוויעצקיס, און וואָס אָנבאַלאַנגט אים, האָט איין גאָט געוווּסט, פון וואַנען ער שטאַמט, ווײַל ער האָט אַליין וועגן דעם קיין באַשטימטעס נישט דערציילט.

אָבער פאַר דער צייט, ווען זי איז נאָך געווען אַ מיידל, האָט זאַגלאָבאַ איר גרויסע טובות געטון און פון שרעקלעכע סכּנות מציל געווען, דערפאַר האָט זי מיטן מאַן אים טייער געהאַלטן, ווי אַ פאָטער און אין דער גאַנצער געגנט האָט מען אים שטאַרק נושא־פּנים געווען, סיי צוליב זיין פליגקן מוח און סיי צוליב דער אומגעווייטלעכער גבורה, וואָס ער האָט אַ סך מאָל אַרויסגעוויזן אין פאַרשידענע מלחמות, באַזונדערס אין קאָזאַקישע.

ער איז געווען אַ שם־דבר אין דער גאַנצער רעפּובליק — אפילו דער קעניג אַליין האָט געהערט זיינע מעשיות און וויצן, און בכלל האָט מען פון אים מער גערעדט, ווי אפילו פון הער סקשעטוסקין. הגם הער סקשעטוסקי האָט אין זיין צייט זיך געהאַט דורכגעריסן פון באַלאַגערטן זבאַראַזש דורך אַלע קאָזאַקישע חיילות.

אַ ווײַלע נאָך פרוי סקשעטוסקאַס אַוועקגיין האָט אַ יונגל געבראַכט צום בוים אַ פלאַש און אַ גלאָז. הער זאַגלאָבאַ האָט אָנגעגאָסן, דערנאָך האָט ער די אויגן צוגעמאַכט און גענומען פאַרזוכן דעם טעם פון דער משקה.

— גאָט האָט געוווסט צוואָס ער האָט באַשאַפן בינען! — האָט ער אַ ברום געטון אונטער דער נאָז.

און ער האָט גענומען טרינקען נישט געאיילט, טיף דערביי עטעמענדיק און קוקנדיק אויפן סטאַוו און היגטער דעם סטאַוו העט ווייט אויף די שוואַרצע און בלויע וועלדער, וואָס האָבן זיך געצויגן ווי ווייט דאָס אויג האָט געגרייכט איבערן צווייטן ברעג. געווען איז צוויי אַ זייגער נאָכמיטאָג און אויפן הימל האָט מען קיין איין כמאַרעלע נישט געזען. דאָס געבליעכץ פון בוים איז אָן גערויש אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, און אויפן בוים צווישן די בלעטער, האָט געזשומעט אַ גאַנצע קאַפּעלע פון בינען, וועלכע האָבן זיך באַלד גענומען זעצן אויפן גלאָז און צונויפשאַרן די זיסע פליסיקייט מיט די האָריקע פיסלעך.

איבער דעם גרויסן סטאַוו האָבן פון די אָפּגעלעגענע רוּרשטעקלעך, וואָס זענען געווען פאַרהילט אין נעפל פון ווייטקייט, פון צייט־צו־צייט זיך אויפגעהויבן סטאַדעס פון קאַטשקעס, אָדער

ווילדע געגנדו און געפלויגן אין בלויען חלל, ענלעך אויף שוואר־צע צלמלעך ; פון צייט־צו צייט האָט אַ ריי פון זשוראַוולעס פאַר־שטעלט די שיין הויך אויפן הימל, אָנפילנדיק די לופט מיט אַ הויכן געשריי — און אַזוי איז געווען שטיל אַרום און אַרום און רויק און זוניק און פריילעך, ווי תמיד אין די ערשטע טעג פון אויגוסט, ווען די תבואות זענען שוין צייטיק און די זון ווי זי וואַלט מיט גאָלד געשאָטן אויף דער ערד.

די אויגן פון אַלטן מאַן האָבן זיך אַמאָל אויפגעהויבן צום הימל, פאַרפאָלגנדיק די סטאַדעס פייגל, און אַמאָל פאַרפאַלן גע־וואָרן אין די מרחקים, אָבער וואָס ווייניקער דער מעד איז גע־וואָרן אין דער פלאַש אַלץ שלעפעריקער איז ער געוואָרן און אַלץ מער זענען אים די אויגן צוגעפאַלן — די בינען האָבן אויף פאַרשידענע טענער געשפּילט, ווי בכיוון צום באַכמיטאָג־דרעמל.

— יאָ, יאָ, גאָט האָט געגעבן אַ שיינע שניט־צייט — האָט הער זאַגלאָבאַ אַ ברום געטון — אי דאָס היי איז גוט געראָטן און אי דער שניט וועט גוט אַריבערגיין... יאָ, יאָ...

דאָ האָט ער צוגעמאַכט די אויגן, באַלד זיי ווידער אויפגע־מאַכט אויף אַ ווײַלע — האָט נאָך אַ ברום געטון : „זיי האָבן מיך פאַרמאַטערט די קינדער"... — און איז איינגעשלאָפן אויף גוט.

ער איז געשלאָפן גענוג לאַנג, אָבער אין אַ געוויסע צייט אַרום האָט אים אויפגעוועקט דער לייכטער בלאָז פון דער קילע־רער לופט און אויך אַ שמועס און טריט פון צוויי מאַנסבילן, וואָס זענען גיך צוגעגאַנגען צום בוים. איינער פון זיי איז געווען הער יאַן סקשעטוסקי, דער באַרימטער זבאַראַזשער העלד, וועלכער איז מיט אַ חודש צוריק געקומען אַ היים פון די העטמאַנעס אין אוק־ראַינע, היילנדיק זיך פון אַ שווערן פיבער ; דעם צווייטן האָט הער זאַגלאָבאַ נישט געקענט, הגם מיט זיין וווּקס, פיגור און אפילו שטריכן פון פנים איז ער שטאַרק געווען ענלעך אויף יאַנען.

— כ'שטעל אייך פאָר, פאָטער — האָט יאַן געזאָגט —

מיין ברודערזון, דעם הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי פון סקשעטוּשעוואָ, דעם קאַלישער ריטמייסטער.

— איר זענט, גנעדיקער הער, אַזוי ענלעך אויף יאַנען — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן, פינטלענדיק מיט די אויגן און אָפּטרייסלענדיק זיך פון די רעשטלעך שלאָף — אַז ווען איך וואָלט אייך ערגעץ געזען, וואָלט איך באַלד געזאָגט: „סקשעטוסקי!“ הע, וואָס פאַר אַ גאַסט אין הויז!

— ס'איז מיר אָנגענעם זיך צו באַקענען מיט אייך, גנעדיקער הער — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט — בפרט, אַז אייער נאָמען איז מיר גוט באַקאַנט געווען, ווייל די ריטער אין דער גאַנצער רעפּובליק דערמאָנען אים אָפּט מיט רעספּעקט און גיבן אים אָן פאַר אַ מוסטער.

— איך וויל מיך נישט רימען, אָבער מ'האָט געטון, וואָס מ'האָט געקענט, כּל־זמן מ'האָט געשפּירט כּוח אין די ביינער. נאָך איצט וואָלט איך גערן אין דער מלחמה געגאַנגען, ווייל רגילות איז די צווייטע נאַטור. אָבער פאַרוואָס, גנעדיקע הערן, זענט איר עפּעס אַזוי באַטריבט, אַז יאַנען איז אַזש דאָס פּנים בלאַס געוואָרן?

— סטאַניסלאַוו האָט געבראַכט שרעקלעכע ידיעות — האָט יאַן געענטפערט — די שוועדן זענען אַריין קיין גרויס־פּוילן און זיי האָבן עס שוין אינגאַנצן פאַרנומען.

הער זאַגלאָבאַ האָט זיך אויפגעכאַפּט פון דער באַנק, ווי ער וואָלט מיט פערציק יאָר יינגער געוואָרן, האָט ברייט געעפנט די אויגן און גענומען זיך טאַפּן איבער דער זייט, גלייך ווי ער וואָלט די שווערט געזוכט.

— וואָס הייסט? — האָט ער געזאָגט — וואָס הייסט, זיי האָבן עס אינגאַנצן פאַרנומען?

— ווייל דער פּויזנער וואָיעוואָדע און אַנדערע האָבן זי בײַ אוישטשע איבערגעגעבן אין שונאס הענט — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי געענטפערט.

— גאָט מײַנער!... וואָס רעדט איר!... זיך אונטערגעגעבן!...

— נישט בלויז זיך אונטערגעגעבן, נאָר אונטערגעשריבן אַן אָפּמאַך, אין וועלכן זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט פון קעניג און פון דער רעפּובליק... פון איצט אָן דאַרף שוין דאָרט זיין שוועדן, נישט פוילן.

— דערבאַרעמדיקער גאָט! עס מוז דאָך שוין זיין עק וועלט!... וואָס הער איך?... ערשט נעכטן האָב איך גערעדט מיט יאַנען וועגן דער סכנה מצד די שוועדן, ווייל עס זענען געווען ידיעות, אַז זיי גייען, אָבער מיר זענען ביידע זיכער געווען, אַז דאָס וועט זיך מיט גאָרנישט אויסלאָזן, העכסטנס דערמיט, וואָס אונדזער דער קעניג יאַן קאַזשימיערזש וועט מוותר זיין אויפן טיטול פון שוועדישן קעניג.

— און דערווייל האָט זיך עס אָנגעהויבן מיטן צַנווער פון אַ פּראָווינץ, און אויסלאָזן וועט עס זיך, גאָט ווייסט מיט וואָס.

— הערט אויף, גנעדיקער הער, ווייל דאָס גאַנצע בלוט זעצט מיר אין פּנים אַריין!... היתכן?... און איר זענט געווען בא אוישטשע?... און איר האָט צו דעם אַלעם זיך צוגעקוקט מיט די אייגענע אויגן?!... דאָס איז דאָך פּשוט אַ בגידה, וואָס האָט אין דער געשיכטע איר גלייכן נישט!

— איך בין טאַקע געווען און כ'האָב זיך טאַקע צוגעקוקט און צי דאָס איז געווען אַ בגידה וועט איר אַליין פּסקענען, נאָכדעם, ווי איר וועט אַלץ אויסהערן. מיר זענען געשטאַנען בא אוישטשע, דער לאַנד-שטורעם און די פּוסגייער, בסך-הכל אַ פופצען טויזנט מאַן און מיר האָבן זיך אויסגעלייגט באַם טייך נאָטעטש, וואַרטנדיק אויפן פיינטלעכן אָנלויף. אמת, אַז מיליטער איז געווען ווייניק, און איר, גנעדיקער הער, אַלס געניטער זעלנער, ווייסט אָמבעסטן, צי אַ לאַנד-שטורעם קען עס פאַרבייטן, בפרט דער גרויס-פּוילישער, וו די שליאַכטע האָט זיך פון מלחמות שטאַרק אָפּגעוויינט. פונדעסטוועגן, ווען עס וואָלט זיך געפונען אַ פירער, וואָלט מען אויפן אָרט שטאַרקער געקענט געבן דעם שונא אַ ווידערשטאַנד און על כל פּנים אים פאַרהאַלטן, ביז די רעפּובליק וואָלט אויף וועלכן ס'איז אופן פאַרשטאַרקונגען צוגעשיקט, אָבער

קיים האָט זיך וויטעמבערג באַוויזן, האָט מען תּיכּף גענומען אויב־ טערהאַנדלען, נאָך איידער אַ טראָפּן בלוט איז פאַרגאָסן געוואָרן. דערנאָך איז געקומען ראַדזשעיאָווסקי און מיט זיינע צורעדענישן האָט ער גורם געווען דאָס, וואָס כ'האָב געזאָגט, דאָס הייסט, דאָס אומגליק, אי דעם בזיון, וואָס אַזעלכער איז נאָך ביז איצט נישט געהערט געוואָרן.

— ס'טייטש? און קיינער האָט זיך נישט אַקעגנגעשטעלט?... קיינער האָט נישט פּראָטעסט־רט? קיינער האָט דידאָזיקע לומפּן נישט געוואָרפן אין די אויגן אַריין דעם פאָרוואורף וועגן בגידה... שוין־זשע האָבן אַלע מסכּים געווען צו באַגיין אַ בגידה לגבי דעם פאָטערלאַנד און קעניג?...

— עס גייט אונטער די ערלעכקייט און צוזאָגען מיט איר אויך די רעפּובליק, ווייל כּמעט אַלע האָבן מסכּים געווען... איך, ביידע הערן סקאָראַשעווסקי, הער טשישוויצקי און הער קלאָדזשינסקי, האָבן־מיר געטון, וואָס מיר האָבן געקענט, כּדי די שליאַכטע צו אַ ווידערשטאַנד מעורר צו זיין. הער וולאַדיסלאַוו סקאָראַשעווסקי איז שיִער נישט משוגע געוואָרן; מיר זענען גע־ פלויגן איבערן לאַגער פון פּאָוויאַט צו פּאָוויאַט און גאָט איז אַן עדות, מיר האָבן זיי באַשווירן מיט אַלע שבועות, וואָס קענען נאָר זיין. אָבער וואָס האָט דאָס געהאָלפן, ווען דאָס רוב שליאַכ־ טע האָט בעסער געוואָלט פאָרן מיט לעפל אויפן באַנקעט, וואָס וויטעמבערג האָט זיי צוגעזאָגט — איידער מיט שווערטן צו דער שלאַכט. זעענדיק דאָס, זענען די ערלעכערע זיך צעפאָרן אין אַלע זייטן — אַ טייל אַהיים, אַ טייל קיין וואַרשע. די הערן סקאָראַשעווסקי זענען אַוועק קיין וואַרשע און וועלן די ערשטע ברענגען דעם קעניג די ידיעה, און איך, נישט האָבנדיק קיין ווייב, קיין קינדער, בין געקומען אַהער צום ברודער טראַכטנ־ דיק זיך, אַז מיר וועלן צוזאַמען זיך אַקעגן שונא אַרויסלאָזן. צום גליק, האָב איך אייך אין דער היים געטראָפן!

— קומט איר, גנעדיקער הער, גלייך פון אוישטשע?

— גלייך. כ'האָב נאָר אויף אַזוי פיל גערוט, וויפיל דאָס איז נייטיק געווען פאַר די פערד, אָבער סיי ווי סיי איז מיר איין

פערד געפאַלן פון פאַרמאַטערטקייט. די שוועדן מוזן שוין זיין אין פויזן און פון דאָרט וועלן זיי זיך גיך איבערן גאַנצן לאַנד צעפלייצן.

דאָ זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן. יאַן איז געזעסן מיט די הענט אָנגעשפּאַרט אויף די קני, די אויגן האָט ער איינגעגראָבן אין דער ערד און זיך אומעטיק פאַרטראַכט, הער סטאַניסלאַוו האָט געזיפצט. און הער זאַגלאָבאַ, וועלכער האָט זיך נאָך נישט געהאַט באַרויִקט, האָט מיט אַ פאַרשטאַרטן בליק געקוקט דאָ אויף איינעם, דאָ אויפן צווייטן.

— אַ שלעכטער סימן איז דאָס — האָט הער יאַן צום סוף טריב געזאָגט — אַמאָל איז אויף צען נצחונות אויסגעפאַלן איין מפּלה און מיר האָבן די וועלט פאַרחידעשט מיט אונדזערע גבורות, היינט פאַלן אויס נישט בלויז מפּלות, נאָר אויך בגידות — נישט בלויז פון יחידים, נאָר פון גאַנצע פּראָווינצן. גאָט זאָל זיך מרחם זיין איבערן פאָטערלאַנד!...

— באַ גאָט — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — כ'האָב אויף דער וועלט זיך שוין אַ סך אָנגעזען, כ'פאַרשטיי, און עס ווילט זיך מיר נאָך אַלץ נישט גלייבן...

— וואָס האָסטו בדעה צו טון, יאַן? — האָט סטאַניסלאַוו געפרעגט.

— אוודאי וועל איך אינדערהיים נישט בלייבן, הגם די קעלט וואַרפט מיך נאָך. דאָס ווייב און די קינדער וועט מען ערגעץ דאַרפן באַוואָרענען. הער סטאַבראָווסקי, מיין קרוב, איז קעניגלע-כער יעגערמייסטער אין ביאַלאָ יעזשער וועלדער און וווינט אין ביאַ-לאָוויעזש. ווען אפילו די גאַנצע רעפּובליק זאָל אַריינפאַלן אין רשות פון די שונאים, וועלן זיי דאָרט אַהין אויך נישט טרעפן. באַלד מאָרגן וועל איך דאָס ווייב און די קינדער אַרויס-שיקן.

— אין דאָס וועט נישט זיין קיין צו גרויסע פאָרזיכטי-קייט — האָט סטאַניסלאַוו זיך אָנגערופן — ווייל הגם פון גרויס-פּוילן ביז אַהער איז ווייט, קען מען אָבער נישט וויסן, צי די

מלחמה-פלאַמען וועלן אויך דידאָזיקע מקומות בקרוב נישט אַרומ-כאַפּן.

— מען וועט דאַרפן דער שליאַכטע מודיע זיין — האָט יאַן געזאָגט — אַז זיי זאָלן זיך צוזאַמענעמען און וועגן פאַר-טיידיקונג טראַכטן, ווייל דאָ ווייסט נאָך קיינער וועגן גאָר-נישט.

דאָ האָט ער זיך געווענדט צום הער זאַגלאָבאַ.

— און איר, פאָטער, וועט גיין מיט אונדז, אָדער איר וועט וועלן מיט העלענאַן אין די וועלדער פאַרבלייבן?

— איך? — האָט הער זאַגלאָבאַ געענטפערט — צי איך וועל גיין? אַז די פיס וואָלטן מיר אין דער ערד אַריינגעוואַקסן, וואָלט איך נישט געגאַנגען, אָבער דאַמאָלס וואָלט איך אויך עמעצן געבעטן, אַז ער זאָל מיך אַרויסשלעפּן. עס ווילט זיך מיר אַזוי ווידער פאַרזוכן דעם טעם פון שוועדישן פלייש, ווי עס לעכצט אַ פוקס נאָך שעפסן-פלייש! האַ! מנוולים, טויגעניכטן!... די פליי בייסן זיי אין די פיס, דערפאַר קענען זיי נישט אינדער-היים איינזיצן, נאָר קריכן אין פרעמדע מדינות... איך קען זיי, דידאָזיקע חברה-לייט, ווייל כ׳צאָב נאָך אונטער הער קאָניעצפּאָל-סקיס קאָמאַנדע מיט זיי זיך געשלאָגן — און ווילט איר, גנעדי-קע הערן, וויסן, ווער עס האָט גוסטאַוו אַדאָלפן אין געפאַנגענ-שאַפט גענומען, טאָ פרעגט דעם פאַרשטאָרבענעם הער קאָניעצ-פּאָלסקי. מער וועל איך גאָרנישט זאָגן! איך קען זיי, אָבער זיי קענען אויך מיך... נישט אַנדערש, נאָר די לומפּן זענען דער-באַנגען, אַז זאַגלאָבאַ איז אַלט געוואָרן. אַזוי? וואַרט צו! איר וועט אים נאָך זען!... גאָט! אַלמעכטיקער גאָט! פאַרוואָס האָסטו עפּעס די אומגליקלעכע רעפּובליק אַזוי געלאָזט אויף הפקר, אַז אַלע שכנישע חזירים קריכן איצט אַריין אין איר און שוין די דריי בעסטע פּראָווינצן פאַראומרייניקט! אָבער ווער איז אין דעם שולדיק, אויב נישט די בוגדים? די מגפה האָט נישט געוווסט וועמען צו נעמען, האָט זי די ערלעכע מענטשן גענומען און די בוגדים איבערגעלאָזט. שיק-זשע גאָט נאָכאַמאָל אַ מגפה אויפן פויזנער און זיפּן קאַלישער וואָיעוואָדע, און באַזונדערס אויף

ראַדזשעיאָווסקין מיטן גאַנצן הויז־געזונט. און אויב דו ווילסט מיט מער תושבים דעם גיהנום מזכה זיין שיק אַהין די אַלע, וועלכע האָבן יענע קאַפּיטולאַציע באַ אויִשטשע אונטערגעשריבן. זאַגלאָבאַ איז אַלט געוואָרן? אַלט געוואָרן? איר וועט זען! יאַן! לאָמיר גיכער זיך שואל־עצה־זיין, וואָס צו טון, ווייל כ׳וואָלט שוין וועלן זיצן אויפן רוקן פון פערד!

— אוודאי דאַרף מען זיך משאל־עצה־זיין, וווהין צו גיין, קיין אוקראַינע צו די העטמאַנעס איז שווער זיך דורכצוקריגן, ווייל דער שונא האָט זיי דאָרט אָפּגעשניטן פון דער רעפּובליק און נאָר קיין קרים האָבן זיי אַ פרייען וועג, אַ נס, וואָס די טאָטערס זעבען איצט אויף אַנדוער זייט. לויט מיין אייבזען, וועט מען דאַרפן זיך לאָזן קיין וואַרשע צום ליבן האַר קעניג פּאַרטיידיקן!

— עס זאָל נאָר שוין ניִשט צו שפּעט זיין — ה׳ט סטאַניסלאַוו זיך אָנגערופן — דער האַר קעניג מוז דאָרט אין גרעסטן איילעניש די פולקן צונויפקלייבן און נאָך איידער מיר וועלן קומען אַהין, וועט ער שוין האָבן אַרויסמאַרשירט אַקעגן שונא, און אפשר אויך מיט אים זיך האָבן צוזאַמענגעשטויסן.

— אויך דאָס איז מעגלעך.

— אויב אַזוי לאָמיר פאָרן קיין וואַרשע, אָבער וואָס גיכער — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — הערט גנעדיקע, הערן... אמת, אַז אונדזערע נעמען וואַרפן אָן אַן אימה אויפן שונא, אָבער אין דרייען וועלן מיר קיין סך ניִשט אויפטון, וואָלט איך דעריבער געראָטן אַזוי: לאָמיר אַ רוף טון די שליאַכטע זיך פרייוויליק צו שטעלן און פון וויפיל עס וועט זיך לאָזן וועלן מיר כאָטש אַ קליינעם פולק צום קעניג אַראָפפירן! מיר וועלן זיי לייכט דערצו אָנרעדן, ווייל, אַז עס וועלן אָנקומען די באַפעלן צו גיין אין לאַנד־שטורעם, וועלן זיי סיי ווי זיך מוזן לאָזן אין וועג אַריין, איז דאָך זיי אַלצייגס — און מיר וועלן זיי זאָגן, אַז ווער עס וועט פאַר די באַפעלן זיך שטעלן, וועט דער קעניג אים געדענקען צום גוטן. מיט אַ גרעסערער קראַפט וועט מען מער קענען אויפטון און מ׳וועט אונדז אויפנעמען מיט אָפענע אָרעמס.

— איר זאָלט זיך נישט חידושן איבער מיינע ווערטער — האָט הער סטאַניסלאַוו זיך אָנגערופן — אָבער נאָך דעם, וואָס איך האָב געזען, איז מיר דער לאַנד־שטורעם אַזוי פאַרמיאוסט געוואָרן, אַז איך וויל בעסער גיין אַליין, איידער מיט אַ המון מענטשן, וואָס ווייסן נישט, וואָס דאָס איז אַזוינס אַ מלחמה.

— אויב אַזוי קענט איר נישט די היגע שליאַכטע. דאָ וועט איר נישט געפינען קיין אייגעם אַזעלכן, וואָס זאָל נישט האָבן געדינט אין מיליטער. דאָס זענען אַלץ מענטשן געניטע און גוטע זעלנער.

— סיידן אַזוי.

— קען דען זיין אַנדערש ? אָבער וואַרט נאָר צו ! יאַן ווייסט שוין, אַז קוים הייב איך נאָר אָן מיטן קאָפּ צו אַרבעטן, וועלן מיר שוין קיין המצאות נישט אויסלעלן. נישט בחינם בין איך געווען דעם רייסישן וואָיעוואָדעס, פירשט יאַרעמאַס בגל־יועץ. זאָל יאַן עדות זאָגן, וויפיל מאָל דערדאַזיקער גרעסטער מלחמה־מאַן אויף דער וועלט האָט געפאָלגט מיין עצה און תמיד דערפון געוווּנען.

— זאָגט נאָר, פאָטער, וואָס איר האָט געוואָלט זאָגן, ווייל ס'איז אַ שאָד די צייט — האָט יאַן זיך אָנגערופן.

— וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן ? אָט וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן : עס פאַרטיידיקט נישט דאָס פאָטערלאַנד און דעם קעניג דער, וואָס האַלט זיך בײַ די פאָלעס פון קעניג, נאָר דער, וואָס שלאָגט דעם שונא ; און עס שלאָגט אַמבעסטן דעם שונא דער, וואָס דינט אונטער דער פירונג פון אַ גרויסן מלחמה־מאַן. צו וואָס זאָלן מיר ריזיקירן און פאָרן קיין וואַרשע, בשעת עס קען זיין, אַז דער הער קעניג איז שוין אַרויסגעפאָרן קיין קראָקע, קיין לוווו, אָדער קיין ליטע ; מיין עצה איז, גגעדיקע הערן, אַז מיר זאָלן אָן שום שהיות זיך אַלאָז טון צו די פולקן פון ליטווישן גרויס־העטמאַן, פירשט יאַנוש ראַדזיוויל. אַן ערלעכער מושל איז דאָס און אַ מומחה אין מלחמה־זאַכן. הגם מען וואַרפט אים פאַר גדלות, וועט ער אָבער זיכער פאַר די שוועדן נישט קאַפּיטולירן. דאָס איז ווייניקסטנס אַ פירער און אַ העטמאַן ווי עס געהער צו

זיין. אמת, אַז עס וועט דאָרט ענג זיין, ווייל מען וועט האָבן צו טון מיט צוויי שונאים ; דערפאַר וועלן מיר אָבער זיך טרעפן מיטן הער מיכאַל וואָלאָדיאָווסקי, וועלכער דינט אין דער ליטווישער אַרמיי און מיר וועלן ווידער, ווי אַמאָל, אין איין חברותא זיך צו-גויפּקלייבן, ווי אין די אַלטע צייטן. אויך מיין עצה איז נישט קיין גוטע, זאָל מיך דער ערשטער שווער מיט שטריק אין גע-פאַנגענשאַפט אַוועקפירן.

— און ווער ווייסט? ווער ווייסט? — האָט יאַן לעבהאַפט זיך אָנגערופן — אפשר איז דאָס טאַקע די בעסטע עצה.

— און מיר וועלן נאָך העלענאַן מיט די קינדער אויפן וועג באַגלייטן, ווייל עס וועט זונדז גראָד אויסקומען צו פאָרן דורך די וועלדער. . .

— און מיר וועלן דינען אין מיליטער, נישט מיט לאַנד-שטורמער — האָט סטאַניסלאַוו צוגעגעבן.

— און מיר וועלן זיך שלאָגן, נישט אסיפות אָפּהאַלטן און נישט די הינער און קעז איבער די דערפער אויפפרעסן.

— ווי איך זע, זענט איר, גנעדיקער הער, אַ בריה נישט בלויז אין דער מלחמה, נאָר אויך אויף עצות געבן — האָט הער סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— וואָס ? הא ?

— יאָ, אמת ! — האָט יאַן זיך אָנגערופן — דאָס איז טאַקע די בעסטע עצה. ווי אַמאָל, וועלן מיר אין חברותא מיט מיכאַלן זיין. וועסט, סטאַניסלאַוו, זיך באַקענען מיטן גרעסטן זעלנער אין דער רעפּובליק און מיט מיין אויפריכטיקן פריינט און ברודער. לאָמיר איצט גיין צו העלענען און איר זאָגן, אַז זי זאָל זיך גרייטן אין וועג אַריין.

— און וועגן דער מלחמה ווייסט זי שוין ? — האָט הער זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— זי ווייסט, זי ווייסט, ווייל זי איז געווען דערביי, ווען סטאַניסלאַוו האָט צום ערשטן מאָל אַלץ דערציילט. זי האָט זיך געבעך איינגעגאָסן מיט טרערן באַגאָסן. . . אָבער ווען כ'האָב איר

געזאָגט, אַז מען דאַרף גיין, האָט זי מיר באַלד געזאָגט:
„גיי!“

— כ׳וואָלט וועלן שוין מאָרגן זיך לאָזן אין וועג אַריין! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגעשריגן.

— מיר וועלן טאַקע מאָרגן זיך לאָזן אין וועג אַריין און דאָס — פאַרטאָגס — האָט יאַן געזאָגט — דו, סטאַניסלאַוו, ביסט אוודאי שטאַרק פאַרמאַטערט נאָך דער נסיעה, אָבער ביז מאָרגן וועסטו זיך אויסרוען, אויב דו וועסט קענען. איך וועל נאָך היינט די פערד אַרויסשיקן מיט זיכערע מענטשן קיין ביאַלאַ, קיין לאָשיצע, קיין דראָהיטשין און קיין ביעלסק, כדי זיי זאָלן אומעטום זיין פריש צום איבערשפּאַנען. און הינטער ביעלסק זענען שוין די וועלדער. די וועגנס מיט זאַפּאַסן וועלן אויך נאָך היינט אַרויסגיין. אַ שאָד זיך צו שיידן פון ליבן ווינקל און זיך צו לאָזן אין דער וועלט אַריין, אָבער אַזוי וויל גאָט! איך טרייסט זיך דערמיט, וואָס איך וועל וועגן ווייב און די קינדערלעך רויק זיין, ווייל די וועלדער זענען דאָס בעסטע פעסטונג אויף דער וועלט. קומט, גנעדיקע הערן, אַהיים, ווייל עס איז שוין צייט זיך מיט דער עקספּעדיציע צו פאַרנעמען.

זיי זענען געגאַנגען.

הער סטאַניסלאַוו, וועלכער איז שטאַרק מיד געווען, האָט אָפּגעגעסן און געטרונקען און איז באַלד אַוועק שלאָפן, און הער יאַן מיטן הער זאַגלאָבאַ האָבן גענומען זיך פאָרען אַרום דער עקספּעדיציע. און אַזוי ווי באַם הער יאַן האָט געהערשט אַ גרויסער אָרדענונג, האָבן די וועגנס און די מענטשן געלאָזט זיך אין וועג אַריין נאָך יענעם אָוונט, און צומאָרגנס באַטאָג איז נאָך זיי נאָכגעפאָרן אַ קאָטש, אין וועלכער ס׳איז געזעסן העלענאַ מיט די קינדער און איין אַלטע פריילין, וואָס האָט אַלס גאַסט געוווינט אין יאַנס הויז. הער סטאַניסלאַוו, הער יאַן, צוזאַמען מיט פינף יינגלעך, זענען געריטן לעבן דער קאָטש. די גאַנצע מחנה איז געפאָרן גיך, ווייל איבער די שטעט האָבן אויף זיי געוואַרט פרישע פערד.

אַזוי פאָרנדיק און נישט אָפּרוענדיק אַפילו אין די נעכט,

זענען זיי אויפן פינפטן טאָג צוגעפאָרן ביז ביעלסק און דעם זעקסטן טאָג האָבן זיי זיך שוין אַריינגעלאָזט טיף אין די וועלדער.

עס האָט זיי באַלד אַרומגענומען די טונקלקייט פון ריזיקן וואַלד, וועלכער האָט אין יענער צייט אַ פּאָר צענדליק קוואַדראַט־מייל באַדעקט, פאַרייניקנדיק זיך פון איין זייט דורך אַ בישט אי־בערגעהאַקטן פּאַס אַזש העט מיט די וועלדער זשעלאַנקאַ און ראַגאָווסקאַ און פון דער צווייטער זייט מיט די פּרייסישע וועלדער.

קיין שום שונא האָט נאָך קיינמאָל מיט די פיס נישט געטרעטן דידאָזיקע פינסטערע טיפענישן, אין וועלכע אַן אומבאַהאַוונטער וואָלט געקענט פאַרבלאָנדזשען און בלאָנדזשען אַזוי לאַנג, ביז ער וואָלט געפאַלן פון פאַרמאַטערטקייט אָדער פאַרציקט געוואָרן דורך ווילדע חיות. אין די נעכט האָט מען דאָ געהערט ריטשערייען פון זשוברעס און בערן צוזאַמען מיט אַ געהייל פון וועלף און אַ הייזעריקן געיאָמער פון טיגערס. אומזיכערע וועגן האָבן דורך געדיכטעניש אָדער הוילע ערטער, דורך בעוויקסן־פלאָנטערס און פאַרדרייטע שטעגן, געפירט צו די פונאַנדערגעוואָרפענע דערפער פון די קלייטניקעס און פעך־זידער, וועלכע האָבן אָפּט דאָס גאַנצע לעבן פון די וועלדער נישט אַרויסגעשמעקט. נאָר קיין ביאַלאָוויעזש אַליין האָט געפירט אַ ברייטערער טראַקט, וועלכער איז דורכגעהאַקט געוואָרן דורך דעם טרוקענעם וועג, דורך וועלכן די מלכים פלעגן פאָרן אויף געיעג. דאָרט־אַרום זענען אויך די סקשעטוסקיס געפאָרן.

הער סטאַבראָווסקי, דער קעניגלעכער יעגערמייסטער, אַן אַלטער איינזאַמער בחור, וועלכער איז כסדר ווי אַ זשובר אין די וועלדער געזעסן, האָט זיי מיט אָפענע אָרעמס אויפגענומען; און די קינדער האָט ער שיער נישט דערוואָרגן קושנדיק. וואָרים ער האָט געלעבט נאָר מיט די פעך־זידער, נישט זעענדיק קיין פּנים פון אַ שליאַכטיץ, סיידן דאַמאָלס, ווען די הויף־לייט זענען אויף געיעג אַראָפּגעפאָרן.

ער האָט דאָס פּאַרוואַלטעט מיט דער גאַנצער יאַגד-ווירטשאַפט און מיט אַלע פּעך-זידערייען פון די וועלדער. ער האָט געהאַט גרויס עגמת-נפש פון דער ידיעה וועגן דער מלחמה, וועגן וועלכער ער האָט זיך ערשט פון הער סקשעטושקיס מויל דערוווּסט.

וואָרים אָפּט פלעגט עס טרעפן, אַז אין דער רעפּובליק האָט געפלאַקערט אַ מלחמה, אַ קעניג איז געשטאָרבן, און צו די וועלדער איז וועגן דעם אַפילו קיין ידיעה נישט דערגאַנגען; ערשט דער הער יעגערמייסטער האָט געבּרענגט די נייעס, ווען ער פלעגט צוריקקערן פון ליטווישן שאַץ-מייסטער, וועלכן ער איז איינמאָל אין יאָר מחויב געווען אָפּצוגעבן אַ דין-וחשבון פון דער וואַלד-ווירטשאַפט.

— לאַנגווייליק וועט דאָ זיין, זייער לאַנגווייליק — האָט הער סטאַבראָווסקי געזאָגט צו העלענאַן — אָבער זיכער, ווי אין ערגעץ נישט אויף דער גאַנצער וועלט. קיין שום שונא וועט זיך נישט דורכרייסן דורך דידאָזיקע וועלט, און ווען ער זאָל אפילו פּרווון, וואָלטן אים די וואַלד-וועכטער אַלע מענטשן בּליץ-שנעל אויסגעשאָסן. ס׳איז לייכטער די גאַנצע רעפּובליק איינצונעמען — פון וואָס נאָט זאָל אָפּהיטן! — איידער די וועלדער. צוואַנציק יאָר לעב איך שוין דאָ, און איך קען זיי נישט, ווייל עס זענען פאַראַן ערטער, צו וועלכע מ׳קען גאָרנישט צוטרעטן און וווּ עס וווינען נאָר חיות, און אפשר האָבן אויך בייזע רוחות דאָרט זייער מקום-מקלט, ווו זיי באַהאַלטן זיך פאַר די שטימען פון די קירכן-גלאָקן. אָבער מיר לעבן ווי גאָטספאָרכטיקע מענטשן, ווייל אין דאָרף איז פאַראַן אַ געבעט-הויז, אין וועלכן דער קסיאָנדז פון בּיעלסק קומט אַראָפּ איינמאָל אין יאָר. ס׳וועט אייך דאָ גוט זיין, ווי אין הימל, אויב די לאַנגווייליקייט וועט נישט דאַקוטשען. דערפאַר וועט קיין דוחק אין האָלץ אויף באַהייצונג נישט זיין. . .

הער יאַן איז געווען זייער צופרידן, וואָס ער האָט אַזאַ גוטע מקום-מנוחה פאַרן ווייב אויסגעפונען; אָבער אומזיסט האָט אים הער סטאַבּראָווסקי געפּרווּט אויפהאַלטן.

נאָכדעם ווי זיי האָבן בלויז איבערגענעכטיקט, האָבן זיך די ריטער צומאָרגנס פאַרטאָגס דורך די וועלדער געלאָזט אין ווייטערדיקן וועג אַריין, געפירט אין וואַלד-לאַבירינט דורך וועג-ווייזער, וועלכע דער יעגערמייסטער האָט צוגע-שטעלט.

12. קאַפּיטל.

ווען הער יאַן סקשעטוסקי מיטן ברודערנזון סטאַניסלאַוו און הער זאַגלאָבאַ זענען נאָך דער שווערער נסיעה איבער די וועלדער צום סוף אָנגעקומען קיין אופּיטאַ, איז הער מיכאַל וואָלאָדיאָווסקי שיִער ניִשט משוגע געוואָרן פון פרייד, בפרט, אַז ער האָט שוין לאַנג פון זיי קיין שום ידיעה ניִשט געהאַט, און וועגן יאַנען האָט ער געמיינט, אַז ער געפינט זיך אין קעניגלעכן פולק, וועלכן ער האָט אָנגעפירט אין אוקראַיִנע בײַ די העטמאַנעס.

ער האָט זיי איינעם נאָכן אַנדערן גענומען אין די אָרעמס אַריין און נאָכדעם, ווי ער האָט זיי אויסגעקוועטשט, האָט ער זיי ווידער געקוועטשט און זיך די הענט געריבן; און ווען זיי האָבן אים געזאָגט, אַז זיי ווילן בײַ ראַדזיווילן דינען, האָט ער זיך נאָכמער דערפרייט אויפן געדאַנק, אַז זיי וועלן זיך גיך ניִשט צעשיידן.

— געלויבט איז גאָט, וואָס מיר, אַלע זבאַראַזשער זעלנער, וועלן ווידער זײַן איין חברותא — האָט ער געזאָגט —

דער מענטש האָט אויך צו דער מלחמה אַ גרעסערן חשק, ווען ער שפירט לעבן זיך גוטע פרייַנט.

— דאָס איז געווען מייַן אייַנפאַל — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט — ווייל זיי האָבן צום קעניג געוואָלט לויפן... אָבער איך האָב געזאָגט: פאַרוואָס זאָלן מיר נישט מיטן הער מיכאַל זיך אין די אַלטע צייטן דערמאָנען? אויב גאָט וועט אונדז געבן הצלחה, ווי מיט די קאָזאַקן און טאָטערן, וועלן מיר בקרוב נישט איין שוועד האָבן אויפן געוויסן.

— גאָט האָט אייך אַרייַנגעגעבן דעמדאָזיקן געדאַנק! — האָט הער מיכאַל זיך אָנגערופן.

— אָבער מיך חידושט — האָט יאַן געזאָגט — וואָס איר האָט וועגן אויִשטשע און וועגן דער מלחמה שוין געוווּסט. סטאַ ביסלאַוו איז, דעם לעצטן אָטעם פון פערד אַרויסיאָגנדיק, צו מי געקומען, און מיר זענען אויך אַזוי געפאָרן אַהער, מייַנענדיק אַז מיר וועלן די ערשטע די שלעכטע בשורה אָנזאָגן.

— די ידיעה האָט געמוזט דורך די ייִדן אַהער אָנקומע — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — ווייל שטענדיק ווייסן זיי די ערשטע וועגן אַלץ און אַזאַ פאַרבינדונג האָבן זיי שוין צווישן זיך, אַז ווען אייבער פון זיי גיט אינדערפרי אַ ניס אין גרויס-פוילן, זאָגט מען אים שוין איבאָוונט אין אוקראַינע און אין זשאַמעט: „צום געזונט"!

— כ'ווייס נישט, ווי אַזוי דאָס איז געווען, אָבער זייט צוויי טעג ווייסן מיר — האָט הער מיכאַל געזאָגט — און די פאַרב טערונג איז דאָ אַ שרעקלעכע... דעם ערשטן טאָג האָבן מיר נישט געגלייבט, אָבער דעם צווייטן טאָג איז שוין קיינער נישט מסופק געווען... נאָכמער: ס'איז נאָך קיין מלחמה נישט גע ווען און פונדעסטוועגן וואָלסטו געמיינט, אַז די פייגל האָבן וועג איר אין דער לופט געזונגען, ווייל אַלע מיטאַמאָל האָבן אָן שו סיבה גענומען וועגן איר רעדן. אונדזער פירשט-וואָיעוואָדע האָ זיך אויך געמוזט אויף איר ריכטן און עפעס פריער פאַר אַנדע רע וועגן איר ווייסן, ווייל ער האָט זיך געוואָרפן ווי אַ פליג אי קאָכעדיקן וואַסער און איז אין די לעצטע צייטן קיין קיידאַנ

געקומען צו פליען. זייט צוויי חדשים האָט מען אויף זיין באַפעל ח״ילות ווערבירט. איך האָב ווערבירט, סטאַנקעוויטש און אַ געוועסער קמיטשיץ, אָרשער כאָראַנזשי, וועלכער האָט שוין, ווי כ׳האָב געהערט, אַ פיקס־און־פּאַרטיקן פּולק קיין קיידאַני אָוועקגעפירט. ער האָט זיך פריער פון אונדז אַלע צוגעשטעלט...

— קענסטו, מיכאַל, גוט דעם ווילנער פירשט־וואָיעוואָדע? — האָט יאַן געפרעגט.

— ווי אַזוי זאָל איך אים נישט קענען, אַז איך האָב די גאַנצע איצטיקע מלחמה אונטער זיין קאָמאַנדע מיטגעמאַכט?

— וואָס ווייסטו וועגן זיינע פּלענער? איז ער אַן ערלעכער מאַן?

— אַ מלחמה־מאַן איז ער אַן אויסגעצייכנטער; ווער ווייסט, צי ער איז נישט דער גרעסטער אין דער רעפּובליק נאָכן טויט פון פירשט יערעמי... מ׳האָט אים, אמת, איצט צעקלאַפּט, אָבער ער האָט געהאַט זעקס טויזנט זעלנער אויף אַכציק טויזנט... דער הער שאַצמייסטער און דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע פאַראורטיילן אים זייער שאַרף דערפאַר און טענהן, אַז ער איז דערפאַר מיט אַזעלכע קנאַפּע כוחות אַרויסגעטרעטן קעגן יענער אומגעהייערער מאַכט, כּדי ער זאָל זיי נישט האָבן פאַר קיין שותּפים צום נצחון. גאָט אַליין ווייסט, ווי אַזוי ס׳איז געווען... אָבער געשלאָגן האָט ער זיך העלדיש און האָט אויף זיין אייגן לעבן נישט חס געהאַט... און איך, וואָס איך האָב אויף אַלץ געקוקט, וועל נאָר זאָגן אַזוי פיל, אַז ווען ער וואָלט געהאַט גענוג חייל און געלט, וואָלט קיין איין פוס פון שונא נישט אַנטקומען פון דאָזיקן לאַנד. איך מיין, אַז ער וועט זיך איצט ערנסט נעמען צו די שוועדן און מיר וועלן אוודאי דאָ אויף זיי נישט וואַרטן, נאָר קיין ליפלאַנד אַרויסמאַרשירן.

— פון וואָס דרינגסטו דאָס?

— פון צוויי זאַכן: ערשטנס, וועט דער פירשט וועלן זיין רעפּוטאַציע, וואָס איז נאָך דער ציביכאָווער שלאַכט אַ ביסל פאַרשאָטנט געוואָרן, אומקערן איר גלאַנץ, און צווייטנס, האָט ער ליב די מלחמה...

— יאָ — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — איך קען אים, ווייל כ׳האָב צוזאַמען מיט אים אין דער שול געלערנט און פאַר אים די לעקציעס געמאַכט. ער האָט שטענדיק די מלחמה ליב געהאַט און דערפאַר זיך בעסער מיט מיר געחברט, איידער מיט אַנדערע, ווייל איך האָב אויך גערנער געהאַט דאָס פערד און די שפיז, איידער לאַטיין.

— אוודאי איז דאָס נישט דער פויזנער וואָיעוואָדע, אוודאי איז דאָס לגמרי אַן אַנדערער מענטש — האָט הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

וואָלאָדיִאָווסקי האָט אים גענומען אויספרעגן וועגן אַלץ, וואָס האָט זיך באַ אוישטשע פאַרלאָפן און ער האָט זיך פאַר דער טשופּרינע געריסן, הערנדיק זיינע מעשיות; צום סוף, ווען הער סטאַניסלאַוו האָט געענדיקט, האָט ער געזאָגט:

— איר זענט גערעכט, גנבדיקער הער! אונדזער ראַדזיוויל איז צו אַזעלכע זאַכן נישט מסוגל. שטאָלץ איז ער ווי אַ טייוול און עס דאַכט זיך אים, אַז אויף דער גאַנצער וועלט איז נישטאָ קיין גרעסערע מיוחסים פון די ראַדזיווילס, דאָס איז אמת! קיין ווידערשטאַנד קען ער נישט סובל זיין, אמת — און אויפן הער שאַצמייסטער גאָשיעווסקי, אַ פיינעם מאַן, איז ער ברוגז דערפאַר, וואָס יענער טאַנצט נישט, ווי די ראַדזיווילס שפּילן אים אונטער. אויפן האַר קעניג האָט ער אויך תרעומות דערפאַר, וואָס ער האָט אים נישט גענוג גיך געגעבן דעם אַמט פון ליטווישן הויפּט-קאָמענדאַנט. . . דאָס אַלץ איז אמת, ווי עס איז וואָר אויך דאָס, אַז ער וויל בעסער לעבן אין דער קאַלוויניער טומאה, איידער דעם אמתן גלויבן אָננעמען; אַז ער רודפט די קאַטאָליקן, ווו ער קען נאָר; אַז ער שטעלט אויף קירכעס פאַר אפיקורסים. . . אָבער דערפאַר וועל איך שווערן, אַז ער וואָלט זיך בעסער געלאָזט דעם לעצטן טראָפּן פון זיין שטאָלץ בלוט אויסצאַפּן, איידער אונטערשרייבן אַזאַ קאַפּיטולאַציע, ווי באַ אוישטשע. . . מיר וועלן האָבן מלחמות איבער גענוג, ווייל ער איז נישט קיין שרייבער, אָבער אַ מלחמה-מאַן וועט מיט אונדז אָנפירן.

— דאָס געפעלט מיר! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — מער ווינטשן מיר זיך גאָרנישט. הער אָפּאַלינסקי איז אַ שרייבער און ס'האָט זיך באַלד אַרויסגעשטעלט, צו וואָס ער איז מסוגל... דער גידעריקסטער סאָרט מענטשן איז דאָס! יעדער פון זיי, אַז ער ציט נאָר אַרויס אַ פעדער פון דעם הינטערשטן חלק פון אַ גאַנדז, מיינט ער שוין, אַז ער איז אַ וועלט-חכם... אַזאַ איינער קען נאָר אַנדערע טאַדלען און אַז עס קומט צו דער שווערט, איז ער נישטאָ. כ'האָב אַליין אין די יונגע יאָרן שירים געשריבן, כדי צו געווינען די מיידלשע הערצער און ווען איך וואָלט ווייטער געשריבן, וואָלט הער קאָכאַנאָווסקי מיט זיינע קליינע לידער זיך געמעגט אין אַ ווינקל פאַרשטעקן, אָבער דערנאָך האָט די זעלנערישע נאַטור גובר געווען.

— דערביי וועל איך אייך נאָך דאָס זאָגן — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — אַז קוים וועט די שליאַכטע זיך דאָ אַ ריר טון, וועט זיך אַ היבשע מחנה צונויפקלייבן, אַבי עס זאָל נאָר קיין דוחק אין געלט נישט זיין, ווייל דאָס איז דער עיקר.

— באַ גאָט, איך וויל נישט קיין לאַנד-שטורמער! — האָט הער סטאַניסלאַוו אויסגעשריגן — יאַן און דער הער זאַגלאָבאַ קענען שוין מיינע געפילן, און אויך וועל איך זאָגן, אַז איך וויל בעסער זיין דער לעצטער דינער אין אַ רעגולערן פּולק, איידער העטמאַן איבער אַ גאַנצן לאַנד-שטורעם.

— דאָס היגע פאָלק איז מוטיק — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — און זייער געשיקט. אַ ראיה האָב איך פון מיינע ניי-ווערבירטע זעלנער. כ'האָב נישט געקענט אויפנעמען אַלע, וועלכע האָבן צו מיר געשטראָמט, און צווישן די, וואָס כ'האָב אָנגענומען, וועט איר קיין איינעם נישט געפינען, וואָס זאָל פריער נישט האָבן געדינט. כ'וועל אייך ווייזן דעמדאָזיקן פולק און כ'פאַרזיכער אייך, אַז ווען איר וואָלט עס נישט געוווסט פון מיר, וואָלט איר נישט דערקענט, אַז דאָס זענען נישט קיין אַלטע זעלנער. יעדער איז געברענט און געשמידט אין פייער, ווי אַן אַלטע פּאָדקאָווע, און אין די רייען שטייען זיי, ווי די רוי-

מישע לעגיאָנען. די שוועדן וועלן מיט זיי נישט האָבן אַזאַ לייכ־
טע מערכה, ווי מיט די גרויס־פּוילישע פּריצים באַ אוישטשע.

— כ׳האָף, אַז גאָט וועט דאָס אַלץ גוט מאַכן — האָט
סקשעטוסקי געזאָגט — מ׳זאָגט, אַז די שוועדן זענען גוטע זעל־
נער, אָבער זיי האָבן דאָך קיינמאָל נישט געקענט אונדזערע רע־
גולערע חיילות בייקומען. מיר האָבן זיי שטענדיק געשלאָגן —
דאָס איז שוין אַן אויסגעפּרוווטע זאַך — מיר האָבן זיי געשלאָגן
אפילו דאַמאָלס, ווען עס האָט מיט זיי אָנגעפירט דער גרעסטער
מלחמה־העלד, וואָס זיי האָבן ווען־עס־איז געהאַט.

— דעם אמת געזאָגט, בין איך אַ בעלן צו זען, אין וואָס
זייער בריהשקייט באַשטייט — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געענט־
פערט — און ווען נישט דאָס, וואָס צוויי אַנדערע מלחמות מאַ־
טערן צו דער זעלבער צייט דאָס פאָטערלאַנד, וואָלט מיך דידאַ־
זיקע שוועדישע מלחמה גאָרנישט געאַרט. מיר האָבן שוין געפּרוווט
זיך שלאָגן מיט די טערקן און מיט די טאַטערן און מיט די קאָ־
זאַקן און גאָט ווייסט מיט וועמען אַלץ נאָך — דאַרף מען אויך
איצט מיט די שוועדן אַ פּרווו־טון. אין וואַרשע וועט מען נאָר
האָבן אַ דאגה דערמיט, וואָס אַלע חיילות מיט די העטמאַנעס זע־
נען אין אוקראַינע פאַרנומען. אָבער דאָ זע איך שוין, וואָס עס
וועט געשען. דער פירשט־וואָיעוואָדע וועט די ביז איצטיקע מלחמה
איבערלאָזן דעם וויצע־העטמאַן, דעם שאַץ־מייסטער גאָשיעווסקי,
און אַליין וועט ער זיך מיט די שוועדן ערנסט פאַרנעמען. עס
וועט שווער זיין, אמת! לאָמיר אָבער האָבן בטחון, אַז גאָט וועט
העלפן.

— אויב אַזוי לאָמיר אָן שהיות קיין קיידאַני פאָרן! —
האָט הער סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— כ׳האָב שוין דערהאַלטן אַ באַפעל, אַז כ׳זאָל דעם פּולק
גרייט האַלטן, און אַליין אין דריי טעג אַרום זיך אין קיידאַני
שטעלן — האָט הער מיכאַל געענטפערט — אָבער כ׳מוז וויזן
דעמדאָזיקן לעצטן באַפעל, ווייל פון אים איז שוין צו זען, אַז
דער פירשט וואָיעוואָדע טראַכט דאָרט וועגן די שוועדן.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט הער וואָלאָדיאָווסקי מיט אַ שליסל אויפגעמאַכט אַ קיפּער, וואָס איז באַם פענסטער געשטאַנען אויף אַ באַנק, האָט פון אים אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר צונויפגעלייגט אין צווייען און, עפענענדיק עס, האָט ער גענומען לייענען:

„גנעדיקער הער פּאָלקאָווניק וואָלאָדיאָווסקי!

מיט גרויס פרייד האָבן מיר דורכגעלייענט אייער ראַפּאָרט, אַז דער פּולק שטייט שוין אויף די פיס און קיין יעדער ווײַלע אַרויסמאַרשירן. וואַכט איבער אים און האַלט אים גרייט, ווייל עס קומען אָן שווערע צייטן, וואָס אַזעלכע זענען נאָך נישט געווען, און אַליין קומט דאָס גיכער קיין קיידאַני, ווו מיר וועלן אייך אומגעדולדיק דערוואַרטן. אויב עס וועלן צו אייך דערגיין וועלכע עס איז ידיעות — זאָלט איר זיי נישט גלייבן, ביז איר וועט אַלץ פון אונדז גופא הערן. מיר וועלן טון אַזוי, ווי גאָט אַליין און דאָס געוויסן וועלן הייסן, נישט אַכטנדיק דערויף, וואָס בייזע צינגער און מענטשלעכע רשעות קענען אויף אונדז אויסטראַכטן. אגב, פרייען מיר זיך אָבער, וואָס עס קומען אָן אַזעלכע צייטן, אין וועלכע עס וועט דערוויזן ווערן בפועל, ווער עס איז אַן אויפריכטיקער און אמתדיקער פריינט פון ראַדזיווילס הויז און ווער עס איז אים גרייט צו דינען אפילו דאַמאָלס, ווען עס שמעקט מיט סכנות-נפשות. קמיטשיץ, ניעוויאַראָווסקי און סטאַנקעוויטש האָבן דאָ שוין צוגעבראַכט זייערע פּולקן; אייער פּולק זאָל בלייבן אין אופּיטאַ, ווייל דאָרט קען ער נייטיק זיין, און אפשר וועט אייך אויסקומען צו מאַרשירן קיין פּאָדלעסיע אונטער דער קאָמאַנדע פון מיין ברודערזון באָגוסלאַוו, וועלכער האָט דאָרט אונטער זיין קאָמאַנדע באַדייטנדיקע אָפּטיילונגען פון אונדזערע כוחות. די פּרטים וועגן דעם אַלעם וועט איר זיך דערוויסן פון

אונדז גופא — לעת-עתה פאַרלאָזן מיר זיך אויף אייער טריישאַפט, אַז איר וועט געבוי דערפילן אונדזערע באַפעלן און מיר דערוואַרטן אייך אין קיידאַני.

יאַנוש ראַדזיוויל,

פירשט אויף בירזשע און דובינקי,
ווילנער וואָיעוואָדע, ליטווישער גרויס-העטמאַן".

— יאָ! פון דעמדאָזיקן בריוו איז שוין קלאָר, אַז עס וועט זיין אַ נייע מלחמה! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— און אויב דער פירשט שרייבט, אַז ער וועט טון אַזוי, ווי גאָט וועט אים הייסן, באַדייט דאָס, אַז ער וועט שלאָגן די שוועדן — האָט הער סטאַניסלאַוו צוגעגעבן.

— עס חידושט מיך גאָר — האָט הער סקשעטוסקי זיך אָנגערופן — וואָס ער שרייבט וועגן טריישאַפט פאַרן הויז פון די ראַדזיווילס, נישט פאַרן פאָטערלאַנד, וועלכעס האָט מער חשיבות פון די ראַדזיווילס און נויטיקט זיך מער אין הילף.

— דאָס איז שוין אַזאַ שררהשע מאַניר באַ זיי — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — הגם דאָס איז אויך מיר נישט געפעלן געוואָרן, וואָרים אויך איך דין דאָך דעם פאָטערלאַנד און נישט די ראַדזיווילס.

— און ווען האָסטו דעם בריוו דערהאַלטן? — האָט ער געפרעגט.

— היינט אינדערפרי און כ'האָב טאַקע נאָכמיטאָג בדעה געהאַט זיך צו לאָזן אין וועג אַריין. איר וועט זיך דורך דעם אָוונט אויסרוען נאָך דער נסיעה, און איך וועל מאָרגן זיכער צוריקקערן און מיטן פולק באַלד אַרויסמאַרשירן ווו מען וועט אונדז הייסן.

— אפשר קיין פּאָדלעסיע? — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— צום פירשט שטאַלמייסטער! — האָט הער סטאַניסלאַוו צוגעגעבן.

— דער פירשט שטאַלמייסטער, באָגוסלאַוו, איז אויך איצט

אין קיידאַני — האָט וואָלאָדזיאָיוסקי געענטפערט — אַ טשיקאַווער מענטש איז דאָס און ס'איז כּדאַי, אַז איר זאָלט זיך צו אים גוט צוקוקן. אַ גרויסער מלחמה-מאַן און נאָך אַ גרעסערער ריטער, אָבער נישטאָ אין אים פאַר קיין גראָשן פון אַ פּאָליאַק. גייט אָנגעטון ווי אַן אויסלענדער, ווי אַ דייטש, און רעדט לויטער פראַנצויזיש, אַז דו מיינסט, ער קייעט ניס, און דערביי קענסטו אַ גאַנצע שעה דאָס לשון הערן און קיין וואָרט נישט פאַרשטיין.

— פירשט באָגוסלאַוו האָט באַ בערעסטעטשקאַ זיך פיין אויפגעפירט — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — און אַ היבשע צאָל דייטשישע פוס-גייער אַרויסגעשטעלט.

— די, וואָס קענען אים נענטער, זאָגן אים נישט נאָך קיין גרויסע שבחים — האָט וואָלאָדזיאָווסקי ווייטער געזאָגט — ווייל ער ליבט זיך נאָר אין דייטשן און אין פראַנצויזן, און דאָס איז גאָר קיין חידוש נישט, ווייל ער איז געבוירן געוואָרן פון אַ דייטשקע, אַ בראַנדערבורגישער קורפירשטלעכער פּרינצעסין, פאַר וועלכער דער פאַרשטאָרבענער פאָטער זיינער האָט קיין נדן נישט גענומען. אדרבא, היות ווי באַ דידאָזיקע פּרינצלעך מוז דער דלות זיין גרויס, האָט ער נאָך געמוזט צוצאָלן. אָבער די ראַדזיווילס גייט אין דעם, אַז זיי זאָלן אין דייטשן רייך, ווו זיי זענען פירשטן, האָבן רעכט און דערפאַר זענען זיי זיך גערן משדך מיט די דייטשן. עס האָט מיר וועגן דעם געזאָגט הער סאַקאָוויטש, אַן אַלטער דינער פון פירשט באָגוסלאַוו, וועלכער האָט אים די אָשמיאַנער סטאַראָסטווע איבערגעגעבן. ער און הער פּולקאָווניק ניעוויאַראָווסקי זענען מיטן פירשט באָגוסלאַוו געווען אין אויסלאַנד איבער פאַרשידענע מעבר-לימדיקע לענדער און זיי פלעגן שטענדיק דינען פאַר עדות צו דועלן.

— אין אַזוי פיל דועלן האָט ער זיך געשלאָגן? — האָט הער זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— וויפיל האָר ער האָט אויפן קאָפּ! אַ סך פאַרשידענע אויסלענדישע פירשטן און גראַפן, פראַנצויזישע און דייטשישע האָט ער דאָרט געשלאָגן, ווייל ער איז, ווי מ'זאָגט, אַ זייער הי-

ציקער מענטש און פאַר אַ ליאַדע וואָרט רופט ער אַרויס צום קאַמף.

הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי האָט זיך אויפגעכאַפּט פון די געדאַנקען, אין וועלכע ער איז געווען פאַרזונקען, און געזאָגט:

— איך האָב אויך געהערט וועגן פירשט באָגוסלאַוו, ווייל פון אונדז איז נישט ווייט צום קורפירשט, בא וועלכן ער פלעגט תמיד זיצן. איך געדענק נאָך דאָס, וואָס דער פאָטער פלעגט דערמאָנען, אַז ווען דעם פירשט באָגוסלאַווס פאָטער האָט מיט דער קורפירשטלעכער פרינצעסין חתונה געהאַט, האָט מען גע־האַט פאַריבל, וואָס אַזאַ גרויס הויז, ווי די ראַדזיווילס, איז זיך משדך מיט פרעמדע, אָבער ס'איז אפשר בעסער, וואָס עס איז אַזוי געשען, ווייל דער קורפירשט, אַלס אַ מחותן פון די ראַדזי־ווילס, דאַרף איצט באַזונדערס גוט געניגט זיין פאַר דער רעפּו־בליק און פון אים איז איצט אַ סך אָפּהענגיק. דאָס, וואָס איר זאָגט, אַז דער דלות איז בא זיי גרויס, איז נישט ריכטיק. ווען עמעצער וואָלט אַלע ראַדזיווילס פאַרקויפט, וואָלט ער אוודאי פאַר זיי אַ קורפירשט מיט אַ גאַנצן פירשטנטום געקענט אָפּקויפן, אָבער דער הייניטיקער קורפירשט פרידריך ווילהעלם האָט שוין אַ היבשע מטבעה אָנגעקליבן און האָט צוואַנציק טויזנט זייער פיינע זעל־נער, מיט וועלכע ער וואָלט זיך דרייסט געקענט די שוועדן אַקעגנשטעלן, וואָס ער איז אַלס אונטעריאַכטער פון דער רעפּו־בליק מחויב צו טון, אויב ער האָט גאָט אין האַרצן און געדענקט אַלע חסדים, וואָס די רעפּובליק האָט מיט זיין הויז געטון.

— וועט ער אָבער דאָס טון? — האָט יאַן געפרעגט.

אַ מיאוסע אומדאַנקבאַרקייט און פאַלשקייט פון זיין זייט וואָלט עס געווען, ווען ער וואָלט אַנדערש געטון! — האָט סטאַ־ניסלאַוו געענטפערט.

— שווער זיך צו פאַרלאָזן אויף פרעמדער דאַנקבאַרקייט, און בפרט פון אַן אפיקורס — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — איך געדענק נאָך דעם דאָזיקן קורפירשט אייערן אַלס בחור; ער איז תמיד געווען אַ מרוק, אַז דו האָסט געמיינט, ער האָרכט

שײַענדיק, וואָס דער שטן רוימט אים איין אויער אַרײַן. כ'האָב אים דאָס געזאָגט אין די אויגן אַרײַן, ווען כ'בין מיטן פֿאַרשטאָרבענעם הער קאָניעצפּאָלסקי אין פּרײַסן געווען. ער איז פּונקט אַזאַ לוטעראַנער, ווי דער שוועדישער קעניג. הלוואי זיי זאָלן נישט מאַכן יד־אחת אַקעגן דער רעפּובליק...

— ווייסט וואָס, מיכאַל? — האָט יאַן מיטאַמאָל זיך אָנגערופֿן — כ'וועל היינט זיך נישט אויסרוען, נאָר פֿאָרן מיט דיר קיין קיידאַני. איצט איז באַנאַכט בעסער צו פֿאָרן, ווײַל בײַטאָג איז הייס. און איך וואָלט שוין וואָס גיכער געוואָלט פֿון די ספקות זיך באַפֿרײַען. אויף אויסצורוען וועט נאָך זײַן צײַט, ווײַל דער פֿירשט וועט מסתמא מאָרגן נאָך נישט אַרויסמאַרשירן.

— בפֿרט, אַז ער האָט דאָס פֿולק געהייסן אין אופּיטאַ פֿאַרהאַלטן — האָט הער מיכאַל געענטפֿערט.

— איר האָט גוט געזאָגט! — האָט הער זאַגלאָבאַ אויסגערופֿן — איך וועל אויך פֿאָרן!

— וועלן מיר פֿאָרן אַלע אינײַגעם — האָט הער סטאַניסלאַוו צוגעגעבן.

— מאָרגן אינדערפֿרי וועלן מיר זײַן אין קיידאַני — האָט הער וואָלאָדיאָיאָווסקי געזאָגט — און אויפֿן וועג וועט מען אויך אויף די זאָטלען זיך קענען געשמאַק דורכדרעמלען.

מיט צוויי שעה שפּעטער, נאָכדעם, ווי זיי האָבן אַ ביסל געגעסן און געטרונקען, האָבן זיך די ריטערס געלאָזט אין וועג אַרײַן און פֿאַרן זון־אונטערגאַנג זענען זיי געווען אין קראַקינאָוו.

אויפֿן וועג האָט זיי הער מיכאַל דערציילט וועגן דער בצגנט, וועגן דער רומפּולער לאַודער שליאַכטע, וועגן קמיטשיצן, און וועגן אַלץ, וואָס דאָס זיך זייט אַ געוויסער צײַט פֿאַרלאָפֿן. ער האָט אויך נישט פֿאַרהוילן זײַן ליבע צום פֿרײַלין בילעוויטשוונלבע האָט זיך, ווי תמיד, שלימזלדיק אויסגעלאָזט.

— אַ גליק, וואָס די מלחמה איז נאָענט — האָט ער געזאָגט — אַנישט וואָלט איך זיך עס שטאַרק צום האַרץ גענומען, ווײַל צײַטנווײַז טראַכט איך מיר, אַז אַזוי איז שוין מײַן

מזל און, אַז עס איז שוין מיר אוודאי באַשערט צו שטאַרבן אַ בחור.

— האַלט עס נישט פאַר קיין אומגליק — האָט הער זאַגלאַבאַ זיך אָנגערופן — ווייל אַ בחור צו זיין איז נישט קיין חרפה, נישט פאַר גאָט און נישט פאַר לייטן. איך האָב אויך באַשלאָסן צו בלייבן אַ בחור ביזן טויט אריין. אַמאָל פאַרדריסט טאַקע, וואָס עס וועט נישט זיין וועמען דעם רום און דעם נאָמען איבערצולאָזן, ווייל הגם איך האָב ליב יאַנס קינדער, ווי אייגענע, זענען אָבער די סקשעטוסקיס פאָרט נישט זאַגלאָבאַס.

— אַ, אומפאַרשעמטער! — האָט וואָלאָדיאָווסקי אויסגערופן — איר האָט זיך אַזוי באַצייטנס מיט אייער באַשלוס מיישב געווען, ווי דער וואָלף, וואָס האָט אַ שבועה געגעבן נישט צו ווערגן קיין שעפסן, ווען אַלע ציין זענען אים אַרויסגעפאַלן.

— נישט אמת! — האָט זאַגלאַבאַ געזאָגט — ס׳איז גאָר נישט אַזוי לאַנג, הער מיכאַל, ווי איך בין מיט אייך געווען אין וואַרשע בעת די וואַלן. וועמען האָבן אַלע מיידלעך נאָכגעקוקט, אויב נישט מיר?... איר געדענקט, ווי איר האָט זיך באַקלאָגט, אַז אויף אייך וויל קיינער נישט קוקן? און אויב איר האָט אַזאַ שטאַרקן חשק חתונה צו האָבן, דאַרפט איר קיין יסורים נישט האָבן. עס וועט אויך אויף אייך קומען אַ צייט. דאָס זוכן וועט דאָ גאָרנישט העלפן און איר וועט געפינען דווקא דאַמאָלס, ווען איר וועט נישט זוכן. איצט איז אַ מלחמה-צייט און אַ סך פיינע בחורים קומען יעדעס יאָר אום. זאָל נאָר אויך דידאָזיקע שוועדישע מלחמה לאַנג אָנהאַלטן, וועט אויף די מיידלעך גאָר זיין אַ זול און מיר וועלן זיי אויפן יאַרמאַרק טוצנווייז איינקויפן.

— אפשר וועל איך אויך אומקומען — האָט הער מיכאַל געזאָגט — כ׳האָב שוין גענוג דאָס אַרומשלעפן זיך איבער דער וועלט. כ׳וועל אייך קיינמאָל נישט קענען שילדערן, וואָס פאַר אַ פיין און בילד-שיין מיידל עס איז דאָס דאָזיקע פריילין בילעוויטש. כ׳וואָלט זי געצערטלט און געקעכט, ווי דאָס טייערסטע אויף דער וועלט... ניין! האָ, דער טייוול געמוזט אָנטראָגן דעם דאָזיקן קמיטשיץ... נישט אַנדערש, נאָר ער האָט איר געמוזט אַ

בישוף־אָנטון, ווייל אַנישט, וואָלט זי מיך זיכער נישט פאַרטריבן. אָט, קוקט! גראָד דאָרט פון הינטערן בערגל זעט מען אַרויס וואָדאָקטי, אָבער דאָרט איז קיינער נישטאָ, ווייל זי איז אַוועקגעפאָרן, גאָט ווייסט, וווהין. .. מיין מקום־מנוחה וואָלט דאָס געווען; איך וואָלט דאָ מיין רעשט ביסל יאָרן אויסגעלעבט. .. דער בער, האָט זיין ליג־אָרט, דער וואָלף זיין הייל. און איך — נאָר די דאָזיקע שקאָפּע און דאָס דאָזיקע זאָטל, אויף וועלכן איך זיץ. ..

— ווי איך זע, האָט זי זיך דיר גוט אין די ביינער איינגעגעסן! — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— אוודאי, אַז איך דערמאָן אָדער ווען איך זע וואָדאָקטי פאַרבייפאָרנדיק, ווערט מיר נאָך דאָס האַרץ פאַרקלעמט. .. כ'האָב מיר געוואָלט די דאָזיקע ליבע דורך אַ צווייטער ליבע פון קאָפּ אַרויסשלאָגן און בין אַוועקגעפאָרן צום הער שילינג, וועלכער האָט זייער אַ שיינע טאָכטער. כ'האָב זי איינמאָל אויפן וועג געזען פון דערווייטנס און זי איז מיר שטאַרק געפעלן געוואָרן. בין איך, הייסט עס, געפאָרן אַהין, אָבער מיט וואָס, מיינט איר, האָט זיך עס אויסגעלאָזט? דעם פאָטער האָב איך נישט געטראָפן אינדערהיים און דאָס פריילין קאַכנאַ האָט געמיינט, אַז נישט הער וואָלאָדיאָווסקי, נאָר הער וואָלאָדיאָווסקיס אַ דינער איז געקומען. .. איך האָב דעם דאָזיקן בזיון זיך אַזוי שטאַרק גענומען צום האַרץ, אַז איך האָב זיך שוין דאָרט מער נישט געוויזן.

זאַגלאָבאַ האָט גענומען לאַכן.

— אַז עס זאָל אייך, הער מיכאַל! דער עיקר איז, אַז איר זאָלט געפונען אַ ווייב מיט אַזאַ נעבעכדיקן אויסזען, ווי איר אַליין. און ווו איז ערגעץ אַהינגעקומען יענץ בעסטיעלע, וואָס איז געווען אַ הויף־פריילין בײַ דער פירשטיןווישניאָוויעצקאַ און מיט וועלכער דער פאַרשטאָרבענער הער פּאָדביפּיענטאַ — אַ ליכטיקן גן־עדן זאָל ער האָבן! — האָט געזאָלט חתונה האָבן? יענע האָט געהאַט אַ וווקס, פּונקט צוגעפּאַסט פאַר אייך, ווייל גרויס און קיילעכדיק איז זי געווען ממש ווי אַ פּעסטקע, הגם אירע אויגן האָבן מוראדיק געגלאַנצט.

— דאָס מיינט איר אַנושאַ באָזשאָבאָהאַטאַ קראַשיענסקאַ —

האָט הער יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופן — מיר זענען אַלע אַמאָל געווען אין איר פאַרליבט און מיכאַל אויך. איין גאָט ווייסט, וואָס זי טוט איצט.

— ווען מען קען זי אַזוי איצט אויפזוכן! — האָט הער מיכאַל געזאָגט — אַז איר האָט זי דערמאַנט איז מיר אַזש באַם האַרץ וואַרעם געוואָרן. דאָס פיינסטע מיידל איז דאָס געווען. הלוואי זאָל איך זי נאָך באַגעגענען!... עי, גוטע צייטן געווען אַמאָל אין לובני, אָבער זיי וועלן שוין קיינמאָל נישט צוריקקערן. עס וועט שוין אַוודאי אויך נישט זיין מער אַזאַ מנהיג, ווי אונדזער פירשט יערעמי איז געווען. דער מענטש האָט געוווּסט, אַז יעדער צוזאַמענשטויס ברענגט מיט זיך אַ נצחון. ראַדזיוויל איז אַ גרויסער מלחמה־מאַן, אָבער נישט אַזאַ, ווי פירשט יערעמי, און מען דינט אים אויך נישט מיט אַזאַ צוגעבונדנקייט, ווייל ער באַנעמט זיך אויך נישט אַזוי פאָטערלעך מיט די זעלנער און לאָזט צו זיך נאָנט נישט צו, מחמת ער האַלט זיך פאַר עפּעס אַ מאָנאַרך. און די ווישניאָוויעצקיס זענען דאָך כּלל נישט ערגער געווען פון די ראַדזיווילס.

— לאָמיר וועגן דעם נישט רעדן — האָט יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופן — אין זיין האַנט ליגט איצט די ישועה פאַרן פאָרטערלאַנד, און אַזוי ווי ער איז גרייט פאַר אים דאָס לעבן מקריב צו זיין. זאָל אים גאָט בענטשן.

אַזוי האָבן די ריטערס געשמועסט צווישן זיך, פאָרנדיק אין דער נאַכט. זיי האָבן דערמאַנט אַמאָליקע זאַכן און גערעדט וועגן די איצטיקע שווערע צייטן, אין וועלכע עס זענען אויף דער רעפּובליק אָנגעשיקט געוואָרן דריי מלחמות אויף אַמאָל.

שפּעטער האָבן זיי זיך גענומען צו די אָוונט־תּפילות און אַז זיי האָבן זיי שוין געהאַט אָפּגעזאָגט, האָט דער שלאָף זיי געפייניקט און זיי האָבן גענומען דרעמלען און שאָקלען זיך אויף די זאָטלען.

די נאַכט איז געווען אַ ליכטיקע, אַ וואַרעמע, די שטערן האָבן געפינקלט אין די טויזנטער אויפן הימל; פאָרנדיק אייבער הינטערן אַנדערן זענען זיי געשמאַק געשלאָפן און ערשט ווען עס

האָט אָנגעהויבן צו טאָגן, האָט ה ר מיכאַל דער ערשטער זיך אויפגעוועקט.

— גנעדיקע הערן, עפֿנט די אויגן, מ׳זעט שוין קיידאַני! — האָט ער אויסגעשריגן.

— וואָס? הע? — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — קיידאַני? ווו?

— אָט, דאָרט! מ׳זעט די טורעמס.

— זעט אויס צו זיין אַ פיינע שטאָט — האָט סטאַניסלאָוו סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

— זייער אַ פיינע — האָט וואָלאָדיאָווסקי געענטפערט — און אין אַ טאָג אַרום וועט איר זיך אין דעם נאָך בעסער איבערצייגן.

— זי איז דאָך דאָס אייגנטום פון פירשט וואָיעוואָדע?

— יאָ. פריִער האָט זי געהערט צו די קישעקס, פון וועלכע

דער פאָטער פון היינטיקן פירשט האָט זי באַקומען אַלס נדן פאַר אַננאַ קישעק, דער טאָכטער פון וויטעבסקער וואָיעוואָדעס זון. אין גאַנץ זשאַמעט איז נישטאָ נאָך אַזאַ לייטישע שטאָט, ווייל די ראַדזיווילס לאָזן קיין ייִדן נישט אַריין, סיידן מיט אַ באַזונדערער דערלויבניש. די מעדן דאָ האָבן אַ שם.

זאַגלאָבאַ האָט זיך אויסגעריבן די אויגן.

— עפעס פיינע מענטשן מוזן דאָ וווינען. וואָס פאַר אַ רייזיקן בנין זעט מען דאָס דאָרט אויף דער הויכקייט?

— דאָס איז אַ פריש אויפגעבויטער שלאָס, שוין פאַר יאַנושס ממשלה.

— ער איז באַפעסטיקט?

— ניין, אָבער אַ פראַכטפולע רעזידענץ. מ׳האָט אים נישט באַפעסטיקט, ווייל זינט די קרייץ-ריטער איז קיין שונא קיינמאָל נישט געקומען אין די דאָזיקע מקומות. דער שפּיציקער קופּאָל, וואָס איר זעט דאָרט אינדערמיט שטאָט, איז פון דער קירך. די קרייץ-ריטער האָבן זי אויפגעשטעלט נאָך פאַר די צייטן פון געצן-דינעריי, דערנאָך איז זי אָפּגעגעבן געוואָרן די קאַלוויִנער,

אָבער דער קסיאָנדז קאָביליִנסקי האָט זי ווידער פון פירשט קושישטאָף פאַר די קאַטאָליקן צוריקגעוווּנען.

— געלויבט איז דערפאַר גאָט!

אַזוי שמועסנדיק זענען זיי צוגעפאָרן נעענטער צו די ערשטע הייזלעך פון דער פאָרשטאָט.

דערווייל איז געוואָרן וואָס אַמאָל ליכטיקער אויף דער וועלט און די זון האָט גענומען אויפגיין. די ריטער האָבן נייגעריק זיך צוגעקוקט צו דער אומבאַקאַנטער שטאָט און הער וואָלאָדיאָווסקי האָט ווייטער דערציילט:

— דאָס איז די יידישע גאַס, וווּ עס וווינען יענע יידן, וואָס האָבן אַ דערלויבעניש. פאָרנדיק דאָרט-אַרום, קומט מען גלייך אַרויס אויפן מאַרק, אַהאַ! די מענטשן וועקן זיך שוין און הייבן שוין אָן פון די הייזער אַרויסצוגיין. קוקט! אַ סך פערד שטייען פאַר די שמידערייען און דינער נישט אין הלבשות פון די ראַדזיוווילס. עס מוז זיין עפּעס אַ צוזאַמענפאָר אין קיידאַני. שטענדיק איז דאָ פול מיט שליאַכטע און שררות, און מאַנכמאָל קומט מען אַהער אַזש פון פרעמדע לענדער, ווייל דאָס איז די הויפּטשטאָט פון די אפּיקורסים פון גאַנץ זשאַמעז, וועלכע פּראַווען דאָ רויק אונטער ראַדזיווילס שוץ זייערע אַבערגלויבישע צערעמאָניעס. אָט איז דער מאַרק! באַטראַכט נאָר, גנעדיקע הערן, דעם זייגער אויפן ראָטהויז! אַ סברה, אַז קיין בעסערער איז אפילו אין דאַנציג נישטאָ. און דאָס, וואָס איר נעמט אָן פאַר אַ קירך מיט פיר טורעמס, דאָס איז אַ העלוועטישער טעמפּל, אין וועלכן מען לעכטערט גאָט יעדן זונטיק — און יענער בנין דאָרט איז אַ לוטעראַנישע קירך. מיינט איר, אַז די איינוווינער דאָ זענען פּאָליאַקן אָדער ליטווינער — האָט איר אַ טעות! בלויז דייטשן און שאָטן, און שאָטן אַממייסטן! די שאָטישע פוס-גייער זענען אויסגעצייכנט, באַזונדערס זענען זיי גרויסע מחבלים אין פּאַרטיזאַנישע קאַמפּן. דער פירשט וואָיעוואָדע האָט אויך איין שאָטישן רעגימענט פון בלויז קיידאַנער פרייוויליקע, העי! וויפיל געדעקטע וועגן אויפן מאַרק! עס מוז דאָ זיין עפּעס אַ צוזאַמענפאָר. קיין זכסניה איז נישטאָ אין דערדאָזיקער שטאָט,

נאָר באַקאַנטע טאַרפאַרן צו באַקאַנטע, און די שליאַכטע אין שלאָס, וו עס זענען פאַרהאַן לאַנגע געבן-בנינים אויף אַ פּאָר צענדליק איילן. וואָס זענען נאָר פאַר געסט באַשטימט. דאָרט ווערט יעדער אויסגעהאַלטן בכבוד, אפילו אַ גאַנץ יאָר, אויסן חשבון פון פירשט, און פאַרהאַן אַזעלכע, וואָס זיצן דאָ זייער גאַנץ לעבן.

— אַ חידוש איז מיר נאָר, וואָס אַ דונער האָט נישט אַריינ-געשלאָגן אין דעמדאָזיקן העלוועטישן טעמפּל? — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

— ווי איר וואָלט געוווסט, אַז דאָס איז געשען. אינדער-מיט, צווישן די פיר טורעמס, איז געווען אַ קופּאָל ווי אַ היטל, אין וועלכן עס האָט אַמאָל אַ דונער אַריינגעזעצט אַזוי, אַז עס איז פון איר קיין זכר נישט געבליבן. דאָ, אין די אונטערערדישע היילן, ליגט דער פאָטער פון פירשט שטאַלמייסטער באָגוסלאַוו, יאַנוש, וועלכער האָט זיך באַטייליקט אין דער מרידה פון דער שליאַכטע קעגן זיגמונט III. אַן אייגענער היידוק האָט אים דעם מוח געשפּאָלטן אַזוי, אַז זיין זינדיק לעבן האָט אויך אַ מיאוסן סוף געהאַט.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ גרויסער בנין, וואָס איז נע-לעך אויף אַ געמויערטע שאָפע? — האָט יאַן געפרעגט.

— דאָס איז די פּאַפּיר-פאַבריק, וואָס דער פירשט האָט אויפגעבויט, און דאָ דערלעבן איז די דרוקעריי, אין וועלכער די אפּיקורסישע ספרים ווערן געדרוקט.

— טפו! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — אַ קללה איז אויס-געגאָסן אויף דערדאָזיקער שטאָט, ווו אַ מענטש קען אין זיך קיין שום אַנדערע לופט נישט אַריינעטעמען, אַ חוץ אפּיקורסישער. דער אשמדאי וואָלט דאָ געקענט געוועלטיקן פּונקט אַזוי גוט, ווי ראַדזיוויל.

— גנעדיקער הער! — האָט וואָלאָדיאָוסקי געענטפערט — רעדט נישט קיין לשון-הרע אויף ראַדזיווילן, ווייל עס קען זיין, אַז גאָר בקרוב וועט דאָס פאָטערלאַנד איבּ פאַרדאַנקען זיין ר-טונג. . .

און זיי זענען ווייטער געפאָרן שטילשווייגנדיק, קוקנדיק

אויף די שטאָט און חידושנדיק זיך איבער אירע איינריכטונגען, ווייל די גאַסן זענען אינגאַנצן געווען געפּלאַסטערט מיט שטיינער, וואָס איז אין יענע צייטן געווען אַ יקר-המציאות.

נאָכדעם ווי זיי זענען דורכגעפאָרן דעם מאַרק און די שלאָס-גאַס, האָבן זיי אויף אַ הויכקייט דערזען די רעזידענץ, וואָס איז ערשט נישט לאַנג דורכן פּירשט יאַנוש אויפגעשטעלט געוואָרן. זי איז אמת נישט געווען באַפעסטיקט, דערפאַר אָבער האָט זי מיט איר ריזיקן פאַרנעם נישט בלויז פּאַלאַצן, נאָר אויך שלעסער איבערגעשטיגן. דער בנין איז געשטאַנען אויף אַ הויכקייט און האָט געקוקט אויף די שטאָט, וועלכע איז ווי באַ אים געלעגן צופוסנס. פון ביידע זייטן פון הויפּט-בנין האָבן זיך געצויגן צוויי נידעריקע פליגל, וועלכע האָבן זיך אויסגעבויגן און געבילדעט אַ ריזיקן הויף, וואָס איז פאָרנט געווען פאַרמאַכט מיט אַן אייזערנער קראַטע, באַשלאָגן מיט לאַנגע שטאַכלען. אינדערמיט פון דער קראַטע האָט זיך דערהויבן אַ מעכטיק געמויערט טויער, אויף וועלכן ס׳האָבן זיך געפונען די הערבן פון די ראַדזיווילס און דער הערב פון דער שטאָט קיידאַני, וואָס האָט פאָרגעשטעלט אַן אָדלער-פוס מיט אַ שוואַרצן פליגל אויף אַ גאָלדענעם גרונט, און באַם פוס אַ רויטע פאָדקאָווע מיט דריי צלמים. אונטן אין טויער איז געווען די הויפּט-וואַך און שאָטישע זעלנער זענען דאָרט געשטאַנען אויף דער וואַך פון פאַראַד וועגן, נישט צוליב שמירה.

ס׳איז געווען באַגינען, אָבער אויפן הויף האָט שוין גערודערט, ווייל פאַרן הויפּט-בנין איז פאָרגעקומען די מוסטערונג פון אַ דראַגונער-פולק, וואָס איז געווען אויסגעפוצט אין בלויע קראַגנס און שוועדישע העלמען. אַ לאַנגע ריי פון דידאָזיקע דראַגונער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך, מיט בלויזע שווערטן אין די הענט, און אַן אָפיציר האָט דורכפאָרנדיק פאַ״ן פראָנט עפּעס גערעדט צו די זעלנער אַרום דער ריי און ווייטער באַ די ווענט האָבן אַ סך דינער אין הלבשות פון פאַרשידענע קאָלירן געקוקט אויף די דראַגונער, מאַכנדיק זיך פאַרשידענע באַמערקונגען און באַאָבאַכטונגען.

— ווי גאָט איז מיר ליב! — האָט הער מיכאַל אויסגערופן — דאָס מוסטערט דאָך כאַרלאַמפּ דעם פּולק.

— וואָס הייסט? — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — דער אייגענער, מיט וועלכן איר האָט אין ליפּקווו געזאָלט האָבן אַ דועל בשעת די וואַלן?

— דער אייגענער. אָבער מיר לעבן זייט דאַמאָלס ווי גוטע חברים.

— אמת טאַקע! — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט — איך דערקען אים לויט דער נאָז, וואָס שטאַרט אים אַרויס פון אינטערן העלם. נאָך גוט, וואָס די שטורם־הויבן זענען אַרויס פון דער מאָדע, ווייל דערדאָזיקער ריטער וואָלט קיין איינע נישט געקענט פאַר־מאַכן. אָבער ער מוז סיי־ווי האָבן אַ ספּעציעלן פּאַנצער אויף דער נאָז.

דערווייל האָט הער כאַרלאַמפּ דערזען וואָלאָדיאָווסקין און צו אים גיין צוגעלאָפן.

— וואָס מאַכסטו, מיכאַלעק? — האָט ער אויסגערופן — גוט, וואָס דו ביסט געקומען!

— נאָך בעסער, וואָס איך טרעף דיך דעם ערשטן. אָט איז הער זאַגלאָבאַ, מיט וועלכן דו האָסט זיך אין ליפּקווו באַקאַנט און נאָך פריער אין שיעבניצאַ, און דאָס זענען די הערן סקשעטוסקי יאַן, ריטמייסטער פון קעניגלעכן הוזאַרן־פּולק, דער זבאַראַזשער העלד...

— גאָט מיינער! דאָס זע איך דאָך דעם גרעסטן ריטער אין פּוילן! — האָט כאַרלאַמפּ אויסגעשריגן — איך פאַרנייג זיך, איך פאַרנייג זיך!

— און דאָס איז סטאַניסלאַוו, קאַלישער ריטמייסטער — האָט וואָלאָדיאָווסקי ווייטער געזאָגט — וועלכער קומט גלייך פון אוישטשע.

— פון אוישטשע?... האָט איר, הייסט עס, דעם שרעק־לעכן בזיון צוגעזען... מיר ווייסן שוין וואָס דאָרט איז געשען.

— טאַקע דערפאַר, וואָס דאָרט איז דאָס געשען, בין איך

בעקומען אהער אין דער האפנונג, אז דאָ וועט אַזעלעכס נישט געשען.

— איר קענט, גנעדיקער הער, זיכער זיין. ראַדזיוויל איז נישט אַפּאַלינסקי.

— דאָס זעלבע האָבן מיר נעכטן געזאָגט אין אופּיטאַ.

— איך באַגריס אייך מיט דער גרעסטער שמחה אין מיין אייגענעם און אין פּירשטס נאָמען. דער פּירשט זאָיעוואָדע יועט זיך פרייען, ווען ער וועט אַזעלכע ריטער דערזען, ווייל זיי זע־נען אים נייטיק. קומט צו מיר אין וואָפן־מאַגאַזין, וווּ מיין קוואַר־טיר איז. איר וועט מסתמא וועלן זיך איבערטון און אָפּעסן, און איך וועל מיט אייך פאַרברענגען, ווייל איך האָב די מוסטערונג שוין געענדיקט.

באַ דידאָזיקע ווערטער איז הער כאַרלאַמפּ ווידער אַ שפּרונג געטון צו דער ריי און מיט אַ הויכער שטים אַ קאָמאַנדע געגעבן:

— לינקס! אומדרייען זיך — אויף הינטן!

עס האָט זיך דערהערט אַ געקלאַנג פון קאָפּיטעס איבערן ברוק. די ריי האָט זיך צעשפּאָלטן אויף צווי, די העלפטן האָבן זיך ווידער צעשפּאָלטן. ביז די דראַגונער האָבן זיך צום סוף אויס־פאָרמירט צו פיר אין אַ ריי, וועלכע האָבן מיט לאַנגזאַמע שריט זיך גענומען דערווייטערן אין דער ריכטונג פון וואָפן־מאַ־גאַזין.

— גוטע זעלנער — האָט סקשעטוסקי געזאָגט, קוקנדיק מיטן אויג פון אַ מבין אויף די מעכאַנישע באַוועגונגען פון די דראַגונער.

— בלויז קליין־שליאַכטע און באַיאַרן דינען אין דאָזיקן פּולק — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי זיך אָנגערופן.

אָ גאָט! מ'דערקענט באַלד, אַז דאָס זענען נישט קיין לאַנד־שטורמער! — האָט הער סטאַניסלאַוו אויסגערופן.

— אָבער ווי קומט עס, אַז כאַרלאַמפּ זאָל מיט זיי אָנ־פירן? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט — אויב כ'האָב נישט קיין

טעות, האָט ער דאָך אין פּיאַטיהאָרסקער פּולק געדינט און געטראָגן אַ זילבערנע שלייף אויפן אָרעם?

— אמת — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — אָבער שוין אַ פּאָר יאָר, ווי ער פירט אָן מיט אַ דראַגונער-פּולק. דאָס איז אַן אַלטער און געריבענער זעלנער.

דערווייל איז כמעלניצקי... באַלד ווי ער האָט אַוועקגעשיקט די דראַגונער, צוגעקומען צו אונדזערע ריטער.

— איך בעט אייך, גנעדיקע הערן, מיט זיך... אָט דאָרט הינטערן פּאַלאַץ איז דער וואָפן-מאַגאַזין.

אין אַ האַלבער שעה שפּעטער זענען זיי שוין אַלע פינף געזעסן איבער אַ שיסל געוואַרעמטן, מיט שמאַנד גוט אָנגעווייסטן ביר און געשמועסט וועגן דער נייער מלחמה.

און דאָ בײַ אייך וואָס הערט מען? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— בײַ אונדז הערט מען יעדן טאָג עפּעס אַנדערש, ווייל די מענטשן ווייסן שוין נישט וואָס צו קלערן און לאָזן אַ מאָל אַרויס אַנדער נייעס — האָט כמעלניצקי געענטפערט — אָבער באמת ווייסט נאָר איין פירשט, וואָס עס וועט זיין. עפּעס איז ער זיך מיישב מיט זיך אַליין, און הגם ער מאַכט דעם אָנשטעל פון אַ פריילעכן און איז צו מענטשן אַזוי גוט, ווי קיינמאָל נישט, גייט ער אָבער פּאָרט אַרום שטאַרק פאַרטראַכט. אין די נעכט, זאָגט מען, שלאָפט ער נישט, נאָר שפּאַנט איבער אַלע שטובן מיט שווערע טריט און רעדט מיט זיך אַליין אויף אַ קול. און בײַטאָג איז ער זיך גאַנצע שעהן משאל-עצה מיט האַראַסימאָוויטשן.

— וואָס איז דאָס פאַר אַ האַראַסימאָוויטש? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— דאָס איז דער גובערנאַטאָר פון זאַבלודאָוו, פון פּאָדלעסיע, נישט קיין וויכטיקער פאַרשוין און ער זעט אויס אַזוי, ווי ער וואָלט אַ טייוול אונטערן בוזעם געהאָדעוועט; אָבער ער איז דעם פירשטס אַ ידיד-נאמן און אַ סברה, אַז ער ווייסט אַלע זיינע סודות. ווי איך זע איין, וועט דער פּועל-יוצא פון דידאָזיקע באַראַטונגען זיין אַן אכזריותדיקע און פאַרביסענע מלחמה מיטן

שוועד, נאָך וועלכער מיר לעכצן אַלע. דערווייל פליען דאָ בריוו: פון קורלענדישן פירשט, פון כאָוואַנסקין און פון קורפירשט. פאַרהאַן דאָ אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז דער פירשט אונטערהאַנדלט מיט מאָסקווע, כדי זי אין אַ ליגע קעגן די שוועדן אַרייַנצוציִען; אַנדערע זאָגן, אַז פאַרקערט; אָבער ווי עס ווייזט אויס, וועט מיט קיינעם קיין ליגע נישט זיין, נאָר אַ מלחמה, ווי כ'האָב געזאָגט, מיט די און מיט יענע. חיילות קומען אָן וואָס אַמאָל מער, מען שיקט פונאַנדער בריוו צו דער שליאַכטע, וואָס איז באַזונדערס טריי דעם הויז פון די ראַדזיווילס, אַז זי זאָל זיך צונויפפאָרן. אומעטום איז פול מיט באַוואָפנטע מענטשן... עי, גנעדיקע הערן! ווער עס וועט אַרויס מיט אַ נצחון, און ווער — בשן-ועין, אָבער הענט וועלן מיר האָבן ביז צו די עלנבויגנס אין בלוט איינגעטונקט. ווייל אַז ראַדזיוויל וועט שוין אַרויסמאַרשירן אין די מלחמה, וועט ער קיין אונטערהאַנדלונגען נישט פירן.

— אָט אַזוי! אָט אַזוי — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט, רייבנדיק זיך די הענט. — שוין נישט ווייניק שוועדיש בלוט איז אויף מיינע הענט פאַרטריקנט געוואָרן און אַ היבש ביסל וועט נאָך פאַרטריקנט ווערן... עס לעבן שוין נישט קיין סך פון יענע אַלטע זעלנער, וועלכע געדענקען מיך נאָך פון פוצק און טשטשאַנאַ; אָבער די, וואָס לעבן נאָך, וועלן קיינמאָל נישט פאַרגעסן.

און דער פירשט באָגוסלאַוו איז דאָ? — האָט הער וואָלאָדיאָווסקי געפרעגט.

— אוודאי. אַ חוץ דעם ריכטן מיר זיך היינט נאָך אויף עפּעס גרויסע געסט, ווייל מען רוימט די אויבערשטע שטובן, און אין אָוונט זאָל אין שלאָס זיין אַ באַנקעט. כ'בין מסופק, מיכאַל, צי דו וועסט היינט צום פירשט צוקומען.

— ער האָט דאָך מיך אַליין איף היינט אַרויסגערופן.

— דאָס איז גאַרנישט, אָבער ער איז שטאַרק פאַרנומען... דער?... כ'ווייס נישט, צי כ'מעג אייך, גנעדיקע הערן, וועגן דעם דערציילן... אָבער אין אַ שעה אַרום וועלן סיי ווי אַלע וועגן דעם וויסן... כ'וועל אייך דעריבער דערציילן... דאָ קומען פאָר עפּעס אויסטערלעשע זאַכן...

— דהיינו, וואָס אַזוינס ? וואָס אַזוינס ? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— איר דאַרפט וויסן, אַז מיט צוויי טעג צוריק איז געקומען אַהער הער יודיצקי, דער מאַלטער ריטער, וועגן וועלכן איר האָט אוודאי געהערט.

— יאָ — האָט יאַן זיך אָנגערופן — דאָס איז אַ גרויסער ריטער.

— און תּיכּף נאָך אים איז אָנגעקומען אויך דער וויצע-העטמאַן גאָשיעווסקי. מיר האָבן זיך שטאַרק געחידושט, ווייל עס איז דאָך פאַר קיינעם קיין סוד נישט, וואָס פאַר אַ קנאה-שנאה און ברוגז עס הערשט צווישן דעם וויצע-העטמאַן און אינדזער פירשט. מאַנכע האָבן זיך דעריבער שוין געפרייט, וואָס די שררות האָבן צווישן זיך געשלאָסן שלום, און געטענהט, אַז די שוועדישע סכּנה האָט דעמדאָזיקן שלום גורם געווען. כ'האָב אַליין אויך אַזוי געטראַכט ; דערווייל האָבן זיי געכטן זאַלבעדריט זיך פאַרשלאָסן אויף אַ באַראַטונג און פאַרמאַכט אַלע טירן אַזוי, אַז קיינער האָט גאָרנישט געקענט הערן וועגן וואָס זיי האָבן זיך באַראַטן ; נאָר הער קרעפּשטול, וועלכער איז הינטער דער טיר געשטאַנען אויף דער וואַך, האָט אונדז געזאָגט, אַז זיי האָבן זייער הויך זיך געאַמפּערט, און באַזונדערס דער וויצע-העטמאַן. שפּעטער האָט דער פירשט אַליין זיי באַגלייט אין די שלאָף-שטובן, און שטעלט אייך פאָר, אַז באַנאַכט (דאָ האָט הער כאַרלאַמפּ אַראָפּגעלאָזט די שטים) האָט מען יעדן אָוועקגעשטעלט אַ שמירה בײַ דער טיר.

הער וואָלאָדיאָווסקי איז אַזש פון אָרט אויפגעשפּרונגען.

— גאָט מיינער ! דאָס קען נישט זיין !

— ס'איז אָבער פאָרט אַזוי. . . בײַ די טירן פון אייבעם און פון צווייטן שטייען שאָטן מיט ביקסן, וועלכע מ'האָט אָפּגעזאָגט דאָס לעבן קיינעם נישט אַריינצולאָזן און נישט אַרויסצולאָזן. . .

די ריטערס האָבן זיך אָנגעקוקט מיט פאַרוווּנדערונג און הער

כאַרלאַמפּ האָט אַליין נישט ווייניקער זיך געחידושט איבער די אייגענע ווערטער און געקוקט אויף די מיט אויסגעגלאָצטע אויגן, גלייך ווי ער וואָלט דערוואַרט, אַז זיי זאָלן אים דאָס רעטעניש פּותר זיין.

— דאָס באַדייט דאָך, אַז דער וויצע-קאַנצלער איז אַרעסטירט?... דער גרויס העטמאַן האָט אַרעסטירט דעם וויצע-העטמאַן? — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — וואָס איז דאָס?

— ווייס איך. און יודיצקי, אַזאַ ריטער!

— דעם פירשטס אָפיצירן האָבן דאָך אודאי וועגן דעם צווישן זיך גערעדט, די סיבות געוואָלט דעריין... האָסטו גאָר נישט געהערט?

— כ'האָב נאָך נעכטן באַנאַכט געפרעגט האַראַסימאָוויטשן...

— און וואָס האָט ער אייך געזאָגט? — האָט זאַגלאָבאַ געפרעגט.

— ער האָט גאָרנישט געוואָלט זאָגן, נאָר די פינגער אויפן מויל אַרויפגעלייגט און געזאָגט: „דאָס זענען בוגדים!"

— וואָס הייסט, בוגדים?... וואָס הייסט, בוגדים? — האָט וואָלאָדיאָוסקי געשריגן, אָנכאַפּנדיק זיך פאַרן קאָפּ — נישט דער הער שאַצמייסטער גאָשיעווסקי איז אַ בוגד, און נישט הער יודיצקי איז אַ בוגד. די גאַנצע רעפּובליק קען דאָך זיי פאַר ערלעכע מענטשן, וואָס זענען איבערגעגעבן דעם פאָטערלאַנד.

— היינט קען מען קיינעם נישט גלייבן — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי זיך אָנגערופן מיט צער — האָט דען קשישטאָף אָפּאַלינסקי נישט געגאָלטן פאַר אַ קאַטאָ? האָט ער דען נישט אַנדערע פאַרגעוואָרפן פעלערס, פאַרברעכנס, פערזענלעכע פּניות?.. און אַז ס'איז צו עפּעס געקומען, איז ער דער ערשטער באַגאַנגען אַ בגידה, און נישט בלויז ער אַליין, נאָר אויך אַ גאַנצע פּראָווינץ אין דער בגידה אַריינגעצויגן.

— אָבער פאַרן הער שאַצמייסטער און פאַרן הער יודיצקי גיב איך מיין קאָפּ! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט.

— גיב נישט, מיכאלעק, דעם קאפ פאר קיינעם — האט זאגלאבא זיך אנגערופן — בחנם האט מען זיי מסתמא נישט ארעסטירט. זיי האבן אודאי געמוזט זיך ארייגלאזן אין א מגע-ומשא מיטן שונא, אנדערש קען נישט זיין... ס'טייטש? דער פירשט גרייט זיך דאך צו א פארביטערטער מלחמה און יעדע הילף איז אים ליב... װעמען-זשע װאלט ער אין אזא מאמענט ארעסטירט, אויב נישט די, אין װעלכע ער זעט א שטערונג צו דער מלחמה?... און אויב עס איז טאקע אזוי, אויב דידאזיקע צװיי הערן האבן באמת געשטערט, דארף מען אפגעבן א שבח צו גאט, װאס מען האט זיי באצייטנס אומשעדליך געמאכט. זיי האבן כשר פארדינט די תפיסה... הא! לומפן!... אין אזא מאמענט איבטריגעס פארפירן, מיטן שונא זיך דורכשמועסן, דאס פאטערלאנד אויף סכנות אויסשטעלן, א גרויסן מלחמה-מאן אין זיינע פלענער שטערן. כ'שװער בא גאט, ס'איז נאך װייניק דאס, װאס האט זיי געטראפן!

— לויטער חידושים, אזעלכע חידושים, װאס דער מוח קען זיי גארנישט באנעמען — האט כארלאמפ געזאגט — װייל שוין אפגערעדט דערפון, װאס דאס זענען אזעלכע הויכע שררות, האט מען זיי דאך ארעסטירט אן דין און אן משפט, אן סיים, אן הסכם פון דער גאנצער רעפובליק, װאס אפילו דער קעניג אליין האט נישט קיין רעכט צו טון.

— אודאי אזוי! — האט הער מיכאל אויסגעשריגן.

— דער פירשט װיל משמעות בא אונדז איינפירן רוימישע מנהגים — האט סטאניסלאװ סקשעטוסקי געזאגט — און װערן א דיקטאטאר בשעת דער מלחמה.

— זאל ער זיין א דיקטאטאר, אבי ער זאל די שװעדן שלאגן — האט זאגלאבא געענטפערט — איך װעל דער ערשטער געבן מיין הסכם, אז די דיקטאטור זאל אים אנפארטרויט װערן.

יאן סקשעטוסקי האט זיך פארטראכט און אין א װיילע ארום געזאגט:

אבי ער זאל גאר נישט װעלן װערן א פראטעקטאר, װי

יענער ענגלענדער קראָמוועל, וועלכער האָט אויפן אייגע־נעם האָר זיך נישט געשראָקן אויפצוהייבן זיין אומרייניקע האַנט.

— יאָ, קראָמוועל! קראָמוועל דער אפיקורס! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגעשריגן.

— און דער פירשט וואַיעוואָדע? — האָט הער יאַן סקשעטוסקי ערנסט געפרעגט.

דאָ זענען אַלע אַנטשוויגן געוואָרן און מיט שרעק אַ ווײַלע געקוקט אין דער טונקעלער צוקונפט, נאָר הער כאַרלאַמפּ איז באַלד געוואָרן אָנגעכמורעט און געזאָגט:

— איך האָב באַם פירשט וואַיעוואָדע געדינט פון די יונגע יאָרן אָן, הגם איך בין נישט קיין סך ייִנגער פון אים, ווייל גאָר צו ערשט, נאָך אַלס יונגערמאַן, איז ער געווען מיין ריטמייסטער, דערנאָך וויצע־העטמאַן און איצט איז ער גרויס־העטמאַן. איך קען אים בעסער פון אייך, און אגב אַכט איך און ליב אים, דערפאַר בעט איך, אַז איר זאָלט אים נישט פאַרגלייכן מיט קראָמוועלן, כדי איך זאָל נישט מוזן אייך זאָגן עפּעס אַזוינס, וואָס איך, אַלס באַלעבאָס אין דעדראָזיקער שטוב, דאַרף נישט זאָגן...

דאָ האָט הער כאַרלאַמפּ גענומען מוראדיק באַוועגן מיט די וואָנסעלעך און אַ ביסל קרום קוקן אויפן הער יאַן סקשעטוסקי. זעענדיק דאָס, האָט הער וואָלאָדיאָוסקי ווידער אָנגעשטעלט אויפן הער כאַרלאַמפּ אַ קאַלטן און שאַרפן בליק, גלייך ווי ער וואָלט אים וועלן זאָגן:

— פּרוּוו נאָר אַ פּיפּס צו טון!

כאַרלאַמפּס גרימצאָרן האָט זיך אָבער באַלד איינגעשטילט, ווייל ער האָט פאַרן הער מיכאַל געהאַט גרויס דרך־ארץ, און אַ חוץ דעם איז געווען אַ סכנה מיט אים ברוגז צו ווערן, ער האָט דעריבער ווייטער געזאָגט שוין מיט אַ פיל מילדערן טאָן:

— דער פירשט איז טאַקע אַ קאַלווינער, אָבער ער האָט דאָך דעם אמתן גלויבן נישט אַוועקגעוואָרפן צוליב דער טומאה, נאָר ער איז אין איר געבוירן געוואָרן. ער וועט קיינמאָל נישט

זיין נישט קיין קראָמוועל, נישט קיין ראַדזשעיאָווסקי און נישט קיין אָפּאָלינסקי, ווען אפילו קיידאַנער זאָל אין דער ערד איינ-געזונקען ווערן. אַ גאַנץ אַנדער בלוט איז דאָס, אַ גאַנץ אַנדערער שטאַם!

— אויב ער איז אַ טייוול און האָט הערנער אויפן קאָפּ — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — איז נאָך בעסער, ווייל ער וועט האָבן מיט וואָס די שוועדן צו שטויסן.

— אָבער הער גאָשיעווסקי און הער יודיצקי זענען אַרעס-טירט?... נאָ, נאָ! — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט, דרייענדיק מיטן קאָפּ — נישט זייער גוט באַהאַנדלט דער פירשט זיינע געסט, וואָס האָבן צו אים צוטרוי...

— דאָס רעדסטו, מיכאַל! — האָט כאַרלאַמפּ געענט-פערט — ער איז אַזוי גוט, ווי ער איז נאָך קיינמאָל אין זיין לעבן נישט געווען... ממש ווי אַ טאַטע איז ער איצט פאַר די ריטער. געדענקסט, וואָס פאַר אַ זויער פנים ער פלעגט אַ מאָל שטענדיק האָבן און ווי ער פלעגט תמיד האָבן אויף די ליפּן דאָס איינע וואָרט: „דינסט!" ס'איז געווען מער פחד צוצוגיין צו זיין מאַיעסטעט, ווי צום מאַיעסטעט פון קעניג, און היינט גייט ער יעדן טאָג אַרום צווישן די פּאָרוטשניקעס און אָפיצירן, און שמועסט און פרעגט יעדן אויס וועגן דער משפחה, וועגן די קינדער און צי עס ליידט ווער נישט קיין עולה אין דינסט. ער, וועלכער ווייל צווישן די גרעסטע שררות נישט האָבן זיינס גלייכן, איז נעכטן, ניין, אייערנעכטן געגאַנגען מיטן יונגן קמיטשיץ אונטערן אָרעם, אַז מיר האָבן אַלע די אויגן נישט געוואָלט גלייבן, ווייל הגם די קמיטשיצס זענען גרויסע יחסנים, איז ער אָבער דאָך נאָך גאָר אַ שנעק און אַ סברה, אַז ער האָט אויף זיין געוויסן אַ סך חטאים, וועגן וואָס דו ווייסט דאָך אַמבעסטן.

— כ'ווייס, כ'ווייס — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — איז קמיטשיץ שוין לאַנג דאָ?

— איצט איז ער נישטאָ, ווייל ער איז נעכטן געפאָרן קיין טשייקישקי נאָך אַ רעגימענט פוסגייער, וואָס שטייט דאָרט. קיי-נער איז איצט נישט אַזוי באַליבט באַם פירשט, ווי קמיטשיץ.

ווען ער איז אַפּגעפאָרן, האָט דער פירשט אים נאָכגעקוקט אַ חייּלע און דערנאָך געזאָגט: „דערדאָזיקער מענטש איז צו אַלץ גרייט, אפילו דעם טייוול אַליין באַם עק אָנצוכאַפּן, אויב כ׳וועל אים הייסן“! מיר האָבן דאָס געהערט מיט די אייגענע אויערן. אמת, אַז קמיטשיק האָט אַראָבגעבערענגט אַזאַ פּולק, וואָס באַך אַזאַ אייּנעם וועט איר אין דער גאַנצער אַרמיי נישט געפינען. מענטשן אין פערד, חי די רוחות.

נישטאָ וואָס צו רעדן, דאָס איז אַ טיכטיקער זעלנער און ער איז באמת גרייט אַלץ צו טון — האָט הער מיכאַל זיך אָנגערופן.

— ער זאָל האָבן מופתים באַוויזן אין דער לעצטער מלחמה, אַז מ׳האָט אַזש אַ פּרייז פאַר זיין קאָפּ באַשטימט, ווייל ער האָט מיט פרייוויליקע אָנגעפירט און אויף אייגענע אחריות מלחמה געהאַלטן.

דעם ווייטערדיקן שמועס האָט איבערגעהאַקט דער אַריינקום פון אַ נייעם מענטש. דאָס איז געווען אַ שלאַכטשיק, פון אַ יאָר פערציק, אַ קלייגער, אַ טרוקענער, אַ רירעוודיקער, וועלכער האָט זיך געשלענגלט ווי אַ פיש. ער האָט געהאַט אַ קליין פּנים, דינע ליפּן, וואָס זענען געווען באַוואַקסן מיט אַ שיטערן וואָנס, און אַ ביסל משופּעדיקע אויגן. אָנגעטון איז ער געווען אין אַ ראָק פון דרעליך מיט אַזעלכע לאַנגע אַרבל, אַז זיי האָבן געגרייכט ביז איבער די פינגער. אַריינגייענדיק, האָט ער זיך איינגעבויגן אין צווייען, דערנאָך האָט ער זיך מיטאַמאָל אויסגעגלייכט, ווי ער וואָלט דורך אַ שפּרינג-פעדער אונטערגעהויבן געוואָרן, דערנאָך האָט ער זיך ווידער אַראָפּגעבויגן אין אַ טיפער פאַרבייגונג, האָט אַ דריי געטון מיטן קאָפּ, ווי ער וואָלט אים פון אונטערן אייּנעם אַרויסגענומען, און גענומען גיך רעדן מיט אַ שטים, וואָס האָט דערמאָנט דאָס סקריפּן פון אַ פאַרזשאַווערט דאַך-פענדל:

— איך פאַרנייג זיך, הער כאַרלאַמפּ, כ׳פאַרנייג זיך, אַך! כ׳פאַרנייג זיך, הער פּאָלקאָווניק, נידעריקסטער דינער!

— איך פאַרנייג זיך, הער האַראַסימאָוויטש — האָט כאַרלאַמפּ געענטפערט — און וואָס באַגערט איר, גנעדיקער הער?

— גאָט האָט צוגעשיקט געסט, חשובֿע געסט! כ'בין גע־קומען מײַן דינסט פֿאַרלײגן און װעגן די װירדיקע געסט פֿרעגן.

— זענען זײ דען יצו אײַך געקומען, הער האַראַסימאָ־װיטש?

— אַוודאי נישט צו מיר, װײַל איך בין דערצו גאַרנישט ראוי... אָבער היות װי איך פֿאַרטרעט דעם מאַרשאַל, װאָס איז איצט נישטאָ, בין איך געקומען באַגריסן, זײער העפֿלעך באַ־גריסן!

— איר זענט נאָך װײַט נישט דערװאַקסן צו זײַן אַ מאַר־שאַל — האָט כאַרלאַמפּ געענטפֿערט — װײַל אַ מאַרשאַל איז אַ מענטש מיט יחוס־עצמו און יחוס־אבֿות, און איר זענט זיך, במחילה, אַ זאַבלודאָװער װיצע־סטאַראָסטע.

— אַ דינער פֿון ראַדזיװילס דינער! יאָ, הער כאַרלאַמפּ. איך לײקן נישט, חס וחלילה... אָבער אַזױ װי דער פֿירשט האָט, דערװיסנדיק זיך װעגן די געסט, געשיקט מיך פֿרעגן, װער זײ זענען, װעט איר ענטפֿערן, הער כאַרלאַמפּ, תּיכּף־ומיד ענטפֿערן, װען כ'װאָלט אַפֿילו געװען אַ הײדוק, נישט בלױז זאַבלודאָװער װיצע־סטאַראָסטע.

— כ'װאָלט אַפֿילו אַ מאַלפּע געענטפֿערט, װען זי װאָלט צו מיר מיט אַ באַפֿעל געקומען — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט — הערט דעריבער און פֿאַרצײכנט זיך די נעמען, אױב דער זכּרון אײַע־רער איז צו קורץ אױף צו געדענקען. דאָס איז הער סקשעטוסקי, דער פֿון זבאַראַזש, און זײַן ברודערנזון סטאַניסלאַװ.

— גרױסער גאָט, װאָס הער איך! — האָט האַראַסימאָ־װיטש אַ געשרײ געטון.

— דאָס איז הער זאַגלאָבאַ.

— גרױסער גאָט! װאָס הער איך!...

— אױב איר זענט אַזױ צעטומלט געװאָרן, דערהערנדיק מײַן נאָמען — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — קענט איר זיך שױן משער זײַן, װי די שונאים באַ דער שלאַכט מוזן צעטומלט װערן.

— און דאָס איז הער פּולקאָווניק וואָלאָדזיאָווסקי — האָט כאַרלאַמפּ פאַרענדיקט.

— אויך דאָס איז אַ באַרימטע שווערט און דערצו נאָך אַ ראַדזיווילישע — האָט האַראַסימאָוויטש געזאָגט מיט אַ פאַרבייגונג — דעם הער פירשט פּלאַצט דער קאָפּ פון אַרבעט, אָבער פאַר אַזעלכע ריטער וועט ער געפינען צייט, זיכער געפינען צייט... און מיט וואָס קען איך לעת-עתּה דינען די גנעדיקע הערן? דער גאַנצער שלאָס איז גרייט אייך צו דינען, ליבע געסט, און דער קעלער אויך.

— מיר האָבן געהערט וועגן די באַרימטע קיידאַנער מעדן — האָט זאַגלאָבאַ גיך געזאָגט.

— יאָ! — האָט האַראַסימאָוויטש געענטפערט — די מעדן אין קיידאַני האָבן אַ שם, אַ גרויסן שם! כ׳וועל באַלד שיקן אַהער צום אויסקלייבן. כ׳האָף, אַז די גנעדיקע הערן וועלן דאָ אַ לענגערע צייט זיך אויפהאַלטן.

— דערצו זענען מיר געקומען אַהער, אַז מיר זאָלן פון פירשט וואָיעוואָדע נישט אָפּטרעטן — האָט הער סטאַניסלאַוו זיך אָנגערופן.

— אייער באַשלוס פאַרדינט אַ לויב, גנעדיקע הערן, בפרט, אַז עס קומען אָן אַזעלכע שווערע צייטן.

באַ די דאָזיקע ווערטער האָט האַראַסימאָוויטש זיך איינגעקאָרטשעט און געוואָרן אַזוי קליין, ווי ער וואָלט קירצער געוואָרן אויף אַן איל.

— וואָס הערט מען? — האָט כאַרלאַמפּ געפרעגט — פאַרהאַן עפּעס נייעס?

— דער פירשט האָט אַ גאַנצע נאַכט קיין אויג נישט צוגעמאַכט, ווייל עס זענען געקומען צוויי שליחים. זייער שלעכטע נייעס הערט מען און וואָס אַמאָל ערגערע. קאַרל גוסטאַוו איז נאָך וויטעמבערגן אַריין אין דער רעפּובליק; פּויזן איז שוין פאַרנומען, גאַנץ גרויס-פּוילן פאַרנומען, מאַזאָווּשע וועט בקרוב זיין פאַרנומען; די שוועדן זענען שוין אין לאָוויטש, האַרט באַ וואַרשע. אונדזער קעניג איז אַנטלאָפן פון וואַרשע, וועלכע ער האָט

איבערגעלאָזט אָן פּאַרטיידיקונג. היינט, מאָרגן וועלן די שוועדן אין איר אַריין. מ'זאָגט, אַז ער האָט אויך אַ גרויסע שלאַכט פֿאַרשפּילט, אַז ער וויל קיין קראָקע אַנטקומען, און פֿון דאָרט קיין אויסלאַנד בעטן הילף. שלעכט, גנעדיקע הערן! הגם עס זענען פֿאַראַן אַזעלכע, וואָס זאָגן, אַז דאָס איז גוט, ווייל די שוועדן באַגייען נישט קיין שום געוואַלט-טאַטן, די אָפּמאַכן זענען זיי פּינקטלעך מקיים, קיין אָפּגאָבן נעמען זיי נישט, די רעכט שיצן זיי און אין אמונה-זאַכן מאַכן זיי נישט קיין שום שטערונגען. דערפֿאַר נעמען אַלע גערן אָן קאַרל גוסטאַווס שוץ... ס'האָט זיך פֿאַרזינדיקט אונדזער האַר, יאַן קאַזשימיערזש, שווער פֿאַרזינדיקט... פֿאַר אים איז שוין אַלץ פֿאַרפֿאַלן, אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן!... וויינען וויל זיך, אָבער ס'איז פֿאַרפֿאַלן, פֿאַרפֿאַלן!

— וואָס, צום טייוול, צאַפּלט איר ווי אַ פֿיש, ווען מ'לייגט אים אין טאָפּ אַריין! — האָט זאַגלאָבאַ אַ געשריי געטון — און וועגן אומגליק רעדט איר, ווי איר וואָלט זיך איבער אים געפֿרייט.

האַראַסימאָוויטש האָט געמאַכט אַן אָנשטעל, אַז ער הערט נישט און אויפֿהייבנדיק די אויגן אינדערהייך, האָט ער נאָך אַ פּאָר מאָל איבערגעחזרט:

— אַלץ איז פֿאַרפֿאַלן, אויף אייביק פֿאַרפֿאַלן!... דריי מלחמות וועט די רעפּובליק קיין ווידערשטאַנד נישט שטעלן... פֿאַרפֿאַלן!... גאָטס רצון... גאָטס רצון... נאָר אונדזער פֿירשט קען ליטע מציל זיין...

די אימהדיקע ווערטער זענען נאָך נישט פֿאַרקלונגען, ווי האַראַסימאָוויטש איז גלײַך געוואָרן הינטער דער טיר אַזוי גיך, ווי ער וואָלט אין דער ערד איינגעזונקען געוואָרן, און די ריטערס זענען געזעסן פֿאַראומערט, פֿון דער משא פֿון שרעקלעכע געדאַנקען צוגעדריקט.

— מען קען משוגע ווערן! — האָט וואָלאָדיאָווסקי צום סוף אויסגעשריגן.

— איר האָט רעכט — האָט סטאַניסלאַוו זיך אָנגערופֿן —

לוואי זאָל זיין אַ מלחמה וואָס גיכער אַ מלחמה, בעת ווען דער מענטש איז פּטור פון קאָפּ־ברעכעניש, דאַרף זיך אין קיין יאוש נישט אַריינלאָזן, נאָר שלאָגן זיך.

— עס קומט שוין אויס צו בענקען נאָך כמיעלניצקיס ערשטע צייטן — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — דאַמאָלס זענען טאַקע געווען מפּלות, עס זענען אָבער על כּל פּנים קיין בוגדים נישט געווען.

— אַזעלכע מוראדיקע דריי מלחמות, בשעת, דעם אמת געזאָגט, קלעקט אויף איינע אויך קיין כּוחות נישט! — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— נישט קיין כּוחות קלעקט אונדז נישט, נאָר מוט. דאָס פאָטערלאַנד גייט אונטער, ווייל עס פעלן ערלעכע מענטשן. הלוואי מיר זאָלן דאָ נחת דערלעבן — האָט יאַן אַ באַטריבטער געזאָגט.

— כ'וועל ערשט אויפן שלאַכט־פעלד פריי אָפּעטעמען! — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט.

— כ'וואָלט שוין וואָס גיכער געוואָלט דעם פירשט זען! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן.

זיין ווונטש איז באַלד מקוים געוואָרן, ווייל אין אַ שעה אַרום איז הער האַראַסימאָוויטש ווידער געקומען מיט נאָך נידעריקערע פאַרבייגונגען און מיט דער מעלדונג, אַז דער פירשט באַגערט זיי תּיכּף צו זען.

זיי זענען באַלד אויפגעשפּרונגען פון די ערטער, ווייל זיי זענען שוין געווען אָנגעטון, אין זענען געגאַנגען, נאָכדעם ווי האַראַסימאָוויטש האָט זיי אַרויסגעפירט פון וואָפן־מאַגאַזין, האָט ער זיי געפירט דורכן הויף, וועלכער איז שוין געווען פול מיט מיליטער־לייט און שליאַכטע. אין מאַנכע ערטער האָט מען טומלדיק געשמועסט, אַפּנים וועגן דיזעלבע נייעס, וואָס דער זאַגלובאַ־ווער וויצע־סטאַראָסטע האָט געבראַכט די ריטער. אַלעמענס פּנימער האָבן אויסגעדריקט אַ שטאַרקע אומרויקייט און אַ פיבערהאַפטע דערוואַרטונג. איינצעלנע גרופּעס פון אָפיצירן און שליאַכטע האָבן זיך צוגעהערט צו די רעדנער, וועלכע זענען געשטאַנען אין דער מיט און שטאַרק זשעסטיקולירט, אויפן וועג האָט מען געהערט די

ווערטער; „ווילנע ברענט! ווילנע איז פאַרברענט!... ערשט אמת, זי איז נאָך נישט פאַרנומען!... די שווערן זענען שוין אין קליין-פוילן! די שעראַדזער וועלן שטעלן אַ ווידערשטאַנד!... זיי וועלן נישט שטעלן! זיי וועלן נאָכטון דעם ביישפּיל פון דער גרויס-פוילישער שליאַכטע! אַ בגידה! אַן אומגליק! אָ גאָט, גאָט! מען ווייסט נישט, ווו די הענט אין די שווערט אַריינצושטעקן!”

אַזעלכע ווערטער, איינס שרעקלעכער פון צווייטן זענען דערגאַנגען צו די אויערן פון די ריטער, און זיי זענען נאָכגעגאַנגען האַראַסימאָוויטשן, דורכשטופּנדיק זיך מיט שווערקייטן דורך די מיליטער-לייט און שליאַכטע. ערטערווייז האָבן דעם הער וואָלאָדיאָווסקין באַקאַנטע באַגריסט: „וואָס מאַכסטו, מיכאַל? שלעכט מיט אונדז! מיר גייען אונטער! כ'בייג זיך, גנעדיקער הער פּולקאָווניק! ווער זענען עס די געסט, וואָס דו פירסט צום פירשט?” הער מיכאַל האָט נישט געענטפערט, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרלירן קיין צייט, און אַזוי זענען זיי צוגעקומען צום הויפּט-בנין פון שלאָס, אין וועלכן פירשטלעכע יאַנטשאַרן, אַנגעטון אין פּאַנצער-העמדער און אין גרויסע ווייסע היטלעך, זענען געשטאַנען אויף דער וואַך.

אין פּאָדער-הויז און אויף די הויפּט-שטיגן, ווו עס זענען געווען אויסגעשטעלט פּאָמעראַנצן-ביימער, איז דאָס געשטופּ געווען נאָך גרעסער, ווי אויפן הויף. מ'האָט דאָ געשמועסט וועגן אַרעסט פון גאָשיעווסקין און ריטער יודיצקי, ווייל די זאַך איז שוין מער נישט געווען קיין סוד פאַר קיינעם און זי האָט די געמיטער אויפגערעגט ביז גאָר. מ'האָט זיך געחידושט, אַרויסגעזאָגט די פאַרשידנסטע סברות, אויפגערעגט זיך אָדער געלויבט דעם פירשטס פאָרזיכטיקייט; אַלע האָבן זיך אָבער גערעכנט, אַז דער פירשט גופא וועט זיי דאָס רעטעניש אויפקלערן, און דעריבער האָט אַ ים פון קעפּ געשטראָמט איבער די ברייטע שטיגן אַרויף צום אויד־יענץ-זאַל, אין וועלכן דער פירשט האָט אין דעם מאָמענט אויפגענומען די פּולקאָווניקעס און די פּני פון דער שליאַכטע. די טראַבאַנטן, וואָס זענען געווען אויסגעשטעלט אין דער

לענג פֿון די שטיינערנע אַנלענס, האָבן אַכטונג געגעבן, אַז עס זאָל נישט זיין קיין צו גרויסער געדראַנג, זיי האָבן דערביי יעדע ווײַלע אויסגערופֿן: „לאַנגזאַם, גנעדיקע הערן! לאַנגזאַם!“ — און די מאַסע האָט זיך גערוקט ווייטער אָדער ווײַלנווייז זיך פֿאַרהאַלטן, ווען דער טראַבאַנט האָט פֿאַרשטעלט דעם וועג מיט דער שפּיז, כּדי די, וואָס גייען פֿאָרויס, זאָלן האָבן צייט אַרײַנצוגיין אין זאַל.

צום סוף האָבן די הימל־בלויע געוועלבן פֿון זאַל אַ בלאַנק געטון דורך דער אָפֿענער טיר און אונדזערע באַקאַנטע זענען אַרײַנגעגאַנגען. זייער בליק איז געפֿאַלן צוערשט אויף אַ הויכקייט, וואָס איז געשטאַנען טיף אין זאַל און איז געווען פֿאַרנומען פֿון אַ גלענצנדיקער מחנה פֿון ריטער און שררות אין פּרעכטיקע פֿאַרשידנפֿאַרביקע טראַכטן. פֿאָרנט איז געשטאַנען אַ ליידיקע שטול, וואָס איז געווען אַרויסגערוקט מער פֿון די איבעריקע, מיט אַ הויכן הינטערשטן אָנלען, וואָס האָט זיך פֿאַרענדיקט מיט אַ באַגילטן פֿירשטלעכן הוט, פֿון הינטער וועלכן ס'איז אַראָפּגעפֿלאָסן אַן אַמאַראַנטענער סאַמעט, אַרומגעזוימט מיט גראַנאַסטאַיען.

דער פֿירשט איז נאָך נישט געווען אין זאַל, אָבער האַראַסימאָוויטש, וועלכער האָט כּסדר געפֿירט די ריטער, האָט זיך דורכגעשטופּט דורך דער פֿאַרזאַמלטער שליאַכטע אַזש ביז צו דער קליינער טיר, וואָס איז געווען באַהאַלטן אין דער וואַנט לעבן דער הויכקייט; דאָרט האָט ער זיי געהייסן וואַרטן, און אַליין איז ער נעלם געוואָרן הינטער דער טיר.

אין אַ ווײַלע אַרום איז ער צוגעקומען מיט דער מעלדונג, אַז דער פֿירשט פֿאַרבעט צו זיך.

ביידע סקשעטוסקיס מיט זאַגלאָבאַן און וואָלאָדיאָווסקין זענען איצט אַרײַן אין אַ נישט גרויס, זייער ליכטיק חדרל, וואָס איז געווען באַשלאָגן מיט אַ פֿעל מיט אויסגעדרוקטע גאָלדענע בלומען, און זיי האָבן זיך געשטעלט, ווען זיי האָבן טיף הינטער אַ טישל, וואָס איז געווען באַדעקט מיט פּאַפּירן, דערזען צוויי מענטשן, וועלכע זענען געווען פֿאַרטון אין אַ וויכטיקן שמועס. אײנער פֿון זיי, נאָך אַ יונגער, אָנגעטון אין אַן אויסלענדישן

טראַכט און אין אַ פּערוק מיט לאַנגע לאָקן, וואָס זענען אַראָפּגעפאַלן אויף די אַקסלען, האָט עפּעס איינגערוימט אין אויער פון עלטערן חבר, וועלכער האָט זיך צוגעהערט מיט געקנייטשטע ברעמען און פון צייט צו צייט געשאָקלט מיטן קאָפּ; ער איז אַזוי געווען פאַרטון אין געשפּרעך, אַז ער האָט די אַריינגעקומענע נישט באַלד באַמערקט.

דאָס איז געווען אַ מענטש פון אַ יאָר עטלעכע און פערציק, אַ הויכער און אַ ברייט-פּלייציקער. געטראָגן האָט ער אַ פּויליש שאַרלאַך־רויטן מלבוש, פּאַ־שפּילעס באַם האַלדז מיט טייערע שפּילקעס. דאָס פּנים זיינס איז געווען גרויס, מיט שטריכן, פון וועלכע ס׳האָט געשלאָגן אַ גדלות, חשיבות און תקיפות. דאָס איז געווען אַ צאָרניק לייבן־פּנים פון אַ מלחמה־מאַן און הערשער איבערנעם. די לאַנגע, אַראָפּהענגענדיקע וואָנסעס האָבן דעם פּנים צוגעגעבן אַן אויסדרוק פון קפּדנות און אין זיין גאַנצער מאַכט און גרויס איז עס געווען ווי פון מאַרמאָר מיט גרויסע האַמער־קלעפּ אויסגעשמידט. די ברעמען זענען אין דער רגע באַ אים געווען צוזאַמענגעצויגן צוליב דער אָנגעשטרענגטער אויפמערקזאַמקייט, אָבער ס׳איז לייכט געווען צו דערקענען, אַז ווען דער כּעס וועט זיי צוזאַמענציִען, וועט זיין אַ קלאָג צו די מענטשן און צו די חיילות, וועלכע עס וועלן טרעפן די דונערס פון זיין כּעס.

אַזוי גרויס און מעכטיק איז די דאָזיקע געשטאַלט, אַז די ריטער, וואָס האָבן אויף איר געקוקט, האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז נישט בלויז דאָסדאָזיקע חדר, נאָר דער גאַנצער שלאָס איז פאַר איר צו ענג; דער ערשטער רושם האָט זיי כאַקע נישט אָפּגענאַרט, ווייל עס איז פאַר זיי געזעסן יאַנוש ראַדזיוויל, דער פירשט אויף בירזשע און דוביִנקי, ווילנער וואָיעוואָדע און ליטווישער גרויס־העטמאַן, אַ מושל פון אַזאַ מאַכט און פון אַזאַ שטאָלץ, אַז אין זיינע אַלע אומגעהייערע גיטער, אין אַלע הויכע אַמטן, יאָ, אַפילו גאָר אין זשאַמעט און אין ליטע איז אים צו ענג געווען.

זיין יונגערער חבר, אין אַ לאַנגן פּערוק און אין אויסלענדישן טראַכט, איז געווען פירשט באָגוסלאַוו, יאַנושס ברודערזון, דער שטאַלמייסטער פון ליטווישן גרויס־פירשטנטום.

אַ ווײַלע האָט ער נאָך געשעפּטשעט דעם העטמאַן אין אויער אַרײַן און צום סוף האָט ער הויך געזאָגט:

— איך לאָז איבער מײַן חתּונה אויפן דאָקומענט און פּאַר אָוועק.

— אויב עס קען אַנדערש ניט זײַן, פּאַר — האָט יאַנוש געזאָגט, — הגם כ׳וואָלט בעסער וועלן, אַז דו זאָלסט בלײַבן, ווײַל מ׳ווייסט נישט, וואָס עס קען געשען.

— דער גנעדיקער פירשט האָט אַלץ באַזאָרגט, ווי עס געהערט צו זײַן, און דאָרט דאַרף מען זיך פעסטער נעמען צו דער זאַך. גאָט וועט דעם גנעדיקן פירשט ניט פאַרלאָזן.

— זאָל גאָט באַשיצן אונדזער גאַנץ הויז און פאַרשאַפן אים רום.

— אַדיע, מײַן ברודער.

— אַדיע.

ביידע פירשטן האָבן זיך דערלאַנגט די הענט, דערנאָך איז דער שטאַלמײַסטער אײַליק אַרויס, און דער גרויס-העטמאַן האָט זיך אויסגעדרייט צו די אַרײַנגעקומענע.

— זײַט מוחל, גנעדיקע הערן, וואָס כ׳האָב אײַך געלאָזט וואַרטן — האָט ער געזאָגט מיט אַ שטילער, לאַנגזאַמער שטים — אָבער איצט זענען אי דער מוח און די צײַט צעריסן אויף אַלע זײַטן. כ׳האָב שוין געהערט אײַערע נעמען, גנעדיקע הערן, און כ׳האָב זיך אין האַרצן דערפרייט, וואָס גאָט האָט מיר אין אַזאַ צײַט צוגעשיקט אַזעלכע ריטער. זעצט זיך, ליבע געסט. ווער פון אײַך איז הער יאַן סקשעטוסקי?

— איך בין עס, גרייט צו דינען אײַער פירשטלעכער מאַיעסטעט — האָט יאַן זיך אָנגערופן.

— דאָס זענט איר סטאַראָסטע... אָבער... איך האָב פאַרגעסן...

— איך בין נישט קיין סטאַראָסטע — האָט יאַן געענטפערט.

— ס׳טײַטש? — האָט דער פירשט געזאָגט, קנײַטשנדיק

זיינע מעכטיקע ברעמען — מ'האָט אייך נישט געגעבן קיין סטאַראָסטע פאַר דעם, וואָס איר האָט באַ זבאַראַזש אויסגעטון?

— כ'האָב זיך וועגן דעם קיינמאָל נישט משתדל געווען.

— ווייל מ'האָט דאָס אייך אָן שתדלנות געדאַרפט געבן. ס'טייטש? וואָס רעדט איר? האָט מען אייך מיט גאָרנישט באַלוינט? לגמרי פאַרגעסן? דאָס איז מיר אַ חידוש. אָבער וואָס רעד איך, דאָס דאַרף גאָר קיינעם נישט חידושן, ווייל איצט ווערן באַלוינט נאָר די, וואָס האָבן אַ ווייכן, לייכט זיך בייגנדיקן רוק. איר זענט נישט קיין סטאַראָסטע, זייער פיין!... גאָט צו דאַנקען, וואָס איר זענט געקומען אַהער, ווייל דאָ האָבן מיר נישט אַזאַ קורצן זכרון און קיין שום פאַרדינסטן וועלן נישט בלייבן אָן שכר — ווי אייערע, גנעדיקער הער פּולקאָווניק וואָלאָדיִאָווסקי...

— איך האָב נאָך גאָרנישט פאַרדינט...

— לאָז: דאָס מיר איבער, און לעת־עתה נעמט דעמדאָזיקן דאָקומענט, וועלכער איז אין ראָסיענער שוין געריכטלעך באַשטעטיקט געוואָרן און דורך וועלכן איך שענק אייך דידקעמיע אויפן גאַנצן לעבן אַרויס. דאָס איז אַ נישט שלעכט שטיקל ערד מיט הונדערט אַקעראַייזנס ווערט אויף איר יעדן פרילינג געאַקערט. נעמט־זשע דאָס צו, ווייל איך קען נישט מער געבן, און זאָגט דעם הער סקשעטוסקי, אַז ראַדזיוויל פאַרגעסט נישט זיינע פריינט און אויך נישט די, וואָס האָבן אונטער זיין קאָמאַנדע פאַרדינסטן דעם פאָטערלאַנד אָפּגעגעבן.

— אייער פירשטלעכע מאַיעסטעט!... — האָט הער מיכאַל אַ צעטומלטער אַרויסגעשטאַמלט.

— רעדט גאָרנישט און זייט מוחל, וואָס איך גיב אַזוי ווייניק, אָבער זאָגט, זאָגט זיי, אַז עס ווערט נישט פאַרפאַלן דער, וואָס פאַרבינדט זיין גורל אָן שום תנאים מיט ראַדזיווילס גורל. איך בין נישט קיין קעניג, אָבער — ווען כ'וואָלט עס געווען — איז גאָט מיין עדות, אַז כ'וואָלט קיינמאָל נישט פאַרגעסן אַזאַ יאַן סקשעטוסקין און נישט אַזאַ זאַגלאָבאַן...

— דאָס בין איך! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן, אַרויס־

רוקנדיק זיך גיך פאָרויס, ווייל ער איז שוין געוואָרן אומגעדולדיק, וואָס מ׳האָט ביז איצט וועגן אים נאָך נישט דערמאַנט.

— איך שטויס זיך אָן, אַז איר זענט עס, ווייל מ׳האָט מיר געזאָגט, אַז איר זענט אַ מענטש אין די יאָרן.

— איך בין געגאַנגען אין איין שול מיטן ווירדיקן פאָטער פון אייער פירשטלעכער מאַיעסטעט, און מחמת דעם, וואָס ער האָט נאָך אַלס קינד געהאַט ריטערלעכע נייגונגען, בין איך געוואָרן זיין נאָענטער חבר, ווייל אויך מיר איז ליבער געווען די שווערט איידער לאַטיין.

דעם הער סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי, וועלכער האָט זאַגלאָבאַן ווייניקער געקענט, האָט געחידושט דאָס צו הערן, ווייל ערשט נעכטן האָט דאָך זאַגלאָבאַ געזאָגט אין אופיטאַ, אַז נישט מיטן פאַרשטאָרבענעם פירשט קשישטאָף, נאָר מיט יאַנושן אַליין איז ער געגאַנגען אין שול, וואָס עס האָט זיך נישט געלאָזט גלייבן, ווייל דער פירשט יאַנוש איז געווען אַ סך יינגער.

— וואָס איר זאָגט — האָט דער פירשט זיך אָנגערופן — שטאַמט איר, הייסט עס, פון ליטע?

— פון ליטע! — האָט הער זאַגלאָבאַ אָן קווענקלעניש געענטפערט.

— אויב אַזוי, שטויס איך מיך שוין אָן, אַז אויך איר האָט אויך קיין שום באַלייבונג נישט באַקומען, ווייל מיר ליטווינער זענען שוין צוגעוויינט דערצו, אַז מ׳זאָל אונדז אָפּדינען מיט אומדאַנקבאַרקייט... גאָט מיינער! ווען איך זאָל אייך, גנעדיקע הערן, געבן דאָס, וואָס איר האָט כשר פאַרדינט, וואָלט פאַר מיר אַליין גאָרנישט געבליבן. אָבער אַזוי איז שוין אונדזער מזל! מיר זענען מקריב אונדזער בלוט, אונדזער לעבן, אונדזער האָב און גוטס און קיינער זאָגט אונדז דערפאַר נישט קיין שיינעם דאַנק. יאָ, פאַרפאַלן! ווי זיי זייען, אַזיי וועלן זיי שניידן... אַזוי הייסט גאָט און די גערעכטיקייט... איר האָט דאָס צעהאַקט דעם באַרימטן בורלאַי און דריי קעפּ אין זבאַראַזש אָפּגעשניטן?

— בורלאַין האָב איך צעהאַקט, גנעדיקער פירשט — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — ווייל מ׳האָט געזאָגט, אַז מיט אים קען קיין

שוין מענטש זיך נישט פאַרמיַסטן, האָב איך געוואָלט ווייזן די ייַנגערע, אַז די גבורה איז נאָך נישט אינגאַנצן פאַרשוווּנדן אין דער רעפּובליק. . . און וואָס שייך די דריי קעפּ, וואָלט דאָס אין ברען פון דער שלאַכט געקענט טרעפן. . . אָבער באַ זבאַראַזש האָט עס אַן אַנדערער געטון.

— דער פירשט האָט אַ ווײַלע שטילגעשוויגן, דערנאָך האָט ער זיך ווידער אָנגערופן:

— האָט איר נישט קיין צער פון דעם ביטול, מיט וועלכן מ האָט אייך באַצאָלט?

— וואָס זאָל מען טון, גנעדיקער הער פירשט, הגם עס פאַרדריסט טאַקע — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט.

— טרייסט זיך, ווײַל דאָס וועט זיך מוזן ענדערן. . . שוין דערפאַר, וואָס איר זענט געקומען אַהער, בין איך אייער בעל־חוב, און הגם איך בין נישט קיין קעניג, וועל איך בלויז מיט הבטחות נישט אָפּקומען.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט הער סקשעטוסקי דערויף לעבעדיק און אַ ביסל שטאָלץ זיך אָנגערופן — נישט נאָך מתנות און גיטער זענען מיר געקומען אַהער. . . נאָר אַזוי ווי דאָס פאָטערלאַנד איז דער שונא באַפאַלן, ווילן מיר אים קומען צו הילף מיט אונדזער לעבן אונטער דער פירונג פון אַזאַ מלחמה־מאַן. מיין ברודער, סטאַניסלאַוו, האָט באַ אוישטשע צוגעזען די פּחדנות, די אומאָרדנונג, די שאַנד און בגידה און צום סוף דעם טריומף פון שונא. דאָ וועלן מיר דינען אונטער דער קאָמאַנדע פון אַ גרויסן פירער און איבערגעגעבענעם פּאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד און מאַיעסטעט. דאָ וואַרטן אויפן שונא נישט נצחונות, נישט קיין טריומפן, נאָר מפּלות און טויט. . . אָט פאַרוואָס מיר זענען געקומען פאָרלייגן אונדזער דינסט דעם גנעדיקן הער פירשט. מיר זענען זעלנער, מיר ווילן זיך שלאָגן און מיר איילן זיך צו דער שלאַכט.

— אויב דאָס איז אייער באַגער, וועט איר אויך אין אים געפינען אַ באַפרידיקונג — האָט דער פירשט ערנסט געענטפערט — איר וועט לאַנג נישט וואַרטן, הגם מיר וועלן צוערשט אויף אַן

אַנדערן שונא מאַרשירן, ווייל מיר דאַרפן פאַרן ווילנער חורבן נעמען נקמה. היינט, מאָרגן וועלן מיר זיך לאָזן אין וועג אַריין און מיט גאָטס הילף וועלן מיר פאַר די עוולות באַצאָלן מיט אַן עודף... כ׳וועל אייך לענגער נישט אויפהאַלטן, ווייל איר דאַרפט זיך אויסרוען און מיך יאָגט די אַרבעט. און אין אָוונט קומט אין די שטובן, אפשר וועט זיך מאַכן עפּעס אַ שיינע פאַרווייַלונג פאַרן אַרויסמאַרש, ווייל זייער אַ סך מיידלעך זענען פאַר דער מלחמה זיך צונויפגעפאָרן קיין קיידאַני זוכן בײַ אונדז שוץ. גנעדיקער הער פולקאָווניק וואָלאָדיאָווסקי, נעמט אויף די טייערע געסט ווי בײַ זיך אינדערהיים און געדענקט, אַז וואָס איז מיין, איז אייער!... הער האַראַסימאָוויטש, זאָגט דאָרט אין זאַל די פאַרואַמלטע הערן שליאַכטשיצעס, אַז איך וועל נישט אַרויסגיין, ווייל כ׳האָב קיין צייט נישט, און היינט אין אָוונט וועלן זיי דערגיין אַלץ, וואָס זיי ווילן וויסן... זייט־זשע, גנעדיקע הערן, געזונט און בלייבט ראַדזיווילס פריינט, ווייל עס איז אים שטאַרק געלעגן.

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער שטאָלצער און מעכטיקער הערשער גענומען נאָך דער ריי דערלאַנגען די האַנט דעם הער זאַגלאָבאַ,ביידע סקשעטוסקיס, וואָלאָדיאָווסקין און כאַרלאַמפן, ווי זיי וואָלטן געווען זיינס גלייכן. דאָס טריבע פנים זיינס האָט אויסגעלייטערט אַ הערצלעכער און גנעדיקער שמייכל און יענע אומצופריטלעכקייט, וואָס פלעגט אים תמיד אַרומנעמען ווי מיט אַ פינסטערער כמאַרע, איז אינגאַנצן פאַרשווונדן.

— דאָס איז אַ פירער, דאָס איז אַ מלחמה־מאַן! — האָט סטאַניסלאַוו געזאָגט, ווען זיי האָבן צוריקוועגט זיך ווידער געשטופּט דורכן המון פון דער שליאַכטע, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אין אוידיענץ־זאַל.

— אין פייער וואָלט איך פאַר אים געגאַנגען! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגערופן — איר האָט באַמערקט, ווי ער האָט אַלע מיינע גבורות פון אויסנווייניק געקענט?... די שוועדן וועט זיין וואַרעם ווען דערדאָזיקער לייב וועט אַ ריטשע טון און איך וועל

אים באַגלייטן. נישטאָ נאָך אַזאַ שררה אין דער רעפּובליק, און פון די אַמאָליקע וואָלטן נאָר איין פּירשט יערעמי און נאָך אים הער קאָניעצפּאָלסקי, דער פּאָטער, זיך געקענט מיט אים פאַרגלייכן. דאָס איז נישט עפּעס אַ קאַשטעלאַנדעל, אַן אויפגעקומענער סענאַטאָר, וואָס נאָך איידער ער באַווייזט זיך אויפן סענאַטאָרישן שטול די הויזן אויסצערייבן, פאַרגייסט ער שוין די נאָז און רופט די שליאַכטע „יונגערע ברידער” און הייסט זיך באַלד זיין בילד מאָלן, כּדי ער זאָל אפילו באַם עסן האָבן פאַר זיך זיין סענאַטאָרישן יחוס, וועלכן ער קען הינטער זיך נישט דערזען... הער מיכאַל, איר זענט געקומען צו אַ פאַרמעגן... אַזוי איז עס שוין אַפּנים, אַז ווער עס רייבט זיך נאָר אָן אין ראַדזיווילן, דעם ווערט באַלד זיין אויסגעריבענער איבער-בגד באַגילט. ווי איך זע איז דאָ לייכטער זיך צו דערשלאָגן צו אַ העכערן ראַנג, ווי באַ אונדז צו אַ קוואָרט פאַרפוילטע באַרנעס. שטעקסט אַריין די האַנט אין וואַסער מיט צוגעמאַכטע אויגן און שוין האָסטו אַ העכט געכאַפּט. אָט דאָס הייסט אַ שררה! זאָל אייך גאָט געבן גליק, הער מיכאַל. איר זענט צעטומלט געוואָרן, ווי אַ בתולה נאָך דער חופּה; אָבער דאָס איז גאָרנישט!... ווי הייסט דאָס דיין לעבנסלענגלעכע נחלה? דודקאָוואָ, אָדער ווי?... געצנדינערישע נעמען האָבן זיי אין דערדאָזיקער מדינה. אַז דו וואַרפסט מיט ניס אין די וואַנט, קומט דערפון אַרויס אַ נאָמען פון אַ דערפל אָדער אַ שליאַכטשיץ. אָבער זאָל נאָר די הכנסה זיין אַ גוטע, וועט כּדאַי זיין זיך די ציין צו צעברעכן.

— איך בין שטאַרק צעטומלט געוואָרן, כ׳בין זיך מודה — האָט הער מיכאַל געזאָגט — ווייל דאָס, וואָס איר זאָגט, אַז עס איז דאָ אַזוי לייכט עולה-לגדולה צו זיין, איז נישט אמת. נישט איינמאָל האָב איך געהערט, ווי אַלטע זעלנער באַקלאָגן זיך אויפן פּירשטס אומדאַנקבאַרקייט, און איצט הייבן זיך מיטאַמאָל אָן צו שיטן חסדים איינער נאָכן אַנדערן.

— אויב אַזוי, שטעקט אייך אַריין דעמדאָזיקן דאָקומענט הינטער דער גאַרטל, טוט דאָס מיר צוליב... און אויב עמעצער וועט נאָך אויפן פּירשטס אומדאַנקבאַרקייט זיך באַקלאָגן, טאָ ציט

זים אַרויס פֿון דער גאַרטל און דערלאַנגט מיט אים אין פּיסק אַריין. קיין בעסערן אַרגומענט וועט איר נישט געפֿינען.

— איינס איז מיר קלאָר, אַז דער פֿירשט איז מקרב צו זיך די מענטשן — האָט יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופֿן — און אַז ער מוז שאַפֿן עפּעס פּלענער, צו וועלכע עס איז אים נייטיק הילף.

— האָט איר דען נישט געהערט וועגן דידאָזיקע פּלענער? — האָט זאַגלאָבאַ געענטפֿערט — האָט ער דען נישט געזאָגט, אַז מיר דאַרפֿן גיין פֿאַרן ווילנער חורבן נקמה נעמען?... מ׳האָט אויף אים געזאָגט, אַז ער האָט ווילנע צוגערויבט, און ער וויל ווייזן, אַז נישט בלויז ער דאַרף נישט קיין פֿרעמדן האָב, נאָר אַז ער איז אויך גרייט זיין אייגנס נאָך אָפּצוגעבן... אַ שיינע אַמביציע איז דאָס, הער יאַן. זאָל אונדז גאָט מזכה זיין מיט וואָס מער אַזעלכע סענאַטאָרן!

— אַזוי האָבן זיי געשמועסט, ביז זיי זענען ווידער געבליבן שטיין אויפֿן שלאָס-הויף, אין וועלכן עס זענען יעדער ווײַלע אַרײַנגעפֿאָרן דאָ אָפּטיילונגען פֿון רייטער-חיילות, דאָ מחנות פֿון באַוואָפֿנטע שליאַכטע-לייט, דאָ קאָטשן, וואָס האָבן געפֿירט אָנגעזעענע מענטשן מיט ווייבער און קינדער פֿון דער אַרומיקער סביבה. דערזעענדיק דאָס, האָט הער מיכאַל אַלע אַ שלעפּ געטון מיט זיך צום טויער, כדי זיך דאָרט צוקוקן צו די אַרײַנפֿאָרנדיקע.

— ווער ווייסט, הער מיכאַל, הייַנט איז אייער מזלדיקער טאָג... אפֿשר פֿאָרט גאָר אויך אַ ווייב פֿאַר אייך צווישן דידאָזיקע שליאַכטשאַנקעס — האָט הער זאַגלאָבאַ געזאָגט — גיט אַ קוק! אָט פֿאָרט אָן עפּעס אַן אָפֿענע קאָטש און אין איר בלאַנקט עפּעס...

— דאָס פֿאָרט אָבער נישט קיין מיידל, נאָר דער, וואָס קען מיך מיט איר מקדש זיין — האָט דער שאַרף-ראיהדיקער הער וואָלאָדיאָוווסקי געענטפֿערט — ווייל פֿונדערווייטנס דערקען איך, אַז דאָרט פֿאָרט קסיאָנדז ביסקופּ פּאַרטשעווסקי מיטן קסיאָנדז ביאַלאָזאָר, דעם ווילנער אַרצידיאַקאָן.

— באַזוכן זיי דען דעם פירשט, הגם ער איז אַ קאַלוויי־נער?

— וואָס זאָלן זיי טון; ווען די כלל-אינטערעסן פאָ־דערן דאָס, מוזן זיי בעל־כרחם מיט אים אַ מגע־ומשא האָבן.

— עי, ווי עס ווימלט דאָ! עי, ווי עס טומלט זיך דאָ! — האָט הער זאַגלאָבאַ מיט פרייד אויסגערופן — דער מענטש איז שוין פאַרזשאַווערט געוואָרן אין דאָרף, ווי אַן אַלטער שליסל אין שלאָס... דאָ דערמאָנט עס אין די בעסערע צייטן. אַ לומפּ בין איך, אויב איך וועל היינט מיט עפּעס אַ מיידל אַ יפת־תואר נישט אַריינלאָזן זיך אין אַ פלירט!

הער זאַגלאָבאָס ווייטערדיקע ווערטער האָבן איבערגעריסן די זעלנער, וואָס זענען געשטאַנען אין טויער אויף דער וואַך און וועלכע האָבן זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען מקבל פּנים צו זיין דעם קסיאָנדז ביסקופּ; ער איז דורכגעפאָרן, מאַכנדיק מיט דער האַנט אַ צלם אויף ביידע זייטן, בענטשנדיק די זעלנער אין די דערלעבן פאַרזאַמלטע שליאַכטע.

— אַ קלוגער שררה מוז דער פירשט זיין — האָט זאַגלאָ־באַ געזאָגט — אויב ער טיילט צו אַזאַ כבוד דעם קסיאָנדז ביס־קופּ, הגם ער אַליין אָנערקענט נישט די קירכלעכע אויבער־מאַכט... הלוואי דאָס זאָל זיין דער ערשטער שריט אויפן וועג צו תשובה.

— ע! ס'וועט דערפון גאָרנישט זיין. נישט ווייניק האָט זיך וועגן דעם באַמיט זיין ערשט ווייב און זי האָט גאָרנישט גע־פועלט, אַז זי איז אַזש געשטאָרבן פון עגמת־נפש... אָבער פאַר־וואָס גייען די שאָטן פון דער וואַך נישט אַראָפּ? ווייזט אויס, אַז ווידער וועט אַ חשוב דורכפאָרן.

פונדערווייטנס האָט זיך טאַקע באַוויזן אַ גאַנצע מחנה פון באַוואָפנטע זעלנער.

— דאָס זענען גאַנצהאָפּס דראַגונער, כ'דערקען זיי — האָט וואָלאָדיאָווסקי געזאָגט — אָבער עפּעס קאָטשן פאָרן אינ־דערמיט!

דאָ האָבן מיטאַמאָל די פויקן גענומען הילכן.

— אַהאַ! דאָס מוז זײַן עפּעס אַ גרעסערער יחסן פֿון זשאַ־מעטער קסיאַנדז ביסקופּ! — האָט זאַגלאַבאַ אויסגערופֿן.

— וואַרט צו, זײ זענען שוין דאַ.

— צוויי קאַרעטעס אינדערמיט.

— יאָ. אין דער ערשטער זיצט הער קאָרף, דער ווענדער וואָיעוואָדע.

— אָ! — האָט יאַן אויסגעשריגן — דאָס איז דאָך אַ פּאַ־קאַנטער פֿון זבאַראַזש...

דער וואָיעוואָדע האָט זײ דערקענט, און צוערשט וואָלאָ־דיִאָווסקין, וועלכן ער פֿלעגט אַפֿנים אָפֿטער זען; פֿאַרבײפֿאָרנדיק, האָט ער דעריבער זיך אַרויסגעבויגן פֿון דער קאָטש און אויסגעשריגן:

— איך באַגריס אײַך, גנעדיקע הערן, אַלטע חברים!... אָט פֿירן מיר געסט!

אין דער צווייטער קאָטש, מיט די הערבן פֿון פֿירשט יאַנוש, געשפּאַנט אין פֿיר ווײַסע אַגערס, זענען געזעסן צוויי הערן מיט הדרת־פּנימער, אָנגעטאָן, אויפֿן אויסלענדישן שטייגער, אין קאַפּע־לושן מיט ברייטע ראַנדן, פֿון הינטער וועלכע די העלע לאָקן פֿון די פּערוקן זענען זײ אַזש אַראָפּגעפֿאַלן אויף די אַקסלען, אויף די ברייטע שפּיצן־קראַגנס. אײנער, זייער אַ דיקער, האָט געהאַט אַ שפּיציקע געלע באָרד און וואָנסעס צעקעמט בײַ די עקן און הויך אויפֿגעדרייט, דער צווייטער, דער ייִנגערער, איז געווען אָנגעטאָן אינגאַנצן שוואַרץ און געהאַט אַ ווייניקער ריטערלעכע פֿי־גור, אָבער אפֿשר נאָך אַ העכערן אַמט, ווײַל אויף זײַן האַלדז האָט געבלישטשעט אַ גאָלדענע קייט, פֿאַרענדיקט מיט עפּעס אַן אָרדער. ביידע זענען אַפֿנים געווען אויסלענדער, ווײַל זײ האָבן בייגעריק געקוקט אויפֿן שלאָס, אויף די מענטשן און אויף די מלבושים.

— וואָס פֿאַר אַ שדים זענען דאָס? — האָט זאַגלאַבאַ גע־פֿרעגט.

— איך קען זײ נישט, כ'האָב זײ קיינמאָל נישט געזען! — האָט וואָלאָדיִאָווסקי געענטפֿערט.

דאָ איז די קאָטש דורכגעפאָרן און געגומען אַרומקרייזן דעם הויף, כדי צו פאַרפּאָרן פאַרן הויפּט־בנין פון שלאָס, און די דראַגונער האָבן זיך פאַרהאַלטן פאַרן טויער.

וואָלאָדזיאָווסקי האָט דערקענט דעם אָפיציר, וואָס האָט מיט זיי אָנגעפירט.

— טאָקאַזשעוויטש! — האָט ער אויסגעשריגן — איך באַגריס אייך, גנעדיקער הער!

— כ׳פאַרבייג זיך, גנעדיקער הער פּאָלקאָווניק!

— וואָסערע חזירים־קיילער פירט איר דאָס?

— דאָס זענען שוועדן.

— שוועדן?

— יאָ, און חשובע מענטשן. דער גראָבער, דאָס איז גראַף לעווענהויפּט, און יענער דאַרער, דאָס איז בענעדיקט שיטע באַראָן פאָן דודערהאָף.

— דודערהאָף?! — האָט זאַגלאָבאָ איבערגעפרעגט.

— און וואָס ווילן זיי דאָ? — האָט הער וואָלאָדזיאָווסקי געפרעגט.

— ווער ווייסט! — האָט דער אָפיציר געענטפערט — מיר באַגלייטן זיי פון בירזשע אָן. זיי זענען מסתמא געקומען אונטערהאַנדלען מיט אונדזער פירשט, ווייל דאָרט אין בירזשע האָבן מיר געהערט, אַז דער פירשט קלויבט צונויף אַ גרויסע אַרמיי און אַז ער זאָל באַפאַלן ליפלאַנד.

— האַ, לומפּן! אַ פחד איז אייך באַפאַלן! — האָט זאַגלאָבאָ אויסגערופן — דאָרט פאַרכאַפּט איר גרויס פּוילן, פאַרטרייבט דעם קעניג, און דאָ בוקט ער זיך פאַר ראַדזיווילן, אַז ער זאָל אייך אין ליפלאַנד נישט אַ קיצל טון. ווצרט צו! איר וועט קריכן צו די דונדערהאָפס אייערע, ביז די זאָקן וועלן זיך אייך אַראָפּלאָזן! מיר וועלן דאָ באַלד מיט אייך זיך אָפּרעכענען. זאָל לעבן ראַדזיוויל!

— זאָל לעבן! — האָט איבערגעחזרט די שליאַכטע, וואָס איז געשטאַנען בײַם טויער.

— דער פאַרטיידיקער פון פאָטערלאַנד! אונדזער באַשיצער! אויפן שווער, גנעדיקע הערן! אויפן שווער!

עס האָט זיך געמאַכט אַ רעדל. פון הויך זענען צוגעקומען וואָס אַמאָל מער שליאַכטע און אַז זאַגלאָבאַ האָט דאָס געזען איז ער אַרויפגעקראָכן אויף די אַרויסשטאַרנדיקע מויער פון טויער און גענומען הויך רעדן:

— גנעדיקע הערן, הערט מיך אויס! ווער עס קען מיך נישט, דעם זאָג איך, אַז איך בין אַן אַלטער זבאַראַזשער זעלנער, וועלכער האָט בורלאַין, דעם גרעסטן העטמאַן נאָך כמיעלניצקן, מיט דערדאָזיקער אַלטער האַנט, צעהאַקט; און ווער עס האָט נישט געהערט וועגן זאַגלאָבאַן, דער האָט אוודאי בשעת דער ערשטער קאָזאַקישער מלחמה אַרבעס געשיילט, היגער געטאַפּט אָדער קעלבלעך געפּאַשעט, וואָס איך גלייב אָבער נישט אויף אַזעלכע פיינע ריטער.

— דאָס איז אַ גרויסער גבור! — האָבן זיך אַ סך שטימען אָנגערופן — נישטאָ אין דער רעפּובליק קיין גרעסערער פון אים!... הערט!

— הערט מיך אויס, גנעדיקע הערן! די אַלטע ביינער האָבן זיך געוואָלט אויסרוען; ס'וואָלט מיר בעסער געשמעקט אין די בעקערייען צו ליגן, קעז מיט שמאַנד צו עסן, איבער די סעדער צו גיין און עפּל צו קלויבן, אָדער צו פאַרלייגן די הענט אויף הינטן און צו שטיין איבער די שניטערס, אָדער די מיידלעך איבער די פלייצעס צו קלאַפּן. אוודאי וואָלט מיך אויך דער שונא פון זיין אייגענער טובה־וועגן געלאָזט צו רו, ווייל אויך די שוועדן און קאָזאַקן ווייסן, אַז איך האָב זייער אַ שווערע האַנט און הלוואי זאָל מיין נאָמען אייך זיין אַזוי באַקאַנט, ווי ער איז דעם שונא באַקאַנט.

— און וואָס איז דאָס פאַר אַ האָן, וואָס קרייט אַזוי הויך? — האָט מיט אַמאָל עמעץ אַ שטים געפרעגט.

— האַק נישט איבער! אַז געהרגעט זאָלסטו ווערן! — האָבן אַנדערע געשריגן.

אָבער זאַגלאָבאַ האָט דערהערט.

— זײט מוחל דעמדאָזיקן עופֿעלע! — האָט ער אױסגע־שריגן — װײַל עס װײסט נאָך נישט, אױף װעלכער זײט דער עק איז, און אױף װעלכער זײט דער קאָפּ.

די שליאַכטע האָט אױסגעבראָכן מיט אַ גרױס געלעכטער, און דער צעמישטער הדיוט קופּץ־בראש האָט זיך גיך צוריקגע־צױגן פֿון המון, כּדי זיך צו ראַטעװען פֿון די שפּאָטישע אױס־רופֿן, װאָס האָבן זיך געגאָסן שיטן אױף זײַן קאָפּ.

— איך קער צוריק צום ענין! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — איך חזר איבער, אַז איך װאָלט שױן געדאַרפֿט זיך אױסרוען, אָבער אַזױ װי דאָס פֿאָטערלאַנד איז אין אַ צרה, דער שונא טרעט אונדזער ערד, דערפֿאַר בין איך דאָ, גנעדיקע הערן, כּדי צוזאַמען מיט אײַך זיך אַקעגנצושטעלן דעם פֿײַנט אין נאָמען פֿון דער מאַמע, װאָס האָט אונדז אַלע אױסגעהאָדעװעט. װער עס װעט איר הײַנט נישט בײַשטײן, װער עס װעט נישט לױפֿן איר צו הילף, דער איז נישט קײן זון, נאָר אַ שטיף־זון, דער איז נישט װערט איר ליבשאַפֿט. איך אַלטער גײ, זאָל געשען גאָטס רצון, און אױב עס װעט באַשערט זײַן אומצוקומען, װעל איך דאַ־מאָלס מיטן לעצטן אָטעם רופֿן: אױפֿן שװעד! ברידער שליאַכ־טע! אױפֿן שװעד!... לאָמיר זיך צושװערן, אַז מיר װעלן נישט פֿריער די שװערטן פֿון די הענט אַרױסלאָזן, ביז מיר װעלן זײ פֿון פֿאָטערלאַנד נישט אַרױסיאָגן!...

— מיר זענען אױך אָן שבֿועות גרײט דערצו! — האָבן אַ סך שטימען אױסגערופֿן — מיר װעלן גײן, װוּהין אונדזער העטמאַן פֿירשט װעט אונדז פֿירן; מיר װעלן אָנשפּאַרן, װוּ עס װעט נײטיק זײַן!

— גנעדיקע הערן!... איר האָט געזען, װי צװײ שװעדן זענען געקומען אין אַ באַגילטער קאָטש. זײ װײסן, אַז מיט ראַ־דזיװילן טאָר מען זיך נישט שפּילן. זײ װעלן אים איבער די שטובן נאָכלױפֿן און אין די עלנבױגנס אים קושן, אַז ער זאָל זײ לאָזן צורו. אָבער דער פֿירשט, גנעדיקע הערן, מיט װעלכן איך האָב נאָר װאָס אַ באַראַטונג אָפּגעהאַלטן, האָט מיך פֿאַרזיכערט

אין נאָמען פון גאַנץ ליטע, אַז ער וויל נישט וויסן פון אונטערהאַנדלונגען, פון אָפּמאַכן, נאָר מלחמה און מלחמה!!

— מלחמה! מלחמה! — האָבן ווי אַ ווידערקול איבערגעחזרט שטימען פון די צוהערער.

— אָבער אַזוי ווי אַ פירער — האָט זאַגלאָבאַ ווייטער געזאָגט — קען האַנדלען דרייסט און מוטיק נאָר דאַמאָלס, ווען ער איז זיכער אין זיינע זעלנער, דאַרפן מיר דעריבער, גנעדיקע הערן, אַרויסווייזן אונדזערע געפילן. לאָמיר גיין און שרייען אונטער דעם פירשטס פענסטער: אויפן שוועד! מיט מיר, גנעדיקע הערן!

באַ דידאָזיקע ווערטער איז ער אַראָפּגעשפרונגען פון דער מויער און געלאָזט זיך גיין פאָרויס, דער המון איז אים נאָכגעגאַנגען; און אַזוי זענען זיי צוגעקומען ביז צו די פענסטער, אָנמאַכנדיק וואָס אַמאָל אַ גרעסערן טומל, וועלכער האָט זיך צום סוף צונויפגעגאָסן אין איין געוואַלטיקן אויסגעשריי:

— אויפן שוועד! אויפן שוועד!

אין אַ ווײַלע אַרום איז פון פאָדערהויז אַרויסגעלאָפן הער קאָרף, דער וועגדער וואָיעוואָדע, זייער אַ צעטומלטער, נאָך אים גאַנצהאָף, דער פּאָלקאָווניק פון פירשטס רייטער, און ביידע האָבן גענומען איינהאַלטן די שליאַכטע, בעטן, באַרויקן, אַז זי זאָל זיך פונאַנדערגיין.

— באַ גאָט — האָט הער קאָרף געזאָגט — דאָרט אינדערהייך ציטערן אַזש די שויבן, און איר ווייסט גאָרנישט, ווי נישט צו דער צייט איר זענט געקומען מיט אייערע אויסגעשרייען, ווי אַזוי קענט איר די שליחים מבזה זיין, געבן אַ ביישפּיל פון אומגעהאָרכזאַמקייט! ווער האָט אייך דערצו אָנגערעדט?

— איך! — האָט זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — זאָגט, גנעדיקער הער, דעם האַר פירשט אין אונדזער אַלעמענס נאָמען, אַז מיר בעטן אים, דאָס ער זאָל זיין האַרט, ווייל ביז צום לעצטן טראָפּן בלוט זענען מיר גרייט באַ אים אויסצוהאַלטן.

— איך דאַנק אייך, גנעדיקע הערן, אין נאָמען פון הער העטמאַן, איך דאַנק אייך, אָבער גייט זיך שוין פונאַנדער. ישוב-

הדעת, גנעדיקע הערן! איך באַשווער אייך, ישוב הדעת, אַניש, וועט איר דאָס פּאָטערלאַנד באַגראָבן אויף אייביק! אַ בערישע טובה טוט דעם פּאָטערלאַנד דער, וואָס איז היינט מבזה די שליחים.

— וואָס גייען אונדז די שליחים אָן! מיר ווילן זיך שלאָגן, נישט אונטערהאַנדלען!

— עס פרייט מיך אייער העלדישקייט! עס וועט דערויף בקרוב קומען אַ צייט, און אפשר גאָר גיך. רוט זיך אויס פאַר דער עקספּעדיציע. איצט איז אַ צייט אויף בראָנפן און פאַר־בייסנס! ס׳איז נישט גוט זיך צו שלאָגן מיט אַ פוסטן בויך.

— אמת, אמת! — האָט הער זאַגלאָבאַ דער ערשטער אויס־גערופן.

— אמת, ער רעדט ווי אַ בר־דעת! קוים זעבען אונדזערע געפילן דעם פירשט באַקאַנט, האָבן מיר דאָ נישט וואָס צו טון!

און דער המון האָט זיך גענומען צעשפּרייטן, דער גרעסטער טייל איז אַוועק אין די אָפיצינעס, אין וועלכע עס זענען שוין געווען אויסגעשטעלט אַ סך טישן. הער זאַגלאָבאַ איז געגאַנגען אין דער שפּיץ פון אַלע — און הער קאָרף איז צוזאַמען מיטן פּאָלקאָווניק גאַנצהאָף אַוועק צום פירשט, וועלכער איז געזעסן אויף אַ באַראַטונג מיט די שוועדישע שליחים, מיטן קסיאָנזש ביסקופּ פּאַרנשעווסקי, מיטן קסיאָנדז ביאַלאָזאָר, מיטן הער אַדאַם קאָמאַראָווסקי און מיטן הער אַלעקסאַנדער מיעזשעיעווסקי, דעם קעניג יאַן קאַזשימיעזשס אַ הויף־מאַן, וועלכער האָט צייטווייליק זיך אויפגעהאַלטן אין קיידאַני.

— ווער האָט דאָס דאָרט אָנגעמאַכט דעם ליאַרם? — האָט געפרעגט דער פירשט, וועמענס לייבן־געזיכט האָט נאָך אַלץ אויס־געדריקט כעס.

— דער פריש אָנגעקומענער שליאַכטשיץ, דער באַרימ־טער הער זאַגלאָבאַ! — האָט דער וועגדער וואָיעוואָדע געענט־פערט.

— דאָס איז אַ העלדישער ריטער — האָט דער פירשט גע־

זאָגט — אָבער צו פרי הייבט ער מיר אָן צו באַלעבאַטעווען.

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט ער מיט אַ ווינק אַ רוף געטון דעם פּאָלקאָווניק גאַנצהאָף און געבעטן אים עפּעס איינרוימען אין אויער אַריין.

דערווייל איז הער זאַגלאָבאַ, אַ צופרידענער פון זיך, געגאַנגען אין די אונטערשטע זאַלן מיט פייערלעכע טריט, צוזאַמען מיט די הערן סקשעטוסקי און הער וואָלאָדיאָווסקי, צו וועלכע ער האָט אין דער שטיל געזאָגט:

— זעט איר, פריינט מיינע, איך האָב מיך נאָר געוויזן און שוין האָב איך אין דערדאָזיקער שליאַכטע אויפגעוועקט די ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד. עס וועט איצט לייכטער זיין דעם פירשט משלה צו זיין די שליחים מיט גאָרנישט, ווייל ער וועט נאָר דאַרפן זיך פאַררופן אויף אונדז. דאָס וועט, גלייב איך, אָן אַ באַלוינונג נישט אַריבער, הגם עס גייט מיר דער עיקר וועגן כבוד. וואָס זענט איר, הער מיכאַל, שטיין געבליבן ווי אַ פאַרשטיינערטער און די אויגן איינגעגראָבן אין יענע קאָטש באַם טויער ?

— דאָס איז זי! — האָט הער מיכאַל געזאָגט באַוועגנדיק מיט די וואָנצעלעך — ווי גאָט איז מיר ליב, דאָס איז זי אַליין!

— ווער דען?

— פריילין בילעוויטש. . .

— די, וועלכע האָט דיך אָפּגעשטויסן?

— יאָ. קוקט, גנעדיקע הערן, קוקט! קען נישט אַ מענטש דול ווערן פון עגמת-נפש?

— וואַרט נאָר צו! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט — מ'דאַרף זיך צוקוקן.

די קאָטש האָט דערווייל געמאַכט אַ קרייז און זיך דערנענטערט צו די שמועסנדיקע. ס'איז געזעסן אין איר אַ הדרת-פּנימדיקער שליאַכטשיץ מיט אַ גרוילעכער וואָנסע, און לעבן אים פריילין אַלעקסאַנדראַ: אַ שיינע, ווי תמיד, אַ רויקע און ערנסטע.

הער מיכאַל האָט אין איר איינגעגראָבן אַ רחמנות־בעטנ־דיקן בליק און זיך גידעריק פאַרנייגט מיטן קאָפּגלויש, אָבער זי האָט אים אין דער מאָסע נישט באַמערקט. אין זאַגלאָבאַ האָט זיך אָנגערופן, קוקנדיק אויף אירע דעליקאַטע, איידעלע שטריכן:

— דאָס מוז זיין עפּעס אַ שררהש קינד, הער מיכאַל, און צו צאַצקעדיק פאַר אַ זעלנער. כ'בין מודה, אַז זי איז שיין, אָבער איך וויל בעסער אַזאַ, וואָס אין פלוג איז נישט צו דערקענען, וואָס עס איז: אַ האַרמאַט, אָדער אַ מיידל?

— ווייסט איר נישט, גנעדיקער הער, ווער ס'איז דאָס אָנגעקומען? — האָט הער מיכאַל געפרעגט אַ דערלעבן־שטייענדיקן שליאַכטשיץ.

— אוודאי ווייס איך! — האָט דער שליאַכטשיץ געענט־פערט — דאָס איז הער טאָמאַש בילעוויטש, דער ראָסיענער שווערד־טרעגער אַלע קענען אים דאָ, ווייל דאָס איז ראַדזיווילס אַן אַלטער דינער און פריינט.

13. קאַפּיטל.

דער פּירשט האָט יענעם טאָג זיך נישט געוויזן פאַר דער שליאַכטע אַזש ביזן אָוונט, ווייל ער האָט געגעסן מיטאָג מיט די שליחים און אַ פּאָר הויכע באַאַמטע, מיט וועלכע ער האָט פריִער געהאַט אָפּגעהאַלטן די באַראַטונג. עס זענען אָבער אָנגעקומען באַפעלן צו די פּולקאָווניקעס, אַז ראַדזיווילס הויף־פּולקן, און בפרט די פוסגייער־רעגימענטן אונטער דער קאָמאַנדע פון אויסלענדישע אָפיצירן, זאָלן שטיין גרייט. אין דער לופט האָט געשמעקט מיט פּולווער. הגם דער שלאָס איז נישט געווען באַפעסטיקט, איז ער געווען אַרומגערינגלט מיט מיליטער, גלייך ווי עס וואָלט בא זייַנע מויערן זיך געדאַרפט אַ שלאַכט אָפּשפּילן. מ'האָט זיך גערעכנט אַז שפּעטסטנס צומאָרגנס אינדערפרי וועט מען אַרויסמאַרשירן און עס האָבן דערויף עדות געזאָגט באַשיינפערלעכע סימנים, ווייל דעם פירשטס אָן אַ שיעור דינער זענען געווען פאַרנומען מיט אָנלאָדנען אויף וועגנס געווער, טייערע כלים און דעם פירשטס שאַץ־קאַסטן.

האַראַסימאָוויטש האָט דערציילט דער שליאַכטע, אַז די וועגנס וועלן גיין קיין טיקאָטשין אויף פּאָדלעסיע, ווייל עס וואָלט געווען אַ סכנה איבערצילאָזן דעם וואָגן קאַסטן אין נישט באַפעסטיקטן קיידאַנער שלאָס. מ'האָט אויך צוגעגרייט די מלחמה-רעקוויזיטן, וועלכע האָבן געזאָלט מיטגיין מיטן חייל.

ס'האָבן זיך צעטראָגן ידיעות, אַז דער וויצע-העטמאַן גאָשיעווסקי איז געוואָרן אַרעסטירט דערפאַר, ווייל ער האָט נישט געוואָלט פאַרייניקן זיינע פּולקן, וואָס שטייען אין טראָקי, מיט ראַדזיווילס חיילות און דורכדעם די גאַנצע עקספּעדיציע אויף אַ זיכערע מפּלה אויסגעשטעלט. איבעריקנס, האָבן די הכנות צום אַרויסמאַרש, די באַוועגונג פון חייל, דאָס פאַרטויבנדיקע געפּילדער פון די האַרמאַטן, וואָס האָבן זיך אַרויסגעקאָלערט פון שלאָס-אַרסענאַל, און יענער טאַראַראַם, וואָס באַגלייט תמיד די ערשטע מאָמענטן פון מיליטערישע עקספּעדיציעס, אָפּגעווענדט די אויפמערקזאַמקייט אין אַן אַנדערע זייט און געהייסן די ריטער פאַרגעסן וועגן אַרעסט פון הער גאָשיעווסקין און ריטער יודיצקין.

די שליאַכטע, וואָס האָט געגעסן מיטאָג אין די ריזיקע אינטערשטע זאַלן פון די אָפיציגעס, האָט וועגן קיין שום אַנדערע זאַך נישט גערעדט, נאָר מכוח דער מלחמה, מכוח דער שׂרפה פון ווילנע, וועלכע האָט שוין זייט צען טעג געברענט, וואַרנדיק אַרומגענומען פון וואָס אַמאָל אַ מער העלישן פייער, מכוח די ידיעות פון וואַרשע, מכוח די פאָרגעשריט פון די שוועדן און מכוח די שוועדן גופא, וואָס קענען זיין, ווי קענען שבועה-ברעכער, וועלכע באַפאַלן אַ שכן, נישט אַכטנדיק אויפן טראַקטאַט, וואָס איז נאָך גילטיק זעקס יאָר, האָבן זיך געבראַוזט די געמיטער און אין די הערצער איז געוואַקסן אַ שׂנאה. די ידיעות וועגן די שנעלע פאָרטשריט, וועגן דער קאַפּיטולאַציע פון אוישטש, דער פאַרפּלייצונג פון גרויס-פּוילן צוזאַמען מיט אַלע שטעט, וועגן דעם דראָענדיקן איבערפאַל אויף מאַזאָווסע און אומפאַרמיידלעכן פאַל פון וואַרשע, האָבן נישט בלויז נישט געוועקט קיין אימה, נאָר, אדרבא, פאַרשטאַרקט דעם מוט און דעם חשק צו דער שלאַכט. דאָס איז געשען דערפאַר, וואָס פאַר אַלעמען זיינען שוין קלאָר

געווען די סבות פון דעמדאָזיקן שוועדישן דערפאָלג. זיי האָבן דאָך ביז-איצט קיין איין מאָל זיך נישט צוזאַמענגעשטויסן מיט מי־ליטער און נישט מיט אַן אמתן פירער. ראַדזיוויל איז געווען דער ערשטער מלחמה-מאַן פון פאַך, מיט וועלכן זיי האָבן זיך געזאָלט פאַרמעסטן און וואָס אין זיין סיגול מלחמה צו האַלטן האָט די פאַרזאַמלטע שליאַכטע געהאַט דעם גרעסטן בטחון, בפרט, אַז אויך די פּולקאָווניקעס זיינע האָבן גוט-געזאָגט, אַז זיי וועלן די שוועדן צעקלאַפּן אין פּן אָפענעם פעלד.

— עס קען אַנדערש נישט זיין! — האָט געזאָגט הער מיכאַל סטאַנקעוויטש, אַן אַלטער און אויסגעפּרוּווטער זעלנער — איך געדענק די אַמאָליקע מלחמות און ווייס, אַז זיי האָבן זיך שטענדיק פאַרטייקט אין שלעסער, אין באַפעסטיקטע לאַגערס, פון הינטער פאַרשאַנצונגען, זיי האָבן זיך קיינמאָל נישט דערוועגט זיך אונדז אַקעגנצושטעלן אויפן אָפענעם פעלד, ווייל זיי האָבן שרעקלעך מורא געהאַט פאַר די רייטער און אַז זיי האָבן זיך אַמאָל פאַרלאָזט אויף זייערע כוחות און אַרויסגעטרעטן, האָט מען זיי גוט אָנגעלערנט. נישט דער נצחון האָט זיי געגעבן גרויס-פּוילן, נאָר די בגידה און די גומבאַהאָלפנקייט פון לאַנד-שטורעם.

— יאָ! — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגערופן — דאָס איז אַ שוואַך פאָלק, מחמת די ערד איז דאָרט נישט נושא-פּרות און קיין ברויט האָבן זיי נישט, ווייל זיי מאָלן נאָר סאָסנאָווע שלאָפקעפּלעך און פון אַזאַ מעל מאַכן זיי אַש-געבעקס, וואָס שטינקט פון זשיוויצע. אַנדערע גייען צום ים און וואָס די כוואַליע וואַרפט נאָר אַרויס, דאָס פרעסן זיי, שלאָגנדיק זיך נאָך צוליב דידאָזיקע מעדנים. דער דלות איז דאָרט אַ שרעקלעכער, דערפאַר איז נישטאָ נאָך אַ פאָלק, וואָס זאָל אַזוי להוט זיין נאָך פרעמדס, ווייל די טאָטערן אפילו האָבן פערד-פלייש, וויפיל זייער האַרץ גלוסט נאָר, די שוועדן זעען אָפט אַ גאַנץ יאָר קיין פלייש נישט פאַר די אויגן און גייען תמיד אויס פון הונגער, סיידן עס מאַכט זיך אַ רייכער פיש-פאַנג.

דאָ האָט זאַגלאָבאַ זיך געווענדט צום הער סטאַנקעוויטש:

— ווען אייגנטלעך האָט איר, גנעדיקער הער, זיך באַקאַנט מיט די שוועדן?

— אונטער דער פירונג פון פירשט קשישטאָף, דעם פּאַטער פון הייליקן הער העטמאַן.

— און איך אונטער דער פירונג פון הער קאָניעצפּאָלסקין, דעם פּאַטער פון הייליקן כאַראַנשי. וויסטע מפּלות האָבן מיר גוסטאַוו אַדאָלפן אַ פּאָר מאָל פאַרשאַפט אין פּרייסן און נישט ווייניק געפאַנגענע גענומען; דאָרט האָב איך דורך און דורך דערקענט זיי און אַלע זייערע גענג. נישט ווייניק חידושים האָבן אונדזערע יונגע זיך בא זיי אָנגעזען, ווייל איר דאַרפט וויסן, אַז די שוועדן, אַלס פאָלק, וואָס ליגט שטענדיק אין וואַסער און ציט פון ים די גרעסטע הכנסות, זענען אומפאַרגלייכלעכע טויכער. האָבן מיר זיי געזען ווייזן אונדז זייערע קונצן. און וואָס וועט איר זאָגן דערצו: דו וואַרפסט אַריין אַ לומפּ אין איין אייזלאָך, שווימט ער אַרויף דורך אַ צווייטן און האַלט נאָך אַ לעבעדיקן הערינג אין פּיסק...

— גאָט מייַנער, וואָס רעדט איר?!

— זאָל איך דאָ פאַלן אַ טויטער, אויב כ׳האָב נישט אַמאָל הונדערט מיט די אייגענע אויגן געזען דאָס און נאָך אַנדערע קונציקע שטיק זייערע. איך געדענק אויך דאָס, אַז זיי האָבן זיך פון פּרייסישן ברויט אַזוי אויסגעפּאַשעט, אַז זיי האָבן דערנאָך נישט געוואָלט צוריקקערן. מיט רעכט זאָגט הער סטאַנקעוויטש, אַז זעלבער זענען זיי נישט קיין גרויסע. די פוסגייער זייערע זענען נאָך צו דערליידן, אָבער זייערע רייטער — זאָל גאָט שומר ומציל זיין, ווייל קיין פערד איז אין זייער פאָטערלאַנד נישטאָ און זיי קענען זיך פון די יונגע יאָרן אָן צום רייטן נישט צוגעוווינען.

— אַ כּברה, אַז מיר וועלן גאָר צוערשט נישט קענען זיי מאַרשירן — האָט הער שטשיט געזאָגט — גאָר גיין נקמה נעמען פאַר ווילנע?

— יאָ. כ׳האָב אַליין דעם פירשט אַזוי געראָטן, ווען ער האָט געפרעגט, וואָס איך טראַכט וועגן דעם ענין — האָט זאַגלאָבאַ געענטפערט — אָבער נאָכדעם. ווי מיר וועלן זיך אָפּפּאַרטיקן מיט

אייגעם, וועלן מיר זיך באַלד אַ לאָז טון צום צווייטן. די שליחים מוזן דאָרט גוט שוויצן.

— מ'נעמט זיי זייער פּיין אויף — האָט הער זאַלעבסקי געזאָגט — אָבער דידאַזיקע נעבעכדיקע ברואים וועלן גאָרנישט אויפטון, און די בעסטע ראיה זענען די באַפעלן, וואָס זענען צום מיליטער אַרויסגעגעבן געוואָרן.

— ליבער גאָט, ליבער גאָט! — האָט הער טוואַרקאָווסקי, דער ראָסיענער ריכטער, געזאָגט — ווי דער מוט וואַקסט דאָס צוזאַמען מיט דער סכנה... מיר זענען שוין שיער נישט אין אַ יאוש אַריינגעפאַלן, ווען מיר האָבן געהאַט צו טון מיט איין שונא, און איצט וועלן מיר מוזן מיט צוויי האָבן צו טון.

— עס קען אַנדערש נישט זיין — האָט סטאַנקעוויטש זיך אָנגערופן — נישט איינמאָל טרעפט, אַז דו לאָזסט זיך שלאָגן אַזוי לאַנג, ווי לאַנג עס פּלאַצט דיר נישט דאָס געדולד, און דערנאָך, אַליין נישט וויסנדיק פונוואַנען, באַקומסטו קראַפט און מוט. ווייניק האָבן מיר זיך דאָס אָנגעליטן, ווייניק האָבן מיר איבערגעטראָגן?... מיר האָבן זיך פאַרלאָזט אויפן קעניג און אויפן קעניגלעכן לאַנד-שטורעם, נישט האָבנדיק קיין בטחון אין די אייגענע כוחות, ביז מיר האָבן צום סוף צו טון מיט צוויי שונאים, און מיר מוזן אָדער ביידע שלאָגן, אָדער אונטערגיין אָן תקומה...

— גאָט [illegible] אונדז העלפן! געגוג שוין זיך געקוועקלט!

— דעם חלף צום האַלדז האָט מען אונדז צוגעלייגט!

— לאָמיר אויך זיי צולייגן! לאָמיר ווייזן די קרוין-פּאַליאַקן, ווער עס זענען אונדזערע זעלנער! עס וועט זיך בא אונדז נישט איבערחזרן די מעשה אוישטשע, אַזוי ווי עס איז דאָ אַ גאָט אין הימל!

און וואָס מער מען האָט געטרונקען, אַלץ מער האָבן זיך די טשופּרינעס דערוואַרעמט און אַלץ קריגערישער איז די שטימונג געוואָרן. אַזוי ווערט די פראַגע פון קיום אָדער אונטערגאַנג בא-

שטימט דורך אַ לעצטער אָנשטרענגונג באַם ראַנד פון תהום. עס האָבן דאָס פאַרשטאַנען יענע מאַסן פון זעלנער און יענע שליאַכטע, וועלכע יאַן קאַזשימיערזש האָט נאָך ערשט נישט לאַנג צוריק אויפגעפאָדערט דורך פאַרצווייפלטע בריוו צו שטעלן זיך צום לאַנד־שטורעם. אַצט זענען אַלעמענס הערצער, אַלעמענס מוח׳ות געווען געווענדט צו ראַדזיוויל ; אַלעמענס מײַלער האָבן איבערגעחזרט דעם דאָזיקן אימהדיקן נאָמען, מיט וועלכן דער נצחון איז ביז נישט לאַנג שטענדיק געגאַנגען געפּאָרט. און נאָר ער אַליין איז טאַקע געווען בכוח צונויפקלײַבן די צעשפּרייטע כוחות פון לאַנד, זיי אויפוועקן פון שלאָף און זיך צו שטעלן בראש פון אַ מאַכט וואָס זאָל גענוג זײַן אויף צו דערפירן בײדע מלחמות צו אַ מזלדיקן אויסלאָז.

נאָכמיטאָג האָט מען נאָך דער רײ גערופן צום פירשט די פּולקאָווניקעס : מירסקין, פּאָרוטשניק פון העטמאַנס פּאַנצער־פּולק, און נאָך אים סטאַנקעוויטשן, גאַנצהאָפן, קאַלאַמפּן, וואָלאָדיאָווסקין און סאָלאָהובן. די אַלטע זעלנער האָבן זיך אַ ביסל געוווּנדערט, וואָס מען פאַרבעט זיי אויף דער באַראַטונג יעדן באַזונדער און נישט צוזאַמען ; אָבער אָנגענעם איז די דאָזיקע פאַרוווּנדערונג געווען, ווײַל יעדער איז אַוועקגעגאַנגען מיט עפּעס אַ באַלוינונג, מיט עפּעס אַ ממשותדיקן באַווײַז פון פירשטס צוגענייגטקייט ; פון זיי האָט דער פירשט פאַרלאַנגט נאָר טרײַשאַפט און צוטרוי, וועלכע אַלע האָבן אים סײַ־ווי פון טיפן האַרצן געשענקט. דער העטמאַן האָט זיך אויך זאָרגפעליק אויסגעפרעגט, צי הער קמיטשיץ איז נאָך נישט צוריקגעקומען און געהייסן אים מודיע זײַן, אַז ער וועט צוריקקומען.

ער איז טאַקע צוריקגעקומען, אָבער ערשט שפּעט אין אָוונט. ווען די זאַלן זענען שוין געווען באַלויכטן און די געסט האָבן זיך שוין גענומען צוזאַמענקומען. אין וואָפן־מאַגאַזין, ווו ער איז געקומען זיך איבערטון, האָט ער געטראָפן דעם הער וואָלאָדיאָווסקי און זיך באַקאַנט מיט דער איבעריקער קאָמפּאַניע.

— עס פרייט מיך שטאַרק, וואָס איך זע אײַך און אַזעלכע

באַריכטע פּרייבט — האָט ער געזאָגט, טרייסלענדיק די האַנט פון קליינעם ריטער — ווי איך וואָלט אַן אייגענעם ברודער דערזען! איר קענט אין דעם גלייבן, גנעדיקער הער, ווייל איך קען קיין פאַלשן אָנשטעל נישט מאַכן. אמת, אַז איר האָט מיר מיאוס דעם קאָפּ דורכגעשניטן, אָבער איר האָט מיך דערנאָך אויף די פיס געשטעלט, וואָס איך וועל ביזן טויט נישט פאַרגעסן. איך זאָג דאָס פאַר אַלעמען, אַז ווען נישט איר, וואָלט איך איצט הינטער די תפיסה־קראַטעס זיך געוואַלגערט. הלוואי וואָלטן אַ סך אַזעלכע געווען אויף דער וועלט. ווער עס טראַכט אַנדערש, דער איז אַ שוטה און זאָל מיך דער טייוול נעמען, אויב כ׳וועל אים די אויערן נישט אָפּשניידן.

— לאָזט בעסער צורו.

— אין פייער וועל איך פאַר אייך גיין, ווען אפילו איך זאָל אומקומען! אויף אַ קאַמף רוף איך אַרויס דעם, וואָס גלייבט נישט!

דאָ האָט הער אַנדזשעי געוומען פירן זיין אַרויספאָדערנדיקן בליק איבער די אָפיצירן, אָבער קיינער האָט נישט סותר געווען, ווייל אַלע האָבן דאָך דעם הער מיכאַל געליבט און געאַכפּערט; נאָר זאַגלאָבאַ האָט זיך אָנגערופן:

— אַ היציקער זעלנער, דער טייוול זאָל אים נעמען! עס דאַכט זיך מיר, אַז איך וועל אייך שטאַרק ליב באַקומען פאַר אייער צוגעבונדנקייט צום הער מיכאַל, ווייל ווער ווייסט נאָך, ווי איך, וואָס ער איז ווערט.

— מער פון אונדז אַלע! — האָט קמיטשיץ זיך אָנגערופן מיט זיין געווייניטלעכער האַסטיקייט.

דערנאָך האָט ער אַ קוק געטון אויף די סקשעטוסקיס, אויף זאַגלאָבאַן און צוגעגעבן:

— איך בעט אייך איבער, גנעדיקע הערן, כ׳וויל קיינעם נישט פוגע־בכבוד זיין, ווייל כ׳ווייס, אַז איר זענט פיינע מענטשן און גרויסע ריטער. . . זייט נישט אין כעס, ווייל איך ווינטש זיך פון גאַנצן האַרצן צו פאַרדינען אייער פריינטשאַפט.

— עס שאַדט גאָרנישט — האָט יאַן סקשעטוסקי געזאָגט — וואָס אויף דער לונג, איז אויף דער צונג.

— גיט נאָר דעם פּיסק! — האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אָנגע- רופן.

— מיר דאַרף מען אַזאַ זאַך צוויי מאָל נישט איבער- חזרן!

און זיי זענען זיך בײדע געפאַלן אין די אָרעמס אַרײַן. דערנאָך האָט הער קמיטש'יץ אַ געשריי-געטון:

— מיר מוזן הײַנט שכורן, עס קען אַנדערש נישט זײַן!

— מיר דאַרף מען אַזאַ זאַך צוויי מאָל נישט איבערחזרן! — האָט זאַגלאָבאַ ווי אַ ווידערקול געזאָגט.

— מיר וועלן זיך מקדים זײַן און אַרויסגנבענען זיך אין וואָפן-מאַגאַזין, און וועגן משקה וועל איך אַ טראַכט טון.

הער מיכאַל האָט גענומען שטאַרק באַוועגן מיט די וואָנ- סעלעך.

— דו וועסט נישט האָבן קיין חשק זיך אַרויסצוגנבענען — האָט ער זיך געטראַכט אין האַרצן, קוקנדיק אויף קמיטשיצן — אַז דו וועסט נאָר זען, ווער עס וועט דאָרט אין די זאַלן הײַנט זײַן...

און ער האָט שוין אויפגעמאַכט דאָס מויל צו זאָגן קמיט- שיצן, אַז דער ראָסיענער שווערט-טרעגער איז מיט אָלענקאַן גע- קומען קיין קיידאַני, אָבער ס'איז אים עפּעס געוואָרן קאַלאָמוטנע אויפן האַרץ און ער האָט גענומען רעדן וועגן עפּעס אַנ- דערש.

— און אײַער פּולק ווו איז? — האָט ער געפרעגט.

— דאָ. פּיקס-און-פּאַרטיק! האַראַסימאָוויטש איז באַ מיר געווען און מיר געבראַכט אַ באַפעל פון פירשט, אַז אין האַלבער נאַכט זאָלן די מענטשן זײַן אויף די פערד. כ'האָב אים געפרעגט צי אַלע לאָזן מיר זיך אין וועג אַרײַן, האָט ער געענטפערט: ניין!... כ'פאַרשטיי נישט, וואָס דאָס באַדײַט. פון אַנדערע אָפיצירן האָבן

אַ טייל באַקומען דעם דאָזיקן באַפעל און אַ טייל נישט, אָבער די אויסלענדישע פוס-גייער האָבן אַלע באַקומען.

— אפשר וועט אַ טייל אָפּגיין באַנאַכט, און אַ טייל מאָרגן — האָט יאַן סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

— ווי עס זאָל נישט זיין, וועל איך דאָ מיט אייך טרינקען, און דער פּולק זאָל זיך גיין... דערנאָך וועל איך אים אין אַ שעה אָניאָגן.

אין דער רגע איז האַראַסימאָוויטש אַריינגעפאַלן.

— היכווילגעבוירענער אָרשער כאָראָנזשי! — האָט ער אויסגערופן, פאַרנייגנדיק זיך בײַ דער טיר.

— וואָס איז? עס ברענט? כ'בין דאָ! — האָט קמיטשיק געזאָגט.

— צום הער פירשט! צום הער פירשט!

— באַלד, כ'וועל זיך נאָר אָנטון. יינגל! דעם אויבער-ראָק און די גאַרטל, ווייל כ'וועל דיך צעשניידן.

דאָס יינגל האָט כהרף-עין דערלאַנגט די רעשט בגדים און מיט אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט הער קמיטשיק, אַן אויסגעפּוצטער ווי אויף אַ חתונה, זיך געלאָזט גיין צום פירשט. זיין הויך געשטאַלט האָט געבלענדט פון שיינקייט. אַן אינטער-ראָק האָט ער געטראָגן פון זילבערנער לאַמע, אויסגעהאַפטן מיט שטערנדלעך, פון וועלכער ס'איז געפאַלן אַ שיין אויף זיין גאַנצן געשטאַלט, און פאַרשפּילט באַם האַלדז מיט אַ גרויסן סאַפיר. אויף דעם האָט ער געהאַט אַן אויבער-ראָק פון בלויען סאַמעט, אַ ווייסע אומגעהייער טייערע גאַרטל, אַזאַ סיבטעלע, אַז דורך אַ רינג האָט מען זי געקענט דורכציען. אַ זילבער-פּאַרביקע שווערט, באַזעצט מיט סאַפירן, איז אַראָפּגעהאָנגען אויף זיידענע שנורן; הינטער די גאַרטל האָט ער אויך אַריינגעשטעקט אַ קאָמאַנדע-שטאַב, וועלכעס האָט געוואָלט באַצייכענען די חשיבות פון דער פּערזאָן. וואונדער-שיין האָט דער יונגער ריטער אויסגעזען אין דערדאָזיקער טראַכט און אַ שענערן מאַן וואָלט שווער געווען צו געפינען צווישן דער גאַנצער אָן-אַ שיעוריקער מאַסע, וואָס איז געווען פאַרזאַמלט אין קיידאַני.

הער מיכאַל האָט אַ זיפץ געטון קוקנדיק אויף אים און ווען קמיטשיץ איז נעלם געוואָרן הינטער דער טיר פון וואָפן־מאַגאַזין, האָט ער געזאָגט צום הער זאַגלאָבאַ:

— מיט אַזאַ איינעם איז בײַ אַ מיידל קיין שום עצה נישטאָ!

— נעם מיר נאָר אַראָפּ דרײַסיק יאָר! — האָט זאַגלאָבאַ געזאָגט.

דער פירשט איז שוין אויך געווען אָנגעטון, ווען קמיטשיץ איז אַרײַנגעקומען, און דער גאַרדעראָביער אין באַגלייטונג פון צוויי נעגערס איז גראָד געהאַט אַרויסגעגאַנגען פון שטוב. זיי זענען געבליבן אַליין.

— זאָל דיר גאָט געבן געזונט דערפאַר, וואָס דו ביסט געקומען! — האָט דער פירשט געזאָגט.

— איך בין גרייט צו דינען דעם גנעדיקן פירשט.

— און דער פולק?

— איז גרייט, לויטן באַפעל.

— זענען דאָס זיכערע מענטשן?

— אין פײַער, אין גיהנום וועלן זיי גיין!

— איז גוט! אַזעלכע מענטשן זענען מיר נייטיק... און אַזעלכע, ווי דו, וואָס זענען גרייט אויף אַלץ... איך זאָג דאָס כּסדר, אַז איך פאַרלאָז מיך נישט אויף קיינעם, אַחוץ אויף דיר.

— גנעדיקער הער פירשט, מײַנע פאַרדינסטן קענען זיך נישט פאַרגלײַכן מיט די פאַרדינסטן פון אַלטע זעלנער, אָבער אויב מיר וועלן אָקעגן די שונאים פון פאָטערלאַנד אַרויסמאַרשירן, איז גאָט מײַן עדות, אַז איך וועל נישט בלײַבן הינטערשטעליק.

— איך פאַרמינער נישט די פאַרדינסטן פון די אַלטע — האָט דער פירשט געזאָגט — הגם... עס קענען קומען אַזעלכע סכּנות, אַז אַפילו די זיכערסטע וועלן זיך אַ וואַקל טון.

— זאָל האָבן אַ מיאוסן סוף דער, וואָס וועט אין אַ סכנה דעם גנעדיקן הער פירשט פאַרלאָזן!

דער פירשט האָט שאַרף אַ קוק געטון קמיטשיצן אין פּנים אַריין.

— און דו... וועסט נישט פאַרלאָזן?...

דער יונגער ריטער האָט זיך אָנגעצונדן.

— גנעדיקער הער פירשט!...

— וואָס ווילסטו זאָגן!

— איך האָב זיך מתוודה געווען פאַרן גנעדיקן הער פירשט אין אַלע מיינע זינד און איך האָב זיי אַזוי פיל, אַז נאָר דעם פאָטערלעכן האַרץ פון גנעדיקן הער פירשט האָב איך צו פאַרדאַנקען די פאַרגעבונג... אָבער צווישן דידאָזיקע אַלע זינד איז איינע נישטאָ: אומדאַנקבאַרקייט.

— אויך פאַלשקייט... האָסט זיך מתוודה געווען פאַר מיר ווי פאַר אַ פאָטער, און איך האָב דיר נישט בלויז ווי אַ פאָטער פאַרגעבן, נאָר איך האָב דיך ליב באַקומען, ווי אַ זון... וועלכן גאָט האָט מיר נישט געגעבן און דערפאַר איז מיר נישט איינמאָל אַזוי שווער אויף דער וועלט, זייַזשע מיר אַ פרייַנט!

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער פירשט אויסגעשטרעקט די האַנט און דער יונגער ריטער האָט זי אָנגעכאַפּט און אָן וואַקלעניש צו די ליפּן צוגעדריקט.

ביידע האָבן אַ לאַנגע ווײַלע שטילגעשוויגן; מיט אַ מאָל האָט דער פירשט אײַנגעגראָבן די אויגן אין קמיטשיצס אויגן און געזאָגט:

— פרײַלין בילעוויטש איז דאָ!

קמיטשיץ איז בלאַס געוואָרן און גענומען שטאַמלען עפּעס אומקלאָרע ווערטער.

— איך האָב בכּיוון נאָך איר געשיקט, כּדי אַ סוף צו מאַכן צו דעם ברוגז צווישן אײַך. דו וועסט זי באַלד זען, ווײַל איר טרויער נאָכן זיידען האָט זיך שוין אויסגעלאָזט. הײַנט האָב איך אויך, הגם דער קאָפּ האָט מיר געפּלאַצט פון אַרבעט, גערעדט מיטן ראָסיענער שווערט-טרעגער.

קמיטשיק האָט זיך פאַרן קאָפּ אָנגעכאַפּט.

— מיט וואָס וועל איך דעם גנעדיקן הער פירשט אָפּדינען? מיט וואָס וועל איך אָפּדינען? . . .

— איך האָב דעם הער שווערט־טרעגער בפירוש געזאָגט, אַז מיין רצון איז, דאָס איר זאָלט וואָס גיכער חתונה האָבן, און ער וועט דיר נישט שטערן. איך האָב אויף אים אויך גוזר געווען, אַז ער זאָל דאָס מיידל ביסלעכווייז דערצו צוגרייטן. מיר האָבן צייט. אַלץ איז אָפּהענגיק פון דיר, און איך וועל גליקלעך זיין, אויב דו וועסט קומען צו אַ באַלוינונג דורך מיר און זאָל גאָט געבן, אַז דו זאָלסט נאָך אַנדערע באַקומען, ווייל דו דאַרפסט שטייגן הויך. דו האָסט געזינדיקט, ווייל דו ביסט יונג, אָבער דו האָסט דיר שוין פאַרשאַפט אַ גרויסן רום אויפן שלאַכט־פעלד. . . און אַלע יונגע זעגען אומעטום גרייט דיר נאָכצוגיין. בײַ גאָט, דו דאַרפסט שטייגן הויך! נישט פאַר אַזאַ שטאַם, ווי דיינער, זעגען פּאָוויאַטאָווע אַמטן. . . ווייסט דו, אַז דו ביסט אַ קרוב פון די קישעקס און אַז איך שטאַם אָפּ פון אַ געבוירענער קישעק. . . דיר פעלט נאָר געזעצטקייט, אויף וואָס חתונה האָבן איז די בעסטע סגולה. געם־זשע יענץ מיידל, אויב זי איז דיר אין האַרצן איינגעבאַקן, און געדענק, ווער עס גיט זי דיר.

— גנעדיקער הער פירשט, איך וועל אוודאי פון זיבעץ אַראָפּ! . . . מיין לעבן, מיין בלוט געהערן צום גנעדיקן הער פירשט! . . . וואָס זאָל איך טון, כדי אָפּצודאַנקען פאַר די חסדים? וואָס? זאָגט, גנעדיקער הער פירשט! באַפעלט!

— מיט גוטס פאַר גוטס זאָלסטו מיר אָפּצאָלן. . . האָב אמונה אין מיר, האָב בטחון, אַז אַלץ, וואָס איך טו, טו איך פאַר דער טובה פון כלל. ווער נישט אָפּטריניק פון מיר, ווען דו וועסט זען אַ בגידה אין אָפּטריניקייט פון אַנדערע, ווען די רשעות וועט די איבערהאַנט באַקומען, ווען מיך אַליין. . .

דאָ האָט דער פירשט מיטאַמאָל איבערגעהאַקט.

— איך שווער — האָט קמיטשיק מיט התלהבות געזאָגט — און איך גיב דאָס ריטערלעכע וואָרט ביז צום לעצטן אָטעם צו

שטיין בײַ דער פּערזאָן פֿון גנעדיקן הער פֿירשט, פֿון מײַן פֿירער, פֿאָטער און בעל־טובֿה!

בײַ דידאָזיקע ווערטער האָט קמיטשיץ מיט פֿלאַמיקע אויגן אַ קוק געטאָן אויפֿן פֿירשט און זיך אַזש דערשראָקן, דערזעענדיק די פֿאַרענדערונג, וואָס איז מיטאַמאָל פֿאָרגעקומען אויף זײַן פּנים. דאָס אָזיקע פּנים איז געוועזן רויט, די אָדערן אויף אים אָנגעלאָפֿן, שווייס־טראָפּנס האָבן געדיכט באַדעקט דעם הויכן שטערן, און די אויגן האָבן אומגעווייטלעך געגלאַנצט.

— וואָס איז דעם גנעדיקן הער פֿירשט? — האָט דער ריטער אומרויִק געפֿרעגט.

— גאָרניש! גאָרניש!...

ראַדזיוויל האָט זיך אויפֿגעשטעלט און מיט אײַליקע טריט צוגעגאַנגען צום קני־שטול און אַראָפּרײַסנדיק פֿון אים דעם קרוציפֿיקס, האָט ער גענומען רעדן מיט אַן אויפֿגערעגטער, געשטיקטער שטים:

— שווער אויף דעמדאָזיקן צלם, אַז דו וועסט מיך נישט פֿאַרלאָזן ביז צום טויט!...

נישט קוקנדיק אויף זײַן גאַנצער גרייטקייט און התלהבֿות, האָט קמיטשיץ אויף אים אַ ווײַלע אַ קוק געטאָן מיט פֿאַרווונדערונג.

— אויף דידאָזיקע פֿײַן קריסטוסעס.. שווער! — האָט דער העטמאַן פֿאַרלאַנגט.

אויף דידאָזיקע פֿײַן קריסטוסעס... שווער איך! — האָט קמיטשיץ געזאָגט, אַרײַפֿלייגנדיק די פֿינגער אויפֿן קרוציפֿיקס.

— אָמן! — האָט דער פֿירשט מיט אַ פֿײַערלעכער שטים צוגעגעבן.

דאָס ווידערקול פֿון דער הויכער שטוב האָט ערגעץ אונטער דעם סופֿיט איבערגעחזרט: „אָמן" און ס'איז אויף אַ לאַנגע ווײַלע שטיל געוואָרן. מ'האָט נאָר געהערט דאָס אָטעמען פֿון ראַדזיווילס מעכטיקער ברוסט. קמיטשיץ האָט פֿון העטמאַן נישט אָפּגעריסן זײַנע פֿאַרחידושטע אויגן.

— איצט ביסטו שוין מיין... — האָט דער פירשט צום סוף געזאָגט.

— כ'האָב שטענדיק צום גנעדיקן הער געהערט — האָט דער יונגער ריטער איילִיק געענטפערט — אָבער באַוויליקט מיר, גנעדיקער הער פירשט, צו זאָגן, באַוויליקט מיר צו דערקלערן, וואָס עס קומט פאָר? פאַרוואָס איז דער גנעדיקער הער פירשט מסופק געווען אין דעם? דראָט דען אַ סכנה אַ הויכגעשטעלטע פערזאָן? איז דען עפּעס אַ מרידה, עפּעס אַן אינטריגע אויפגעדעקט געוואָרן?

עס רוקט אָן אַ צייט פון נסיונות — האָט דער פירשט טריב געזאָגט — און וואָס שייך די שונאים, ווייסטו דען נישט, אַז הער גאָשיעוווסקי, הער יודיצקי און דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע וואָלטן געגרן מיך אין אַ תהום אַראָפּגעשטויסן? יאָ! עס הייבט אויף דעם קאָפּ דער שונא פון מיין הויז, עס פאַרשפּרייט זיך די מרידה און עס דראָען ערנסטע מפּלות. דערפאַר זאָג איך, עס רוקט אָן אַ צייט פון נסיונות...

קמיטשיץ האָט געשוויגן, אָבער פון פירשטס לעצטע ווערטער איז נישט צעפלאָסן געוואָרן דער נעפּל, וואָס האָט אַרומגענומען זיין מוח, און ער האָט אומזיסט זיך אַליין געפרעגט, אין וואָס פאַר אַ סכנה קען דער מעכטיקער ראַדזיוויל זיין אין דעם מאָמענט? ער איז דאָך געשטאַנען בראש פון גרעסערע כוחות, ווי ווען עס איז. בלויז אין קיידאַני און אין דער אומגעגנט איז געשטאַנען אַזוי פיל חייל, אַז ווען דער פירשט וואָלט געהאַט אַזאַ מאַכט, איידער ער האָט אַרויסגעמאַרשירט קיין שקלאָוו, וואָלט דער גורל פון דער גאַנצער מלחמה בלי־ספק גאָר אַנדערש אויסגעפאַלן.

גאָשיעוווסקי און יודיצקי זענען אמת געווען זיינע קעגנער, אָבער ער האָט דאָך ביידע געהאַט אין דער האַנט און אונטער אַ שמירה, און וואָס שייך דעם וויטעבסקער וואָיעוואָדע, איז דאָס געווען אַ צו פיינער מענטש, אַ צו גוטער בירגער, אַז מען זאָל ערב אַ נייער עקספּעדיציע קעגן די שונאים קענען דערוואַרטן פון זיין זייט וועלכע עס איז שטערונגען און אינטריגעס.

— איין גאָט זעט, איך פאַרשטיי גאָרנישט ! — האָט קמיטשיק, וועלכער האָט בכלל נישט געקענט האַלטן אין זיך זיינע געדאַנקען, אויסגעשריגן.

— נאָך היינט וועסטו אַלץ פאַרשטיין — האָט ראַדזיוויל רויק געענטפערט — און איצט לאָמיר גיין אין זאַל.

און געמענדיק דעם יונגן פּולקאָווניק באַ דער האַנט, האָט ער זיך געלאָזט מיט אים גיין צו דער טיר.

זיי זענען דורכגעגאַנגען אַ פּאָר חדרים. פונדערווייטנס, פון ריזיקן זאַל האָבן זיך דערטראָגן קלאַנגען פון אַ קאַפּעלע, מיט וועלכער עס האָט דיריגירט אַ פראַנצויז, וועלכער איז ספּעציעל דורכן פירשט באָגוסלאַוו אַראָפּגעבראַכט געוואָרן. מ'האָט אויך געשפּילט אַ מענועט, וועלכן מ'האָט דאַמאָלס אין פראַנצויזישן הויף געטאַנצט. די מילדע טענער האָבן זיך אויסגעמישט מיטן געפילדער פון די פיל מענטשלעכע שטימען. פירשט ראַדזיוויל האָט זיך אָפּגעשטעלט און געהאָרכט.

— הלוואי — האָט ער אין אַ ווײַלע אַרום געזאָגט — זאָלן די אַלע געסט, וועלכע איך נעם אויף אין מיין הויז, מאָרגן נישט איבערגיין צו מיינע שונאים.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט זיך אָנגערופן — איך האָף, אַז צווישן זיי זענען קיין שוועדישע אָנהענגער נישטאָ. . .

ראַדזיוויל האָט אַ ציטער געטון און מיטאַמאָל זיך אָפּגעשטעלט.

— וואָס ווילסטו זאָגן ?

— גאָרנישט, גנעדיקער הער פירשט, בלויז דאָס, אַז דאָרט זענען ערלעכע זעלנער זיך משמח.

— קום. . . די צייט וועט ווייזן און גאָט וועט משפּטן, ווער עס איז ערלעך. . . קום.

האַרט באַ דער טיר זענען געשטאַנען צוועלף פּאַזשן, וווּנדערשיינע יינגלעך, אויסגעפּוצט אין פעדערן און סאַמעט. דערזעענדיק דעם העטמאַן, האָבן זיי זיך אויסגעשטעלט אין צוויי רייען, און דער פירשט איז צו זיי צוגעגאַנגען און געפרעגט :

— איז די גנעדיקע פירשטין שוין אַריין אין זאַל ?

— יאָ, גבעדיקער הער פּירשט! — האָבן די יינגלעך געענטפערט.

— און די העררן שליחים?

— זענען אויך דאָ.

— מאַך אויף!

ביידע העלפטן פון דער טיר האָבן זיך כהרף־עין אויפגעפּראַלט, אַ שטראָם פון ליכט האָט דורך זיי אַ פלייץ געטון און באַלויכטן דאָס רייזיקע געשטאַלט פון העטמאַן, הינטער וועלכן עס זענען געגאַנגען דער הער קמיטשיץ און די פּאַזשן. ער איז אַרויף אויף דער הויכקייט, אויף וועלכער עס זענען געווען אויסגעשטעלט שטולן פאַר די חשובסטע געסט.

באַלד איז אין זאַל געוואָרן אַ געררודער, אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ קער געטון צום פּירשט און דערנאָך האָט זיך איין אויסגעשריי אַרויסגעריסן פון הונדערטער ריטערלעכע ברוסטן:

— זאָל לעבן ראַדזיוויל! זאָל לעבן! זאָל ער מיט אונדז אָנפירן! זאָל ער לעבן!

דער פּירשט האָט זיך פאַרנייגט מיטן קאָפּ און דערנאָך האָט ער מיט דער האַנט געגומען באַגריסן די געסט, וואָס זענען געווען פאַרזאַמלט אויף דער עסטראַדע און וועלכע האָבן זיך אויפגעשטעלט אין דעם מאָמענט, ווען ער איז אַריינגעקומען. עס זענען דאָרט צווישן די חשובסטע געווען, אַ חוץ דער פּירשטין, די צוויי שוועדישע שליחים, דער מאָסקווער שליח, דער ווענדער וואָיעוואָדע, קסיאָנדז ביסקופּ פּאַרטשעווסקי, קסיאָנדז ביאַלאָזאָר, הער קאָמאַראָווסקי, הער מיעזשעיעווסקי, הער הלעבאָוויטש, דער זשאַמעטער סטאַראָסטע, דעם העטמאַנס שוואָגער, איין יונגער פּאַץ, פּולקאָווניק גאַנצהאָף, פּולקאָווניק מירסקי, ווייסענהאָף, דער שליח פון קורלענדישן פּירשט און אַ פּאָר דאַמען פון דער פּירשטינס סביבה.

דער העטמאַן האָט, ווי עס פּאַסט פאַר אַ גאַסטפריינטלעכן באַלעבאָס, צוערשט באַגריסט די שליחים, מיט וועלכע ער האָט אויסגעטוישט אַ פּאָר העפלעכע ווערטער, דערנאָך האָט ער באַגריסט די איבעריקע, און אַז ער האָט שוין געהאַט געענדיקט,

האָט ער זיך געזעצט אויף דער שטול מיט דער גראַנאַסטאַיע־נער חופּה און געקוקט אויפן זאַל, אין וועלכן ס׳האָבן נאָך געהילכט די אויסגעשרייען:

— זאָל לעבן!... זאָל ער מיט אונדז אָנפירן!... זאָל ער לעבן!...

קמיטשיץ, וועלכער איז געשטאַנען הינטער דער חופּה, האָט אויך געקוקט אויפן עולם, זיין בליק איז געשפּרונגען פון פּנים צו פּנים, זוכנדיק צווישן זיי די טייערע שטריכן פון דער, וואָס האָט אין דער רגע פאַרנומען דעם ריטערס גאַנצע נשמה און האַרץ. דאָס האַרץ האָט אים געקלאַפּט ווי מיט אַ האַמער...

— זי איז דאָ! אין אַ ווײַלע אַרום וועל איך זי זען, רעדן צו איר! — האָט ער זיך אין די געדאַנקען איבערגעחזרט... און ער האָט געזוכט, געזוכט וואָס אַ מאָל גירייקער, וואָס אַ מאָל אומרויִקער. אָט, דאָרט! איבער די פעדערן פון אַ פאָכער זעט מען עפּעס שוואַרצע ברעמען, אַ ווייסן שטערן און העלע האָר. דאָס איז זי!

קמיטשיץ האַלט איין דעם אָטעם, ווי ער וואָלט מורא געהאַט, אַז דאָס געזעענע זאָל נישט נעלם ווערן, דערווייל אָבער באַוועגן זיך די פעדערן, דאָס פּנים ווערט אָפּגעדעקט — ניין! דאָס איז נישט אָלענקאַ, דאָס איז נישט זי, די ליבע און ליבסטע. דער בליק פליט ווייטער, ער נעמט אַרום חנעוודיקע געשטאַלטן, גליטשט זיך איבער פעדערן, אַטלאַס, איבער ווי די רויזן צעבליטע פּנימער און נאַרט זיך יעדע ווײַלע אָפּ. נישט זי און נישט זי! ביז עס האָט צום סוף דאָרט טיף בײַ דער געבויגענער מויער פון פענסטער עפּעס ווייסעס אַ בלענד געטון און דעם ריטער איז פינסטער געוואָרן אין די אויגן — דאָס איז אָלענקאַ, דאָס איז זי, די ליבע און ליבסטע...

די קאַפּעלע נעמט אויפסניי שפּילן, דער עולם גייט פאַרביי, עס דרייען זיך דאַמען, עס פינקלען אויסגעפּוצטע ריטערס, און ער, ווי ער וואָלט געווען בלינד און טויב, ער זעט גאָרנישט, נאָר זי און קוקט אַזוי גיריק, ווי ער וואָלט זי צום ערשטן מאָל געזען. דאַכט זיך, די אייגענע אָלענקאַ פון וואָדאָקטי, און

דאָך אַן אַנדערע. אין דאָזיקן רייזיקן זאַל און אין דערדאָזיקער מאַסע זעט זי אויס עפּעס קלענער און אַ פּנימל האָט זי אַ קלענערס, כּמעט אַ קינדישס. אַז וואָלט ער זי געגומען איננאַנצן אויף די הענט און צוגעטוליעט! און זי איז דאָך פאָרט די אייגענע, הגם אַן אַנדערע: די אייגענע שטריכן, דאָס אייגענע זיסע מויל, די אייגענע ווימפּערן, דאָס וואָרפן אַ שאָטן אויף די באַקן, און דער אייגענער העלער, רויקער, טייערער שטערן... דאָ געמען די זכרונות ווי בליצן דורכלויפן דורך הער אַזדזשעס מוח: יענע שטוב פאַר דער דינערשאַפט אין וואָדאָקטי, ווו ער האָט זי צום ערשטן מאָל דערזען, און יענע שטילע שטיבעלעך, אין וועלכע זיי פלעגן צוזאַמען זיצן. ווי זיס איז בלויז דאָס דערמאָנען זיך! און יענע נסיעה מיטן שליטן קיין מיטרוני, בשעת וועלכער ער האָט זי געקושט!... דערנאָך האָבן שוין די מענטשן גענומען זיי צעשיידן און העצן זי קעגן אים.

— אַז אַ דונער זאָל עס טרעפן! — האָט הער קמיטשיץ אין זיך אויסגעשריגן — וואָס איך האָב געהאַט און וואָס איך האָב אָנגעווירן! ווי נאָנט זי איז געווען, און ווי ווייט זי איז איצט!

— אָט זיצט זי פונדערווייטנס, ווי אַ פרעמדע, און ווייסט אפילו ניט, אַז ער איז דאָ. — און אַ כּעס, אָבער צוגלייך אויך אַן אומגעהייערער פאַרדראָס, האָט אָנגעכאַפּט דעם הער אַנדזשעי, אַ פאַרדראָס, פאַר וועלכן ער האָט קיין ווערטער ניט געפונען, נאָר אַן אויסגעשריי אין דער נשמה, וועלכער איז דורכן מויל ניט דורכגעגאַנגען:

— עי, דו! אָלענקאַ, עי, דו!...

ניט איינמאָל איז אַנדזשעי געוואָרן אַזוי ווילד-אויפגעבראַכט אויף זיך פאַר זיינע אַמאָליקע מעשים, אַז עס האָט אים אָנגעכאַפּט אַ חשק צו רייסן זיינע אייגענע מענטשן אים אויסצוציען און אָפּצוילן הונדערט מלכות, אָבער ער איז קיינמאָל ניט אַריינגעפאַלן אין אַזאַ כּעס, ווי איצט, ווען ער האָט זי ווידע־ דערזען נאָך אַ לאַנגן ניט-זען, נאָך וואונדער-שענער, ווי תמיד, וואונדער-שענער אפילו, ווי ער האָט זיך אויסגעמאָלט. אין דעם

מאָמענט וואָלט ער וועלן זיך אַליין מאַטערן, אַזוי אָבער ווי ער איז געווען צווישן מענטשן, אין אַ הויכער געזעלשאַפט, האָט ער גאָר די ציין צונויפגעפרעסט און ווי ער וואָלט זיך בכיוון וועלן נאָך מער יסורים אָנטון, האָט ער איבערגעחזרט אין דער מחשבה:

— גוט אויף דיר אַזוי, שוטה! גוט אַזוי!

דערווייל זענען די קלאַנגען פון דער קאַפּעלע ווידער אַנט-שוויגן געוואָרן און אָנשטאָט זיי האָט הער אַנדזשעי דערהערט דעם העטמאַנס שטים:

— קום מיט מיר!

קמיטשיץ האָט זיך אויפגעכאַפּט ווי פון שלאָף.

דער פירשט איז אַראָפּ פון דער הייכקייט און זיך אויסגע-מישט צווישן די געסט. אויפן פנים האָט ער געהאַט אַ מילדן און גוטמוטיקן שמייכל, וועלכער האָט, דאַכט זיך, נאָך מער געהויבן די מאַיעסטעט פון זיין פיגור. דאָס איז געווען דערזעלבער הערלע-כער מושל, וועלכער האָט אין זיין צייט געהאַט אויפגענומען די קעניגין מאַריע לודוויגאַ אין ניעפּאָרעט און דאָן פאַרהדושט, פאַרבליפט און פאַרטונקלט די פראַנצויזישע הויף-לייט נישט בלויז מיט דער פּראַכט, נאָר אויך מיט זיינע גלענצענדיקע הויף-מאַ-ניערן; דער זעלבער, וועגן וועלכן יאַן לאַבורער האָט מיט אַזאַ פאַרערונג געשריבן אין באַריכט פון זיין נסיעה. איצט האָט ער זיך יעדע ווײַלע אָפּגעשטעלט בײַ די אָנגעזעענערע מאַטראָנעס, בײַ דער חשובֿערער שליאַכטע און פּאָלקאָווניקעס, האָבנדיק פאַר יעדן פון די געסט עפּעס אַ גנעדיק וואָרט, פאַרוואונדערנדיק די בייגעוועזענע מיט זיין זכרון און געווינענדיק באַלד אַלעמענס הער-צער. די אויגן פון די בייגעוועזענע האָבן אים באַגלייט אומעטום, וווּ ער האָט זיך נאָר אַ קער געטון, און ער איז מיט געלאַסענע שריט צוגעגאַנגען צום ראַסיענער שווערט-טרעגער, צו בילעוויטשן און געזאָגט:

— איך דאַנק דיר, אַלטער פריינט, וואָס דו ביסט געקומען, הגם איך וואָלט געהאַט אַ רעכט אויך בייז צו זיין. בילעוויטשע

ליגט נישט הינדערט מייל פון קיידאַני, און דו ביסט אַ זעלטענער גאַסט אין מיין הויז.

— גנעדיקער הער פירשט — האָט דער שווערט־טרעגער געענטפערט, טיף־פאַרנייגנדיק זיך — אַן עוולה טוט דעם פאַטער־לאַנד דער, וואָס נעמט צו צייט באַם גנעדיקן הער פירשט.

— און איך האָב בדעה געהאַט זיך נוקם צו זיין און צו פאַרפאַלן דיך אין בילעוויטשע, און איך מיין, אַז דו וואָלסט פיין אויפגענומען אַן אַלטן לאַגער־חבר?

דער שווערט־טרעגער איז, הערנדיק דאָס, אַזש רויט געוואָרן פון גליק און דער פירשט האָט ווייטער געזאָגט:

— נאָר קיין צייט, קיין צייט קלעקט קיינמאָל נישט!... אָבער אַז דו וועסט די קרובה, דעם פאַרשטאָרבענעם הער העראַקליוש אייניקל חתונה מאַכן, וועל איך שוין צו דער חתונה גיכער קומען, ווייל איך בין דאָס אייך ביידע שולדיק.

— הלוואי זאָל עס דעם מיידל וואָס גיכער באַשערט זיין! — האָט דער שווערט־טרעגער אויסגערופן.

— דערווייל שטעל איך דיר פאָר דעם הער קמיטשיץ, דעם אָרשער כאָרונזשי, פון יענע קמיטשיצס, וואָס זענען קרובים מיט די קישעקס, און דורך די קישעקס אויך מיט די ראַדזיווילס. דיר האָסט דעמדאַזיקן נאָמען געמיזט הערן פון העראַקליושן, ווייל ער האָט די קמיטשיצס ווי אייגענע ברידער ליב געהאַט...

— איך פאַרנייג זיך, כ׳פאַרנייג זיך! — האָט איבערגע־חזרט דער שווערט־טרעגער, וועלכן עס האָט אימפּאָנירט אַ ביסל דעם יונגן ריטערס גרויסער יחוס, וואָס איז אויסגערעכנט געוואָרן דורך ראַדזיווילן גופא.

— איך באַגריס דעם גנעדיקן הער שווערט־טרעגער און בין אים גרייט צו דינען — האָט הער אַנדזשעי דרייסט און אָן שום גאווה געזאָגט — דער הער פּולקאָווניק העראַקליוש איז צו מ׳ר געווען אַ פאָטער און אַ בעל־טובה, און הגם דאָך מזל האָט זיך פון אים שפּעטער געהאַט אָפּגעקערט, האָב איך פונדעסטוועגן נישט אויפגעהערט ליב צו האָבן אַלע בילעוויטשס, גלייך ווי מיין אייגן בלוט וואָלט אין זיי געפלאָסן.

— באַזונדערס — האָט דער פירשט געזאָגט, אַרויפלייגנדיק פאַרכרוילעך די האַנט אויפן יונגנמאַנס אַקסל — האָט ער נישט אויפגעהערט צו ליבן איין פריילין בילעוויטש, און וואָס ער האָט זיך פאַר מיר שוין לאַנג מתוודה געווען.

— און איך וועל דאָס פאַר יעדן איבערחזרן! — האָט קמיטשיץ האַסטיק זיך אָנגערופן.

— געלאַסן, געלאַסן! — האָט דער פירשט געענטפערט — דאָס איז, ווי דו זעסט, אַ היציקער און פייערדיקער ריטער און פאַרפאַר טאַקע האָט ער אַ ביסל אָנגעזינדיקט; אָבער אַזוי ווי ער איז יונג און געפינט זיך אונטער מיין באַזונדערן שוץ, האָף איך, אַז אויב מיר וועלן אין צווייען בעטן, וועלן מיר באַם טריבונאַל אויספועלן, אַז מען זאָל דעם פסק-דין איבער אים מבטל מאַכן.

— דער גנעדיקער הער פירשט וועט טון, וואָס אים וועט ווילגעפעלן! — האָט דער שווערט-טרעגער געענטפערט — דאָס אומגליקלעכע מיידל מוז אויסשרייען, ווי יענע געצנדינערישע פריסטערין צו אַלעקסאַנדערן: „ווער וועט זיך דיר אַקעגנשטעלן!“

— און מיר וועלן, ווי יענער מאַקעדאָניער, זיך באַגנוגענען מיט דערדאָזיקער וואָרזאָגעריי — האָט דער פירשט לאַכנדיק געזאָגט — אָבער געבויג וועגן דעם! פיר אונדז איצט צו דיין קרובה, ווייל אויך איך וויל זי גערן זען. זאָל צוריקגעשטעלט ווערן הער האַקליוושס מזל, וועלכער האָט זיך אָפּגעקערט.

— איך בין גרייט צו דינען דעם גנעדיקן הער פירשט!...

אָט דאָרט זיצט דאָס מיידל אונטער דער השגחה פון פרוי וואָיבילאָוויטש, אונדזער קרובה. נאָר כ׳בעט נישט פאַריבל האָבן, אויב זי וועט צעטומלט ווערן, ווייל כ׳האָב נאָך נישט געהאַט קיין צייט איר אָנצוזאָגן.

דער שווערט-טרעגער איז גערעכט געווען. צום גליק, האָט אָלענקאַ נישט ערשט אין דער רגע דערזען דעם הער אַנדזשעי באַם העטמאַנס זייט, זי האָט דעריבער געקענט אַ ביסל קומען צו זיך, אָבער אין ערשטן מאָמענט האָט זי שיִער נישט פאַרלוירן דאָס

באַוווּסטזיין. זי איז בלאַס געוואָרן ווי לייווענט, די פיס האָבן אונטער איר זיך געטרייסלט און זי האָט אויפן יונגן ריטער געקוקט אַזוי, ווי זי וואָלט געקוקט אויף אַ שד, וואָס האָט זיך באַוויזן פון יענער וועלט. און לאַנג האָט זי די אויגן נישט געוואָלט גלייבן. האָט זי דאָך זיך פאָרגעשטעלט, אַז דערדאָזיקער אומגליקלעכער מענטש, אָדער ער שלעפּט זיך ערגעץ אַרום איבער די וועלדער, אָן אַ דאַך איבערן קאָפּ, פאַרלאָזט פון אַלעמען, געטריבן ווי אַ ווילדע חיה דורך דער גערעכטיקייט; אָדער ער זיצט פאַרשפּאַרט אין דער תפיסה און קוקט פון איר אַרויס מיט אַ פאַרצווייפלטן בליק אויף גאָטס פרייִלעכער וועלט. איין גאָט האָט געוווּסט, וואָס פאַר אַ שרעקלעכן געפיל פון צער עס האָט גענאָגט איר האַרץ אויף דעמדאָזיקן פאַרפאַלענעם מענטש; איין גאָט האָט געקענט אָנציילן די טרערן, וואָס זי האָט אין איינזאַמקייט פאַרגאָסן איבער זיין אַזוי אַכזריותדיקן, הגם אַזוי פאַרדינטן גורל — און דערווייל האָט ער זיך גאָר געפונען אין קיידאַני אַ פרייער, באַם העטמאַנס זייט, אַ שטאָלצער אין אויסגעפּוצטער אין לאַמע און גין סאַמעט, מיט אַ פּולקאָווניק-שטאַב הינטער דער גאַרטל, מיט אַ פאַריסענעם שטערן, מיט אַ שטרענגן, גדלותדיקן, העלדן-מוטיקן פּנים און דער גרויס-העטמאַן אַליין, ראַדזיווויל גופא, האָט אים פאַרטרויִלעך די האַנט אויפן אַקסל אַרויפגעלייגט. אַ פלאָנטער פון וווּנדערלעכע געפילן, פול מיט סתירות, האָט באַגוועלטיקט דאָס האַרץ פון מיידל; זי האָט געשפּירט אין עפּעס אַ גרויסע פאַרלייכטערונג, גלייך ווי ס'וואָלט איר עמעצער אַ משא פון די פּלייצעס אַראָפּגענומען; אין עפּעס אַ צער, וואָס אַזוי פיל רחמנות און עגמת-נפש זענען געגאַנגען לאיבוד; זי האָט זיך געפילט אין אָפּגענאַרט. ווי יעדע ערלעכע נשמה, ווען זי זעט, אַז שווערע חטאים און עבירות בלייבן אומבאַשטראָפט; עס האָט זי אויך באַהערשט אַ געפיל אין פון פרייד און אין פון אייגענער מאַכטלאָזיקייט און אין אַ באַוווּנדערונג, וואָס האָט געגרענעצט מיט אימה פאַר דעמדאָזיקן העלד, וועלכער האָט באַוויזן פון אַזאַ תהום אַרויפצושווימען.

בינו-לבינו האָבן דער פירשט, דער שווערט-טרעגער און

קמיטשיך געענדיקט דעם שמועס און גענומען זיך דערנענטערן. דאָס מיידל האָט צוגעדעקט די אויגן מיט די לידערס און אויפֿגעהויבן די עלנבויגנס אַזוי, ווי אַ פֿויגל די פֿליגל, ווען ער וויל דעם קאָפּ צווישן זיי באַהאַלטן. זי איז געווען פֿולשטענדיק זיכער, אַז זיי גייען צו איר צו. בישט קוקנדיק, האָט זי זיי געזען, געשפּירט, אַז זיי זענען בענטער און נענטער, אַז זיי קומען שוין צו, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשטעלט, זי איז אַזוי זיכער געווען אין דעם, אַז בישט אויפֿהייבנדיק די אויגן־לידערס, האָט זי זיך מיטאַמאָל אויפֿגעשטעלט און זיך טיף פֿאַרנייגט פֿאַרן פּירשט.

און ער איז שוין באמת געשטאַנען פֿאַר איר און געזאָגט:

— גאָט מייגער!... איצט חידוש איך זיך שוין בישט איבער דעם יונגן מאַן, ווייל דאָסדאָזיקע קינד האָט זיך וווּנדערלעך צעבליט... איך באַגריס דיך, פֿריילין מיינס, איך באַגריס פֿון טיפֿן האַרצן מיין בילעוויטשס געליבטע אייניקל. דערקענסטו מיך?

— כ'דערקען, גנעדיקער הער פּירשט! — האָט דאָס מיידל געענטפֿערט.

— און איך וואָלט דיך בישט דערקענט, ווייל איך האָב דיך נאָך אַ גאַר יינגיטשקע און אומאַנטוויקלטע צום לעצטן מאָל געזען, בישט אין דער הלבשה, אין וועלכער דו גייסט איצט... הייב נאָר אויף די פֿוירהענגלעך פֿון די אויגן... באַ גאָט! וויל אין דעם טויכער, וואָס וועט אַזאַ פּערל אַרויספּאַנגען; ווי איז צו דעם, וואָס האָט זי געהאַט און אָנגעווירן... אָט שטייט פֿאַר דיר אַזאַ פֿאַרצווייפֿלטער מענטש אין דער פּערזאָן פֿון דאָזיקן ריטער... דערקענסטו אויך אים?

— כ'דערקען — האָט אָלענקאַ אַ שעפּטשע געטון, בישט אויפֿהייבנדיק די אויגן.

— אַ סך געזינדיקט האָט דערדאָזיקער ריטער און ער איז געקומען זיך פֿאַר דיר מתוודה זיין... גיב אים אַן אָפּקומעניש פֿאַר זייגע זינד, וועלכן דו ווילסט נאָר, אָבער שטויס אים

ניש אָפּ, כּדי דער יאוש זאָל אים צו נאָך גרעסערע חזאים נישט דערפירן.

דאָ האָט דער פירשט זיך געווענדט צום שווערט־טרעגער און צו פּרוי וואַיבילאָוויטש.

— לאָמיר די יונגעלייט לאָזן אַליין, גנעדיקע הערן, ווייל עס פּאַסט נישט בייצוזיין בּאַ אַ ווידוי, בּפרט אַז מיין אמונה אסרט דאָס מיר.

מיט אַ ווייל׳ע שפּעטער זענען אַנדרושעי און אַלענקאַ גע־בּליבּן אַליין.

דאָס האַרץ האָט איר געקלאַפּט אין דער בּרוסט, ווי אין אַ טייַב, אִיבּער ווע׳לכער עס הענגט אַ יאַסטרעבּ, און אויך ער איז געווען גערירט. עס האָט אים פאַרלאָזט די געוויינטלעכע דרייסט־קייט, האַסטיקייט און זיכערקייט אין זיך אַליין. אַ לאַנגע צייט האָבּן זיי בּיידע שטילגעשוויגן.

צום סוף האָט ער דער ערשטער זיך אָנגערופן מיט אַ ני־דעריקער, געשטיקטער שטים :

— דו האָסט זיך נישט געריכט מיך צו זען, אַלענקאַ ?

— ניין — האָט דאָס מיידל געשעפּטשעט.

— גאָט מייגער ! ווען אַ טאַטער וואָלט דאָ געשטאַנען לעבּן דיר, וואָלסטו זיך ווייניקער געשראָקן. האָבּ־זשע נישט קיין מורא ! קוק, וויפיל מענטשן דאָ זענען פאַרהאַן. קיין שום עוולה וועל איך דיר נישט טון. און וועל אפילו מיר וואָלטן געווען אַליין, וואָלסטו אויך נישט געהאַט וואָס מורא צו האָבּן, ווייל איך האָבּ זיך אַ שבועה געגעבּן דיך צו שוינען. האָבּ־זשע צוטרוי צו מיר !

אויף אַ וויילע האָט זי אויפגעהויבּן די אויגן און אויף אים אַ קוק געטון.

— פונוואַנען זאָל איך האָבּן צוטרוי ?

— אמת, כ׳האָבּ געזינדיקט, אָבּער דאָס איז שוין אַריבּער און וועט זיך מער נישט איבּערחזרן. . . ווען כ׳בּין נאָך יענעם דועל מיט וואָלאָדיאָווסקין געלעגן אויפן בּעט סמוך־למיתה, האָבּ איך זיך דאַמאָלס געזאָגט : דו וועסט זי נישט געמען מיט כּוח,

מיט דער שווערד, מיט פייער, נאָר מיט איידעלע מעשים ווערסטו זי פאַרדינען און אַ פאַרגעבונג אויספועלן!... האָט זי דאָך אויך אַ האַרץ נישט פון שטיין און די פאַרביסנקייט וועט זי אָפּלאָזן; אַז זי וועט זען, איך טו תשובה, וועט זי פאַרגעבן!... איך האָב דעריבער געשוווירן תשובה צו טון און וועל עס מקיים זיין... גאָט האָט מיך אויך באַלד געבענטשט, ווייל וואָלאָדזיאָווסקי איז געקומען און מיר געבראַכט אַ בריוו מיט באַפעלן. ער האָט אים געקענט נישט געבן, און דאָך געגעבן; אַן איידעלער מענטש! דעריבער האָב איך שוין אין די געריכטן נישט געדאַרפט גיין, ווייל איך בין אַריבער אונטער דעם העטמאַנס אינקוויזיציע. כ'האָב זיך מתוודה געווען פאַרן פירשט אין אַלע זינד, ווי פאַר אַ פאָטער; און ער האָט נישט בלויז מוחל געווען, נאָר נאָך צוגעזאָגט אַליין צו פאַרגלעטן און מיך צו שיצן פאַר מענטשלעכער שנאה. זאָל אים גאָט בענטשן... איך וועל נישט זיין קיין פאַרטריבענער, אָלענקאַ, כ'וועל מיט מענטשן שלום מאַכן, דעם גוטן נאָמען צוריקגעווינען, דעם פאָטערלאַנד פאַרדינסטן אָפּגעבן, די עוולות פאַרגעלטן... אָלענקאַ! און דו וואָס זאָגסט דערצו? ווערסטו מיר נישט זאָגן קיין גוט וואָ־ט?

און ער האָט גענומען זיך איינקוקן אין איר און די הענט צונויפלייגן, גלייך ווי ער וואָלט צו איר מתפלל געווען.

— קען איך דען גלייבן? — האָט דאָס מיידל זיך אָנגערופן.

— דו קענסט, ווי גאָט איז מיר ליב, דו דאַרפסט! — האָט קמיטשיץ געענטפערט — עס האָבן אין דעם געגלייבט אי דער פירשט העטמאַן און אי הער וואָלאָדזיאָווסקי. און אַלע מיינע חטאים זענען דאָך פאַר זיי קיין סוד נישט, און זיי האָבן דאָך געגלייבט... זעסטו!... פאַרוואָס זאָלסט נאָר דו אַליין נישט האָבן צו מיר קיין צוטרוי?

— ווייל איך האָב געזען די מענטשלעכע טרערן, וואָס זענען צוליב אייך פאַרגאָסן געוואָרן... ווייל כ'האָב געזען די קברים, וואָס זענען נאָך מיט גראָז נישט באַוואַקסן...

— זיי װעלן באַװאַקסן װערן, און יענע טרערן װעל איך אַליין אָפּװישן.

— צוערשט טוט דאָס.

— גיב מיר נאָר האָפֿנונג, אַז אויב איך װעל עס טון, װעל איך אויך דיך צוריקגעװינען... ס'איז דיר גרינג צו זאָגן: „צוערשט טו דאָס". און אַז איך װעל עס טון, און דו װעסט דערװייל מיט אַן אַנדערן חתונה־האָבן? זאָל גאָט שומר־ומציל זיין! זאָל גאָט אָפּהיטן פֿון אַזאַ זאַך, װייל איך װאָלט אודאי פֿון זינען אַראָפּ. אין נאָמען פֿון אַלעם הייליקן בעט איך דיך, גיב מיר די זיכערקייט, אַז איך װעל דיך נישט פֿאַרלירן, איידער איך װעל מיט אײַער שליאַכטע שלום מאַכן, געדענקסט? האָסט מיר אַליין װעגן דעם געשריבן, און איך באַהאַלט יענעם בריװ און אַז עס איז מיר זייער שװער אויפֿן האַרצן, לייען איך אים איבער. איך װיל גאָרנישט מער, נאָר חזר מיר נאָך אַ מאָל איבער, אַז דו װעסט װאַרטן, אַז דו װעסט מיט קיין אַנדערן נישט חתונה־האָבן!

— איר װייסט דאָך, אַז די צװאה פֿאַרװערט מיר דאָס צו טון. נאָר אין אַ קלויסטער קען איך גיין.

אָ, װאָלסטו מיך מהנה געװען! איך באַשװער דיך בײַם לעבעדיקן גאָט, לאָז צורו מיטן קלויסטער, װייל בלויז אויפֿן געדאַנק גייט מיר אַדורך אַ שוידער איבערן לייב. לאָז צורו, אַלענקאַ, און אויב נישט, װעל איך דאָ פֿאַר אַלעמען אין די אויגן דײַנע פֿאַלן צו די פֿיס בעטן רחמים, אַז דו זאָלסט דאָס נישט טון. דעם הער װאָלאָדיאָװסקי האָסטו אָפּגעזאָגט, כ'װייס, װייל ער האָט מיר אַליין װעגן דעם געזאָגט. ער האָט דאָס מיך מעורר געװען, אַז כ'זאָל דיך מיט גוטע מעשים נעמען... אָבער װאָס װאָלט דערפֿון אַרויסגעקומען, װען דו װאָלסט אין אַ קלויסטער אַרײַנגעטרעטן? װעסט מיר זאָגן, אַז מ'דאַרף טון גוטס לעם גוטס... און איך װעל דיר ענטפֿערן, אַז איך האָב ליב דיך מיט אַלע מײַנע חושים און װיל װעגן גאָרנישט מער װיסן. װען דו ביסט אַרויסגעפֿאָרן פֿון װאַדאַקטי, האָב איך דיך גענומען זוכן, װי נאָר איך בין פֿון בעט אויפֿגעשטאַנען. כ'האָב געשטעלט דאָס פֿולק אויף די

פיס. כ'האָב קיין פרייע רגע נישט געהאַט, כ'האָב נישט קיין צייט געהאַט צו עסן, צו שלאָפן, און פונדעסטוועגן האָב איך דאָס זוך נישט אויפגעגעבן. אַזאַ מזל איז מיר שוין באַשערט, אַז אָן דיר איז פאַר מיר נישטאָ נישט קיין לעבן, נישט קיין מנוחה! אַזוי צוגעבונדן בין איך צו דיר געוואָרן, אַז איך האָב קיין איין רגע נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָך דיר. כ'בין צום סוף דערגאַנגען, אַז דו ביסט באַם הער שווערט-טרעגער אין בילעוויטשע. האָב איך, זאָג איך דיר, זיך געראַנגלט מיט דער דעה, ווי מיט אַ בער: פאָרן, צי נישט פאָרן?... אָבער כ'האָב זיך נישט דערוועגט צו פאָרן, כדי מ'זאָל מיר די גאַל נישט געבן צו טרינקען. כ'האָב זיך צום סוף געזאָגט: כ'האָב נאָך גאָרנישט גוטס אויפגעטון... כ'וועל נישט פאָרן... ביז דער פירשט, מיין געליבטער פאָטער, האָט זיך איבער מיר מרחם געווען און געשיקט אייך פאַרבעטן קיין קיידאַני, כדי איך זאָל כאָטש מיינע אויגן קענען אָנזעטיק מיטן אָנבליק פון מיין געליבטער... בפרט, אַז מיר לאָזן זיך אַוועק אין די מלחמה. כ'פאַרלאַנג נישט, אַז דו זאָלסט שוין מאָרגן מיר נאָכגיין... אָבער לאָמיך כאָטש אַ גוט וואָרט פון דיר הערן, לאָמיך כאָטש זיכער זיין אין דיר, וועט מיר גרינגער ווערן... אייביקע נשמה מיינע... כ'וויל נישט אומקומען, אָבער אין דער שלאַכט קען דאָס יעדן טרעפן, ווייל איך וויל זיך דאָך היטן די אַנדערע נישט באַהאַלטן... דו דאַרפסט מיר דעריבער מוחל זיין, ווי מען איז מוחל אַ גוסס.

— זאָל אייך גאָט באַשיצן און באַשירמען — האָט דאָס מיידל געזאָגט מיט אַ צאַרטער שטים, לויט וועלכער הער אַנדזשעי האָט באַלד דערקענט, אַז זיינע ווערטער האָבן געהאַט אַ פעולה.

— טייערער אוצר מיינער! אַ דאַנק דיר פאַר דעם. און דו וועסט אין קלויסטער נישט גיין?

— כ'וועל נאָך נישט גיין.

— זאָל דיך גאָט בענטשן!

און פונקט ווי דער שניי צעגייט אין פרילינג, אַזוי האָט אויך צווישן זיי גענומען שמעלצן דער אומצוטרוי און זיי האָבן

זיך געשפּירט נענטער צו זיך, ווי מיט אַ ווײַלע פריער. אויף די הערצער איז זיי געוואָרן גרינגער, אין די אויגן ליכטיקער. און זי האָט דאָך גאָרנישט צוגעזאָגט און ער האָט געהאַט שכל לעת־עתה גאָרנישט צו פאַרלאַנגען. אָבער זי האָט אַליין געפילט, אַז זי טאָר נישט, אַז זי דאַרף נישט אים פאַרשטעלן דעם וועג צו דער תשובה, וועגן וועלכער ער האָט אַזוי אויפריכטיק גערעדט. אין זיין אויפריכטיקייט איז זי קיין איין רגע נישט מסופק געווען, ווייל דאָס איז נישט געווען אַ מענטש, וועלכער זאָל קענען מאַכן אַ פאַלשן אָנשטעל. אָבער דער וויכטיקסטער טעם, צוליב וועלכן זי האָט אים אויפסניי נישט אָפּגעשטויסן, צוליב וועלכן זי האָט אים איבערגעלאָזט אַ האָפענונג, איז געווען דאָס, וואָס טיף אין האַרצן האָט זי נאָך געליבט דעם דאָזיקן ריטער. די דאָזיקע ליבע האָט צוגעדריקט אַ באַרג פון פאַרביטערונג, אַנטוישונג און ווייטיק, אָבער די ליבע האָט געלעבט, תמיד גרייט צו גלייבן און צו פאַרגעבן אָן אַ סוף.

— ער איז בעסער פון זיינע מעשים — האָט דאָס מיידל געטראַכט — און עס זענען שוין נישטאָ די, וואָס האָבן אים געשטויסן צו פאַרברעכנס; פון פאַרצווייפלונג וואָלט ער אפשר געקענט ווידער עפּעס אָפּטון, זאָל ער דעריבער נישט זיין מער פאַרצווייפלט.

און דאָס כשרע האַרץ האָט זיך דערפרייט מיט דער איי־גענער פאַרגעבונג, אַלענקאַס באַקן האָט באַדעקט אַ רויטקייט, אַ פרישע, ווי אַ רויז אינטערן פרימאָרגן־טוי; פון אירע אויגן האָט געשלאָגן אַ זיסע און לעבעדיקע שיין און וואָלסט געמיינט, אַז עס שטראָמט פון זיי אַ ליכטיקייט אויפן גאַנצן זאַל. מענטשן זענען פאַרביגעגאַנגען און זיך געחידושט איבערן וואונדערלעכן פּאָרל, ווייל אַזעלכע צוויי מלכותדיקע יונגעלייט וואָלט מען געדאַרפט זוכן מיט ליכט אין דאָזיקן גאַנצן זאַל, וו עס איז געווען פאַרזאַמלט דאָס שענסטע און בעסטע פון דער שליאַכטע און פון די שליאַכטשאַנקעס.

דערביי זענען ביידע, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געווען אָפּגערעדט, עגאַליק געווען אָנגעטון, ווייל אויך זי האָט געטראָגן אַ

קלייד פון זילבערנער לאַמע, פאַרשפּילעט מיט אַ סאַפיר, און אַ בלויען אויבער־ראָק פון וועניציאַנער סאַמעט. „אוודאי אַ ברודער מיט אַ שוועסטער“ — האָבן געזאָגט די, וואָס האָבן זיי נישט געקענט, אָבער אַנדערע האָבן באַלד דערויף געמאַכט אַ באַמערקונג: „ס׳קען נישט זיין, ווייל זיינע אויגן גליִען צופיל קוקנדיק אויף איר“.

דערווייל האָט דער מאַרשאַל אין זאַל צו וויסן געגעבן, אַז ס׳איז שוין צייט זיך צום טיש צו זעצן און עס איז באַלד געוואָרן און אומגעוויינטלעכע באַוועגונג. גראַף לעווענהויפּט, אַזוי גרויס ווי ער איז אין שפּיצן, איז געגאַנגען דער ערשטער געאָרעמט מיט דער פירשטין, וואָס דעם שלעפּער פון איר מאַנטל האָבן נאָכגעטראָגן צוויי בילד־שיינע פּאַזשן; נאָך אים האָט באַראָן שיטע געפירט די פרוי הלעבאָוויטש, באַלד נאָך זיי איז געגאַנגען קסיאָנדז ביסקופּ פּאַרטשעווסקי מיט קסיאָנדז ביאַלאָזאָר, ביידע ווי פון עפּעס געקרענקט און פאַראומערט.

פירשט יאַנוש, וועלכער האָט אין צוג דעם אויבן־אָן די געסט אָפּגעטרעטן, אָבער באַם טיש פאַרנומען דעם העכסטן פּלאַץ לעבן דער פירשטין, האָט געפירט די מאַדאַם קאָרף, דעם ווענדער וואָיעוואָדעס ווייב, וועלכע האָט שוין זייט אַ וואָך זיך אויפגעהאַלטן אין קיידאַני. און אַזוי האָט אַ גאַנצע שורה פון פּאָרלעך, ווי אַ הונדערט־קאָלירקע שלאַנג, זיך גערוקט און געצויגן און געביטן. קמיטשיץ האָט געפירט אָלענקאַן, וועלכע האָט לייכט אָנגעשפּאַרט דעם עלנבויגן אויף זיין עלנבויגן, און ער האָט פון אַ זייט געקוקט אויף איר דעליקאַטן פּנים, אַ שיינענדיקער, ווי אַ ברענענדיקער פאַקעל, דער גרעסטער מאַגנאַט צווישן דידאָזיקע מאַגנאַטן, ווייל ער האָט בײַ זיין זייט דעם גרעסטן אוצר געהאַט.

אַזוי גייענדיק אונטער די קלאַנגען פון דער קאַפּעלע, זענען זיי אַריין אין עס־זאַל, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ גאַנצער באַזונדערער בנין. דער טיש איז געווען אויסגעשטעלט אין דער פאָרם פון אַ פּאָדקאָווע, געגרייט פאַר דריי הונדערט פּערזאָן און ער האָט זיך געבויגן אונטערן זילבער און גאָלד. פירשט יאַנוש, וועלכער

האָט מיט זיך פאַרקערפּערט אַ טייל פון קעניגלעכן מאַיעסטעט און איז געווען אַ קרוב פון אַזוי פיל מלכים, האָט לעבן דער פירשטין פאַרנומען דעם העכסטן פּלאַץ, און פאַרבייגייענדיק לעבן אים, האָבן אַלע זיך נידעריק פאַרנייגט און זיך אויסגעזעצט לויטן אָנזען נאָך.

אָבער דער העטמאַן האָט, ווי די בייגעוועזענע האָט זיך אויסגעדאַכט, אָפּנים געדענקט, אַז דאָס איז דער לעצטער באַנקעט פאַר דער שוידערלעכער מלחמה, וועלכע האָט געדאַרפט אַנטשיידן דעם גורל פון רייזיקע מלוכות, ווייל זיין פּנים האָט קיין רו נישט אויסגעדריקט. ער האָט זיך באַמיט צו לאַכן און לוסטיק צו זיין, אָבער ער האָט אויסגעזען אַזוי, ווי די היץ וואָלט אים געברענט. פון צייט-צו-צייט האָט אַ קענטיקע כמאַרע זיך אויסגעלייגט אויף זיין שרעקלעכן שטערן און די, וואָס זענען געזעסן נעענטער, האָבן געקענט זען, אַז דער דאָזיקער שטערן איז געווען געדיכט באַדעקט מיט שווייס-טראָפּנס; ציטערנווייז איז זיין בליק גיך געלאָפן איבער די פּנימער פון די פאַרזאַמלטע און זיך פאַרשנדיק פאַרהאַלטן אויף די געזיכטער פון פאַרשידענע פּאָלקאָווניקעס. דאָ ווידער האָט ער מיטאַמאָל געקנייטשט די לייבן-ברעמען, גלייך ווי אַ ווייטיק וואָלט אים געשטאָכן אָדער גלייך ווי דאָס אָדער יענץ פּנים וואָלט אין אים אַ כעס געוועקט. און אַ פּלאַדיקע זאַך: די הויכגעשטעלטע פּערזענלעכקייטן, וואָס זענען געזעסן לעבן פירשט, דהיינו: די שליחים קסיאָנדז ביסקופּ פּאַרטשעווסקי, קסיאָנדז ביאַלאָזאָר, הער קאָמאַראָווסקי, הער מיעזשעיעווסקי, הער הלעבאָוויטש, דער ווענדער וואָיעוואָדע און אַנדערע, זענען אויך געווען צעטראָגן און אומרויק. ביידע פליגל פון דער רייזיקער פּאַדקאָווע האָבן שוין גערוישט פון די פריילעכע שמועסן און געוויינטלעכן געמורמל בײַ באַנקעטן, און דער אויבן-אָן אירער האָט טריב שטילגעשוויגן, אָדער געשעפּטשעט זעלטענע ווערטער, אָדער געביטן זיך מיט צעטראָגענע און שרעקעדיקע בליקן.

אָבער דאָס דאַרף גאָרנישט חידושן, ווייל אונטן זענען געזעסן די פּאָלקאָווניקעס און ריטער, פאַר וועלכע די נאָענטע מלחמה האָט העכסטנס געשמעקט מיטן טויט. ס'איז דאָך לייכ-

טער צו פאַלן אין דער מלחמה, איידער צו טראָגן פאַר איר די אחריות. די זעלנערישע נשמה וועט זיך נישט דאגהן, אויב נאָכ־דעם, ווי זי האָט די זינד מיט בלוט מכפר געווען, וועט זי פליען פון פעלד אין הימל אַריין — נאָר דער לאָזט שווער אַראָפּ דעם קאָפּ, נאָר דער שמועסט זיך אויס אין דער נשמה מיט גאָט און מיטן געוויסן, וועלכער ווייסט נישט ערב דעם יום־הדין, וואָס פאַר אַ בעכער ער וועט מאָרגן דערלאַנגען דעם פאָטערלאַנד צום אויסטרינקען.

אַזוי האָט מען זיך דאָס טאָקע אויסגעטייטשט אין די אונ־טערשטע עקן.

— שטענדיק, פאַר יעדער מלחמה שמועסט ער זיך אויס מיט דער אייגענער נשמה — האָט דער אַלטער פולקאָווניק סטאַנקע־וויטש געזאָגט צום הער זאַגלאָבאַ — אָבער וואָס מער באַטריבט ער איז, אַלץ ערגער פאַר די שונאים, ווייל אין טאָג פון דער שלאַכט וועט ער זיכער זיין פריילעך.

— אָבער אַ לייב גיט דאָך אויך אַ ברום פאַרן געראַנגל — האָט הער זאַגלאָבאַ געענטפערט — כדי צו וועקן אין זיך וואָס מער מוט פאַרן קאַמף מיטן שונא. און וואָס שייך די גרויסע מלחמה־העלדן האָט יעדער זיין דרך. האַניבאַל זאָל האָבן ווערפל געוואָרפן, סציפּיאָ אַפריקאַנוס האָט פערזן רעציטירט, הער קאָ־ניעצפּאָלסקי, דער פאָטער, פלעגט שטענדיק וועגן מיידלעך רעדן און איך שלאָף גערן פאַר דער שלאַכט אַ שעה צייט, הגם איך זאָג זיך אויך נישט אָפּ פון אַ כּוסע מיט גוטע פריינט.

— גיט נאָר אַ קוק, גנעדיקע הערן, אויך דער קסיאָנדז ביסקופּ פּאַרטשעווסקי איז בלייך ווי אַ בלאַט פּאַפּיר! — האָט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי זיך אָנגערופן.

— ווייל ער זיצט היגטער אַ קאַלווינישן טיש און קען לייכט עפּעס אומריינעס מיט די מאכלים אַראָפּשלינגען — האָט זאַגלאָבאַ מיט אַ שטילער שטים מסביר געווען — אויף משקאות, זאָגן די אַלטע מענטשן, האָט דער שטן קיין שליטה נישט אין מ׳קען זיי אומעטום טרינקען, אָבער מיט מאכלים, און באַזונדערס מיט זופּן דאַרף מען זיין געוואָרנט. אַזוי איז אויך געווען אין

קרים, פאר די צייטן, ווען איך בין דארט געווען אין געפאנגענ-שאפט. די טאטערישע מולאס און פירשטן האבן שעפסן-פלייש געקעכט אזוי צופראווען מיט קנאבל, אז ווער עס האט עס פאר-זוכט, איז באלד גרייט געווען פון זיין אמונה אפצוטרעטן און אנצונעמען זייער זומווירדיקן נביא.

דא האט זאגלאבא נאך שטילער געזאגט:

— איך בין דערמיט נישט אויסן דעם פירשט פוגע-בכבוד צו זיין, נאר איך וואלט אייך דאס עסן איבערצוצלמען, ווייל א גע-היט נעם ניט גאנץ.

— וואס רעדט איר!... ווער עס גיט זיך איבער אויף גאטס בארארט פארן עסן, דעם וועט גארנישט געשען; בא אונדז אין גרויס-פוילן זענען לוטעראנער און קאלווינער פארהאן אן א שיעור, אבער איך האב קיינמאל נישט געהערט, אז זיי זאלן האבן דאס עסן פארכישופט.

— בא אייך אין גרויס-פוילן זענען לוטעראנער פארהאן אן א שיעור, האבן זיי זיך טאקע באלד מיט די שוועדן באהאפטן — האט זאגלאבא געענטפערט — און איצט זענען זיי מיט זיי אין איין חברותא. איך אויפן ארט פון פירשט וואלט אט יענע שליחים דארט מיט הינט פארטריבן, און נישט זיי די קישקעס מיט מעדנים אנגעפילט. גיט נאר א קוק אויף דעמדאזיקן לעווענהויפט. ער פרעסט אזוי, ווי מ'וואלט אים אין א חודש ארום, אויף א שטריק פאר די פיס אנגעבונדן, אויפן יארמארק געוואלט טרייבן. ער וועט נאך פארן ווייב און די קינדער די טאשן מיט נאשווארג זיך אנ-שטאפן... כ'האב פארגעסן, ווי יענער צווייטער ים-קאטער הייסט. אז עס זאל דיך...

— פרעג, פעטער, מיכאלן — האט יאן סקשעטוסקי גע-זאגט.

הער מיכאל איז געזעסן נישט ווייט, אבער ער האט גאר-נישט געהערט, גארנישט געזען, ווייל ער איז געזעסן צווישן צוויי פריילינס; אויף דער לינקער זייט האט ער געהאט דאס פריילין עלזשביעטא שעליאווסקא א בכבודיק פריילין פון א יאר פערציק, און אויף דער רעכטער זייט אנוסקא בילעוויטש, הינטער וועלכער

קמיטשיק איז געזעסן. פריילין עלזשביעטאַ האָט געטרייסלט מיטן קאָפּ, וואָס איז געווען אויסגעפּוצט אין פעדערן, איבערן קליינעם ריטער און אים עפּעס דערציילט מיט אַ זייער לעבעדיקער שטים, און ער האָט פון צייט צו צייט אויף איר אַ קוק געטון מיט אומע-טיקע אויגן, האָט יעדע ווײַלע געענטפערט: „יאָ, גנעדיקע פריי-לין!" און קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען, ווײַל זײַנע אַלע חושים זענען געווען אויף דער צווייטער זייט. מיטן אויער האָט ער אויפגעכאַפּט דעם קלאַנג פון אַלענקאַס ווערטער, דעם שאָרך פון איר לאַמע-קלייד און פון צער האָט ער מיט די וואָנסעלעך אַזוי באַוויגן, גלייך ווי ער וואָלט מיט זיי וועלן דאָס פריילין עלזש-ביעטאַ צוועקסטראַשען

— עי! דאָס איז שוין איינמאָל אַ וווּנדערלעך מיידל!...

עי, איז דאָס אַ יפת תואר! — האָט ער זיך אין האַרץ געזאָגט — זע-זשע, גאָט, איין מײַן נויט ווײַל קיין גרעסערער יתום פון מיר איז אויף דער וועלט נישטאָ. די נשמה וויינט אַזש אין מיר נאָך אַן אייגענע געליבטע כלה, און ווען איך וואַרף אַן אויג אויף איי-נע, איז איר האַרץ שוין פון אַן אַנדערן פאַרנומען. וווּ-זשע וועל איך, אומגליקלעכער נעבעכדיק, זיך אַהינטון?...

— אין נאָך דער מלחמה, וואָס האָט איר בדעה צו טון? — האָט פריילין עלזשביעטאַ שיעלאַווסקאַ מיטאַמאָל געפרעגט, צוזויפ-לייגנדיק דאָס מײַלעכל אין אַ שנעבעלע און שטאַרק זיך פאָכנ-דיק.

— אין אַ קלויסטער אַרײַן וועל איך גיין! — האָט דער קליינער ריטער צאָרנדיק געענטפערט.

ווער דערמאַנט זאָס דאָרט אַ קלויסטער בשעתן מאָל-צייט? — האָט קמיטשיק פריילעך אויסגערופן, איבעררײַסנדיק זיך דורך אַלענקאַן — העי! הער וואָלאָדיאָווסקי גאָר!

— אייך ליגט דאָס נישט אין קאָפּ? איך גלייב אייך! — האָט הער מיכאַל געזאָגט.

דאָ האָט אַלענקאַס זיסע שטים אים אַ קלינג געטון אין די אויערן:

— איר דאַרפט וועגן דעם נישט טראַכטן. גאָט וועט אייך

לויטן פאַרלאַנג פון אייער האַרץ צושיקן אַ געליבט ווייב און אַ אײדלס, אַזוי ווי איר אַליין זענט איידל.

דער גוטמוטיקער הער מיכאל איז באַלד געוואָרן גע־רירט:

— ווען מ׳וואָלט מיר אויף אַ פּלייט געשפּילט, וואָלט עס מיר נישט אַזוי זיס געקלונגען!

דער ליאַרם, וואָס האָט זיך וואָס אַמאָל מער פאַרשטאַרקט באַם טיש, האָט איבערגעהאַקט דעם ווייטערדיקן שמועס, ווייל מ׳האָט זיך אויך גענומען צו די בעכערס. די געמיטער זענען גע־וואָרן וואָס אַמאָל מער אויפגערוימט. די פּולקאָווניקעס האָבן דיס־פּוטירט וועגן דער קומענדיקער מלחמה, דערביי געקנייטשט די ברעמען און געוואָרפן פייערדיקע בליקן.

הער זאַגלאָבאַ האָט פאַרן גאַנצן טיש דערציילט וועגן דער באַלאַגערונג פון זבאַראַזש, און די צוהערער האָט אַזש דאָס בלוט געשלאָגן זיך אין די פּנימער אַריין, און אין די הערצער איז געוואַקסן די התלהבות און דער מוט. מ׳האָט געקענט מיינען, אַז דער גייסט פון רומשטערבלעכן „יאַרעמאַ" איז געקומען צו פליען אין דאָזיקן זאַל און מיט ריטערלעכער באַגייסטערונג אָנגעפילט די נשמות פון די זעלנער.

— דאָס איז געווען אַ פירער! — האָט געזאָגט דער באַ־רימטער פּולקאָווניק מירסקי, וועלכער האָט אָנגעפירט מיט ראַ־דזיווילס אַלע הוזאַרן — נאָר איינמאָל האָב איך אים געזען און באַ יציאת־נשמה וועל איך אים נאָך געדענקען.

— יופּיטער מיט דונערס אין די הענט! — האָט דער אַלטער סטאַנקעוויטש אויסגעשריגן — עס וואָלט דערצו נישט געקומען, ווען ער וואָלט געלעבט!...

— יאָ! ער האָט דאָך הינטער ראָמני געהייסן די וועלדער האַקן, כּדי זיך צו עפענען אַ וועג צו די שונאים.

— אַ דאַנק אים איז דאָס דער נצחון באַ בערעסטעטשקאָ אָפּגעהאַלטן געוואָרן.

— און אין שווערסטן מאָמענט האָט אים גאָט צוגענו־מען...

— גאָט האָט אים צוגענומען — האָט הער סקשעטושסקי מיט אַ העכערער שטים איבערגעחזרט — אָבער ס'איז נאָך אים פאַרבליבן אַ צוואה פאַר די קומענדיקע פירער און דער גאַנצער רעפּובליק, אַז מ'זאָל מיט קיין שום שונא נישט אונטערהאַנדלען, נאָר אַלע שלאָגן! ...

— נישט אונטערהאַנדלען! שלאָגן! — האָבן אַ פּאָר שטאַרקע שטימען איבערגעחזרט — שלאָגן! שלאָגן!

אין זאַל איז די היץ געוואָרן גרויס און דאָס בלוט אין די פּולקאָווניקעס האָט געברויזט, עס האָבן דעריבער גענומען פאַלן בליקן ווי בליצן און פון די אונטערגעגאָלטע קעפּ איז אַ פאַרע אויפגעגאַנגען.

— אונדזער פירשט, אונדזער העטמאַן וועט אויספירן די דאָזיקע צוואה! — האָט מירסקי געזאָגט.

דאָ האָט דער ריזיקער זייגער, וואָס האָט זיך געפונען הויך אין זאַל, גענומען שלאָגן האַלבע נאַכט, און צו דער זעלבער צייט האָבן אויפגעציטערט די מויערן, די שויבן האָבן זיך יאָמערלעך צעקלונגען און אויפן הויף האָט זיך צעהילכט אַ געקנאַל פון אַ וויוואַט שיסעריי.

די שמועסן האָבן אויפגעהערט, ס'איז געוואָרן שטיל.

מיט אַ מאָל האָט מען אויבן־אָן באַם טיש גענומען שרייען:

— קס אָנדז ביסקופּ פאַרטשעווסקי האָט געחלשט! וואַסער!

ס'איז געוואָרן אַ צעמישעניש. מאַנכע האָבן זיך אַ ריס געטון פון די געזעסן, כדי זיך בעסער צוצוקוקן, וואָס עס איז געשען. דער ביסקופּ האָט נישט געחלשט, נאָר ער איז זייער שוואַך געוואָרן, אַז דער מאַרשאַל האָט אים אַזש געמוזט פאַר די אָרעמס אויפן שטול אונטערהאַלטן, בשעת דעם ווענדער וואָיעוואָדעס ווייב האָט אים געשפּריצט וואַסער אויפן פּנים.

אין דער רגע האָט אַ צווייטער האַרמאַטן שאָס אויפגעטרייסלט די שויבן, נאָך אים אַ דריטער, אַ פערטער...

— זאָל לעבן די רעפּובליק! אַ טויט די שונאים! — האָט זאַגלאָבאַ אויסגעשריגן.

אָבער די ווייטערדיקע שאָסן האָבן פאַרטויבט זיינע ווערטער. די שליאַכטע האָט זיי גענומען ציילן:

— צען, עלף, צוועלף...

די שויבן האָבן יעדעס מאָל אָפּגעענטפערט מיט אַ יאָמערלעכן קרעכץ. די פלאַמען פון די ליכט האָבן זיך געוואַקלט פון די אויפטרייסלונגען.

— דרייצן! פירצן!... דער קסיאָנדז ביסקופּ קען קיין שיסערייַ נישט פאַרנעמען. האָט דורך זיין שרעק די שטימונג קאַליע געמאַכט, ווייל אויך דער פירשט איז פאַרומערט. גיט אַ קוק, גנעדיקע הערן, ווי אָנגעבלאָזן ער זיצט... פופצן, זעכצן... זעט, זיי זעצן ווי אין אַ שלאַכט! ניינצן, צוואַנציק!

— שטיל דאָרט! דער פירשט וויל רעדן! — האָט מען מיטאַמאָל גענומען אויסרופן אין פאַרשידענע עקן פון טיש.

— דער פירשט וויל רעדן!

ס'איז פולשטענדיק שטיל געוואָרן און אַלעמענס אויגן האָבן זיך אַ קער געטאָן צו ראַדזיווילן, וועלכער איז געשטאַנען, ענלעך אַ ריז, מיט אַ בעכער אין דער האַנט. אָבער וואָס פאַר אַן אָנבליק האָבן די געסט אומגעריכט פאַר זיך דערזען!...

דעם פירשטס פּנים האָט אין דער רגע פּשוט געהאַט אַ שרעקלעכע מראה, ווייל נישט בלייך איז עס געווען, נאָר בלוי און ווי פון אַ קאַנוולסיע אויסגעקרומט פון אַ שמייכל, וואָס דער פירשט האָט זיך אָנגעשטרענגט אויף די ליפּן אַרויסצורופן. זיין אָטעם, תמיד אַ קורצער, איז געוואָרן נאָך קירצער, די ברייטע ברוסט האָט זיך געהויבן אונטער דעם גאָלד־שטאָף, און די אויגן האָט ער ביז אין דער העלפט פאַרדעקט מיט די לידערס. עפּעס אַ גרויל איז געלעגן אויפן דאָזיקן מעכטיקן פּנים און אַן אייזיקע פאַרגליווערטקייט, וואָס מ'זעט געוויינטלעך אין די פאַרשטאַרטע שטריכן פון אַ גוסס.

— וואָס איז דעם פירשט! וואָס קומט דאָ פאָר? — האָט מען אויף אַלע זייטן אומרויִק געשעפּטשעט.

אַן אומהיימלעך פאַרגעפיל האָט פאַרקלעמט אַלעמענס הער־צער און אויף אַלעמענס פנימער האָט זיך אויסגעמאָלט אַ דער־וואַרטונג אין שרעק און אימה.

ער האָט דערוויל גענומען רעדן מיט אַ קורצער, דורך אַסטמע איבערגעהאַקטער שטים:

— גנעדיקע הערן!... אַ סך פון אייך... וועט פאַר־חידושן... אָדער גאָר איבערשרעקן דערדאָזיקער טאָסט...
אָבער... ווער עס האָט אין מיר בטחון און אמונה... ווער עס איז באמת אויסן די טובה פון פאָטערלאַנד... ווער עס איז אַ געטרייער פריינט פון מיין הויז... דער וועט אים גערן אויפ־הייבן... און איבער'חזרן נאָך מיר:

— זאָל לעבן דער קעניג קאַרל גוסטאַוו... וועלכער גע־וועלטיקט פון היינט אָן איבער אונדז מיט חסד!

— זאָל לעבן! — האָבן איבערגעחזרט די צוויי שליחים לעווענהויפט און שיטע, און אויך אַ פּאָר אויסלענדישע אָפי־צירן.

אָבער אין זאַל האָט געהערשט אַ טיפע שטילקייט. די פּול־קאָווניקעס און די שליאַכטיצע האָבן זיך אָנגעקוקט מיט איבערגע־שראָקענע בליקן, גלייך ווי זיי וואָלטן זיך געפרעגט, צי דער פירשט איז פון זינען ניט אַראָפּ. אַ פּאָר שטימען האָבן צום סוף זיך אָנגערופן אין פאַרשידענע ערטער פון טיש:

— האָבן מיר גאָר גוט געהערט? וואָס איז דאָס?
דערנאָך איז ווידער געוואָרן שטיל.

אַן אומבאַשרייבלעכער פחד צוזאַמען מיט אַ פאַרח'דושטקייט האָט זיך אָפּגעשלאָגן אויף די פנימער און אַלעמענס אויגן האָבן זיך ווידער אַ קער געטון צו ראַדזיוויל, און ער איז אַלץ גע־שטאַנען און טיף געאָטעמט, גלייך ווי ער וואָלט עפּעס אַ שווע־רע משא פון דער ברוסט אַראָפּגעוואָרפן. דאָס פנים האָט ביס־לעכווייז צוריקבאַקומען די קאָליר; דערנאָך האָט ער זיך גע־ווענדט צום הער קאָמאַראָווסקי און געזאָגט:

— שוין צייט באַקאַנט צו מאַכן דעם אָפּמאַך, וואָס מיר האָבן

היינט אונטערגעשריבן, כדי זיי זאָלן וויסן, וואָס צו טון, לייענט, גנעדיקער הער!

קאָמאַראָווסקי האָט זיך אויפגעשטעלט, האָט אויפגעוויקלט דעם פּאַרמעט, וואָס איז פאַר אים געלעגן, און גענומען לייענען דעם שרעקלעכן אָפּמאַך, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן פון די ווערטער:

— „נישט קענענדיק בעסער און גינסטיקער האַנדלען אין דער איצטיקער שטורמישער צייט, נאָכן פאַרלירן יעדע האָפענונג אויף די הילף פון ליכטיקסטן קעניג, האָבן מיר, שררות און שטאַנדן פון ליטווישן גרויס-פירשטנטום, זיך איבערגעגעבן דעם שוץ פון ליכטיקסטן שוועדישן קעניג אויף דידאָזיקע באַדינגונגען:

1) צוזאַמען מלחמה האַלטן קעגן די בשותּפותדיקע פיינט, אויסשליסנדיק דעם פּוילישן קעניג און קרוין-פּוילן.

2) דאָס ליטווישע גרויס-פירשטנטום וועט נישט ווערן אַ טייל פון שוועדן, נאָר מיט איר זיך פאַרבונדן אויף אַזאַ אופן, ווי ביז איצט מיט קרוין-פּוילן, דאָס הייסט, אַז די פעלקער, סענאַטן און ריטערלעכע שטאַנדן זאָלן אין אַלעם גלייך זיין.

3) די פרייהייט פון וואָרט אין די סיימען זאָל בשום אופן נישט צוגענומען ווערן.

4) די פרייהייט פון רעליגיע זאָל נישט באַרירט ווערן”...

און אַזוי ווייטער האָט הער קאָמאַראָווסקי געלייענט בײַ אַ שטילקייט און פּחד, און אַז ער איז צוגעקומען צום אָרט:

„... דעמדאָזיקן אַקט באַשטעטיקן מיר מיט אונדזערע חתימות פאַר אונדז און פאַר אונדזערע קינדער, מיר זענען פאַר אים ערב און פאַראַנטוואָרטלעך” — איז אין זאַל אַנטשטאַנען אַ שאַרך, ווי דער ערשטער הויך פון אַ שטורעם אין וואַלד, אָבער נאָך איידער דער שטורעם האָט אויסגעבראָכן, האָט דער ווי אַ טויב גרויער הער סטאַנקעוויטש גענומען דאָס וואָרט און גענומען בעטן רחמים:

— גנעדיקער הער פירשט! עס ווילט זיך די אייגענע אויערן נישט גלייבן! גאָט אין הימל! אַזוי זאָל דאָס לאַנד פון וולאַדיסלאַוס און זיגמונט אויגוסטס ווערן? צי קען מען, צי מעג

מען ברידער פּאַרלייקענען, דאָס פּאָטערלאַנד פּאַרלייקענען און מיטן שונא זיך באַהעפטן? גנעדיקער הער פירשט, געדענקט אין דעם נאָמען, וואָס איר טראָגט, אין די פּאַרדינסטן, וואָס איר האָט דעם פּאָטערלאַנד אָפּגעגעבן, אין דעם ביז איצט אומבאַפלעקטן רום פון אייער שטאַם און צעפליקט און צעטרעט דעם דאָזיקן שאַנד־דאָקומענט! כ׳ווייס, אַז איך בעט נישט בלויז אין מיין נאָמען, נאָר אויך אין נאָמען פון אַלע מיליטער־לייט און שליאַכטשיצעס, וואָס זענען דאָ פאַרזאַמלט. האָבן מיר דאָך אויך אַ רעכט צו באַשטימען אונדזער גורל. גנעדיקער הער פירשט! טוט דאָס נישט, ס׳איז נאָך צייט!... האָט רחמנות אויף זיך, האָט רחמנות אויף אונדז, האָט רחמנות אויף דער רעפּובליק!

— טוט דאָס נישט! האָט רחמנות, האָט רחמנות! — האָבן זיך הונדערטער שטימען אָנגערופן.

און אַלע פּולקאָווניקעס האָבן זיך אויפגעכאַפּט פון די ערטער און צוגעגאַנגען צו אים, און דער גרייז־גרויער סטאַנקעוויטש האָט אַנידערגעקניט אין מיטן זאַל, צווישן ביידע פליגל פון טיש און וואָס אַ מאָל מעכטיקער האָט געהילכט אַרום און אַרום:

— טוט דאָס נישט! האָט רחמנות אויף אונדז!

ראַדזיוויל האָט אויפגעהויבן זיין מעכטיקן קאָפּ און בליצן פון כעס האָבן גענומען פליען איבער זיין שטערן, מיטאַמאָל האָט ער אויסגעבראָכן:

— שיקט עס זיך, אַז איר זאָלט זיין די ערשטע צו געבן אַ ביישפּיל פון אומגעהאָרכזאַמקייט? שיקט עס זיך, אַז מיליטער־לייט זאָלן פון זייער פירער, פון זייער העטמאַן זיך אָפּקערן און מיט פּראָטעסטן אים פאַרשרייען? איר ווילט דאָס זיין מיין געוויסן? איר ווילט מיך לערנען, ווי אַזוי מען דאַרף האַנדלען פאַרן וווילזיין פון פּאָטערלאַנד? דאָס איז נישט קיין סיימיק און נישט אויף אַריינצוזאָגן אַ דעה האָט מען אייך דאָ גערופן, און די אחריות פאַר גאָט נעם איך אויף זיך!

און ער האָט מיט דער האַנט אַ זעץ־געטון אין די ברייטע ברוסט, וואַרפנדיק אַ פינקלענדיקן בליק אויף די זעלנער, און מיט אַ ווײַלע שפּעטער האָט ער אויסגעשריגן:

— ווער עס איז נישט מיט מיר, דער איז קעגן מיר! כ'האָב אייך געקענט, כ'האָב געוווּסט, וואָס עס וועט זיין!... און איר זייט וויסן, אַז די שווערט הענגט איבער אייערע קעפּ...

— גנעדיקער הער פירשט! העטמאַן אונדזערער! — האָט דער אַלטער סטאַנקעוויטש געבעטן רחמים — האָט רחמנות אויף זיך און אויף אונדז!

אָבער זיינע ווייטערדיקע ווערטער האָט איבערגעהאַקט סטאַניסלאַוו סקשעטוסקי, וועלכער האָט מיט ביידע הענט זיך אָנגעכאַפּט פאַר די האָר און גענומען שרייען מיט אַ פאַרצווייפלטער שטים:

— בעט אים נישט! ס'איז בחנם! ער האָט דעמדאָזיקן שלאַנג אין בוזעם שוין לאַנג געהאָדעוועט!... ווי איז צו דיר, רעפּובליק! ווי איז צו אונדז אַלע!

— צוויי הויכע מלוכה-מענער אויף צוויי עקן פון דער רעפּובליק פאַרקויפן דאָס פאָטערלאַנד! — האָט יאַן זיך אָנגערופן — אַ קללה אויף דעמדאָזיקן הויז, אַ שאַנד און גאָטס צאָרן!

הערנדיק דאָס, האָט הער זאַגלאָבאַ זיך אויפגעכאַפּט פון דער פאַרוווּנדערונג און אויסגעשריגן:

— פרעגט אים, וויפיל שוחד ער האָט גענומען פון די שוועדן? וויפיל האָט מען אים אויסגעצאָלט? וויפיל האָט מען אים נאָך צוגעזאָגט? גנעדיקע הערן, אָט איז אַ יהודה-איש-קריות! הלוואַי זאָלסטו שטאַרבן אין פאַרצווייפלונג! עס זאָל פון דיין משפּחה קיין זכר נישט בלייבן! אַז דער טייוול זאָל פון דיר די נשמה אַרויסציִען... בוגד! בוגד! דריי מאָל בוגד!

דאָ האָט סטאַנקעוויטש, אַ פאַרצווייפלטער ביז גאָר, אַרויסגעצויגן דעם קאָמאַנדע-שטאַב פון הינטער דער גאַרטל און זי מיט אַ טראַסק אַ שליידער געטון צו די פיס פון פירשט, דער צווייטער האָט געשליידערט מירסקי, דער דריטער יוזעפאָוויטש, דער פערטער האָשטשיץ, דער פינפטער, בלייך ווי אַ מת, הער וואָלאָדיִאָווסקי, דער זעקסטער אָסקערקאַ — און עס האָבן זיך גע-

וואָלגערט אויף דער פּאָדלאָגע די קאָמאַנדאָ-שטאַבן, און צו דער זעלבער צייט איז אין דעמדאָזיקן לייבן-גרוב דעם לייב אין פּנים אַריין, וואָס אַמאָל אָפּטער געוואָרפן געוואָרן דער שרעקלעכער אויסדרוק:

— בוגד! ... בוגד! ...

דאָס גאַנצע בלוט האָט אַ זעץ געטון דעם שטאָלצן מאַג-נאַט אין קאָפּ אַריין; ער איז בלויז געוואָרן און עס האָט זיך אויסגעדוכטן, אַז אָט-אָט פאַלט ער אַנידער אַ טויטער אונטערן טיש.

— גאַנצהאָף און קמיטשיץ צו מיר! ... — האָט ער אַ רעווע געטון מיט אַ מוראַדיקער שטים.

אין דער רגע האָבן פיר טירן, וואָס פירן אין זאַל אַריין, מיטאַמאָל זיך אויפגעפּראַלט מיט אַ רעש און עס האָבן אַריינ-מאַרשירט אָפּטיילונגען פון שאָטישע פוס-גייער, בייזע שטילשווייגנ-דיקע, מיט די ביקסן אין די הענט. פון דער הויפּט-טיר האָט זיי געפירט גאַנצהאָף.

— *עַניי!* — האָט דער פירשט אַ געשריי געטון.

דערנאָך האָט ער זיך געווענדט צו די פּולקאָווניקעס:

— ווער עס איז מיט מיר זאָל איבערגיין אויף די רעכטע זייט פון זאַל!

— איך בין אַ זעלנער, איך דין דעם העטמאַן! זאָל מיך גאָט משפּטן! ... — האָט כאַרלאַמפּ געזאָגט, אַריבערגייענדיק אויף די רעכטע זייט.

— איך אויך! — האָט מיעלעשקאָ צוגעגעבן — נישט מיין עבירה וועט עס זיין!

— כ'האָב פּראָטעסטירט אַלס בירגער, אַלס זעלנער מוז איך געהאָרכן — האָט דער דריטער זיך אָנגערופן ניעוויאַראָווסקי, וועלכער האָט לכתחילה געהאַט געוואָרפן דעם קאָמאַנדאָ-שטאַב, האָט אָבער אַפּנים איצט מורא באַקומען פאַר ראַדזיווילן.

נאָך זיי זענען אַ פּאָר אַנדערע אַריבערגעגאַנגען און אַ שפּאָר הייפל פון דער שליאַכטע; אָבער מירסקי, דער העכסטער לויטן אַנזען, און סטאַנקעוויטש, דער עלטסטער לויט די יאָרן, און האָ-

טשיק און וואָלאָדיאָווסקי און אָסקערקאַ זענען פאַרבליבן אויפן אָרט, און צוזאַמען מיט זיי ביידע סקשעטוסקיס, הער זאַגלאָבאַ און אַ גרויסע מערהייט סיי פון אָפיצירן פון פאַרשידענע אָנגעזעענע און לייכטע פולקן און סיי פון דער שליאַכטע.

די שאָטישע פוס-גייער האָבן זיי אַרומגערינגלט ווי מיט אַ מויער.

קמיטשיץ האָט אין דער ערשטער רגע, ווען דער פירשט האָט געהאַלטן דעם טאָסט לכבוד קאַרל גיסטאַוו, זיך צוזאַמען מיט אַלע אַ ריס געטון פון אָרט, אויסגעגלאָצט די אויגן און געשטאַנען ווי אַ פאַרשטיינערטער, איבעררײַסנדיק מיט בלאַסע ליפּן:

— גאָט!... גאָט!... גאָט!... וואָס האָב איך געטון?...

דאָ האָט אַ שטילע, אָבער פאַר זיין אויער דייטלעך קלינגענדיקע שטים אַ שעפּטשע געטון אין דער נאָגט:

— הער אַנדזשעי!...

ער האָט מיטאַמאָל מיט די הענט זיך פאַר די האָר אָנגעכאַפּט:

— פאַרשאָלטן בין איך אויף אייביק!... אַז די ערד זאָל מיך איינשלינגען!...

אויף כריילין בילעוויטשס פּנים זענען רויטע פלעקן אַרויסגעטרעטן, אין די אויגן, ווי די ליכטיקע שטערן, האָט זי איינגעשפּיזט אין קמיטשיצן:

— אַ שאַנד וועט פאַלן אויף די, וואָס וועלן זיך שטעלן אויפן העטמאַנס זייט!... קלויבט אויס!... אַלמעכטיקער גאָט!... וואָס טוט איר?!... קלויבט אויס!...

— יעזוס! יעזוס! — האָט קמיטשיץ געשריגן.

דערווייל האָט דער זאָל זיך צעהילכט פון אויסגעשרייען׳ אַנדערע האָבן די קאָמאַנדע-שטאָבן גראָד געוואָרפן צום פירשטס פיס, אָבער קמיטשיץ איז צו זיי נישט צוגעשטאַנען! ער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט אויך דאַמאָלס, ווען דער פירשט האָט אַ געשריי געטון: „גאַנצהויף און קמיטשיץ צו מיר!" — און אויך נישט, ווען די שאָטישע פוס-גייער זענען שוין אַריין אין זאָל —

און ער איז געשטאַנען אַ געמאַטערטער פון ווייטיק און יאוש, מיט אַ שגעון אין בליק מיט בלויע ליפּן.

מיטאַמאָל האָט ער זיך אַ קער געטון צום פרײַלין ביליע-וויטש און אויסגעשטרעקט צו איר די הענט:

— אָלענקאַ!... אָלענקאַ!... — האָט ער מיט אַ יאָ-מערלעכן קרעכץ איבערגעחזרט, ווי אַ קינד וואָס לײַדט אַן עוולה

אָבער זי האָט זיך צוריקגעצויגן מיט אַן עקל און מיט אַ גרויל.

— אַוועק... בוגד! — האָט זי שאַרף אָפּגעענטפערט.

אין דער רגע האָט גאַנצהאָף אַ קאָמאַנדע געגעבן: "מאַ-רויס"! און די אָפּטײלונג פון די שאָטן, וואָס האָט אַרומגערינגלט די אַרעסטירטע, האָט זיך געלאָזט צו דער טיר.

קמיטשיץ האָט גענומען זיי נאָכגיין ווי אַ באַוווסטלאָזע-בײַשט ווײַסנדיק וווהין און צו וואָס.

דער באַנקעט איז געווען געענדיקט...

14. קאַפּיטל.

אין דער זעלבער נאַכט נאָך האָט דער פירשט זיך לאַנג משאל־עצה־געווען מיטן הער קאָרף, דעם ווענדער וואָיעוואָדע, און מיט די שוועדישע שליחים. דער רעזולטאַט פון באַקאַנטמאַכן דעם אָפּמאַך האָט אָפּגענאַרט זיינע דערוואַרטונגען און אַנטפּלעקט פאַר אים אַ געפערלעכע צוקונפט. דער פירשט האָט בכיוון דעם אָפּמאַך געהייסן פאַרלייענען בשעתן באַנקעט, ווען די געמיטער זענען אויפגעהייטערט און אויפגעמונטערט און גוטה צו יעדן הסכם. ער האָט זיך אין יעדן פאַל געריכט אויף אַ ווידערשטאַנד, אָבער ער האָט אויך גערעכנט אויף אַנהענגער, דערווייל איז די ענער־גיע פון פּראָטעסט אַריבערגעשטיגן זיינע דערוואַרטונגען. אַ חוץ אַ פּאָר צענדליק שליאַכטשיצעס קאַלווינער און אַ הייפל אָפיצירן פון פרעמדער אָפּשטאַמונג, וועלכע האָבן אַלס אויסלענדער גישט געקענט האָבן קיין דעה אין דערדאָזיקער פראַגע — האָבן אַלע זיך אַרויסגעזאָגט קעגן דעם אָפּמאַך, וואָס איז געשלאָסן געוואָרן מיט קאַרל גוסטאַוון, אָדער בעסער געזאָגט, זיין פעלד־מאַרשאַל און שוואָגער פּונטוס דע לאַ גאַרדי.

דער פירשט האָט אמת געהייסן אַרעסטירן די ווידערשפּעניקע מיליטערישע עלטסטע. אָבער וואָס וועט דערפון אַרויסקומען? וואָס וועלן דערצו זאָגן די רעגולערע פּולקן?... צי וועלן זיי זיך נישט דערמאָנען אין זייערע פּולקאָווניקעס? צי וועלן זיי זיך נישט צעבונטעווען און נישט וועלן מיט כוח זיי אָפּשלאָגן? וואָס וועט בלייבן אין אַזאַ פאַל דעם שטאָלצן פירשט, אַ חוץ אַ פּאָר דראַגונער-פּולקן און די אויסלענדישע פּוסגייער?

דערנאָך... בלייבט נאָך דאָס גאַנצע לאַנד, די גאַנצע באַיוּאָפּנטע שליאַכטע — און סאַפּיעהאַ, דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע, דער געפערלעכער קעגנער פון ראַדזיווילס הויז, וואָס איז גרייט מלחמה צו האַלטן מיט דער גאַנצער וועלט פאַר דער גאַנצקייט פון דער רעפּובליק. יענע פּולקאָווניקעס, וועלכע מ׳קען דאָך נישט די העלדזוער אָפּשניידן, יענע פּוילישע פּולקן וועלן גיין צו אים און סאַפּיעהאַ וועט זיך שטעלן בראש פון אַלע כוחות פון לאַנד, און דער פירשט ראַדזיוויל וועט בלייבן אָן חייל, אָן אָנהענגער, אָן באַדייטונג... וואָס וועט דאַמאָלס זיין?...

דאָס זענען געווען שרעקלעכע פראַגן, ווייל אויך דער מצב איז געווען אַ שרעקלעכער. דער פירשט האָט גוט פאַרשטאַנען, אַז דאַמאָלס וועט אויך דער אָפּמאַך, איבער וועלכן ער האָט בשתיקה אַזוי פיל געאַרבעט, ממילא פאַרלירן יעדע באַדייטונג, און דאַמאָלס וועלן אויך די שוועדן אים גרינגשעצן, אָדער אפילו זיך נוקם-זיין דערפאַר, וואָס ער האָט זיי אָפּגענאַרט. האָט ער דאָך זיי זיין בירזשע אַלס ערבות פון טריישאַפט אוועקגעגעבן, אָבער דורכדעם האָט ער זיך נאָך מער אָפּגעשוואַכט.

קאַרל גוסטאַוו איז גרייט געווען צו שיטן מיט ביידע הענט מתנות און אויסצייכנונגען פאַרן מעכטיקן ראַדזיוויל — צו אַ שוואַכן און פון אַלע פאַרשטויסענעם וועט ער זיך אָבער באַציען מיט ביטול. און אויב די הצלחה וועט צושפּילן און יאַן קאַזשימיערזש וועט אַ נצחון אָפּהאַלטן, וועט דאַן קומען דער אונטערגאַנג פאַרן דאָזיקן שררה, וועלכער האָט נאָך היינט

אינדערפֿרי נישט געהאַט צו זיך קיין גלייכן אין דער גאַנצער רעפּובליק.

נאָכן אָפּפֿאָר פֿון די שליחים און פֿון ווענדער וואָיעוואָדע, האָט דער פּירשט געכאַפּט דעם מיט דאגה־קנייטשן צע־אַקערטן שטערן אין ביידע הענט אַריין און גענומען מיט גיכע טריט שפּאַנען איבער דער שטוב... פֿון דרויסן האָבן זיך דער־טראָגן די שטימען פֿון די שאָטישע ווערטער אין אַ געפּילדער פֿון אָפּפֿאָרנדיקע שליאַכטעצקע קאַטשן! זיי זענען אָפּגעפֿאָרן עפּעס אַזוי גיך און אַזוי איילִיק, גלייך ווי אַ מגפֿה וואָלט געקו־מען אויפֿן הערלעכן קיידאַנער שלאָס. אַ שרעקלעכע אומרויִקייט האָט געמאַטערט ראַדזיווילס נשמה.

ווילנוויי האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז אַ חוץ אים איז פֿאַראַן נאָך עמעצער, וואָס גייט אים נאָך און רוימט אים אין אויער אַריין: פֿאַרשטויסנקייט, עלנט, און דערצו נאָך שאַנד... האָט מען דאָך אים, דעם ווילנער וואָיעוואָדע און גרויס־העטמאַן, שוין געטרעטן און דערנידעריקט! ווען וואָלט געכטן איינגע־פֿאַלן, אַז אין גאַנץ קרוין־פּוילן און ליטע, יאָ, אין דער גאַנצער וועלט, וועט זיך געפֿינען אַ מענטש, וואָס וועט זיך דערוועגן אים צו שרייען אין פּנים אַריין: „בוגד!" און ער האָט דאָך דאָס אויסגעהערט און ער לעבט נאָך ביז איצט אין די, וואָס האָבן דאָסראָזיקע וואָרט אַרויסגעזאָגט, לעבן אויך. ס׳קען זיין, ווען ער וואָלט אַריינגעגאַנגען אין יענעם זאַל, אין וועלכן דער באַנקעט איז פֿאָרגעקומען, וואָלט ער נאָך דערהערט, ווי דער ווידערקול חזרט איבער צווישן די גזימסען און אונטער די געוועלבן: „בוגד! בוגד!"

און אַ ווילדע רציחה האָט ווילנוויי דעם אָליגאַרך פֿאַר דער ברוסט אָנגעכאַפּט. זיינע נאָז־לעכער האָבן זיך אָנגעבלאָזן, די אויגן האָבן געוואָרפֿן בליצן, די אָדערן אויפֿן שטערן זענען אָנגעלאָפֿן געוואָרן. ווער האָט די העזה צו שטעלן אַ ווידער־שטאַנד זיין רצון?... די דערהיצטע פֿאַנטאַזיע האָט אים אויסגעשטעלט פֿאַר די אויגן דאָס בילד פֿון די שטראָפֿן און מאַטער־נישן פֿאַר די מורדים, וואָס האָבן זיך דערוועגט נישט נאָכצוגיין

ווי הינט באַ זיינע פיס. און ער האָט געזען זייער בלוט, וואָס טריפט פון די תּלינישע העק, ער האָט געהערט דאָס קנאַקן פון די ביינער, וואָס ווערן געבראָכן דורכן ראָד, און ער האָט זיך גע־באָדן און געקוויקט און געזעטיקט מיט די בלוטיקע בילדער.

אָבער ווען די ניכטערע איבערגעלייגטקייט האָט אים דער־מאָנט, אַז הינטער דידאָזיקע מורדים שטייט די אַרמיי, אַז מ׳קען נישט אומבאַשטראָפט זיי די קעפּ אַראָפּדרייען, דאַמאָלס האָט אַן אומדערכּר׳גלעכע, אַ גיהנומדיקע אומרו־קייט ווידער אַרומגעכאַפּט זיין נשמה. און עמעצער האָט ווידער גענומען אים רוימען אין אויער אַריין:

„פּאַרשטויסנקייט, עלנט, משפּט און שאַנד"...

— ס׳טייטש? טאָר, הייסט עס, ראַדזיוויל אפילו נישט באַ־שטימען וועגן גורל פון לאַנד? דערהאַלטן עס באַ יאַן קאַזשי־מיעזשן, אָדער עס געבן קאַרל גוסטאַוון? געבן, איבערגעבן, שענ־קען, וועמען ער וויל?

דער מאַגנאַט האָט מיט פאַרוווּנדערונג אַ קוק געטון פאַר זיך.

אויב אַזוי, טאָ וואָס־זשע זענען די ראַדזיווילס? וואָס זע־נען זיי נעכטן געווען? וואָס האָט מען אומעטום גערעדט אין ליטע?... איז דאָס אַלץ געווען אַ פאַרבלענדעניש? וועט דען באַם גרויס־העטמאַן זיך נישט שטעלן פירשט באָגוסלאַוו מיט זיי־נע פולקן, היינטער אים דער בראַנדענבורגישער קורפירשט, און הינטער אַלע דריי קאַרל גוסטאַוו, דער שוועדישער קעניג, מיט דער גאַנצער זיגרייכער מאַכט, פאַר וועלכער ס׳האָט נאָך ערשט נישט לאַנג געציטערט דייטשלאַנד אַזוי לאַנג און ברייט ווי זי איז? שטרעקט דאָך אויך די פּוילישע רעפּובליק אויס די האַנט צום נייעם מושל און זי גיט זיך אונטער בלויז אויף די ידיעה וועגן דערנענטערן זיך פון צפונדיקן לייב. ווער־זשע וועט שטעלן אַ ווידערשטאַנד דערדאָזיקער אומגעצוימטער קראַפט?

פון איין זייט דער שוועדישער קעניג, דער בראַנדענבור־גישער קורפירשט, די ראַדזיווילס, אין אַ בונט אויך כמיעלניצקי מיט דער גאַנצער מאַכט און דער וואַלאַכישער האָספּאָדאַר און

דער ס׳עמיגראַנטער ראַקאָטשי, כמעט האַלב אייראָפּע! — פון דער אַנדערער זייט דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע מיטן הער מירסקי, מיטן הער סטאַניעוויטש, מיט יענע דריי שליאַכטשיצעס, וואָס זענען פון לוקאָוו אָנגעקומען, און מיט אַ פּאָר צעבונטעווטע פּולקן!... וואָס איז דאָס? אַ שפּאַס? אַ חוזק?...

דאָ האָט דער פּירשט מיטאַמאָל גענומען הויך לאַכן.

— נישט אַנדערש, נאָר כ׳בין משוגע געוואָרן!... זאָלן זיי גיין אַלע צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע!

אין אַ ווײַלע אַרום איז אָבער זײַן שטערן ווידער גערינצלט געוואָרן:

— דידאָזיקע מיזכטיקע לאָזן צו נאָר מעכטיקע צום שותפות. אַ ראַדזיוויל, וואָס וואַרפט ליטע צו די שוועדישע פיס, וועט זײַן אַן אָנגעלייגטער שותּף... אַ ראַדזיוויל גיבער, וואָס רופט נאָך הילף קעגן ליטע, וועט מען גרינגשעצן.

וואָס דאַרף מען טון?

די אויסלענדישע אָפּיצירן וועלן אים נישט פאַרלאָזן, אָבער זייערע כוחות זענען צו קנאַפּ און אויב די פּוילישע פּולקן וועלן אַריבערגיין צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע, וועט ער האָבן דעם גורל פון לאַנד אין דער האַנט. איבעריקנס, וועט יעדער פון די דאָזיקע אָפּיצירן טאַקע אויספירן די באַפעלן, אָבער ער וועט זיך איר נישט אָפּגעבן מיט דער גאַנצער נשמה און מיטן גאַנצן ברען, נישט בלויז אַלס זעלנער, נאָר אויך אַלס אָנהענגער.

דאָ, פאַרשטייט זיך, מוז מען האָבן נישט אויסלענדער, נאָר דווקא אייגענע מענטשן, וועלכע זאָלן קענען צוציען אַנדערע מיט זייער נאָמען, מיט זייער מוט, רום, דרייסטן בײַשפּיל, גרייטקייט אויף אַלץ... מען מוז האָבן אין לאַנד אָנהענגער, ווען אַפילו נאָר לפנים.

און ווער האָט פון דידאָזיקע אייגענע זיך געשטעלט אויף דער זייט פון פּירשט? כאַרלאַמפּ, אַן אַלטער, אָפּגעלצבטער זעלנער, וואָס טויג צו דער דינסט און צו גאָרנישט מער; גיעוויאַראָווסקי, וואָס איז אין דער אַרמיי נישט באַליבט און האָט נישט קיין שום השפּעה; נאָך זיי אַ פּאָר אַנדערע פון אַ נאָך קלענערער

באַדייטונג. קיינער פון די איבעריקע, קיינער פון אַזעלכע, נאָך וועלכן דאָס חייל וואָלט נאָכגעגאַנגען, קיינער פון אַזעלכע, וועלכער וואָלט געקענט זיין אַ פּראָפּאַגאַטאָר פון דער זאַך.

איז געבליבן קמיטשיק, ער איז יונג, אונטערנעמעריש, דרייסט, באַדעקט מיט אַ גרויסן ריטערלעכן רום, טראָגט אַ מיוחס־דיקן נאָמען, שטייט בראש פון אַ מעכטיקן פּולק, וואָס איז צום טייל אויף די אייגענע הוצאות אויפגעשטעלט געוואָרן, אַ מענטש, וואָס איז ווי באַשאַפן צו זיין אַ פירער פון אַלע דרייסטע און אומרויִקע גייסטער אין ליטע, און דערצו נאָך איז ער פול מיט יוגנטלעכן פייער. ווען ער וואָלט זיך פעסט גענומען צו ראַדזי־ווילס זאַך, וואָלט ער זיך צו איר גענומען מיטן גלויבן פון אַ יונגנמאַן, ער וואָלט זיין העטמאַן נאָכגעגאַנגען בלינדערהייט און וואָלט וועראַבירט אַנהענגער אין זיין נאָמען, און אַזאַ אַפּאָסטאָל האָט מער חשיבות, ווי גאַנצע פּולקן, ווי גאַנצע רעגימענטן פון אויסלענדער. ער וואָלט באַווייזן זיין גלויבן אַריינצוגיסן אין די הערצער פון יונגן ריטערטום, און עס מיטצוציִען מיט זיך און פול צו מאַכן ראַדזיווילס לאַגער מיט מענטשן.

אָבער אויך ער האָט משמעות זיך אַ וואַקל געטון. ער האָט אמת זיין שטאַב נישט געוואָרפן צום העטמאַנס פיס, אָבער ער איז צו אים אין דער ערשטער רגע נישט צוגעשטאַנען.

— מ׳קען אויף קיינעם נישט רעכענען, מ׳קען מיט קיינעם נישט זיכער זיין — האָט דער פירשט אומעטיק געטראַכט — זיי אַלע וועלן אַריבערגיין צום וויטעבסקער וואָיעוואָדע און קיינער וועט מיט מיר נישט וועלן טיילן. . .

— די שאַנד! — האָט צום געוויסן אַ שעפּטשע געטון.

— ליטע — האָט די גדלות פון דער צווייטער זייט גע־ענטפערט.

אין דער שטוב איז פינסטער געוואָרן, ווייל אויף די קנויטן פון די ליכט האָבן זיך אָפּגעזעצט שוואָמען, נאָר דורך די פענ־סטער איז אַריינגעפלאָסן די זילבערנע שיין פון דער לבנה. ראַ־דזיוויל האָט זיך איינגעקוקט אין דאָזיקן ליכט און זיך טיף פאַר־טראַכט.

ביסלעכווייז האָט זיך גענומען עפּעס רירן אין דער דאָנקער שיין, עפּעס געשטאַלטן זענען אויפגעשטאַנען און זייער צאָל איז געוואָרן וואָס אַמאָל גרעסער, ביז דער פירשט האָט צום סוף דערזען חיילות, וואָס גייען צו אים פון הויכע פאַרבאָרגענע שטעגן דורך דעם ברייטן לבנהדיקן וועג. עס גייען פאַנצער-פולקן, הייזערן און לייכטע רייטער, אַ וואַלד פון פאָנען שווימט איבער זיי, און אין דער שפּיץ רייט עפּעס אַ מענטש אָן אַ העלם אויפן קאָפּ, אָפּגעם, אַ טרי:ומפאַטאָר, וואָס קערט צוריק נאָך אַ זיגרייכער מלחמה. שטיל איז אַרום און אַרום, און דער פירשט הערט דייטלעך די שטים פון חייל און פון פולק: „זאָל לעבן דער פּאַרטייריקער פון פאָטערלאַנד!” די חיילות קומען צו וואָס אַמאָל נעענטער; מ׳קען שוין דערקענען דאָס פּנים פון פירער. אַ קאָמאַנדע-שטאָב האַלט ער אין דער האַנט; ס׳איז קענטיק, אַז דאָס איז אַ גרויס-העטמאַן.

— אין נאָמען פון פאָטער און זון! — רופט אויס דער פירשט — דאָס איז סאַפּיעהאַ, דאָס איז דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע! און וווּ בין איך? און וואָס איז מיר באַשערט?

— שאַנד! — שעפּטשעט דאָס געוויסן.

— ליטע! — ענטפערט די גדלות.

דער פירשט האָט אַ פּאַטש געטון אין די הענט; האַראַסימאָוויטש, וועלכער האָט געוואַכט אין דער דערנעבנדיקער שטוב, האָט זיך תיכּף באַוויזן אין דער טיר און זיך איינגעבויגן אין צווייען.

— ליכט! — האָט דער פירשט געזאָגט.

האַראַסימאָוויטש האָט צורעכט געמאַכט די קנויטן פון די ליכט, דערנאָך איז ער אַרויסגעגאַנגען און אין אַ ווײַלע אַרום צוריקגעקומען מיט אַ לייכטער אין דער האַנט.

— גנעדיקער הער פירשט! — האָט ער געזאָגט — שוין צייט צו גיין שלאָפן, די צווייטע הענער האָבן שוין געקרייט!

— כ׳וויל נישט! — האָט דער פירשט געזאָגט — כ׳האָב איינגעדרימלט און בייזע חלומות זענען מיך באַפאַלן. וואָס הערט מען דאָרט נייעס?

— עפעס אַ שליאכטשיץ האָט געברענגט אַ בריוו פון גיעסוויעזש פון פירשט טיש מייסטער, אָבער כ'האָב זיך נישט דערוועגט אַרייַנצוגיין נישט גערופענערהייט.

— גיב וואָס גיכער דעם בריוו!

האַראַסימאָוויטש האָט דערלאַנגט אַ פאַרחתמעטן בריוו, דער פירשט האָט אים געעפנט און גענומען לייענען דאָס ווייטערדיקע:

„זאָל גאָט שיצן דעם גנעדיקן הער פירשט און צוריקהאַלטן פון אַזעלכע פלענער, וועלכע קענען ברענגען אונדזער הויז אַן אייביקן שאַנד-פלעק און פאַרניכטונג. בלויז פאַר אַזאַ כוונה דאַרף מען שוין נישט טראַכטן וועגן געוועלטיקונג, נאָר וועגן אַ תשובה-העמדל. מיר ליגט אויך נאָנט צום האַרצן די גדולה פון אונדזער הויז, און אַמבעסטן באַווייזן דאָס די באַמיונגען, וואָס כ'האָב געמאַכט אין ווין, אַז מיר זאָלן קענען האָבן רעכט אין די סיימען פון דייטשן רייך. אָבער דאָס פאָטערלאַנד און אויך מיין האַר קעניג וועל איך פאַר קיין שום באַלוינונגען און ערדישע מאַכט נישט פאַרראַטן, כדי איך זאָל נאָך אַזאַ זריעה נישט שניידן קיין שאַנד באַם לעבן און קיין חרמות נאָכן טויט. געדענקט, גנעדיקער הער פירשט, אין די פאַרדינסטן פון די אבות און אין דעם אומבאַפלעקטן רום און לייגט זיך די זאַך גוט איבער, כל-זמן ס'איז נאָך צייט. דער שונא באַלאַגערט מיך אין ניעסוויעזש און כ'ווייס נישט, צי דערדאָזיקער בריוו וועט אָנקומען אין אייערע הענט; אָבער הגם איך בין יעדע רגע אויסגעשטעלט אויף די סכנה פון אונטערגאַנג, בעט איך גאָט נישט וועגן רעטונג, נאָר אַז ער זאָל אייך, גנעדיקער הער פירשט, פון דידאָזיקע פלענער צוריקהאַלטן און אויפן דרך-הישר אַרויספירן. ווען אפילו עס זאָל שוין זיין עפעס שלעכטס אָפגעטון, קען מען נאָך זיך צוריקציִען און מיט גיכער

אויסבעסערונג דאַרף מען די זינד פֿאַרגלעטן. און פֿון מיר זאָלט איר אויף קיין הילף זיך נישט ריכטן, ווייל איך דערקלער באַצייטנס, אַז נישט געקוקט אויף די בלוט-קרובהשאַפֿט, וועל איך מיינע כוחות מיטן הער שאַצמייסטער און מיטן וויטעבסקער וואָיעוואָדע פֿאַר-אייניקן אין מיין בלי-זיין הונדערט מאָל גיכער אַקעגן דעם גנעדיקן הער פֿירשט ווענדן, איידער מיטן גוטן צולייגן אַ האַנט צו דער דאָזיקער שענדלעכער בגידה.
זאָל גאָט זיין אין אייער הילף.

מיכאַל קאַזשימיערזש ראַדזיוויל

פֿירשט אויף ביעסוויעזש און אָליקאַ,
טיש-מייסטער פֿון ליטווישן גרויס-פֿירשטענטום".

נאָכדעם ווי דער העטמאַן האָט דורכגעלייענט דעם בריוו, האָט ער אים אַראָפּגעלאָזט אויף די קני און גענומען שאָקלען מיטן קאָפּ מיט אַ פֿיינלעכן שמייכל אויפֿן פּנים.

— אויך ער פֿאַרלאָזט מיך, דאָס אייגענע בלוט פֿאַרלייקנט מיך דערפֿאַר, וואָס איך האָב אונדזער הויז געוואָלט באַצירן מיט אַ גלאַנץ, וואָס איז ביז איצט נאָך נישט באַקאַנט געווען!... פֿאַרפֿאַלן! עס בלייבט נאָר באָגוסלאַוו, ער וועט מיך נישט פֿאַר-לאָזן... מיט אונדז איז דער קורפֿירשט און קאַרל גוסטאַוו, און ווער עס וויל נישט זיין, דער וועט אויך נישט שניידן...

— קיין שאָד! — האָט דאָס געוויסן אַ שעפּטשע געטון.

— דער גנעדיקער הער פֿירשט באַוויליקט צו געבן אַ תשובה? — האָט האַראַסימאָוויטש געפֿרעגט.

— עס וועט נישט זיין קיין תשובה.

— קען איך אויך גיין און די קאַמערדינער צושיקן?

— וואַרט... זענען די שמירות גוט אויסגעשטעלט?

— יאָ.

— די באַפֿעלן צו די פּולקן זענען פֿונאַנדערגעשיקט?

— יאָ.

— וואָס טוט קמיטשיק?

— ער האָט זיך דעם קאָפּ אין די וואַנט געשלאָגן און גע־שריגן ווענן חרמות. ער האָט געצאַפּלט, ווי אַ פיש. האָט געוואָלט באַכלויפן די בילעוויטשס, די וואַך האָט אים נישט געלאָזט. ער האָט זיך געכאַפּט צו דער שווערט, מ׳האָט אים געמוזט בינדן. איצט ליגט ער רויק.

— דער ראָסיענער שווערט־טרעגער איז אָפּגעפאָרן?

— ס׳איז נישט געווען קיין באַפעל אים צו פאַרהאַלטן.

— כ׳האָב פאַרגעסן! — האָט דער פירשט געזאָגט — עפן די פענסטער, ווייל ס׳איז דעמפיק און די אָטעמע שטיקט מיך. כאַרלאַמפּן זאָג, אַז ער זאָל אוועק קיין אופּיטאַ נאָכן פּולק און אים דאָ באַלד אַראָפּברענגען. זאָל מען אים געבן געלט און זאָל ער די ערשטע ראָטע די מענטשן אויסצאָלן און זיי לאָזן זיך וווּהין... זאָג אים, אַז וואָלאָדיאָווסקיס דידקעמיע וועט ער באַקומען אויפן גאַנצן לעבן אַרויס. די אָטעמע שטיקט מיך... וואַרט!

— ווי איר באַפעלט, גנעדיקער הער פירשט.

— וואָס טוט קמיטשיק?

— ווי כ׳האָב געזאָגט דעם גנעדיקן הער פירשט, ער ליגט רויק.

— אמת! האָסט געזאָגט... הייס אים דאָ אַהערשיקן. כ׳דאַרף מיט אים רעדן. די קייטן הייס פון אים אַראָפּ־נעמען.

— גנעדיקער הער פירשט, דאָס איז אַמשוגענער מענטש...

— האָב נישט קיין מורא, גיי!

האַראַסימאָוויטש איז אַרויסגעגאַנגען; דער פירשט האָט פון אַ וועגעציאַנער שרייב־פּולט אַרויסגענומען אַ שאַכטעל מיט פּיסטאָלעטן, האָט זי אויפגעמאַכט און אַוועקגעלייגט באַ דער האַנט אויפן טיש, באַ וועלכן ער האָט זיך אַוועקגעזעצט.

אין אַ פערטל שעה אַרום איז קמיטשיק אַריינגעקומען, באַ־

בלייט פֿון פֿיר שאַטישע טראַבאַנטן. דער פֿירשט האָט די זעלנער געהייסן אַוועקגיין. זיי זענען געבליבן אַליין.

ס'האָט זיך געדאַכט, אַז עס איז נישטאָ קיין איין טראָפּן בלוט אין פּנים פֿון יונגן ריטער, אַזוי בלייך איז עס געווען; נאָר די אויגן האָבן אים פֿיבערהאַפֿט געגלאַנצט, אָבער אַזוי איז ער געווען רויִק, רעזיגנירט, הגם ער האָט געשיינט צו זײַן פֿאַרזונקען אין אַן אָפּגרונט-טיפֿן יאוש.

אַ ווײַלע האָבן זיי ביידע שטילגעשוויגן. דער ערשטער האָט דער פֿירשט גענומען רעדן:

— האָסט געשווירן אויפֿן צלם. אַז דו וועסט מיך נישט פֿאַרלאָזן!

— פֿאַרשאָלטן וועל איך זײַן, אַז כ'וועל דידאָזיקע שבועה נישט האַלטן; פֿאַרשאָלטן וועל איך זײַן, אַז כ'וועל זי יאָ האַלטן! — האָט קמיטשיץ געזאָגט — ס'איז מיר אַלצאיינס!

— ווען אַפֿילו איך וואָלט דיך געפֿירט צו אַלדאָס בייז, וואָלסטו אויך נישט געטראָגן די אחריות.

— מיט אַ חודש צוריק בין איך געווען אויסגעשטעלט אויף געריכטן און שטראָפֿן פֿאַר רציחות... הײַנט דאַכט זיך מיר, אַז כ'בין דאַמאָלס געווען אומשולדיק, ווי אַ קינד!

— איידער דו וועסט אַרויסגיין פֿון דערדאָזיקער שטוב, וועסטו דיך שפּירן אויסגעלייזט פֿון אַלע דײַנע אַמאָליקע זינד — האָט דער פֿירשט געזאָגט.

מיטאַמאָל, בײַטנדיק דעם טאָן, האָט ער געפֿרעגט מיט אַ פֿאַרטרויליכער גוטמוטיקייט:

— וואָס האָב איך דען, לויט דײַן מיינונג, געדאַרפֿט טון, האָבנדיק פֿאַר זיך צוויי שונאים, הונדערט מאָל מעכטיקערע פֿון מיר, אַנטקעגן וועלכע כ'האָב דאָסדאָזיקע לאַנד נישט געקענט פֿאַרטיידיקן?

— אומקומען! — האָט קמיטשיץ שאַרף געענטפֿערט.

— ס'איז אײַך, זעלנער, מקנא צו זײַן, וואָס איר מעגט אַזוי לײַכט אַראָפּוואַרפֿן פֿון זיך אַ דריקנדיקע משא. אומקומען! ווער עס האָט דעם טויט אין די אויגן אַרײַנגעקוקט און האָט פֿאַ־

אים קיין מורא נישט, פאַר דעם איז עפּעס גרינגערס אויף דער וועלט נישטאָ. אייך טוט דער קאָפּ נישט ווי און קיינעם פאַלט גאָרנישט איין, אַז ווען איך וואָלט איצט אַ פּאַרביסענע מלחמה צעבלאָזן און נישט געשלאָסן קיין אָפּמאַך, נאָר אומגעקומען, וואָלט דאַמאָלס קיין שטיין אויף אַ שטיין אין דאָזיקן לאַנד נישט געבליבן, זאָל גאָט אָפּהיטן, אַז דאָס זאָל געשען, ווייל אפילו אין הימל וואָלט מיין נשמה קיין מנוחה נישט געהאַט. אָ, ווי וויל און ווי גוט איז אייך, וואָס איר קענט אומקומען! מייבסטו טאַקע, אַז אויך מיר איז דאָס לעבן שוין נישט נמאס און אַז איך לעכץ נישט נאָך אַן אייביקן שלאָף און אָפּרו? אָבער מען מוז דעם בעכער פון גאַל און ביטערניש ביז צום באָדעם אויסליידיקן. מען מוז ראַטעווען דאָסדאָזיקע אומגליקלעכע לאַנד און צוליב זיין רעטונג זיך אונטער אַ נייער משא בייגן. זאָלן די בעל קנאה מיך חושד זיין אין גדלות, זאָלן זיי זאָגן, אַז איך באַגיי לגבי דעם פאָטערלאַנד אַ בגידה, כדי זיך אַליין צו דערהייבן. זאָל גאָט זיין מיין עדות, זאָל גאָט משפּטן, צי איך בין אויסן דידאָזיקע דערהייבונג און צו כ׳וואָלט אויף איר נישט מוותר געווען, ווען עס וואָלט געקענט אַנדערש זיין... אדרבא, געפינט איר, וואָס איר ווערט פון מיר אַפּטריניק, אַ מיטל צו ראַטעווען דאָס לאַנד; ווייזט איר אָן אַ וועג, איר, וואָס איר האָט מיך פאַר אַ בוגד פאַרשריגן, און נאָך היינט וועל איך דעמדאָזיקן דאָקומענט צעפליקן און אַלע פעלקן פון שלאָף אויפוועקן, כדי צו מאַרשירן אויפן שונא.

קמיטשיץ האָט געשוויגן.

— נו, פאַרוואָס שווייגסטו? — האָט ראַדזיוויל מיט אַ העכערער שטים אויסגערופן — איך מאַך דיך אויף מיין אָרט פאַר גרויס-העטמאַן און ווילנער וואָיעוואָדע, און דו קום נישט אום, ווייל דאָס איז קיין קונץ נישט, נאָר ראַטעווע דאָס לאַנד: פאַרטיידיק די פאַרנומענע וואָיעוואָדזטוועס, נעם נקמה פאַרן חורבן ווילנע, פאַרטיידיק זשאַמעט אַנטקעגן דעם שוועדישן אָנלויף, יאָ, פאַרטיידיק די גאַנצע רעפּובליק, פאַריאָג פון די גרענעצן אַלע שונאים!... צערייס זיך אין דרייען אויף טויזנטער און קעמ

נישט אום! . . . און קום נישט אום, ווייל דו טאָרסט נישט, נאָר ראַטעווע דאָס לאַנד! . . .

— איך בין נישט קיין העטמאַן און קיין ווילנער וואָיע־וואָדע — האָט קמיטשיץ געענטפערט — און וואָס עס געהערט נישט צו מיר, דאָס איז נישט מיין עסק. . . אָבער ווען עס האַלט דערביי, אַז איך זאָל מיך צערייסן אין דרייען אויף טויזנטער, וועל איך זיך צערייסן!

— אויב אַזוי הער־זשע מיך אויס, זעלנער: אויב עס איז נישט דיין עסק דאָס לאַנד צו ראַטעווען, טאָ לאָז עס מיר איבער און האָב צוטרוי!

— איך קען נישט! — האָט קמיטשיץ געזאָגט מיט צונויפגעפּרעסטע ציין.

ראַדזיוויל האָט אַ טרייסל געטון מיטן קאָפּ:

— איך האָב נישט גערעכנט אויף יענע, כ׳האָב זיך גערעכט אויף דעם, וואָס איז געשען, אָבער אין דיר האָב איך זיך אָפּגענאַרט. האַק נישט איבער און הער מיך אויס. . . כ׳האָב דיך געשטעלט אויף די פיס, באַפרייט פון געריכט און פון שטראָף, צוגעטוליעט צום האַרץ, ווי אַ זון. ווייסטו פאַרוואָס? ווייל כ׳האָב געמיינט, אַז דו האָסט אַ דרייסטע נשמה, גרייט צו גרויסע מעשים. כ׳האָב געדאַרפט אַזעלכע מענטשן, איך פאַרהויל דאָס נישט. ס׳איז אַרום מיר נישט געווען קיינער, וואָס זאָל זיך דערוועגן אַ קוק צו טון אין די זון אַריין מיט אַן אומדערשראָקענעם אויג. עס זענען געווען מענטשן פון אַ שוואַכן גייסט און אַ שוואַכן מוט. אַזעלכע זאָלסטו קיינמאָל נישט ווייזן קיין אַנדערן וועג, ווי דעם, איבער וועלכן זיי אַליין און זייערע עלטערן זענען געוווינט געווען צו גיין, ווייל זיי וועלן דיך פאַרקלאָגן, אַז דו פירסט זיי אויף קרומע וועגן. און וווהין, אויב נישט צום תהום, האָבן אונדז אַלע יענע אַלטע וועגן דערפירט? וואָס טוט זיך מיט דער דאָזיקער רעפובליק, וועלכע האָט אַמאָל געקענט אַ וועלט באַדראָען?

דאָ האָט דער פירשט געגומען דעם קאָפּ אין די הענט און דריי מאָל איבערגעחזרט:

— גאָט! גאָט! גאָט! . . .

און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער ווייטער אַזוי געזאָגט:

— עס זענען אָנגעקומען צייטן פון גאָטס גרימצאָרן, צייטן פון אַזעלכע מפּלות, פון אַזאַ ירידה, אַז מיט פּשוטע מיטלען וועלן מיר זיך שוין פון דערדאָזיקער קרענק נישט אויפהייבן, און אַז איך וויל באַנוצן נייע מיטלען, די איינציקע, וואָס קענען ברענגען אַ רעטונג, דאַמאָלס פאַרלאָזן מיך אפילו די, וואָס אויף זייער גרייטקייט האָב איך גערעכנט, וועלכע האָבן געדאַרפט צו מיר האָבן צוטרוי, וועלכע האָבן מיר טריישאַפט אויפן צלם צוגעשווירן... באַ קריסטוסעס בלוט און פּיין! מיינסטו דען, אַז איך האָב אויף אייביק זיך אונטערגעגעבן קאַרל גוסטאַווס שוץ, אַז איך האָב בדעה אויף אַן אמת דאָסדאָזיקע לאַנד צו פאַרייניקן מיט שוועדן, אַז דערדאָזיקער אָנמאַך, פאַר וועלכן מ׳האָט מיך פאַר אַ בוגד פאַרשריגן, וועט דויערן לענגער ווי אַ יאָר?... וואָס קוקסטו אַזוי מיט פאַרחידושטע אויגן?... וועסט זיך נאָך מער פאַרחידושן, אַז דו וועסט אַלץ אויסהערן... וועסט זיך נאָך מער דערשרעקן, ווײַל דאָ וועט געשען עפּעס אַזוינס, וואָס קיינער ריכט זיך נישט דערויף, וואָס קיינער איז זיך גאָרנישט משער, וואָס דער מוח פון אַ פּשוטן מענטש איז עס גאָרנישט מסוגל צו באַנעמען. אָבער איך זאָג דיר, אַז דו זאָלסט נישט ציטערן, ווײַל אין דעם ליגט די רעטונג פון דאָזיקן לאַנד, דו זאָלסט זיך נישט צוריקציִען, ווײַל אויב קיינער וועט מיר נישט קומען צו הילף, וועל איך אפשר אומקומען, אָבער איינגעם מיט איר וועט אומקומען די רעפּובליק און איר אַלע — אויף אייביק! נאָר איך אַליין קען זי מציל זיין, אָבער דערצו מוז איך באַזייטיקן און אַפּרוימען אַלע מניעות. ווי וועט זיין צו דעם, וואָס וועט זיך מיר אַקעגנשטעלן, ווײַל גאָט אַליין וועט אים דורך מיר צוברעכן, צי דאָס וועט זיין דער וויטעבסקער וואָיעוואָדע, צי דער שאַצמייסטער גאָשיעווסקי, צי די אַרמיי, צי די ווידערשפּעניקע שליאַכטע. כ׳וויל דאָס פאָטערלאַנד מציל זיין און אַלע וועגן, אַלע מיטלען דערצו זענען פאַר מיר כשר. רוים האָט אין מאָמענטן פון מפּלות באַשטימט דיקטאַטאָרן — אַזאַ, יאָ, נאָך אַ גרעסערע, פעסטערע מאַכט איז מיר נייטיק... נישט די גדלות שטויסט מיך

צו איר — ווער עס פילט זיך בכוח, זאָל זי אָנשטאָט מיר געמען אויף זיך! אָבער ווען קיין אַנדערער איז נישטאָ, וועל איך זי נעמען, סיידן דידאָזיקע מויערן וועלן פריער אויף מיין קאָפּ אומפאַלן!...

באַ דידאָזיקע ווערטער האָט דער פירשט אויסגעצויגן ביידע הענט אין די הויך, גלייך ווי ער וואָלט אויף אַן אמת געוואָלט אונטערשפּאַרן דעם אַראָפּפאַלנדיקן סופיט, און ס׳איז געווען אין אים עפּעס אַזאַ ריזן-קראַפט, אַז קמיטשיץ האָט ברייט די אויגן אויפגעמאַכט און געקוקט אויף אים, ווי ער וואָלט אים ביז איצט נאָך קיינמאָל נישט געזען — און צום סוף האָט ער געפרעגט מיט אַ פאַרענדערטער שטים:

— צו וואָס שטרעבט דער גנעדיקער הער פירשט?... וואָס ווילט איר?...

— כ׳וויל... די קרוין! — האָט ראַדזיוויל אויסגעשריגן.

— יעזוס, מאַריאַ!...

אַ ווײַלע האָט געהערשט אַ טויט-שטילקייט — נאָר די גאַכטראָב אויפן שלאָס-טורעם האָט גענומען אימהדיק לאַכן.

— הער — האָט דער פירשט געזאָגט — שוין צייט דיר אַלץ מגלה צו זיין... די רעפּובליק גייט אונטער... עס האַנדלט זיך וועגן דעם, אַז צוערשט זאָל מען דאָסדאָזיקע לאַנד, דאָסדאָזיקע געבענטשטע פאָטערלאַנד אונדזערס, מציל זיין פון חורבן... און דערנאָך... דערנאָך אַלץ פון די חורבות ווידער באַנייען, ווי דער פעניקס באַנייט זיך... איך וועל דאָס טון... און דידאָזיקע קרוין, וואָס איך וויל, וועל איך ווי אַ משא אויפן קאָפּ אַרויפלייגן, כדי פון יענעם גרויסן קבר אַ נײַ לעבן אַרויסצופירן... ציטער נישט! די ערד שפּאַלט זיך נישט, אַלץ שטייט אויפן אַלטן אָרט, עס קומען נאָר אָן נײַע צייטן... כ׳האָב דאָסדאָזיקע לאַנד אוועקגעגעבן די שוועדן, כדי מיט זייער געווער אַ צווייטן שונא איינצוצוימען, צו פאַריאָגן אים פון די גרענעצן, צוריקצוגעווינען דאָס פאַרלוירענע און אין זיין אייגענער הויפּט-שטאָט אַ טראַקטאַט אַרויסצופּרעסן... דו הערסט מיך? אָבער אין יענעם

פעלזיקן, הונגעריקן שוועדן איז נישט פאַרהאַן גענוג מענטשן, גענוג כּוחות, גענוג שווערטן אויף צו פאַרכאַפּן דידאָזיקע אומגעהייערע רעפּובליק. זיי קענען איין מאָל און צוויי מאָל מנצח זיין אונדזער חייל; איינהאַלטן אונדז אין געהאָרכזאַמקייט וועלן זיי נישט באַוויזן... ווען מ'זאָל צו יעדע היגע צען מענטשן צוגעבן פאַר אַ שומר איין שוועד, וואָלטן נאָך פאַר אַ כך צענדליקער מענטשן קיין שומרים נישט געקלעקט... און קאַרל גוסטאַוו ווייסט דאָס גאַנץ גוט און ער קען און וויל נישט פאַרכאַפּן די גאַנצע רעפּובליק... ער וועט פאַרנעמען דאָס קעניגלעכע פּרייסן, העכסטנס נאָך אַ טייל פון גרויס־פּוילן — און דערמיט וועט ער זיך צופרידנשטעלן. אָבער כּדי ער זאָל להבא קענען אומגעשטערט רעגירן איבער דידאָזיקע איינגענומענע לענדער, מוז ער דעם בונד פון קרוין־פּוילן מיט אונדז צערייסן, ווייל אַנדערש וואָלט ער אין יענע פּראָווינצן נישט געקענט גלייבן זיצן. וואָס וועט דאַן געשען מיטן דאָזיקן לאַנד? וועמען ווילן זיי עס אָפּגעבן? און אָט, אויב איך וועל אָפּוואַרפן דידאָזיקע קרוין, וואָס גאָט און דער גורל לייגן מיר אויפן קאָפּ אַרויף, וועלן זיי עס אָפּגעבן דעם, וואָס האָט עס אין דער רגע ווירקלעך באַוועלטיקט... אָבער קאַרל גוסטאַוו האָט נישט קיין חשק דאָס צו טון, כּדי די שכנותדיקע מאַכט נישט צופיל צורייצן און זיך אַ געפערלעכן שונא נישט צו באַשאַפן. סיידן איך וועל די קרוין אָפּוואַרפן, דאַמאָלס וועט מוזן אַזוי זיין... האָב איך אָבער דאָס רעכט זי אָפּצוּוואַרפן? קען איך צולאָזן, אַז עס זאָל געשען דאָס, וואָס שמעקט מיט אַ פולשטענדיקן אונטערגאַנג? צום צענטן און צום הונדערטסטן מאָל פרעג איך: וווּ איז פאַרהאַן אַן אַנדער מיטל צו ראַטעווען? זאָל־זשע דעריבער געשען גאָטס רצון! איך נעם דידאָזיקע משא אויף די פּלייצעס. די שוועדן שטייען הינטער מיר, דער קורפירשט, אונדזער קרוב, זאָגט צו הילף. כ'וועל באַפרייען דאָס לאַנד פון אַ מלחמה! פון נצחונות און פאַרברייטערונג פון די גרענעצן וועל איך אָנהייבן די ממשלה פון מיין הויז. עס וועט הערשן רו און גליק, קיין פייער וועט נישט פאַרצערן די דערפער און שטעט, אַזוי וועט זיין און אַזוי מוז זיין... אַזוי זאָל מיר

העלפן גאָט און דער הייליקער צלם — ווייל איך שפּיר אין זיך די קראַפט און די מאַכט, וואָס זענען מיר פון הימל געגעבן, ווייל איך וויל דאָס גליק פון דערדאָזיקער מדינה, ווייל נאָך נישט דאָ לאָזן זיך אויס מיינע פּלענער... און אויף דידאָזיקע הימלישע ליכטער שווער איך, אויף דידאָזיקע פלאַטערנדיקע שטערנס, אַז אויב עס וועלן מיר נאָר קלעקן כּוחות און געזונט, וועל איך נאָך היינט דעמדאָזיקן גאַנצן זיך צופאַלנדיקן בנין אויפסניי אויפבויען און נאָך מעכטיקער, ווי ביז איצט, אים מאַכן.

אַ פייער האָט געשלונגען פון די שוואַרץ-אַפּלען און אויגן פון פירשט און זיין גאַנצע געשטאַלט איז געווען באַשטראַלט פון עפּעס אַן אומגעוויינטלעכער שיין.

— גנעדיקער הער פירשט! — האָט קמיטשיק אויסגעשריגן — דער מוח קען דאָס נישט באַנעמען, דער קאָפּ פּלאַצט, די אויגן האָבן מורא צו קוקן פאַר זיך!

— דערנאָך — האָט ראַדזיוויל ווייטער געזאָגט, גלייך ווי ער וואָלט מיטגעריסן געוואָרן פון דעם ווייטערדיקן שטראָם פון זיינע אייגענע געדאַנקען — דערנאָך... וועלן די שוועדן באַזיגן קאַזשימיערזשן, נישט צונעמען נישט די מלוכה און נישט די ממשלה, נאָר זיי וועלן אים איבערלאָזן אין מאַזאָווש און אין קליין-פּוילן. גאָט האָט אים קיין קינדער נישט געגעבן. דערנאָך וועלן קומען וואַלן פון אַ קעניג... וועמען-זשע וועלן זיי אויסקלייבן פאַר אַ קעניג, אויב זיי וועלן דעם ווייטערדיקן בונד מיט ליטע וועלן דערהאַלטן? און ווען האָט דען יענע קרוין דערגרייכט אַ מאַכט און בייגעקומען די קרייץ-ריטער? דעמאָלס, ווען אויפן טראָן האָט זיך געזעצט וולאַדיסלאַוו יאַגעלאָ. אויך איצט וועט אַזוי זיין... די פּאָליאַקן קענען נישט קיין אַנדערן אויפן טראָן זעצן, נאָר דעם, וואָס וועט דאָ געוועלטיקן. זיי קענען נישט און זיי וועלן דאָס נישט טון, ווייל זיי וועלן אומקומען, ווייל צווישן דייטש און טערק וועט זיי אויספעלן לופט אין דער ברוסט דעמאָלס, ווען דער קאָזאַקישער קרעבס נאָגט אַזוי אויך דידאָזיקע ברוסט. זיי קענען נישט! בלינד איז דער, וואָס זעט דאָס נישט; אַ נאַר איז דער, וואָס פאַרשטייט דאָס נישט! און דאַ-

מאָלס וועלן בײדע לענדער זיך באַהעפֿטן און זיך צונויפֿגיסן אין אײן מאַכט אין מײַן הויז! דאַמאָלס וועלן מיר זען, צי יענע סקאַנדינאַווישע העזלעך וועלן בלײַבן זיצן אין די הײַנטיקע פּרײַסישע און גרויס־פּױלישע פּראָווינצן. דאַמאָלס וועל איך זײ זאָגן: אָט בין איך! און מיטן דאָזיקן פֿוס וועל איך זײ די אויסגעדאַרטע ריפּן צעקוועטשן און שאַפֿן אַזאַ מאַכט, וואָס אַזעלכע האָט נאָך די וועלט נישט געזען, וואָס וועגן אַזעלכער האָט נאָך די געשיכטע נישט געשריבן, און אַשר וועלן מיר דעם צלם, די שווערט און דאָס פֿײַער קײן קאָנסטאַנטינאָפּאָל טראָגן און אַן אימה אָנוואַרפֿן אויף די שונאים, וואָס זײַנען איבערווײַניק רויק. גרויסער גאָט, וואָס דו צײכנסט אָן די וועגן פֿון די הימלישע מזלות, גיב מיר כּוח מציל צו זײַן דאָסדאָזיקע אומגליקלעכע לאַנד צו דײַן לויב פֿון גאַנצן קריסטנטום, גיב מיר די מענטשן, וואָס זאָלן משיג זײַן מײַן געדאַנק און וועלן זײער האַנט צו דער ריכטונג צולײגן. אָט בין איך!...

דאָ האָט דער פֿירשט די הענט צענומען און די אויגן געהויבן אינדערהײך.

— דו זעסט מיך! דו משפּטסט מיך!...

— גנעדיקער הער פֿירשט! גנעדיקער הער פֿירשט! — האָט קמיטשיץ אויסגערופֿן.

— גײ! פֿאַרלאָז מיך! וואַרף מיר דעם שטאַב צו די פֿיס! ברעך די שבועה! רוף מיך בוגד!... זאָל אין דערדאָזיקער דערנער־קרוין, וואָס מ'האָט מיר אויפֿן קאָפּ אַרויפֿגעלײגט, קײן אײן דאָרן נישט פֿעלן! ברענגט אום דאָס לאַנד, לאָזט עס זינקען אין אָפּגרונט, שטויסט אָפּ די האַנט, וואָס קען עס אויסלײזן און גײט צו גאָטס משפּט... זאָל מען דאָרט אונדז אורטײלן...

קמיטשיץ האָט זיך געוואָרפֿן אויף די קני פֿאַר ראַדזיווילן.

— גנעדיקער הער פֿירשט! איך בלײַב באַ אײַך ביז צום טויט! פֿאָטער פֿון פֿאָטערלאַנד! גואל!

ראַדזיוויל האָט אים בײדע הענט אויפֿן קאָפּ אַרויפֿגעלײגט און ווידער האָט אַ ווײַלע אָנגעהאַלטן אַ שטילשווײַגן... נאָר די נאַכט־ראָב האָט אַלץ געלאַכט אויפֿן טורעם.

— דו וועסט באַקומען אַלץ, וואָס דו האָסט באַגערט און געגאַרט — האָט דער פּירשט פּייערלעך געזאָגט — קיין שום זאַך וועט דיך נישט מיידן, און וועסט האָבן נאָך מער, ווי דיין אייגענע טאַטע און מאַמע גיבען דיר. . . שטיי אויף, קומענדיקער גרויס-העטמאַן און ווילנער וואָיעוואָדע! . . .

אויפן הימל האָט אָנגעהויבן צו טאָגן.

סוף פון ערשטן טייל